STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09679

RASHEL

Abraham Cahan

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראַשעל אין 1840, ווען זי איז אַלט געווען ניינצעהן יאָהר
(אַ ליטאָגראַפישער פּאָרטרעט פון אוגוסט שאַרפּענטיע)

אַב. קאַהאַן

ראַשעל

אַ ביאָגראַפיע

אַרויסגעגעבען פון
„פאָרווערטס"
ניו יאָרק, 1938

צו דעם הונדערט-יאָהריגען יובילעי פון ראַשעל'ס ערשטען
גרויסען ערפאָלג אויף דער ביהנע

Copyright—1938
ABRAHAM CAHAN
New York, N. Y.

450

טשעלסי פרעס, 19 וועסט 21טע סטריט, ניו יאָרק, נ. י.

צו דעם הונדערט־יאָהריגען יובילעי
פון ראשעל׳ס ערשטען גרויסען
ערפאָלג אויף דער ביהנע, דעם
4־טען סעפּטעמבער 1838, אין
דער ראָלע פון קאמיללא אין
קארנעיל׳ס קלאסישער טראגעדיע
„די האָראציוסעס״

אינהאַלט

ערשטער קאַפּיטעל

ווי אַזוי איך האָב זיך פאַראינטערעסירט אין ראַשעל׳ס קאַריערע 9

צווייטער קאַפּיטעל

איהר אַרויסטריט אויף דער ביהנע פון לעבען 13

דריטער קאַפּיטעל

עליזא און סאַראַ 19

פערטער קאַפּיטעל

ערשטער טריט אויף אַ וועג צו דער טעאַטער-וועלט 24

פינפטער קאַפּיטעל

עליזא באַקומט אַ שטעלע אין דעם וויכטיגסטען טעאַטער, אָבער נאָר אויף פּאַפּיר 31

זעקסטער קאַפּיטעל

עליזאַ ווערט ראַשעל. — זי שפּילט אין אַ פּיעסע, וואָס איז געשריבען געוואָרען ספּעציעל פאַר איהר און זי מאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק 33

דער אינהאַלט פון דער פּיעסע 35

מיינונגען וועגען איהר שפּילען 36

זיבעטער קאַפּיטעל

פּאַסירונגען הויבען אָן צו געהן שנעלער 38

ראַשעל׳ס פאָטער מישט זיך אין איהרע לעסאָנס און זאָגט איהר לערער דעות. — ראַשעל׳ס קוזינע יהודית 39

אַכטער קאַפּיטעל

דער אמת׳ער אָנהויב פון ראַשעל׳ס קאַריערע. — וואָס איז פאָרגעקומען? אַ וואונדער? 42

די פראַנצויזישע שרייבער קאָרנעיל און ראַסין. — די שוישפּילער טאַלמאַ און מאַדמואַזעל מאַרס 45

נײַנטער קאַפּיטעל

דער אינהאַלט פון דער ערשטער פּיעסע, וואָס ראַשעל האָט געשפּילט אין דעם „טעאַטער פראַנסע” און איהר ראָלע אין איהר 47

די וויכטיגסטע און שטאַרקסטע שטעלען פון דער פּיע-סע בכלל און פון קאַמיללאַ׳ס ראָלע בפרט 51

דער מאָנאָלאָג, וואָס איז אין דער ליטעראַטור באַקאַנט אַלס „די קללה”, אָדער „די תוכחה”. דאָס איז די באַ-רימטסטע שטעלע אין דער פּיעסע 56

צעהנטער קאַפּיטעל

דער איינדרוק וואָס ראַשעל האָט געמאַכט דעם ערשטען אָוועגד און די נעקסטע פינף פאָרשטעלונגען 58

עלפטער קאַפּיטעל

זשאַנען, דער קריטיקער, קומט.—דער גרויסער וואונדער 61

צוועלפטער קאַפּיטעל

פּאַריז קאָכט מיט ראַשעל׳ען. — ס׳ווערט אַ געלאַף נאָך בילעטען 66

דרייצענטער קאַפּיטעל

אַן אומאַנגענעהמער קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון אַ שעהנעם ערפאָלג 70

פערצענטער קאַפּיטעל

ווידער אַ באַרימטע ראָלע.—אַ קריטישער מאָמענט 75

פופצענטער קאַפּיטעל

דער אָווענט וואָס האָט באַשטימט ראַשעל'ס שיקזאַל. — ראָקסאַנאַ 82

דער אינהאַלט פון דער פּיעסע „באַיאַזעט" און ראַשעל'ס ראָלע אַלס ראָקסאַנאַ 85

זעכצענטער קאַפּיטעל

אויסצוגען פון דער פּיעסע „באַיאַזעט" 88

ווייטערע אויסצוגען. — שלוס פון דער פּיעסע 95

אַ פּאָר ווערטער וועגען דער ראָקסאַנאַ ראָלע און ראַשעל'ס שפּילען אין איהר 101

זיבעצענטער קאַפּיטעל

ווי אַזוי איז היינט מעגליך צו אורטיילען וועגען ראַשעל'ס טאַלאַנט ? 103

היינע האָט פון איהר ניט געהאַלטען 106

טאַלאַנט און פּערזענליכקייט.—טאַלאַנט און ביהנע-חן. — ווירקליכקייט-געפיהל און קונסט-צויבער. — טאַלאַנטפולע שוישפּילער וואָס ריידען אויף דער ביהנע ניט ווי ווירקליכע מענשען 108

אַכצענטער קאַפּיטעל

צוליב ראַשעל'ן ברעכט דער קעניג אַ מנהג און קומט אין טעאַטער.— לואי פיליפּ, דער בורזשואַ קעניג 111

ניינצענטער קאַפּיטעל

אַ סצענע ביי ראַשעל'ן אין דער היים, געשילדערט אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור 114

צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל „אין די הויכע פענסטער".—„גראַנד דאַמען" 121

ביי מאַדאַם רעקאַמיע.—ווי אַזוי ראַשעל האָט זיך געקליידט.—איהר הומאָר 125

איין-און-צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל און דר. וועראָן.—אַ פלעק.—ווידער דע-מיוססע 127

לואי באַרטו וועגען דר. וועראָן'ען, און זיין ראָמאַן מיט ראַשעל'ען 132

צוויי-און-צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

די באַציהונגען צווישען דעם פּאָעט דע-מיוססע און ראַשעל'ען 134

דריי-און-צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל און איהרע אידישע פריינד, יצחק אדאָלף קרעמיע און זיין פרוי.—ראַשעל'ס בריף צו קרעמיע'ן.—בריף, וואָס ער פלעגט פּאַר איהר שרייבען צו איהרע אַריסטאָקראַטישע פריינד 139

פיר-און-צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל שפּילט אין לאָנדאָן.—איהר ערפאָלג איז אַזוי גרויס ווי אין פּאַריז.—קעניגין וויקטאָריאַ 147

פינף-און-צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

אין פּאַריז שושקעט מען זיך וועגן ראַשעל'ן און דר. וועראָן'ען.—זי ערהאַלט אַן אונאַנגענעמענעם בריף פון מאַדאַם קרעמיע 151

זעקס-און-צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

קלאַנגען אַז ראַשעל האָט זיך גע'שמד'ט אָדער אַז זי קלייבט זיך צו שמד'ען.—זי שפּילט אַ פּיעסע פון קריסטליכער פּראָפּאַגאַנדע.—דער אינהאַלט פון קאָרנעיל'ס טראַגעדיע „פּאָליעקט" 162

זיבען-און-צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל שפּילט די קריסטליכע פּראָפּאַגאַנדע פּיעסע אין אַ יום-כפּור און מען טאַדעלט איהר דערפאַר.—ראַשעל און דער הויפּט-גלח פון פּאַריז.—„מגילת אסתר" אַנשטאָט „פּאָליעקט" 176

אַכט-און-צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

ענדליך שפּילט ראַשעל „פעדראַ"—די פּיעסע וואָס מ'האָט געהאַלטען פאַר דער וויכטיגסטער אויף דער פראַנצויזישער ביהנע.—מען האָט געגלויבט, אַז פאַר אַזאַ ראָלע פעהלט איהר בילדונג 180

ניין-און-צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

די מעשה פון דער פּיעסע „פעדראַ".—די שטאַרקע מאָמענטען אין איהר 191

דרייסיגסטער קאַפּיטעל

דער בעריהמטער פערטער אַקט.—דער פינפטער אַקט און דער שלוס 205

איין-און-דרייסיגסטער קאַפּיטעל

וואָס האָט ראַשעל באַוויזען מיט איהר שפּילען אַלס פעדראַ? אַ מיינונג אַז זי קען פאַרשטעלען נאָר בייזע געפיהלען.—אַן ענדערונג צום גוטען.—דער ענגלישער קריטיקער דזשאָרדזש העגרי לועס.—איינדריקע פון אַ בעריהמטער ענגלישער שוישפּילערין 219

צוויי-און-דרייסיגסטער קאַפּיטעל

עטליכע פון ראַשעל'ס שדוכים און ראָמאַנען.—איהר ראָמאַן מיט דעם איינגסטען זוהן פון דעם פראַנצויזישען קעניג 226

דריי-און-דרייסיגסטער קאַפּיטעל

ווייטערע ראָמאַנען.—נאַפּאָלעאָנ'ס זוהן אַלעקסאַנדער וואַלעווסקי.—דער שריפטשטעלער אַלעקסאַנדער דיומאַ.—ראַשעל ווערט אַ מוטער.—אַ ביטערע נאַכריכט פון איטאַליע 231

פיר-און-דרייסיגסטער קאַפּיטעל

נייע ראָמאַנען.—מאַדאַם דע זשיראַרדען.—ראַשעל און דער זוהן פון נאַפּאָלעאָנ'ס איבערגעבענסטען גענעראַל.—ווירזשיני דעזשאַזע 242

פינף-און-דרייסיגסטער קאַפּיטעל

די רעוואָלוציע פון 1848.—דער קעניג איז געצוואונגען אָפּצודאַנקען.—דער קעניג און זיין פאַמיליע אַנטלויפען.—אַדאָלף קרעמיע'ס ראָלע אין די היסטאָרישע טעג 253

זעקס-און דרייסיגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל דעקלאַמירט די מאַרסעליעזע.—זי מאַכט אַ פוראָר און ראַטעוועט איהר טעאַטער 259

זיבען-און-דרייסיגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל בעט זיך איבער מיט אַדאָלף קרעמיע.—מאַדאַם קרעמיע בויגט זיך ניט.—ראַשעל שפּילט איהרע פּיעסען און דעקלאַמירט די מאַרסעליעזע אין 38 פראַנצויזישע שטעט 262

אַכט-און-דרייסיגסטער קאַפּיטעל

נאַפּאָלעאָנ'ס פּלימעניק לואי נאַפּאָלעאָן ווערט פּרעזידענט פון דער נייער רעפּובליק.—ראַשעל'ס באַציהונגען מיט איהם.—זי שפּילט אין אַ נייער פּיעסע און גיט דעם יונגען פּראָפעסער אַ שליסעל צו איהר טיר.—לואי נאַפּאָלעאָן ווערט געקרוינט אַלס קייזער 266

נײַן-און-דרייסיגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל „קלייבט זיך חתונה צו האָבען".—איהרע ליבעס-בריף צו איהר חתן.—וואָס זיינען געווען איהרע אמת'ע געפיהלען צו איהם? 272

פערציגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל אין דעם קייזער'ס פּאַלאַץ 277

איין-און-פערציגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל שפּילט פאַר פאַרשידענע קעניגע. — דער רוסישער צאַר, ניקאָלאַי דער ערשטער, לאַדט איהר אין פּעטערבורג.—דער צושטאַנד פון איהר געזונט 281

צוויי-און-פערציגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל'ס באַזוך אין רוסלאַנד.—די אויפנאַמע, וואָס זי האָט באַקומען אין צאַרישען פּאַלאַץ.—איהרע פאָרשטעלונגען אין פּעטערבורג.—דער פראַנצויזישער טעאַטער דאָרט 283

ראַשעל באַשרייבט איהר באַזוך אין פּעטערבורג און דעם באַנקעט וואָס צאַר ניקאָלאַי דער ערשטער האָט פאַר איהר געמאַכט אין זיין פּאַלאַץ 286

דריי-און-פערציגסטער קאַפּיטעל

צוויי ביטערע איבעראַשונגען.—אַן אַנגענעמע ערפאַהרונג אויך.—ענדליך לאַדט מאַדאַם קרעמיע איהר איין.—דער טויט פון ראַשעל'ס ליבסטער שוועסטער 292

פיר-און-פערציגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל'ס שונאים, ניט-געפעהרליכע און געפעהרליכע.—איהר איינפלוס.—וויקטאָר הוגאָ, דיומאַ, לעגוואווע.—מאַרגאַרעט זשאָרזש און ראַשעל 296

פינף-און-פערציגטער קאַפּיטעל

ראַשעל׳ס שונאים שטעלען אַרויס אַ קאָנקורענטקע געגען איהר.—די איטאַליעניש שוישפּילערין אַדעלאַאידע ריסטאָרי.—אַן אָרגאַניזירטע באַוועגונג צו רעקלאַמי-רען איהר און ראַשעל׳ן אַרונטערצורייסען 301

זעקס-און-פערציגטער קאַפּיטעל

ווייטערע געליבטע.—דעם קייזער׳ס קאָזין, פּרינץ נאַפּאָלעאָן און דער דראַמאַטורג פראַנסואַ פּאָנסאַר 305

זיבען-און-פערציגטער קאַפּיטעל

נאָך צוויי פון אַ טוץ.—אַ יונגער מאַן מיט׳ן נאָמען הענרי מיור.—דער זוהן פון אַלעקסאַנדער דיומאַ (פאַרפאַ-סער פון „די קאַמעליען-דאַמע”) 316

אַכט-און-פערציגטער קאַפּיטעל

ראַשעל אין אַמעריקע.—דער קינסטלערישער און פינאַנציע-לער רעזולטאַט.—שפּילענדיג אין פילאַדעלפיע פאַר-קיהלט זי זיך.—טשאַרלסטאָן 322

ניין-און-פערציגטער קאַפּיטעל

צוריק אין פּאַריז.—טרויעריגע געדאַנקען און לוסטיגע ווערטער.—אין עגיפּטען.—צוריק אין פראַנקרייך 331

פופציגטער קאַפּיטעל

אַ אידישע לויה 334

בילדער

ראַשעל אין 1840, ווען זי איז אַלט געווען נײַנצעהן יאָהר (אַ ליטאָ-גראַפישער פּאָרטרעט פון אוגוסט שאַרפּענטיע .... פאָדער-בילד

זשאַזעף סאַנסאָן, ראַשעל׳ס שוישפּיל-לעהרער 40

זשול זשאַנען, דער וויכטיגסטער טעאַטער קריטיקער אין פּאַריז אין ראַשעל׳ס צייט 64

דער פראַנצויזישער קעניג לואי פיליפּ 112

דער פּאָעט אַלפרעד דע מיוססע 118

אַדאָלף (יצחק) קרעמיע 143

ראַשעל, אַרסען אוסאַי און דר. וועראָן (אַ קאַריקאַטור אין פּאַריזער וויץ-בלאַט „לאַ סילועט״) 160

פּרינץ דע זשואַנוויללע, זוהן פון קעניג לואי פיליפּ 230

גרעפין מאַרי וואַלעווסקאַ 232

נאַפּאָלעאָנ׳ס אונגעזעצליכער זוהן אַלעקסאַנדער וואַלעווסקי 234

אַלעקסאַנדער דיומאַ (דער פאַטער) 237

עמיל דע זשיראַרדען 242

מאַדאַם דעלפין דע זשיראַרדען 247

נאַפּאָלעאָן דער דריטער, פּלימעניק פון דעם גרויסען נאַפּאָלעאָן 272

די קייזערינע יעווגעניע 278

ראַשעל, ווען זי איז אַלט געווען 30 יאָהר (אין 1851) 284

די איטאַליענישע שוישפּילערין אדעלאאידע ריסטאָרי 302

פּרינץ נאַפּאָלעאָן (פּלאָן פּלאָן) 306

דער דראַמאַטורג און פּאָעט פראַנסואַ פּאָנסאַר 312

ראַשעל, ווען זי איז אַלט געווען 33 יאָהר 322

ראַשעל אַ פּאָר שטונדען נאָך איהר טויט (געצייכענט פון מאַדאַם אָ׳קאָננעל 336

ערשטער קאַפּיטעל

אנשטאָט א הקדמה

ווי אַזוי איך האָב זיך פאַראינטערעסירט אין ראַשעל׳ס קאַריערע.

דעם נאָמען ראַשעל האָב איך צום ערשטען מאָל געהערט אין 1880, א פּאָר יאָהר איידער איך האָב עמיגרירט קיין אַמעריקע. אין רוסלאַנד האָט דאַן געשפּילט די באַריהמטע פראַנצויזישע אַקטריסע סאַראַ בערנהאַרד. אונזער שטאָדט האָט זי ניט באַזוכט. מען האָט אָבער וועגען איהר גערעדט איבער גאַנץ רוסלאַנד, הויפּט־זעכליך ביי אידען; און צוליב איהר פלעגט מען אויך דערמאָנען די פראַנצויזישע שוישפּילערין, די אידישע מיידעל, ראַשעל, וועלכע איז דאַן שוין געווען 22 יאָהר טויט.

אַז בערנהאַרד׳ס עלטערען זיינען געווען אידען (איהר פאָטער וועניגסטענס) איז געווען אַלגעמיין באַקאַנט. דער פאַקט האָט אָבער געצויגען ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט צוליב אַן אונאַנגע־נעמע ערפאַהרונג, וואָס זי האָט אין אָדעס געהאַט מיט אַן אַנטי־סעמיטישען כוליגאַן, וועלכער האָט אויף איהר געוואָרפען א גרוי־סען שטיין דורכ׳ן פענסטערל פון איהר קאַרעטע. די וואָכען־בלעטער וואָס רוסישע אידען האָבען דאַן אַרויסגעגעבען (אויף רוסיש, אידיש און העברעאיש) זיינען געווען פול מיט דער געשיכ־טע. אַלזאָ, האָבען אידען איהר באַטראַכט אַלס זייער מאַרטירערין; און, הגם זי אַליין האָט זיך ערקלערט פאַר א קריסטין, האָבען זיי זיך געהאַלטען גרויס מיט איהר.

אין מאַנכע פון די געשפּרעכען וועגען סאַראַ בערנהאַרד פלעגט מען הערען א פאַרגלייך צווישען איהר און ראַשעל׳ען. דערביי פלעגט מען זאָגען, אַז סאַראַ בערנהאַרד איז טאַקע גרויס, אָבער „צו ראַשעל׳ען קומט זי ניט״.

אַזאַ מבינות ליגט אין דער נאַטור פון א סך מענשען. ווען מען לויבט שטאַרק א חזן, געפינט זיך באַלד אימע־צער, וואָס רופט אָן אַן אַנדער חזן, וועלכער איז א סך גרעסער. א חוץ דעם: ראַשעל איז שוין געווען לאַנג טויט און א טויטען

פארגינט מען קאמפלימענטען מעהר ווי א לעבעדיגען. איך האב אבער געהערט וועגען ארטיקלען פון אלטע שרייבער וואס האבען געזעהןביידען און וואס האבען ראשעל'ען געשטעלט א סך העכער, הגם סארא בערנהארד האבען זיי אויך געלויבט.

עלטערע מענשען האבען דערצעהלט ווי צאר ניקאלאי דער ערשטער, דער בלוטיגער טיראן און בארמלאזער אנטיסעמיט, האט איינגעלאדען ראשעל'ען צו קומען קיין פעטערסבורג, וואו אידען האבען ניט געהאט קיין וואוין־רעכט, און ווי ער האט פאר איהר געמאכט א באנקעט און איהר אפגעגעבען כבוד ביי זיך אין דווארעץ (פאלאץ). דאס האט געמאכט א באזונדערס טיפען איינדרוק. סארא בערנהארד האט פון דעם רוסישען צאר (אלעקסאנדער דער צווייטער) קיין אויפמערקזאמקייט ניט באקומען.

אין מיין גדאנק האט זיך צוזאמענגעשטעלט א געהיימניס־פולע אונדייטליכע געשטאלט פון א ראשעל, א רחל, מיט וועלכער עס האט געקלונגען די וועלט איידער איך בין געבארען געווארען.

* * *

אין 1891 האב איך באזוכט לאנדאן. איך בין אהין געפאהרען פון ניו יארק, וואו מיין היים איז געווען שוין זינט 1882. דארטען, אין לאנדאן, בין איך דאן באקאנט געווארען מיט אן אינטערעסאנטען גרייז־גראהען מאן, וואס האט ליב געהאט צו רעדען וועגען טעאטער. ער איז געווען גוט באקאנט מיט דעם געגענשטאנד און איך פלעג מיט אויפמערקזאמקייט זיך צוהערען צו זיינע אינטעליגענטע ערצעהלונגען און ערקלעהרונגען וועגען פיעסען, שוישפילער און דעם טעאטער עולם. ער האט געזעהן ראשעל'ען מעהרערע מאל — אין לאנדאן און אין פאריז. שפעטער האט ער עטליכע מאל געזעהן סארא בערנהארד. זי איז איהם אויך געפעלען געווען, אבער ראשעל'ען האט ער געשטעלט מיט פילע שטאפלען העכער.

שטונדען לאנג פלעגט ער קענען ריידען וועגען ראשעל'ען. ער איז געווען איבערציינגט, אז אזא טאלאנט האט זיך שוין מעהר ניט באוויזען. זיין באגייסטערונג פאר איהר שפילען און א גאנצע רייהע איינצעלהייטען, וואס ער האט דערמאנט וועגען איהר קאריערע אין אלגעמיין, האבען מיך שטארק פאראינטערעסירט.

איך האָב זיך געקליבען צו לייענען איהר ביאָגראַפיע; עס זיינען אָבער אַוועק יאָהרען אידער איך האָב זיך צונעקליבען דערצו.

איך האָב איבערגעלייענט איינע פון איהרע אויספיהרליכע ביאָגראַפיעס, און ערשט דאַן האָט זיך מיין אינטערעס צוברענט. אָבער מאַנכע ערשיינונגען אין איהר לעבענס־גאַנג זיינען פאַר מיר געווען אַ רעטעניש, אָדער זאָגאַר אומגלויבליך. מיין איינדרוק איז געווען, אַז אין באַצוג צו געוויסע וויכטיגע פונקטען האָט דער שרייבער ניט געהאַט גענוג מאַטעריאַל.

זוכענדיג באַלייכטונג האָב איך געלעזען נאָך אַ ווערק און נאָך אַ ווערק וועגען ראַשעל'ען.

איך מיין דאָ ניט באַלייכטונג וועגען איהר שטורמישען פריי־וואַט לעבען אַלס פרוי, איהרע ראָמאַנען מיט אַ צוקונפטיגען קייזער, מיט זיהן — געזעצליכע און אומגעזעצליכע — פון אַ קעניג און פון אַ קייזער, און אַנדערע „פרייע ליבע" עפּיזאָדען. ביי דיזען פונקט מיין איך הויפּטזעכליך די באַדייטונג וואָס זי האָט געהאַט פאַר דער פראַנצויזישער ביהנע און די אַנערקענונג פון איהרע פאַרדינסטען פאַר דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, הגם קיין שריפט־שטעלערין איז זי קיינמאָל ניט געווען. איהר ריזיגע, שטוינענ־דע קאַריערע איז אויסגעוואַקסען ווען זי איז געווען אַן אַבסאָלוט אונוויסענדע מיידעל פון זיבצעהן, אַכצעהן, ניינצעהן יאָהר.

איהר קינסטלערישע געשיכטע און אַנדערע איבערלעבונגען זיינען פול מיט געשעהעניסען, סיטואַציעס, סצענעס, וואָס שלאָגען מיט מענשליכען אינטערעס ווי אַ דופּק שלאָגט מיט דעם אימפּעט פון הייסע בלוט. וואָס מעהר איך האָב שטודירט די טעמע „ראַשעל", אַלץ מעהר האָב איך געפיהלט, אַז איך האָב פאַר זיך איינע פון די אינטערעסאַנטסטע לעבענס־באַשרייבונגען, מיט וועל־כע איך בין ווען עס איז באַקאַנט געוואָרען.

* * *

אין מיין מוח איז אויסגעוואַקסען אַ פראַגע: ווי אַזוי קען מען פעסטשטעלען צי ראַשעל וואָלט היינט, אין אונזער צייט, אנערקענט געוואָרען אַלס אַ גרויסער טאַלאַנט? זינט איהר דור האָט די ביהנע געמאַכט פאָרשריט. די באַגריפען וועגען טעאַטער זיינען געענדערט געוואָרען. היינט ווער ווייסט וואָס פאַרא איינ־

דרוק זי וואָלט געמאַכט אויף אַ היינטיגען עולם פון אינטעליגענטע טעאַטער באַזוכער?

אַ בוך, וואָס איז געשריבען געוואָרען מיט הונדערט אָדער מיט טויזענד יאָהר צוריק קענען מיר היינט לייענען און קריטי־קירען. ווי אַזוי אָבער קענען מיר האָבען אַ באַגריף וועגען ראַ־שעל'ס שפּילען און וועגען איהר קאַריערע אין אַלגעמיין, וועלכע האָט זיך אָנגעפאַנגען פּונקט הונדערט יאָהר פאַר דעם טאָג, ווען דיזע שורות ווערען געשריבען?

קיין פאָנאָגראַף רעקאָרדס זיינען דאָך פון איהר ניט געבליבען און קיין פילמס אויך ניט...

די פראַגע האָט ניט נאָר גערייצט מיין נייגעריגקייט נאָר אַרויסגערופען אַן ערנסטען אינטערעס אין מיר. אַלזאָ, האָב איך געלייענט ווייטער און ווייטער, זוכענדיג אַן ענטפער. און איך גלויב אַז ביסלעכוויז איז אַזאַ ענטפער אין מיין געדאַנק אויס־געוואַקסען.

* * *

לעזענדיג וועגען ראַשעל'ען, האָב איך געפיהלט, אַז אום צו האָבען אַ קלאָרען באַגריף וועגען דעם איינדרוק וואָס זי האָט געמאַכט אויף איהר עולם און אויף איהרע קריטיקער, איז מיר נויטיג איבערצולייענען אַ גאַנצע רייהע פּיעסען אין וועלכע זי פלעגט אַרויסטרעטען און וועלכע האָבען געהאַט אַ ספּעציעלע באַ־דייטונג אין דעם אויפבוי פון איהר ריזיגען ערפאָלג. און שפּע־טער, ווען איך האָב געהאַלטען אין שרייבען איהר געשיכטע פאַר די לעזער פון „פאָרווערטס", בין איך געקומען צו דער איבערציי־גונג, אַז עס איז וויכטיג זיי אויך באַקאַנט צו מאַכען מיט עטליכע פון די פּיעסען. אַלזאָ, האָב איך אויסגעקליבען פיר פון די דראַ־מאַטישע ווערק, וואָס האָבען געהאַט די גרעסטע באַדייטונג אין דעם וואוקס פון איהרע קינסטלערישע דערגרייכונגען, און איך האָב די „פאָרווערטס" לעזער מיט זיי באַקאַנט געמאַכט אַזוי גרינדליך ווי מעגליך. וואָס אַנבעטרעפט די הויפּט סצענעס, אין וועלכע ראַשעל האָט געשפּילט און די מאָנאָלאָגען מיט וועלכע זי האָט עלעקטריזירט איהרע צוהערער, האָב איך זיי פאַר די לעזער איבערזעצט אינגאַנצען. זיי זיינען אינטערעסאַנט אַן און פאַר זיך. און דאָס אַלץ געהט נאַטירליך אַריין אין דעם בוך אויך.

ווען ראַשעל איז שוין געווען באַריהמט און מעכטיג, פלעגט מען איהר אין פּאַריז רופען „די גרויסע קינסטלערין און די גרויסע ליבהאָבערין”. דער צווייטער טייל פון דעם טיטול איז געווען אַן אָנצוהערעניש אויף איהרע אומגעצעהלטע ראָמאַנען, אַ גאַנצע רייהע פון זיי מיט באַריהמטע אָדער הויך־געשטעלטע פּערזאָנען. איהר קאַריערע אויף דער ביהנע איז געווען פול מיט פּאַסירונגען, וועלכע געהערען צו די וויכטיגסטע קאַפּיטלעך אין דער געשיכטע פון דער וועלט ביהנע. איהר לעבען אויסערהאַלב דעם טעאַטער איז געווען פול מיט שפּאַנענדע מאָמענטען. עס איז אַ געשיכטע פון אַ פלאַמענדער אומגעהייער פאַרבענרייכער, אומגעהייער באַגאַבטער, אָפט ניט־סימפּאַטישער, אָבער אין סך הכל יאָ סימפּאַטישער, און אויסערגעוועהנליך אינטערעסאַנטער פּערזענליכקייט.

איך האָב זיך גענומען שרייבען ראַשעל׳ס קינסטלערישע און פּערזענליכע היסטאָריע פאַר דעם „פאָרווערטס” און דערנאָך דעם מאַטעריאַל ספּעציעל צוגרייטען צום דרוקען אין בוך פאָרם, ווייל איך גלויב, אַז דאָס איז איינע פון די מערקווירדיגסטע און אויך איינע פון די אינהאַלטסרייכסטע און באַלערענדסטע ביאָגראַפיעס אין דער גאַנצער ביאָגראַפיע־ליטעראַטור.

צווייטער קאַפּיטעל

איהר אַרויסטריט אויף דער ביהנע פון לעבען

ראַשעל איז געבאָרען געוואָרען אין 1821. איהר פאָטער האָט געהייסען יאַקאָב פעליקס, און זיין געבורטס־פּלאַץ איז געווען מעטץ, די באַקאַנטע פעסטונג שטאָדט פון דעם דייטשען געגענד, וואָס געהערט צו פראַנקרייך. זיין מוטער־שפּראַך איז געווען דייטש, אָבער פראַנצויזיש האָט ער אויך גוט געקענט, הגם גערעדט האָט ער עס מיט אַ דייטשען אַקצענט.

וועגען ראַשעל׳ס מוטער ווערט אין יעדער ביאָגראַפיע פון דער באַריהמטער שוישפּילערין געזאָגט, אַז איהר נאָמען איז געווען אסתר חיה און אַז זי איז געווען פון בעהמען (די היינטיגע טשעכאָ־

סלאָוואַקיע). ווי עס שיינט, איז דאָס אָבער אַ טעות. אַ אידישער געלערטער מיט'ן נאָמען גינזבורגער, אַ פּראָפעסאָר פון דעם שטראַס־בורגער אוניווערזיטעט, האָט געמאַכט אַן אונטערזוכונג וועגן ראַשעל'ס עלטערן און אין 1932 האָט ער אָפּגעדרוקט אַן אַר־טיקעל וועגן דעם ענין. לויט זיין ערקלעהרונג קומט אויס, אַז איהר מוטער איז גאָר געווען פון דער דייטש־רעדענדער פּראָווינץ פון פראַנקרייך, אַזוי ווי איהר מאַן. פּראָפעסאָר גינזבורגער'ס אָפּהאַנדלונג מאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק, און לויט זיין אַרגו־מענט, איז פאַראַן אַ צווייפעל אויב ראַשעל'ס מוטער האָט ווירק־ליך געהייסען אסתר חיה. „כאַיאַ" לייענט זיך „שאַיאַ" אויף פראַנצויזיש, אַזוי ווי „רחל" לייענט זיך „ראַשעל"; און פּראָ־פעסאָר גינזבורגער איז גענויגט צו גלויבען, אַז „שאַיאַ" איז געווען דער מיידעלשער פאַמיליען נאָמען פון ראַשעל'ס מוטער.

ווען ראַשעל איז געווען אַ קליין מיידעלע האָבען איהרע עלטערען און איהרע חבר'טעס איהר גערופען עליזאַ, אַ פאַרקיר־צונג פון עליזאַבעט.

ווען זי איז געבאָרען געוואָרען איז איהר פאָטער געווען אַ וואַנדער־פּעדלער. ער האָט מיט זיין סחורה אַרומגערייזט פון שטעדטעל צו שטעדטעל, פון מאַרק צו מאַרק. ער איז אָבער געווען אַ סך אינטעליגענטער ווי געוועהנליך אַ פּעדלער פון יענער צייט. אייניגע שרייבער דערמאָנען, אַז ער האָט אַרויסגעוויזען שטאַרקע פעהיגקייטען; און אַז ער האָט זיך אינטערעסירט מיט טעאַטער פאָרשטעלונגען און זאָגאַר אָנטייל גענומען אין אַזעלכע פאָרשטע־לונגען אויף די מערק וואו ער האָט געהאַנדעלט.

מאַדאַם דע בארערא, וועלכע האָט אויפגעשריבען די ערשטע וויכטיגע ראַשעל ביאָגראַפיע, דערצעהלט, אַז אין זיינע יונגע יאָהרען האָט יאַקאָב פעליקס שטודירט אויף ראַבינער, אָבער, אַז זיין אָרעמקייט האָט איהם געצוואונגען דאָס אויפצוגעבען און זיך צו נעהמען פאַרדינען אויף חיונה.

מאַדאַם דע בארערא'ס בוך איז ערשינען (אויף ענגליש) באַלד נאָך ראַשעל'ס טויט, אין 1858; דאָס הייסט, אַז איהר מאַטעריאַל האָט זי געזאַמעלט ווען די שוישפּילערין האָט נאָך גע־לעבט; און געזאַמעלט איהר אינפאָרמאַציע האָט זי צווישען ראַשעל'ס נאָהענטסטע פריינט און באַקאַנטע. וואָס זי דערצעהלט

װעגען פעליקס׳עס פּאַרטיגען זיך צו װערען אַ ראַבינער איז אַלזאָ געװיס אמת. און דאָס העלפט אונז באַקומען אַ באַגריף װעגען דעם זאָרט קענטנים װאָס ער האָט פאַרמאָגט אין אידישע געגענ־שטאַנדען. קײן גרױסער למדן איז ער מסתמא ניט געװען, אָבער מיט העברעאיש און אפשר אױך אַ ביסעל מיט גמרא איז ער װאַהרשײנליך געװען באַקאַנט. צו דעם דאָזיגען פּונקט האָט אַ שײכות דאָס פאָלגענדע:

ראַשעל׳ס שװעסטער סאָפי, װעלכע האָט זיך שפּעטער גע־רופען סאַראַ, און װעלכע איז געװען מיט צװײ יאָהר עלטער פאַר איהר, איז געבאָרען געװאָרען אין דײטשלאַנד און אין אַזאַ גע־געגנד, װאו עס האָט געהערשט דער אָרטאָדאָקסישער אידישער לעבען. דעריבער איז זי געװען די אידישסטע פון אַלע פעליקס קינדער. זי איז נעמליך געבאָרען געװאָרען לעבען פראַנקפורט, װאָס איז געװען דער צענטער פון דײטשער אידישקײט. דאָרטען האָט יאַקאָב פעליקס דאָס מסתמא געשטודירט אױף ראַבינער.

סאַראַ האָט קײנמאָל ניט פאַרגעסען איהר דײטשע מוטער־שפּראַך, און מיט אידישע ימים־טובים, מנהגים און צערעמאָניעס איז זי געװען גוט באַקאַנט. ראַשעל האָט פון אַזעלכע זאַכען װעניגער געװוּסט. אַ ביסעל אידישקײט האָט זי אָבער דאָך אײנגעזאַפּט — פון איהרע עלטערען און פון סאַראַ׳ן.

* * *

ראַשעל׳ס מוטער פלעגט מיטפאָהרען מיט איהר מאַן, צו־העלפען איהם אין זײן פעדלעריי, און האַנדלען אַ ביסעל אַלײן אױך. זי פלעגט אײנקױפען אַלטע װײבערשע קלײדער, זײ פאַרריכטען און פאַרקױפען צו דאָרפס־פרױען. אין אײן װערק װעגען ראַשעל׳ען געפינט זיך אַ באַמערקונג, אַז איהר מוטער פלעגט פאַרריכטען קאָסטיומען, װאָס דאָרפס־פױערים פלעגען געברױכען אין די טעאַטער פאָרשטעלונגען, װאָס מען פלעגט געבען אױף די מערק.

די סחורה פלעגט דאָס פּאָר־פאָלק פיהרען אױף אַ װעגעלע אין װעלכען עס איז געװען אײנגעשפּאַנט אַ גרױסער הונט אָדער אַ פערדעל. װען מאַדאַם פעליקס פלעגט דאַרפען געהן צו־קינד — און דאָס האָט זיך מיט איהר געטראָפען גאַנץ אָפט — פלעגט זי

זיך אָפּשטעלען אין אַ שטעדטעל, וואו זי האָט געהאַט אידישע באקאַנטע. איהר מאַן פּלעגט מיט זיין פעדלעריי אַנגעהן אליין ביז זי איז שוין געווען אימשטאַנד ווידער אנטייל צו נעמען. דאָס קינד פלעגען זיי דאַן פיהרען אויפ'ן וועגעלע צוזאַמען מיט דער סחורה.

אָט אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז געבוירען געוואָרען ראַשעל. בלויז איהר געבורט איז באַשערט געווען פאַרצוקומען ניט אין אַ שטעדטעל, וואו עס האָבען געוואוינט כאָטש אַ פּאָר אידען נאָר, אין אַ דאָרף, אין וועלכען עס האָט זיך ניט געפונען קיין איין איד. דער דאָרף הייסט מומף; ער ליגט אין דער שווייץ, ניט ווייט פון באַזעל און אויך ניט ווייט פון דער פראַנצויזישער גרעניץ.

דער דאַטום ווען זי איז געבאָרען געוואָרען איז אייגענטליך גענוי ניט פעסטגעשטעלט. אַלס איהר געבורטס־טאָג ווערט אָנגענומען ענטוועדער דער 28טער פעברואַר אָדער דער 24טער מערץ, 1821.

אין יענע יאָהרען איז וואוין־רעכט פאַר אידען געווען באַשרענקט אפילו אין דער פרייער שווייץ. אַ איד האָט דאָרטען געמוזט וואוינען אין אַ באַשטימטער שטאָדט אָדער דאָרף, און אָפּשטעלען זיך אין אַ קריסטליכען האָטעל האָט ער ניט געטאָרט. ווען די פרוי פעליקס האָט ערקלעהרט, אַז זי איז אויף דער צייט און געבעטען ביי דעם באַלעבאָס פון דער מומפער קרעטשמע, אַז ער זאָל איהר לאָזען ביי איהם האָבען דאָס קינד, האָט ער אויף איהר רחמנות געהאַט און, ניט קוקענדיג אויפ'ן געזעץ, האָט ער איהר פאַרדונגען אַ צימער.

אַלץ וואָס עס איז פאַרצייכענט געוואָרען אין די ביכער פון דער דאָרפס־רעגירונג איז, אַז אַ פרוי פון אַ אידישען פעדלער איז צו דעם דאָזיגען קרעטשמאַר געקומער ביים ענדע פעברואַר, 1821, און געהאַט אַ קינד. ווייטער איז קיין זאַך ניט פאַרשריבען — ניט דער דאַטום פון דעם קינד'ס געבורט, ניט דער נאָמען פון דער קימפּעטאָרין, ניט ווי מען האָט אַ נאָמען געגעבען דעם קינד. פאַרשריבען זיינען בלויז צוויי נעמען — פון דעם קרעטשמער און פון דער הייבאַם.

א קורצע צייט שפּעטער איז פעליקס מיט זיין ניי־געבאָרענער טאָכטער און מיט זיין פעדלערשער סחורה געפאָהרען איבער א דאָרפישען וועג, און דערביי האָט עפּעס פּאַסירט; און דאָס ווערט דערמאָנט אין אַלע באַשרייבונגען פון ראשעל׳ס לעבען.

לוקא־דיברטאָן, דער פּראָפעסאָר פון דער נייעסטער ביאָגראַפיע איהרער (דאָס ווערק איז ערשינען אין פּאַריז אין 1936), באַשרייבט די סצענע אזוי:

„דער וועג איז געווען א שווערער, פול מיט שטיינער און פעלזען. דאָס וועגעלע האָט זיך געטרייסעלט און געשליידערט. ס׳איז נאָך געווען גענוג קאַלט און דאָס פערדעל האָט זיך קוים געשלעפּט און געסאַפּעט. פעליקס איז געווען שלעכט אויפגעלעגט. פלוצלינג האָט א פאַרבייגעהער צו איהם א געשריי געטאָן:

„—הע, איהר האָט דאָך עפּעס פאַרלאָרען!"

„פעליקס האָט א קוק געטאָן אויף דער ערד, זיך איינגעבויגען, און, א צושראָקענער, האָט ער אויפגעהויבען א פּעקעל, וואָס האָט זיך געהאַט אראָפּגעגליטשט פון זיין וועגעלע.

„דאָס פּעקעל איז געווען ראשעל!" ענדיגט דיברטאָן.

דאָס קינד איז געווען איינגעוויקעלט אין ווינדעלעך און וויקעל־שנורען. וואו די מוטער איז דאַן געווען ווערט ניט געזאָגט.

ווי מען האָט די מיידעלע א נאָמען געגעבען ביי איהר געבורט אָדער א קורצע צייט שפּעטער, ווען דער פאָטער האָט אָפּגענומען די קימפּעטאָרין מיט׳ן קינד, ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט. מען ווייס נאָר, אז אין שטוב און צווישען איהרע חבר׳טעס האָט מען איהר גערופען עליזאַ. ווי איהר אידישער נאָמען איז דאַן געווען האָט מען קיין באַגריף ניט.

* * *

אין עליזאַ׳ס פאָטער האָבען זיך געמערקט סימנים פון געוויסע פעהיגקייטען, נייגונגען, כאַראַקטער־שטריכען פון דעם סאָרט, וועלכער האָט ראשעל׳ען געבראַכט צו איהרע גרויסע ערפאָלגען. דאָס וועלען מיר דערמאָנען שפּעטער. דאָ וועלען מיר אָנריהרען נאָר איין פראַגע: איז ער געווען אַן עהרליכער מאַן?

פּראָפעסאָר גינזבורגער האָט געפונען א באַריכט, וועלכער ענטהאַלט ערינערונגען וועגען יאַקאָב פעליקס, זיין פרוי און זיין

טעכטערל עליזא, פון דער צייט ווען עליזא איז אלט געווען א יאהר פינף. די געשיכטע איז געווען אפגעדרוקט מיט פופציג יאהר שפעטער, צווישען באריכטען פון א געגענד, וועלכער ליגט ניט וויט פון מומף. די פעליקס־פאמיליע האט דאן פיר יאהר גע־וואוינט אין א שטעדטעל מיט'ן נאמען גורסיגג, לעבען אלטקירך, פראנקרייך; און דערצעהלט האבען דאס אלטע לייט, קריסטען און אידען, וועלכע האבען דעם פעליקס'ן פון פאר פופציג יאהרען גוט געקענט. זיי האבען געזאגט, אז ער האט געמאכט אן איינ־דרוק אלס א מענש מיט אומגעוועהנליכע פעהיגקייטען און מיט א פלינקען שכל; אבער, אז ער האט דאס אלץ געברויכט אויף צו באשווינדלען מענשען.

דער סוף איז געווען, אז מען האט איהם פאראורטיילט אויף צוויי יאהר טורמע. יענע צוויי יאהר האט זיין פרוי געוואוינט ביי א אידישער פאמיליע. זי פלעגט דאן ארויסשיקען איהר פינף יעהריגע מיידעלע עליזא בעטען נדבות. די מיידעלע האט מיט איהר זינגען ארויסגערופען סימפאטיע; פלעגט מען איהר שענקען מטבעות.

מעגליך, אז די וואס האבען עס דערצעהלט, האבען צוזאמ־מענגעמישט עליזא'ן מיט איהר שוועסטער סאפי (סארא), וועלכע איז געווען מיט צוויי יאהר עלטער פון איהר און האט געהאט א פיעל בעסערע שטימע צום זינגען.

וואס אנבעטרעפט פעליקס'עס שלעכטען נאמען און זיין צוויי־יאהריגען טערמין אין טורמע, איז ניט מעהר ווי רעכט צו באמערקען, אז פון קיין אנדערע קוועלען ווי ערינערונגען פון פאר פופציג יאהרען, האט מען אזעלכעס וועגען איהם קיינמאל ניט געהערט.

בשעת ראשעל איז שוין געווען באריהמט, פלעגט מען זאגען, אז איהר פאטער האט שטארק ליב געלט, אבער אין אונעהרליכ־קייט האט איהם קיינער ניט באשולדיגט. און ווען עס וואלט געווען די קלענסטע אורזאך דערצו וואלט מען דאס ניט פאר־שוויגען, ווארים, שונאים האט ער אין פאריז געהאט גענוג. ער האט געהאט א נאמען אלס אן ארענטליכער מאן און אלס א מענש מיט א שטארקען יושר געפיהל. און אזא איינדרוק באקומט מען

אויך פון אלץ, וואס וועגן איהם איז געשריבען געוואָרען. ער איז געווען אַן עהרליכער, אויפריכטיגער מענש.

דאָס וואס דער עולם פון אַ שטעדטעל געדענקט פון פאַר פופציג יאָהרען, קאָן זיין וויכטיג; און ווען מען דערציעהלט, אַז פעליקס איז פאַראורטיילט געווען אויף צוויי יאָהר טורמע, קלינגט דאָס ניט ווי אַן אויסגעקלעהרטע מעשה. אָבער ווער וויים וואָס פאַרא איינצעלהייטען עס זיינען געווען אין דעם פּראָצעס? *)

דריטער קאַפּיטעל

עליזא און סאַראַ

פון זייער פּעדלעריי האָבען די פעליקס'עס אָפּגעשפּאָרט אַ ביסעל געלט. זיי האָבען געהאַט מיט וואס אריבערצופאָהרען מיט זייערע קינדער אין דער פראַנצויזישער פאַבריק־שטאָדט ליאָן און דאָרטען זיך איינצוואָרדענען. אַלס אַ געבאָרענער פון מעטץ, איז פעליקס געווען אַ פראַנצויזישער בירגער. אַלזאָ, האָט ער אין פראַנקרייך זיך געפיהלט ווי ביי זיך אין דער היים.

אין ליאָן האָט מאַדאַם פעליקס געעפענט אַ קרעמעל פון גענייצטע קליידער און איהר מאַן האָט געגעבען „שטונדען" אין דייטש. קיין ממשות'דיגע איינקונפט האָבען די „שטונדען" איהם ניט געבראַכט. אָבער די צוויי טעכטערלעך, סאָפי (סאַראַ) און עליזא, וועלכע זיינען דאַן אַלט געווען עלף און ניין יאָהר, האָבען אויך בייגעטראָגען צו די פאַרדינסטען.

וועגען דעם, ווי זיי זיינען אין ליאָן געגאַנגען איבער די גאַסען און איבער קאַפעס, געזונגען און געבעטען מטבעות, פלעגט ראַשעל

---

*) איך וויל דאָ אויסדריקען מיין דאַנקבאַרקייט צו מיין פריינט מ. ווישניאַק פון פאַריז, וועלכער האָט מיר צוגעשיקט וויכטיגע אויס־צוגען פון די אַרטיקלען, וואָס פּראָפעסאָר גינזבורגער האָט אָפּגעדרוקט אין 1934.

דאַנקבאַרקייט קומט פון מיר אויך מיין אַלטען פריינט טשאַרלז רוסיאַנאָוו, וועלכער האָט מיר ווערטפולע הילף געלייסטעט אין מיינע אונטערזוכונגען אין פאַרשידענע ביבליאָטעקען פון ניו יאָרק.

אָפּט דערמאָנענען אין די צייטען פון איהר גלאַנץ און רייכטום. זי פלעגט ליב האָבען צו ריידען וועגען דעם.

די עלטערע שוועסטער האָט איהר נאָמען סאָפי דאַן אינגאַנצען אוועקגעוואָרפען. זי האָט זיך דורכאויס גערופען סאַראַ, און אַזוי ווֶעלען מיר איהר פון איצט אָן אויך באַצייכענען. (דער אמת איז אָבער, אַז אין שטוב האָט מען איהר נאָך אַלץ גערופען סאָפי, אפילו מיט יאָהרען שפּעטער).

זי איז געווען בלאָנד און עליזא — ברונעט. די עלטערע איז געווען געראָטענער געוואַקסען און אויך שעהנער מיט'ן פּנים. אויך האָט זי אימער געהאַט פאַרב אין די באַקען. עליזא ווידער איז געווען זעהר דאַר, בלייך און צו קליין פאַר איהרע יאָהרען. זי האָט געמאַכט אַן איינדרוק ווי אַן אויסגעהונגערטע און קראַנקע. סאַראַ האָט, ווי שוין געזאָגט, געהאַט אַ שעהנע שטימעלע, פלעגט זי זינגען פאַר דעם עולם און נאָך יעדען ליד איהרען פלעגט עליזא ארומגעהן מיט אַ קערבעלע אין ווֶעלכער, די וואָס האָבען געקענט אָדער געוואָלט, האָבען אריינגעוואָרפען אַ „סו", (אַ צוואַנציגסטע טייל פון אַ פראַנק) אָדער מעהר. אָפּט פלעגט עליזא באַגלייטען סאַראַ'ן ביים זינגען. אָפּט פלעגען די צוויי שוועסטערלעך זייערע צוהערער פאַרשלאָגען צו קויפען ביי זיי בלומען אָדער אַפּעלסינעס.

די קליינע עליזא האָט געהאַט אַן אַלט־שטימע, ווֶעלכע האָט געקלונגען שוואַך און הייזעריג אַ ביסעל. אָבער איהר הייזעריג־קייט האָט געהאַט אַ האַרציגען אָפּקלאַנג און אין איהר זינגען האָט זיך געפיהלט אַ חן, וואָס פלעגט ערוועקען מיטלייד און אינטערעס.

אַ חוץ דעם, וואָס זי פלעגט מיטהעלפען איהר שוועסטער ביים זינגען, פלעגט זי אין די קאַפעס דעקלאַמירען פּערזען, ווֶעלכע איהר פאָטער פלעגט איהר לערנען.

אין ליאָן האָט זייער מוטער געבוירען אַ דריט קינד, אַ מיידעלע. און פּראָפעסאָר גינזבורגער באַווייזט מיט די אָפיציעלע רעקאָרדס פון דער שטאָדט ליאָן, אַז מען האָט איהר אַ נאָמען געגעבען רחל (ראַשעל אויף פראַנצויזיש). ער באַווייזט אויך, אַז רחל איז געווען דער נאָמען פון מאַדאַם פעליקס'עס מוטער. מען האָט דער מיידעלע אַלזאָ אַ נאָמען געגעבען נאָך אַ באָבען.

עליזא איז עלטער געווען פאר רחל'ען מיט ניין יאהר. שפעטער וועלען מיר זעהן, אז, ווען עליזא איז שוין געווען א מיידעל פון קנאפע זעכצעהן יאהר, האט זי ביי איהר זיבען־יאהריגער שוועסטערל צוגענומען איהר נאמען רחל (ראשעל). פארוואס זי האט עס געטאן, וועט קלאהר ווערען ווען מיר וועלען האלטען דערביי. די זיבען יעהריגע מיידעלע האט מען דאן אנגעהויבען צו רופען רבקה (רעבעקא). דערווייל האלטען מיר אבער ביי דער צייט, ווען זי איז געבארען געווארען.

אכטונג געבען אויפ'ן עופה'לע האט די מוטער קיין צייט ניט געהאט, פלעגען די צוויי עלטערע מיידעלעך דאס קינד ארויפזעצען אויף א האנט־וועגעלע און איהר מיטנעהמען אויף זייערע „געשעפטס"־רייזעס איבער די גאסען און קאפעס. און דאס האט זיי צו זייערע „ביזנעס" ניט געשטערט. פארקעהרט, סארא און עליזא, האבען זיך באלד איבערציינגט, אז די אנוועזענהייט פון זייער קליינינקע שוועסטערל פארגרעסערט די סימפאטיע פון עולם צו זייער געזאנג.

יעדען טאג ווען די צוויי זינגערינס פלעגען אוועקגעהן פון שטוב, פלעגט זייער פאטער זיי באשטימען ווי פיעל זיי דארפען ברענגען פון גאס; און אין אווענט, ווען זיי פלעגען זיך אומקעהרען, פלעגט ער זייער „לייזאכץ" איבערצעהלען, צו זעהן אויב זיי האבען געבראכט די ערווארטעטע סומע. פון דער סומע האט קיינמאל ניט געפעלט, ווארים די באלעבאסטע פון איינער פון די קאפעס, וואס זיי פלעגען באזוכען, איז געווען א גוטהארציגע פרוי און, ווען זייערע פארדינסטען זיינען געווען צו קליין, אדער ווען זיי האבען אויסגעגעבען אויף נאשעריי מעהר ווי דער פאטער האט זיי ערלויבט, פלעגט זי די עטליכע מטבעות צולעגען פון איהר קאסע.

עס איז איבערגעבליבען א בריף, וואס ראשעל האט געשריבען צו סארא'ן אין די שפעטערע יאהרען, א בריף, אין וועלכען זי רעדט וועגען דער דאזיגער טעגליכער סומע, וואס דער פאטער פלעגט פון זיי פאדערען. דעם בריף האט ראשעל געשריבען טאקע פון ליאן, ווען זי האט דארטען געשפילט שוין אלס וועלט־באריהמטע אקטריסע. ביי יענער געלעגענהייט האט זי באזוכט די פלעצער, וואס זיינען געווען פארבונדען מיט דער צייט ווען די פא-

מיליע האָט דאָרטען געוואוינט; און צווישען אַנדערע ערטער איז זי געווען אין דער דערמאָנטער קאַפע. דער בריף איז דורכ־געדרונגען מיט געפיהלפולע ערינערונגען וועגען דער פאַרגאַנ־גענהייט, ווען די פאַמיליע איז געווען זעהר אָרעם. יענע קאַפע באַלעבאָסטע האָט אין ליאָן שוין אָבער דאָן ניט געוואוינט.

ווען די פעליקס פאַמיליע האָט שוין געהאַט געוואוינט אין פאַריז אַ לאַנגע צייט און ראַשעל איז שוין געווען גרויס, האָט זי זיך דערוואוסט, אַז די גוטע פרוי געפינט זיך אויך אין פאַריז. זי האָט איהר געוואָלט זעהן און אַרויסווייזען דאַנקבאַרקייט, געבען איהר אַ שעהנע מתנה. די אַמאָליגע קאַפע־באַלעבאָסטע איז אָבער געווען זעהר באַשיידען און אַלע באַמיהונגען ראַשעל'ס זיך מיט איהר צו באַגעגענען זיינען געבליבען אָהן ערפאָלג.

* * *

פון ליאָן האָבען די פעליקס'עס אַלזאָ זיך אַריבערגעקליבען קיין פאַריז. עליזא איז דאַן געווען ביי אַ צוועלף יאָהר אַלט, און סאַראַ — פערצעהן. די משפחה האָט דאָרטען די ערשטע צייט געצווינגען איהר חיונה אויפ'ן זעלבען שטייגער ווי אין ליאָן. די מוטער האָט געהאַנדעלט מיט איבערגעניצעוועטע קליידער; דער פאָטער האָט איהר צוגעהאָלפען אין איהר געשעפט און געגעבען אונטערריכט אין דייטש, ווען ער האָט געקראָגען שילער. די משפחה האָט געפיהרט אַ קלעגליכען לעבען און סאַראַ מיט עליזא'ן האָבען ווייטער פאַרקויפט בלומען און פאָמעראַנצען און געזונגען און דעקלאַמירט איבער די קאַפעס. אַז דאָס איז געווען אַ נויטי־גער טייל פון דער פאַמיליע'ס לעבענס־מיטעל, דאָס פלעגט ראַשעל אַליין אָפט דערצעהלען ווען זי האָט שוין געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אויף דער וועלט.

אין זייערע קאָנצערטען האָבען די שוועסטערלעך אָנגעהויבען צו געברויכען אַ אינסטרומענט. זינגענדיג אָדער דעקלאַמי־רענדיג, פלעגט איינע פון זיי, מייסטענס עליזא, צושפּילען אויף אַ גיטאַרע.

אין די פאַריזער קאַפעס פלעגט עליזא דעקלאַמירען סענטי־מענטאַלע לידלעך, וואָס דער פאָטער פלעגט מיט איהר לערנען,

ווי אין ליאָן.ביידע צוזאַמען פלעגען זיי זינגען קאָמישע לידער, און דאָס האָט מסתמא זיי אויך געלערנט זייער פאָטער.

ניט אימער האָט דער אינהאַלט פון זייערע לוסטיגע קופּלעטען געהאַט אַן אַבסאָלוט אָנשטענדיגען כאַראַקטער; און דאָס האָט אַ היבשער טייל פון אַ פּאַריזער קאַפע עולם ניט פיינט, איבער־הויפּט נאָך ווען די „ריזיקאַלישע" גראַמען קומען אַרויס פון יונגינקע ליפּעלאַך. אויב פאַר דיזע טיילען פון זייער קאָנצערט־פּראָגראַם דאַרף מען אויך האַלטען פאַראַנטוואָרטליך זייער פאָטער, איז ניט לייכט צו באַשטימען. מען קען זיך פאָרשטעלען, אַז דיזען סאָרט „ליטעראַטור" האָט צוגעשטעלט סאַראַ פון אַנדערע קוואַלען; וואָרים אין ראָמאַנטישע אַנגעלעגענהייטען איז זי ענטוויקעלט געוואָרען זעהר פריה און אַ צדקניות האָט זי אויפגעהערט צו זיין נאָך איידער זי איז אַלט געוואָרען פולע פופצעהן יאָהר: זי האָט געהאַט באַקאַנטשאַפטען מיט צולאָזענע רייכע יונגעלייטלאַך, וועל־כע זיינען אויף צווייפעלהאַפטע קופּלעטען געווען גרעסערע לומדים ווי פּעליקס.

אין באַצוג צו סאַראַ'ס און עליזאַ'ס מאָראַל — הויפּטזעכליך סאַראַ'ס — דאַרף מען האָבען אין זינען די ווירקונג וואָס דער קאַפע לעבען האָט אויף זיי געהאַט. נאָך גאָר אַלס קליינע קינדער זיינען זיי באַקאַנט געוואָרען מיט סצענעס, פון וועלכע עס וואָלט געווען בעסער פאַר זיי ניט צו וויסען.

קיין הייסע בלוט האָט ראַשעל'ען אויך ניט געפעהלט, אָבער אין יענע יאָהרען און אויך שפּעטער, איז זי געווען געניגט, אַ סך מעהר ווי איהר עלטערע שוועסטער, זיך צו פאַרטרוימען און זיך צו צופלאַקערען מיט דראַמאַטישע געפיהלען. סאַראַ, ווידער, איז כמעט אַלס קינד שוין געווען אַ לעבנס־לוסטיגע, פאַרגעניגען־דורשטיגע בעל־תאוה'ניצע.

קיין סודות פלעגט זי אָבער פון איהר אינגערער שוועסטערל נישט האָבען.

פערטער קאַפּיטעל

ערשטע טריט אויף אַ וועג צו דער טעאַטער-וועלט

דאָ קענען מיר גלייך זאָגען: פון זייער זינגען און דעקלאַמירען איבער די גאסען און קאפעס, ווען זיי זיינען נאָך געווען קליין, איז געקומען צו עליזאַ'ס קאריערע אַלס שוישפּילערין און צו איהר ווערען די גרעסטע און באַריהמטסטע קינסטלערין אויף דער וועלט.

די ערשטע צו פאראינטערעסירען אַ מענשען, וואָס האָט אַ שייכות צו דער ביהנע, איז אייגענטליך געווען ניט עליזאַ, נאָר סאַראַ — מיט איהר זינגען; דאָס האָט שוין אָבער געפיהרט צו דעם אָנהויב פון עליזאַ'ס טעאַטער־פּראָפעסיע. די פּאַסירונג, פון וועלכער דאָס האָט ארויסגעשפּראָצט, איז פאָרגעקומען אין אַן אָרימער קאַפע אויף אַן אָרימער גאַס פון פּאַריז.

אין אַ געוויסען אָוועגט איז אַ מאַן מיט'ן נאָמען מאָרען דאָרטען געזעסען ביי אַ גלאָז קאַווע. עס זיינען אריינגעקומען די צוויי שוועסטערלאך און זיי האָבען אָנגעפאַנגען זייער געוועהנליכען קאָנצערט. סאַראַ'ס זינגען איז מאָרען'ען שטאַרק געפעהלען געוואָרען, און ער האָט איהר צוגערופען צו זיין טישעל.

— האָסט אַ פיינע שטימע, מיידעלע. דו זינגסט שעהן, — האָט ער צו איהר געזאָגט. — אזא שטימע האָט געקענט געברויכט ווערען אויף אַ בעסערען שטייגער. זינגען אין קאפעס און בעטען נדבות איז ניט גוט, מיין קינד. אויך איז פאַר אַ מיידעל ניט גוט זיך ארומצודרעהען אין די קאפעס, וואו מאַנכע פון די אייגנעהער פיהרען זיך ניט אויף שעהן.

דער אונבאַקאַנטער האָט איהר צוגעזאָגט צוזאַמענצוברענגען זי מיט זיינעם אַ פריינד, וועלכער וועט איהר קענען באַהילפיג זיין. ער האָט איהר געגעבען זיין אייגענעם אַדרעס, און אויף מאָרגען, ווען זי איז צו איהם געקומען, האָט ער איהר געגעבען אַ בריף

צו איינעם עטיען שאַראַן, וועלכער איז געווען דער פאַרוואַלטער פון אַ „שולע פון הייליגע מוזיק״.

מאָסיע (הערר) שאַראַן איז געווען אַ גוטער סימפּאַטישער מענש; און מוזיק איז ביי איהם געווען ניט בלויז אַ פּראָפעסיע, נאָר אַ ליידענשאַפט.

סאַראַ איז צו איהם אַוועק, און עליזאַ איז מיט איהר מיט־געגאַנגען.

לויט אַ געוויסען באַריכט, האָט שאַראַן זיי שוין געהאַט געזעהן. אַמאָל, אין אַ ווינטער־טאָג — ווערט דערצעהלט — ווען ער איז געגאַנגען איבער די גרויסע פּאַריזער בולוואַרען („גראַנד בולוואַר״), האָט ער דערהערט ווי צוויי מיידלאך זינגען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט צוהערען. דערנאָך האָט ער זיך דורכגעשפּאַרט דורך דעם גרויסען עולם, וועלכער האָט זיך אַרומגעקליבען אַרום זיי. ווען ער איז צוגעקומען נעהענטער, האָט ער דערזעהן ווי אַ דאַרע, בלאַסע מיידעלע פון צעהן אָדער צוועלף יאָהר שטעהט אין שנעע און מיט פאַרפראָרענע פינגער האַלט זי אַ שיסעלע, אין וועלכער מענשען וואַרפען קליינע נדבות. שאַראַן האָט אין דער שיסעלע אַריינגעוואָרפען אַ זילבערנע מטבע. די סצענע האָט איהם גערירט.

— ווער האָט דיך אויסגעלערענט זינגען אַזוי שעהן? — האָט ער געפרעגט ביי סאַראַ׳ן.

— קיינער ניט. — האָט זי געענטפערט.

ער האָט זיי געגעבען דעם אַדרעס פון זיין שולע און זיי גע־הייסען קומען. ווי עס שיינט אָבער זיינען זיי דאַן ניט געקומען. פאַרוואָס, ווערט ניט דערצעהלט. איצט, אַלזאָ, זיינען זיי צו איהם געקומען מיט מאַרען׳ס בריף.

ווען שאַראַן האָט געהערט סאַראַ׳ס זינגען, האָט ער איהר גלייך אָנגענומען אַלס אַ שילערין אין זיין אַנשטאַלט.

— און וואָס, מיידעלע, קענסטו טאָן? — האָט ער זיך גע־ווענדעט צו עליזאַ׳ן.

— איך קען דעקלאַמירען פּערזען. — האָט זי געענטפערט.

— אַזוי? אדרבא, לאָמיר הערען. — האָט ער פאָרטגעזעצט

— לעז עפּעס פאָר, מיין קינד. ווייז וואָס דו קענסט!

זי האָט פּאַר איהם דעקלאַמירט אַ געדיכט, וואָס איהר פֿאָטער האָט מיט איהר איינגעשטודירט. איהר פראַנצויזישע אויס־שפּראַך איז געווען אַ פֿאַלשטענדיג־ריכטיגע און עכטע; און זי האָט די ווערטער אַרויסגערעדט מיט פֿערשטאַנד און געפיהל. איינציגע טענער איהרע האָבען געקלונגען „שאַרסטקע", אָבער דאָס האָט שאָראַן׳ען ניט געשטערט פון איהרע פֿאָרלעזונגען צו באַקומען אַ זעהר גוטען איינדרוק.

דורך שאָראַן׳ען האָט זיך געעפֿענט די ערשטע טיר צו ראַשעל׳ס קאַריערע אויף דער וועלט־ביהנע.

לוקאַ־דיבורטאָן שטרייכט אונטער דעם פֿאַקט, אַז די אידישע מיידעלאַך האָבען געזונגען אין אַ „שולע פון הייליגע מוזיק"; אַז זיי האָבען „געהאָלפֿען לויבען דעם קריסטליכען גאָט", ווי ער דריקט זיך אויס.

פֿעליקס, פון זיין זייט, האָט דאָס באַטראַכט פֿאַר אַ קליינינג־קייט. ער האָט סאַראַ׳ס און עליזאַ׳ס לערנען אין דער מוזיק־שוהל געהאַלטען פאַר אַ נוצליכע זאַך, אַ תכלית פאַר זיי. וואָס אַנבע־טרעפֿט זייערע פֿאַרדינסטען, האָט ער, ווי עס שיינט, דאַן שוין געקענט אויסקומען אָהן דעם. זיין פרוי האָט פון איהרע איבער־געניצעוועטע קליידער שוין פֿאַרדינט געננג אויף חיונה. די משפּחה האָט נאָך אַלץ געפֿיהרט אַ זעהר אָרימען לעבען. אָבער דאָך אַ גרינגערען ווי אין פֿריהערדיגע צייטען.

* * *

עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז הגם סאַראַ האָט געהאַט אַ פיעל בעסערע שטימע ווי עליזאַ, האָט זי לאַנג אין דער געזאַנג שולע ניט פֿאַרבראַכט. זי איז געווען צו לעבענס־לוסטיג דערצו. עליזאַ איז דאָרטען פֿאַרבליבען אַ פיעל לענגערע צייט. זי האָט דאָרטען גע־וואוינט און געהאַט קעסט — אַלץ פריי, ווי עס שיינט.

ווי עס איז שוין באַמערקט געוואָרען, האָט איהר שטימע גע־האָט גרויסע חסרונות. זי האָט אָבער געזונגען מיט געפיהל. אַ חוץ דעם האָט איהר קול אין זיך געהאַט עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט דעם צוהערער פֿאַראינטערעסירט און אַפּעלירט צו איהם. אַלזאַ, האָט שאָראַן געהאָפֿט, אַז מיט דער צייט וועט איהר שטימע זיך באַפֿרייען פון איהר הייזעריגען אָפּקלאַנג און ער וועט פון איהר אויסאַרבייטען אַן ערפֿאָלגרייכען קאָנטראַלט.

זי האָט זיך ביי איהם געפיהלט זעהר גוט, וואָרים ער איז גע־וועזן א ליבליכער מענש און ער האָט איהר באהאנדעלט ווי אן אייגען קינד. זי איז געווען א לעבעדיגע, א לוסטיגע, אזוי, אז מען האָט איהר אין דער שולע א נאָמען געגעבען „שפּרינג־פויגעלע”.

אָפט פלעגט זי פון דער שולע אוועקשפּאצירען אין דעם „בוא ד׳ בויאָן” — דער באריהמטער גרויסער פּארק פון פּאריז — און דאָרטען פארבלייבען שטונדען־לאַנג. איינמאָל, ווען שאָראָן איז געגאנגען דורכ׳ן פּארק, האָט ער דערהערט א כאָר, און צו זיין איבערראַשונג איז דער געזאנג געווען איינער פון די רעליגיעזע נגונים, וואָס ער האָט געלערענט מיט זיינע שילער. ווען ער איז צוגעקומען נעהענטער, איז ער נאָך מעהר איבערראַשט געוואָרען. ער האָט דערזעהן עליזא׳ן, ווי זי שטעהט ארומגערינגעלט מיט זינגענדע מיידעלאך און מיט א שטעקעלע אין האנט פיהרט זי דעם כאָר. זי מאכט מיט׳ן שטעקעלע פּונקט אויף זיין, שאָראָן׳ס, שטייגער; און זי טוט דאָס מיט גרויס ענערגיע און טעמפּעראַמענט.

* * *

שאָראָן האָט זיך ענדליך איבערצייגט, אז אָנשטאָט זינגען, דאַרף עליזא זיך לערנען דעקלאַמירען — ענטוויקלען איהר אויס־שפּראַך און די טענער און מאַנערען און וואָס מען געברויכט ביי פּאָרלעזונגען און דעקלאַמאציעס; אז איהר ריכטיגער פּלאַץ איז ניט ביי איהם, נאָר אין א שולע, וואו מען פּארטיגט די שילער צו דער ביהנע. אזא שולע האָט געהאַט זיין פריינט סענט אָלער; אלזאָ, האָט ער עליזא׳ן רעקאָמענדירט צו איהם.

סענט אָלער האָט איהר פּארהערט, און ער איז מיט שאָראָן׳ען געווען איינפּארשטאַנען. ער האָט אין איהר אָנערקענט סצענישע מעגליכקייטען, און ער האָט איהר אריינגענומען אין זיין שולע, און סאַראַ׳ן אויך.

דאָס איז געווען די צווייטע טיר, דורך וועלכער עליזא האָט זיך דערנעהענטערט צו דער ביהנע.

זי איז דאַן אַלט געווען דרייצעהן יאָהר, און סאַרא פופצעהן.

סענט אָלער האָט געהערט צו דער אַקטיאָרען פּראָפעסיע. ער האָט שוין אָבער אַליין ניט געשפּילט. ער האָט זיך אָפּגעגעבען מיט לערנען קינדער ווי אזוי צו שפּילען. פאַר׳ן לערנען האָט ער ביי

זיי קיין געלט ניט גענומען. זיי האָבען בלויז געדאַרפט צאָהלען צו צוויי פראַנק אַ מאָנאַט פאַר די צימערען פון דער שולע. שפּעטער האָט ער איינגעפיהרט טעאַטער־פּאָרשטעלונגען, אין וועלכע עס האָבען זיך באַטייליגט זיינע שילער; און דאַן פלעגען זיי פאַר דעם רעכט צו שפּילען מוזען באַצאָהלען פון איין פראַנק ביז צעהן, לויט דער וויכטיגקייט פון דער ראָלע, וואָס דער שילער אָדער שילערין האָט גענומען. דערפאַר האָט ער זיי אָבער געגעבען אומזיסטע בילעטען, וועלכע זיי האָבען געהאַט דאָס רעכט צו פאַרקויפען צווישען זייערע באַקאַנטע. די פּרייזען זיינען נאַטירליך געווען זעהר קליינע און די קויפערס זיינען מייסטענס געווען איינוואוינער פון דעם געגענט, וואו די שולע האָט זיך געפונען.

עליזאַ האָט ניט געצאָלט — ניט די מאָנאַטליכע צוויי פראַנק, ניט די סומען, וואָס סענט אָלער האָט איינגענאָמען פאַר׳ן באַטייליגען זיך אין די פאָרשטעלונגען; און שפּילען האָט זי געהאַט אַ מעגליכקייט אין יעדער ראָלע, צו וועלכער זי האָט נאָר געהאַט חשק.

מאַדאַם דע באַרעראַ זאָגט, אַז דיזע פּריווילעגיע האָט עליזאַ געהאַט צו פאַרדאַנקען איהר שוועסטער סאַראַ, וועלכע איז ביי סענט אָלער׳ן געווען אַ תקיף. מיט וואָס זי האָט זיך ביי איהם ערוואָרבען אַזאַ פריינדליכקייט, ערקלעהרט די ביאָגראַפיע שרייבערין ניט.

איהרע ווערטער קענען אויסגעטייטשט ווערען ווי אַן אָנצוהערעניש אויף געוויסע באַציהונגען צווישען דעם טעאַטער לעהרער סענט אָלער און עליזאַ׳ס שוועסטער סאַראַ; וואָרים פּונקט ווי עליזאַ איז געווען קלענער און דאַרער ווי זי האָט באַדאַרפט זיין וועדליג איהרע יאָהרען, אַזוי איז סאַראַ געווען גרעסער און מעהר ענטוויקעלט קערפּערליך ווי די דורכשניטליכע מיידעלע פון פופצעהן יאָהר. זי איז געווען בלאָנד, שעהן, געזונט און פול מיט לעבען, און, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, האָט זי אין איהרע ראָמאַנטישע אינטערעסען אויך געהאַלטען ווייטער ווי געוועהנליך אַ פופצעהן יאָהריגע מיידעלע.

צו פופצעהן יאָהר האָט סאַראַ שוין געהאַט אַ געליבטען. ווען דער פאָטער האָט זיך דערוואוסט דערפון, האָט ער איהר אָנגעשלאָגען, און זי האָט דעם געליבטען אויפגעגעבען. זי האָט

אָבער באַלד זיך גענומען אָן אַנדערען. דאָס אַלץ זיינען פעסט־געשטעלטע פאַקטען.

מאַדאַם דע בארערא האָט איהרע אונטערזוכונגען געמאַכט ביי צוויי און צוואַנציג יאָהר נאָך דער צייט, ווען סאַראַ און עליזאַ זיינען געגאַנגען אין סענט אַלער'ס טעאַטער שולע. עס זיינען דאַן געווען אַ סך מענשען, וואָס האָבען יענע צייט גוט געדענקט, און וואָס זיינען דאַן געווען גוט באַקאַנט מיט סענט אַלער'ן און מיט אַנדערע פּערזאָנען פון זיין קרייז. זיי האָבען דער שרייבערין געקענט געבען אינטימע אינפאָרמאַציע, אַריינרעכענענדיג פּליאַט־קעס, וואָס האָבען זיך מיט צוואַנציג יאָהר פריהער ארומגעטראָגען צווישען זייערע באַקאַנטע.

אַז סאַראַ איז סענט אַלער'ען געפעלען געווען קערפּערליך און אויך מיט איהר לעבעדיגקייט און שכל, איז ניט אונמעגליך; און אַז זי האָט זיך פון מענער ניט ארומגעצאַמט מיט קיין אייזערנע גראַטעס, דאָס איז אויך גוט באַוואוסט. אַלזאָ, ווען מען הערט, אַז ער איז צו עליזאַ'ן געווען גוט ניט צוליב איהר, נאָר צוליב סאַראַ'ן, קענען אויף'ן געדאַנק ארויפקומען געוויסע „טעאָריעס".

דער לעזער קען פרעגען: פאַרוואָס־זשע זאָגט מאַדאַם דע בארערא ניט דייטליכער וואָס זי מיינט? איז דער ענטפער, אַז פראַגען פון מאָראַל היפּט זי איבערהויפּט איבער. אין ראַשעל'ס לעבען זיינען אַזעלכע זאַכען פאָרגעקומען גאָר אַ סך. די שרייבערין דערמאָנט זיי אָבער ניט.

פאַרגעסט ניט, אַז איהר בוך איז געשריבען געוואָרען אויף ענגליש, און אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע האָט מען אין יענע יאָהרען פון אַזעלכע טעמעס געוויכט. דאָס גופא מאַכט דעם לעזער חושד צו זיין, אַז זי פאַרשוויינט דאָ עפּעס.

אַזאַ חשד האָט אָבער יעדענפאַלס ניט קיין גרויסע וויכטיגקייט, וואָרים עס זיינען פאַראַן איבערצייגענדע באַווייזע, אַז עליזאַ האָט אויף סענט אַלער'ן געמאַכט אַן איינדרוק אַלס אַ געבאָרענער טאַלאַנט פון אַן אונגעוועהנליכען סאָרט; און ער איז ניט געווען דער איינציגער וואָס האָט אַזוי גערעדט וועגען איהר. די ספּעציעלע פּריווילעגיעס וואָס זי האָט ביי איהם געהאַט, האָט ער איהר געגעבען דערפאַר וואָס זי האָט זיך ארויסגעצייגט אַלס זיין טאַ־לאַנטפולסטע שילערין, אַלס אַ מאַגנעט וואָס האָט געצויגען אַן

עולם צו זייגע פֿאַרשטעלונגען און פּאָפּולער געמאַכט זיין שולע.

עס איז איבערהויפּט וויכטיג באַקאַנט צו ווערען מיט דער באַדייטונג וואָס עליזא האָט געהאַט אין דעם טעאַטערעל, וועלכען ער האָט ביי זיך איינגעפיהרט.

„מאָליער טעאַטער" אָדער „מאָליער זאַל" האָט דאָס גע־הייסען (נאָך דעם באַריהמטען דראַמאַטורג מאָליער פון א פריהער־דיגען דור). אין א קורצער צייט איז זי דאָרטען געוואָרען די „סטאַר" (שטערען). דאָס איז געקומען פון זיך אַליין. ניט ווילענ־דיג האָט מען געמוזט אַנערקענען, אַז אין דער אידישער מיידעלע ליגט עפּעס א מערקווירדיגע קראַפט. אַזוי האָבען זיך אויסגעדריקט די איינוואוינער פון דעם ארומיגען קוואַרטאַל, וועלכע פלעגען קומען צו די פאַרשטעלונגען, און אַזוי האָבען זיך אויך אויסגע־דריקט איינגע באַקאַנטע טעאַטער־מבינים, וועלכע האָבען איהר געזעהן שפּילען.

די פֿאַרשטעלונגען פלעגען אין דעם מאָליער זאַל געגעבען ווערען יעדען זונטאָג אין די נאָכמיטאָג שטונדען. א גאַנצע וואָך פלעגט מען מיט די שילער און שילערינס לערנען דעקלאַמאַציע און טעאָריע פון דראַמע און טעאַטער קונסט; און זונטאָג פלעגט מען שטעלען פּיעסען, צו וועלכע מען האָט זיך געגרייט אויף רע־פּעטיציעס. עליזא האָט אַלץ געלערענט פלייסיג, און צו די פאַר־שטעלונגען האָט זי זיך באַצויגען מיט א מערקווירדיגער ערנסטקייט.

פאַר די וויכטיגסטע פּיעסען האָט מען דאַן געהאַלטען די דראַמעס, ריכטיגער געזאָגט, די טראַגעדיעס, פון די צוויי לאַנג־פֿאַרשטאָרבענע שריפטשטעלער קאָרנעיל און ראַסין, וועלכע מען האָט גערעכענט פאַר די גרעסטע דראַמאַטורגען אין דער פראַנ־צויזישער ליטעראַטור; האָט מען די דאָזיגע ווערק געלערענט מיט די שילער פון סענט אָלער'ס שולע און מען האָט זיי אויפגעפיהרט אין דעם מאָליער טעאַטערעל. אין דיזע טראַגעדיעס האָט עליזא געשפּילט, און זי האָט זיך ניט באַשרענקט אויף איין ראָלע אין א פּיעסע, נאָר זי האָט גענומען פאַרשידענע ראָלען פון דער זעלבער פּיעסע.

זי האָט אין יענער שולע פאַרבראַכט צוויי יאָהר און אין דער דאָזיגער צייט איז זי ארויסגעטראָטען אין פיר און דרייסיג ראָלען. און זי האָט ניט סתם געשפּילט, נאָר יעדע ראָלע האָט זי גרינדליך

דורכגעשטודירט, און זיך געגוי צוגעגרייט איידער זי איז אין איהר אַרויסגעטראָטען. גאַנצענע טעג איז זי געווען אין דעם פּאַרטיפּס. דאָך פלעגט זי געפינען צייט צו באַטייליגען זיך אין קינדערשע שטיפעריייען אויך.

פינפטער קאַפּיטעל

עליזאַ באַקומט אַ שטעלע אין דעם וויכטיגסטען טעאַטער, אָבער נאָר אויף פּאַפּיר

דעם שטאַרקסטען איינדרוק האָט עליזאַ געמאַכט אויף דעם עולם פון דעם מאָליער טעאַטער אין אַ סצענע, וואָס זי האָט פאַר־געלעזען פון אַן ערצעהלונג וועגען אַ פרוי וואָס געהט צו קינד אין אַ וויסטעניש בשעת זי האַלט ביים שטאַרבען פון דורשט. ווען זי האָט דאָס פאַרגעלעזען פון דער ביהנע, האָט זיך די צוהערער גע־דוכט, אַז איהר קליינער בלאַסער פּנים ווערט לענגער פון שרעק און אַז איהרע קליינע, טיף־איינגעזונקענע גלאַנציג־שוואַרצע אויגען ווע־רען גרעסער — גלייך ווי מען וואָלט אין יענעם מאָמענט ווירקליך געזעהן ווי די אומגליקליכע פרוי געהט אוים פון דורשט און גע־בורט־וועהען. איהר טיף קלינגענדע קאָנטר־אַלט שטימע האָט דעם עולם דורכגעדרונגען מיט אימה און מיטלייד. (זי האָט ניט גע־שריען סתם מיט ווילדע קולות, נאָר געשילדערט צושראַקענקייט). מיט די דאָזיגע איינצעלהייטען האָבען דערנאָך איבערגעגעבען זייער איינדרוק געבילדעטע מענשען, וואָס האָבען יענע דעקלאַמאַציע עליזאַ׳ס בייגעוואוינט.

ווען די סצענע האָט זיך געענדיגט, האָט זיך פון די צוזעהער און צוהערער אַרויסגעריסען אַ טיפער זיפץ. און די וואָס באַ־שרייבען דאָס, באַמערקען, אַז דער זיפץ איז געווען אַ גרעסערער קאָמפּלימענט פאַר עליזאַ׳ן, ווי די אַפּלאָדיסמענטען, מיט וועלכע דער עולם האָט איהר באַגריסט.

עליזאַ האָט אָבער דאַן נאָך געהאַט ערנסטע פעהלערען, וועלכע זיינען צו אַ ביהנע־קאַריערע אַ גרויסע שטערונג. זי איז אַלץ געווען צו קליין און צו מאָגער; איהר שטערען האָט אַרויסגע־

סטאַרטשעט; איהר געזיכט איז געווען צו בלייך און מיאוס, און איהר שטימע צו רוי און הייזעריג.

* * *

אין יאָהר 1836, ווען עליזא איז אַלט געווען אַרום 15 יאָהר האָט סענט אַלער זיך געווענדעט צו זשאַסלען'ען, דעם דאַמאַלסדי־גען דירעקטאָר פון דער „קאָמעדי פראַנסעז" (אָדער „טעאַטער פראַנסע"), — דער וויכטיגסטער טעאַטער פון פאַריז — ער זאָל איהר אריינגעהמען צו שפּילען קינדער־ראָלען. ער האָט איהם גע־זאָגט אַז זי איז אַ אידישע מיידעלע, פון וועלכער עס וועט אויס־וואַקסען אַ גרויסע קינסטלערין.

זי האָט אויסגעהאַלטען די פּראָבע אויף אַזאַ שטייגער, אַז מען האָט איהר גלייך אַנגאַזשירט פאַר קינדער־ראָלען מיט אַ געהאַלט פון אַכט הונדערט פראַנק אַ יאָהר (דער פראַנק איז דאַן געשטאַנען גאָר ניט אין ערך העכער ווי ער שטעהט, ווען דיזע שורות ווערען געשריבען). מען האָט פאַר איהר שוין זאָגאַר באַשטימט אַ ראָלע. אָבער געשפּילט אין איהר האָט זי קיין מאָל ניט. עס זיינען געווען יונגינקע אַקטריסעלאַך וואָס האָבען געהאַט מעהר „פּול" (פּראָטעקציע), ווי זי.

מען האָט איהר דאַן אַריינגענומען אין דער פאַריזער קאָנ־סערוואַטאָריע, וואָס איז געווען פאַרבונדען מיט דער „קאָמעדי פראַנסעז", ריכטיגער געזאָגט, מיט אַן אָבטיילונג, וואו מען האָט די שילער געלערענט שפּילען טעאַטער. איינער פון די פּראָפעסאָרען, פּראָוואָ, האָט איהר געראַטען בעסער צו פאַרקויפען בלומען, וויילל, לויט זיין מיינונג, וועט פון איהר קיין אַקטריסע קיינמאָל ניט ווערען.

עטליכע מאָנאַטען שפּעטער האָט עליזא געהאַט אַזאַ גרויסען ערפאָלג מיט איהר שפּילען, אַז מען האָט איהר פאַרוואָרפען מיט בלומען. אַלזאָ, איז זי צוגעגאַנגען צו איהר בייזען לערער מיט עטליכע בלומען און פאַרנייגענדיג זיך האָט זי געזאָגט אויף אַ העפליכען שפּאָס:

— איך האָב אייך געפאָלגט, מאָסיע פּראָוואָ: איך פאַרקויף בלומען. קויפט!

זיין ענטפּער איז געווען, אַז עס טוט איהם הנאה, וואָס זיין מיינונג האָט זיך אַרויסגעוויזען צו זיין אַ טעות.

יאָהרען שפּעטער, ווען זי איז געשטאָרבען און די צייטונגען זייר־נען געווען פול מיט אַנעקדאָטען וועגען איהר, האָט פראָוואָ׳ס אַ פריינד ערקלעהרט אין דער פרעסע, אַז די מעשה מיט די בלומען האָט אימעצער אויסגעטראַכט. עס האָט אָבער געשטימט ראַ־שעל׳ס כאַראַקטער, און מיט צעהנדליגע אַנדערע פיקאַנטע ווערט־לאַך וועלכע מען האָט געהערט פון איהר.

עליזאַ׳ס לאַגע אין דער קאָנסערוואַטאָריע האָט זיך ווידער געענדערט. דער פלאַץ איז געווען פול מיט אינטריגעס, און אי־מעצער האָט אינטריגירט געגען איהר, אין די אינטערעסען פון אַן אַנדער קאַנדידאַטקע אויף אַקטריסע. מען האָט איהר גענומען באַהאַנדלען ווי אַ שטיף־קינד, און זי האָט אויפגעהערט צו געהן אַהין.

זעקסטער קאַפּיטעל

עליזאַ ווערט ראַשעל. — זי שפּילט אין אַ פּיעסע, וואָס איז געשריבען געוואָרען ספּעציעל פאַר איהר און זי מאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק

זי האָט זיך געווענדעט צו איהר פריינד סענט אָלער׳ען, און ער האָט איהר געגעבען אַ בריף צו פּוארסאָן׳ען, דעם דירעקטאָר פון דעם זשימנאַז טעאַטער. זי איז אַהין אַריבערגעגאַנגען מיט איהר פאָטער.

פּוארסאָן האָט איהר געגעבען אַ געוויסע ראָלע אין וועלכער זי זאָל זיך צוגרייטען צו מאַכען פראָבע. פון דער פראָבע איז ער געווען אַזוי ענטציקט, אַז ער האָט איהר גלייך פאָרגעשלאָגען אַ שטעלע.

— וואָס פאַר אַ געהאַלט ערוואַרט איהר, מאַדמואַזעל? — האָט ער געפרעגט.

עליזאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף איהר פאָטער.

— זי איז ווערט צוויי טויזענד פראַנק אַ יאָהר — האָט פע־ליקס פאַר איהר געענטפערט.

— זי איז ווערט מעהר — האָט פּוֹארסאָן איהם אָפּגעענט־פערט — איך וועל איהר צאָהלען דריי טויזענד פראַנק א יאָהר, און אויב זי וועט האָבען ערפאָלג, וועט די סומע יעדען יאָהר פאַר־גרעסערט ווערען אויף א דריטעל.

— גוט, איך וועל דאָס אונטערשרייבען.

— מיר מוזען גלייך באַשליסען וואָס פאַר א נאָמען צו שטעלען אויף די אַפישען — האָט דער דירעקטאָר ערקלעהרט — אַנאָנסירען איהר אַלס עליזא איז אונמעגליך. עס איז א צו געוועהנליכער נאָמען, א וואָכעדיגער.

— געפעהלט אייך ראַשעל בעסער? — האָט זי געפרעגט.

— איך מיין אויך אַזוי! „ראַשעל” קלינגט זעהר שעהן. — האָט ער געענטפערט — און איז אַן אויסגעצייכענטער נאָמען פאַר א שוישפּילערין.

און אַזוי איז דאָס פאַרבליבען.

אין פּאַריז איז דאַן געגאַנגען הלוי׳ס (האַלעווי׳ס) אָפּערא „לא זשוויוו” („די יודין”), וועלכע איז נאָך דאַן געווען א נייע ווערק, און ראַשעל איז דאָך דער נאָמען פון דער העלדין. די אָפּערא איז געווען זעהר פּאָפּולער אין פראַנקרייך. אַלזאָ, האָט עליזא זיך א נאָמען געגעבען אויף איהר שוועסטערעל׳ס נאָמען, און די שוועסטערעל האָט מען פון דאַמאָלט אָן גערופען רעבעקא. אגב איז עליזא געווען שטאַרק צוגעבונדען צו איהר.

עטליכע טעג שפּעטער, נאָך דעם ווי עליזא׳ס פאָטער האָט אונטערגעשריבען א קאָנטראַקט מיט פּוֹארסאָן׳ען, האָט דער די־רעקטאָר אַרויסגעלאָזען אַפישען, אויף וועלכע עס איז געווען אַנאָנסירט, אַז דעם ערשטען מאַי (1837) וועט מאַדמואַזעל ראַשעל פעליקס אַרויסטרעטען אין דעם זשימנאַז טעאַטער אין א נייער צוויי אַקטיגער פּיעסע מיט׳ן נאָמען „לא וואַנדעען” (דאָס הייסט א מיידעל פון דער פּראָנצוזישער פּראָווינץ וואַנדעע).

דער פאַרפאַסער פון דער פּיעסע איז געווען א דראַמאַטורג מיט׳ן נאָמען פּאָל דיפּאָר, און ער האָט דאָס טעאַטער־שטיק ספּע־ציעל געשריבען פאַר ראַשעל׳ען. דאָס איז געווען א מעלאָדראַמא מיט א שטאַרקען אינהאַלט. דעם סוזשעט האָט דיפּאָר גענומען פון א ראָמאַן פון דעם באַריהמטען ענגלישען שריפטשטעלער וואָלטער סקאָט. ער האָט די מעשה אָבער צוגעפּאַסט צו א קאָפּי־

טעל פון דער פראַנצויזישער געשיכטע; נעמליך, צו דער צייט, ווען נאַפּאָלעאָן איז געווען דער ערשטער „קאָנסול“, אָדער דיקטאַ־טאָר, און האָט זיך דערנאָך געזעצט אויפ׳ן טראָן אַלס אימפּעראַ־טאָר פון פראַנקרייך.

דער אינהאַלט פון דער פּיעסע

דער סוזשעט באַשטעהט אין פאָלגענדען:

די איינוואוינער פון דער וואַנדע פּראָווינץ, וועלכע האָבען זיך פריהער געבונטעוועט געגען דער רעוואָלוציע, האָבען איצט אָרגאַניזירט אַן אויפשטאַנד געגען נאַפּאָלעאָן׳ם הערשאַפט. איינער פון די אָנפיהרער איז אַ פויער מיט׳ן נאָמען טהיבאָ. וויקטאָר, אַ יונגער אָפיציר, קומט פון פּאַריז מיט אַ באַפעהל, אַז טהיבאָ זאָל גלייך געשטעלט ווערען צו אַ מיליטער־געריכט, וואָס דאָס הייסט אַ זיכערער טויט־אורטייל. וויקטאָר איז אַ קוזין פון זשאָזעפין, נאַפּאָלעאָן׳ס היים־געליבטע פרוי, און ער איז נאַפּאָ־לעאָן׳ס אַדיוטאַנט. אָנקומענדיג אין וואַנדע, באַזוכט וויקטאָר אַ גענעראַל מיט׳ן נאָמען פּרענסאָ און קלייבט זיך איהם איבער־צוגעבען דעם געשריבענעם באַפעהל. דאָרטען געפינט זיך אין יענעם מאָמענט טהיבאָ׳ס טאָכטער, זשענעוויעוו, וועלכע איז גע־קומען בעטען רחמים פאַר איהר פאָטער. זי שטעהט אַ צושראָקענע, און צו־וויינט זיך אויפ׳ן קול. דאָס ווירקט אויף וויקטאָר׳ען און אָנשטאָט דעם דאָקומענט איבערצוגעבען דעם גענעראַל, פאַר־ברענט ער איהם.

דאָס גיט זשענעוויעוון צייט זיך אַוועקצולאָזען קיין פּאַריז בעטען ביי זשאָזעפינ׳ען פאַר איהר אומגליקליכען פאָטער. דאָס איז דער אינהאַלט פון דעם ערשטען אַקט.

דער צווייטער אַקט קומט פאָר אין מאַלמעזאָן, לעבען פּאַריז, אין דעם פּאַלאַץ, וואו נאַפּאָלעאָן וואוינט מיט זיין זשאָזעפין. וויקטאָר קומט אריין צו זיין קוזינע, און ער בעט איהר זי זאָל ראַטעווען טהיבאָ׳ן. ער זאָגט איהר אויס, אַז ער האָט נאַפּאָלעאָן׳ס געשריבענעם באַפעהל פאַרברענט. זשאָזעפין איז ערשטוינט און צושראָקען. ווי אַזוי וואַגט ער דאָס צו טאָן אַזאַ זאַך? — פרעגט זי — ווייס ער דען ניט, אַז טהיבאָ און די אַנדערע וואַנדע׳ער

בונטאָווטשיקעס האָבען אָרגאַניזירט אַ פאַרשווערונג נאַפּאָ־לעאָן׳ען צו פאַנגען און איהם אַריבערפיהרען קיין ענגלאַנד, וואו די דאָרטיגע רעגירונג גאַרט איהם אומצובערענגען?

וויקטאָר איז נידערגעשלאָגען, און ער קלייבט זיך צו פאַר־לאָזען זיין קוזינע׳ס הויז. ער פּאַספּעיעט אָבער ניט אַרויסצוגעהן ווי ער ווערט אַרעסטירט אויף אַ באַפעהל, וואָס איז געקומען פון נאַפּאָלעאָן׳ען אַליין. איהם ערוואַרט אויך טויט־שטראָף.

אויף דער סצענע באַווייזט זיך זשענעוויעוו. זי איז געקומען פון וואַנדע, איהר געבורטס־פּלאַץ. עס איז אַ גרויסער מהלך. זי איז אויסגעמאַטערט. זי האָט שוין קיין כח ניט צו שטעהן אויף די פיס. זי לאָזט זיך אַראָפּ כמעט אין אָהנמאַכט. דאָס אַלץ קומט פאָר אין אַ ווינקעל פון זשאָזעפין׳ס זאַל. זשאָזעפין איז דערביי ניטאָ. זי קומט אָבער באַלד אַריין.

זי שיינט. זי פיהלט זיך גליקליך, וואָרים גראָד יענעם טאָג איז איהר נאַפּאָלעאָן געוואָרען דער אימפּעראַטאָר (קייזער) פון פראַנקרייך. זי דערזעהט די אָרים־געקליידעטע, אויסגעמאַטערטע, וויינענדע פויער־מיידעל. זי איז איבערראַשט. זשענעוויעוו פאַלט איהר צו די פיס, און גיסט אויס איהר האַרץ פאַר איהר.

איהר געבעט איז אַזוי ריהרענד, אַז זשאָזעפין שטעהט צו צו נאַפּאָלעאָן׳ען, און ער שענקט אי טהיבאָ׳ן, אי וויקטאָר׳ען דעם לעבען.

* * *

ראַשעל האָט געשפּילט אַלס זשענעוויעוו — איהר ערשטער גרויסער ערפאָלג אויף אַן אמת׳ער ביהנע. עס איז ניט געווען אַזאַ גרויסער און באַריהמטער טעאַטער ווי די „קאָמעדי פראַנסעז״ (אָדער „טעאַטער פראַנסע״), אָבער דאָך אַ טעאַטער און ניט אַ דראַמאַטישע שולע.

מיינונגען וועגען איהר שפּילען

אַ זשורנאַליסט מיט׳ן נאָמען זשול זשאַנען איז דאַן געווען באַטראַכט פאַר דעם וויכטיגסטען טעאַטער־קריטיקער אין פּאַריז, און דאָס וואָס ער האָט אויף מאָרגען געשריבען וועגען ראַשעל׳ס

שפּילען איז אַ בולט'ער קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון ראַשעל'ס קאַריערע. ער האָט געשריבען אין אַ געלאַסענעם טאָן. זיין אַרטי־קעל האָט אָבער אַנטהאַלטען טיפערע און וויכטיגערע לויב־ווער־טער, ווי מייסטע טעאַטער קריטיקען, וואָס זיינען פול מיט גוואַלדי־גע קאָמפּלימענטען. דער אַרטיקעל האָט אַנטהאַלטען דאָס פאָלגענדע:

„דער פּראָפעסאָר פון „לאַ וואַנדרען" האָט די דראַמאַ געשרי־בען פאַר אַ קליין מיידעלע, וואָס איז נאָך ניט אַלט קיין פולע 16 יאָהר, און וואָס איהר נאָמען איז ראַשעל. מאַדמואַזעל ראַשעל שפּילט מיט אַ סך געפיהל, מיט באַגייסטערונג און מיט אינטעלי־גענץ. זי פאַרמאָגט זעהר ווייניג קונסט־ערפאַהרונג. זי פאַרשטעהט אָבער אינסטינקטיוו די ראָלע וואָס מען האָט איהר געגעבען און זי נויטיגט זיך ניט אין קיין לעסאָנס און אין קיין עצות. אין איהר שפּילען פיהלט זיך ניט קיין שום אָנשטרענגונג, קיין איבערטריי־בונג, קיינע געשרייען און קיינע געמאַכטע פּאָזעס. און וויכטיגער פון אַלץ איז וואָס עס מערקט זיך ניט קיין קאָקעטסטווע. זי מאַכט ניט קיין חנ'דלאַך פאַר דעם טעאַטער עולם. זי שפּילט מיט אַ מערקווירדיגער צוריקגעהאַלטענקייט און ווירדע. זי מאַכט ניט דעם מינדעסטען פאַרזוך דעם עולם צו ריהרען מיט געקינסטעלטע מיטלען. זי זוכט ניט צו געפעלען מיט פאַבריצירטע האוואַיעס און מינעס.

„דער מיידעלע'ס שטימע איז שאַרסטקע, הייזעריגלעך, אַזוי ווי די שטימע פון אַ קינד. איהרע הענט זיינען רויט אַזוי ווי קינ־דערשע הענט זיינען געוועהנליך, און איהרע פיס זיינען, אַזוי ווי איהרע הענט, נאָך ניט ענטוויקעלט. זי איז ניט קיין שעהנע, זי מאַכט אָבער אַן אַנגענעמענעם איינדרוק.

„דער יונגער זשעני ערוואַרט אַ גרויסע צוקונפט. און אַלס באַלוינונג פאַר איהר שפּילען רופט זי אַרויס טרעהרען און אַן אמת'ען אינטערעס פון אַן עולם, וועלכער איז נאָך פאָרלויפיג ניט גרויס."

עדווין פאָררעסט, דער גרעסטער אַמעריקאַנער אַקטיאָר פון יענער צייט, האָט זיך דאַן געפונען אין פּאַריז און ער האָט בייגע־וואוינט איהר ערשטע פאָרשטעלונג אין „לאַ וואַנדרען". געקומען איז ער ניט צוליב איהר, נאָר צוליב אַ געוויסען אַקטיאָר, וועלכער

האט געהאט א ראָלע אין דער זעלבער פּיעסע. דער דירעקטאָר פון דעם זשימנאַז טעאַטער האָט איהם געבעטען, אַז ער זאָל זעהן ווי יענער שפּילט און איהם זאָגען וואָס ער דענקט וועגען איהם. נאָך דער פאָרשטעלונג האָט מיסטער פאררעסט ארויסגעגעבען זיין אורטייל, אַז העכער ווי צו מיטעלמעסיגער שוישפּילעריי וועט יענער אַקטיאָר זיך קיינמאָל ניט אויפהויבען. „אָבער — האָט ער געזאָגט,—„אָט אין יענער מיידעלע, וואָס שיינט צו זיין אַ אידיש קינד, אָט אין דעם דארען־און־קווארען נפש'על, הויט און ביינער, מיט אַ מאַרמאָרנעם פּנים און מיט פלאַמענדע אויגען — אין איהר ליגט אַ טייוועלשע קראַפט. אויב זי וועט אויסוואַקסען און ניט פאַרברענט ווערען פאַר דער צייט פון איהר אייגענעם פלאַקערדיגען טעמפּעראַמענט, וועט פון איהר אַרויסקומען עטוואָס וואונדערבאַרעס.״

אַ פראַנצויזישער אַקטיאָר מיט'ן נאָמען בופע, וועלכער האָט בייגעוואוינט די פּראָבע־פאָרשטעלונג פון „לאַ־וואַנדערען״, האָט געזאָגט: „וואָס פאַר אַ טשיקאַווע מיידעלע! זי פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט, אָבער איהר פּלאַץ איז ניט אין דעם זשימנאַז טעאַטער. זי דאַרף שפּילען אין די גרויסע טראַגעדיעס, אין דעם „טעאַטער פראַנסע״.

זיבעטער קאַפּיטעל

פּאַסירונגען הויבען אָן צו געהן שנעלער

אי פּואַרסאָן אי ראַשעל'ס פאָטער זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער אַקטיאָר בופע האָט רעכט, און אַז איהר פּלאַץ איז ניט אין דעם זשימנאַז טעאַטער, נאָר אין דעם באַריהמטען, ערנסטען „טעאַטער פראַנסע״.

דער וויכטיגסטער דראַמאַ לעהרער אין פּאַריז איז דאַן געווען זשאָזעף סאַנסאָן פון דער קאָנסערוואַטאָריע, וועלכע איז געווען פאַרבונדען מיט דעם דאָזיגען טעאַטער. איז ראַשעל געגאַנגען מיט איהם זיך באַראַטען. עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אַז ער געדענקט איהר פון דער צייט ווען זי האָט זיך געלערענט שפּילען אין דער קאָנסערוואַטאָריע און אַז ער האָט וועגען איהר אַ גוטע

מיינונג. זיין עצה איז געווען, אז זי זאָל אויף אַ געוויסע צייט ווידער אָנקומען אין דער קאָנסערוואַטאָריע, און זיך צוגרייטען צו ראָלען אין די באַריהמטע טראַגעדיעס, וואָס ווערען געשפּילט אין דעם „טעאַטער פראַנסע״, און דאַן וועט מען זעהן . . . זי האָט איהם געפאָלגט.

לערנענדיג איהר, האָט סאַנסאָן זיך אַלץ מעהר פאַראינטערעסירט אין איהר שפּילען.

דער אמת איז, אַז ביי איהר איז אַלץ אַרויסגעקומען אַנדערש ווי ער האָט איהר געלערענט. דאַכט זיך זי פאָלגט איהם און זאָגט אַרויס דעם וואָרט אָדער די פראַזע ווי ער הייסט איהר. און דאָך איז דאָס גאָר ניט אַזוי. ער פיהלט, אַז, דאָס וואָס ביי איהר שאַפט זיך, איז בעסער, שעהנער און שטאַרקער. עס איז איהם אָבער אָנגענעהם צו גלויבען, אַז אויף דעם דאָזיגען וועג פיהרט ער איהר אַרויף; אַז ווען ניט ער, וואָלט זי פאַרבלאָנדזשעט.

די לעסאָנס, וואָס ער האָט איהר געגעבען האָבען איהם אַליין באַצויבערט. אַלזאָ האָט ער וועגען איהר אָפט גערעדט מיט ווע־דעל׳ען דעם דירעקטאָר, און ער האָט איהם אויך שטאַרק פאַר־אינטערעסירט אין איהר.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ווערדעל איז אַזוי באַגייסטערט געוואָרען פאַר איהר טאַלאַנט, אַז ער האָט איהר אָנגעשטעלט אַלס שוישפּילערין אין „טעאַטער פראַנסע״ מיט אַ געהאַלט פון פיר טויזענט פראַנק אַ יאָהר אַלס אַן אָנפאַנג.

ראַשעל׳ס פאָטער מישט זיך אין איהרע לעסאָנס און זאָגט איהר לערער דעות. — ראַשעל׳ס קוזינע יהודית

סאַנסאָן איז אָנגעגאַנגען מיט ראַשעל׳ס דראַמאַ־לעסאָנס. איהר פאָטער פלעגט אָפט זיין דערביי, און ער פלעגט זיך זאָגאַר אַריינ־מישען מיט מיינונגען, ווי אַזוי מען דאַרף אויסרעדען אַזאַ פראַזע אָדער אַזאַ. ער האָט געהאַט זיינע איבערצייגונגען וועגען שפּילען טעאַטער; און אַז ער האָט עפּעס געזאָגט, פלעגט שוין אונמעגליך זיין איהם צו בויגען. דורך דעם זיינען אַרויסגעקומען אָפטע צו־זאַמענשטויסען צווישען איהם און סאַנסאָן׳ען.

זשאָזעף סאַנסאָן, ראַשעל'ס שוישפּיל-לעהרער

דער לעהרער הייסט ראשעל׳ען ארויסזאָגען די פּראָזע אַזוי, און פעליקס הייסט איהר דאָס טאָן גאַנץ אַנדערש. סאַנסאָן שרייט, אַז זי מוז איהם פאָלגען, און פעליקס שרייט, אַז זי מוז איהם זיין געהאָרכזאַם, ווייל ער איז אַ טאַטע. ראשעל פלעגט דערפון בלייבען אַ צושראָקענע און זיך צו־וויינען.

פעליקס האָט זיך אינטערעסירט מיט טעאַטער נאָך איידער זיין טאָכטער איז געבאָרען געוואָרען. ווי שוין דערמאָנט, פלעגט ער אַנטייל נעהמען אין טעאַטער פאָרשטעלונגען, וואָס מען האָט געגע־בען אויף די מערק אין שווייצארישע דערפער, בשעת ער איז נאָך געווען אַ וואַנדער־פּעדלער. איצט אָבער, ווען ראשעל איז שוין גע־ווען אַ פאָרמעל אָנגענומענע אַקטריסע אין דעם גרעסטען טעאַטער פון פּאַריז, איז ער אין זיינע טעאַטער־אינטערעסען אריין טיפער און טיפער.

ביי איהם האָט דאַן געוואוינט זיינע אַ יונגע פּלימעניצע, יהודית בערנאַרד, האָט ער איהר אויך געלערענט שפּילען טעאַטער. שפּעטער אַ ביסעל האָט ער זאָגאַר זיך גענומען אָרגאַניזירען אַ קאָמפּאַני פון קינדער־שוישפּילער מיט זיינע אינגערע מיידלאַך און יהודית׳ן אַלס אַנטייל־נעהמער. (אַ חוץ רעבעקאַ׳ן האָט ער איצט געהאַט אַ טעכטערעל מיט׳ן נאָמען דינה). אין די ראשעל־ביאָגראַפיעס ווערט געבראַכט אַ סצענע ווי ער גיט יהודית׳ן אַ לעסאָן: זי זאָגט געוויסע ווערטער פון אַ מאָנאָלאָג און איהם געפעלט דאָס ניט.

— זאָג דאָס מיט מעהר געפיהל, — פאָדערט ער.

זי פּרואווט אַזוי טאָן. ער איז אָבער אַלץ ניט צופרידען.

— ניט גענוג געפיהל! ניט גענוג געפיהל! — שרייט ער.

— מעהר געפיהל האָב איך ניט, — ענטפערט זי.

נעהמט פעליקס פון דער וואַנט אַרונטער אַ „ציפּלינקע” און גיט איהר אַ פּאָר שמיץ. יהודית צו־וויינט זיך.

— אַהאַ, איך האָב דיר געזאָגט, אַז דו קענסט האָבען מעהר געפיהל! — ערקלערט ער אַ צופרידענער.

יהודית איז געווען אַ ביסעל עלטער ווי ראשעל, און זי איז געווען אַ בילד־שעהנע מיידעל מיט איהר פּנים אַזוי גוט ווי מיט איהר פיגור. שפּעטער איז זי אויך אָנגעקומען אַלס שוישפּילערין אין דעם טעאַטער פראַנסע, און אַ געוויסע צייט האָט זי דאָרטען

געשפּילט מיט איהר באַריהמטער קוזינע צוזאַמען. זי האָט זיך אויך ערוואָרבען אַ נאָמען אין דער טעאַטער וועלט, טיילווייז מיט איהר שעהנקייט, (אין טעאַטער־קרייזען פּלעגט מען אָפּט הערען, אַז זי האָט די וואונדערבאַרסטע פיגור אין פּאַריז), אָבער הויפּט־זעכליך אַלס שוישפּילערין. קיין קאָנקורענטקע צו ראַשעל׳ען איז זי יעדענפאַלס ניט געווען. דערפאַר אָבער האָט זי איהר איבערגע־לעבט מיט ניט וועניגער ווי פיר־און־פערציג יאָהר!

* * *

פאַר ראַשעל׳ס דעביו (ערשטער ארויסטריט) האָט סאַנסאָן מיט וועדעל׳ס צושטימונג אויסגעקליבען די הויפּט־ראָלע אין דער קלאַסישער טראַגעדיע „האָראַציוס", איינע פון די וויכטיגסטע ווערק פון דעם באַריהמטען פראַנצויזישען דראַמאַטורג־פּאָעט קאָרנעיל — אַזוי שטאַרק האָבען סאַנסאָן און וועדעל געגלויבט אין דעם טאַלאַנט פון דער 17־יאָהריגער מיידעלע.

* * *

זייענדיג שוין אַן אַקטריסע אין דעם גרעסטען טעאַטער פון פראַנקרייך, און שפּילענדיג די וויכטיגסטע ראָלען, האָט זי אין דער היים נאָך אַ געוויסע צייט אַליין געמוזט פיהרען די הויז, געהן אין מאַרק איינקויפען פאַר דער קיך, אַליין צוגרייטען און פאַרבעטען אַלע בעטען. וואָרים די פאַמיליע איז אַלץ געווען אָרים, און וועגען האַלטען אַ דינסט האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין. איהרע ערשטע ראָלען האָט זי געלערענט אין שטוב, שיילענדיג קאַרטאָפעל, שאַ־בענדיג מעערען, און אכטונג געבענדיג אויף איהרע קליינע שוועס־טערעל און ברודערעל — דינה און רפאל.

אַכטער קאַפּיטעל

דער אמת׳ער אָנהויב פון ראַשעל׳ס קאַריערע. — וואָס איז פאָרגעקומען? — אַ וואונדער?

צוערשט אַ פּאָר שורות וועגען דעם טעאַטער, אין וועלכען ראַשעל האָט אויפגעבויט איהר קאַריערע.

ער עקזיסטירט נאָך היינט. ער עקזיסטירט שוין ביי דריי

הונדערט יאָהר; און — ווי שוין געזאָגט — ער איז דער וויכ־טיגסטער טעאַטער אין פּאַריז. דאָס איז אַ נאַציאָנאַלע אינסטיטו־ציע. ער ווערט אויפגעהאַלטען און געפיהרט פון דער רעגירונג. מען רופט איהם ענטוועדער „קאָמעדי פראַנסעז” אָדער „טעאַטער פראַנסע” (דער ערשטער נאָמען האָט ניט צו טאָן מיט דעם כאַ־ראַקטער פון די פּיעסען, וואָס ווערען אין איהם געשפּילט; וואָרים קאָמעדיען שטעלט מען דאָרטען זעלטען. עס איז גראָד אַ טעאַטער פאַר ערנסטער דראַמע אָדער טראַגעדיע, ווי מען פלעגט דאָס רופען אין ראַשעל'ס צייטען און נאָך אַ סך פריהער. כדי אויסצומיידען מיספאַרשטענדניסען וועלען מיר איהם הויפּטזעכליך רופען „טע־אַטער פראַנסע”.

די געביידע שטעהט אין דעם רעכטען צענטער פון פּאַריז, אין דעם לעבעדיגסטען פונקט פון שטאָדט.

* * *

ראַשעל האָט אין דעם „טעאַטער פראַנסע” אָנגעפאַנגען צו שפּילען אין די זומער־מאָנאַטען, ווען באַלעבאַטישע פאַמיליעס גע־פינען זיך ניט אין שטאָדט, און די ערשטע פאָרשטעלונגען האָט זי געגעבען כמעט פאַר לעדיגע הייזער.

ס'זיינען אריבערגעגאַנגען ביי דריי מאָנאַט. דער מיטעלער און רייכער עולם האָט זיך אומגעקעהרט אין שטאָט, און — אין דער פּאַריזער טעאַטער־וועלט האָט געגומען קאָכען ווי אין אַ קעסעל. עס איז פּאָרגעקומען דאָס מערקווירדיגסטע, וואָס האָט ווען עס איז פּאַסירט אין דער פראַנצויזישער טעאַטער־וועלט. ווי אַ גרויסע איבערקעהרעניש האָט עס אויסגעזעהן.

און דער צענטער דערפון, די העלדין פון דער סענסאַציע, איז געווען די 17־יעהריגע אידישע מיידעלע, ראַשעל פעליקס. ווען אין איינעם פון יענע טעג, אין נאָוועמבער אָדער דעצעמבער, האָט מען ביי אַ באַריהמטען פראַנצויזישען שריפטשטעלער געפרעגט, וואָס עס איז די וויכטיגסטע נייעס, איז זיין ענטפער געווען: „די וויכטיגסטע נייעס איז ראַשעל”.

דאָס וואָס מיט איהר איז פאָרגעקומען אין יענע עטליכע מאָנאַט, האָט מען דאַן אָנגערופען מיט דעם וואָרט „וואונדער”. דעם דורכשניטליכען לעזער וואָלט אָבער ניט מעגליך געווען צו האָבען אַ באַגריף אין וואָס דער ראַשעל וואונדער איז באַשטאַנען,

סיידען ער זאָל צוערשט האָבען א באַגריף וועגען דעם זאָרט פּיע־סען, וואָס פּאַריז פּלעגט אין יענע יאָהרען האַלטען פאַר די וויכ־טיגסטע.

ראַשעל'ס געשיכטע איז פול מיט ראָמאַנטישע און אַנדערע סענסאַציעס. אָבער די גרעסטע סענסאַציע וועגען איהר איז דער פאַקט, אַז די געבילדעטסטע לייט האָבען דיזע אונוויסענדע מיידעל אַפּלאָדירט מיט באַגייסטערונג ניט בלויז פאַר איהר טאַלאַנט, נאָר הויפּטזעכליך ווייל זיי האָבען אין איהר געזעהן א רעטעריין פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור און זאָגאַר פון דער פראַנצויזישער שפּראַך. ווי אַזוי דאָס איז געוועז, מוז מען פאַרשטעהן. אויב ניט, וואָלטען די אַנדערע ראַשעל סענסאַציעס ניט אויסגעזעהן פולשטענדיג נאַטירליך.

* * *

דער פאָלגענדער ביישפּיל וועט דעם לעזער'ס אויפגאַבע פאַר־גרינגערען (זאָל ער זיך פאָרשטעלען, אַז די געשיכטע קומט פאָר אין אונזער צייט):

שעקספּיער, וועלכער איז שוין 322 יאָהר טויט, איז נאָך אַלץ דער שטאָלץ פון דער ענגלישער ליטעראַטור און דער ענגלישער ביהנע. א טעאַטער, אין וועלכען מען פיהרט אויף זיינע ווערק, רעכענט זיך פאַר דעם וויכטיגסטען. אום צו קענען שפּילען אין איהם, פאָדערט זיך ניט בלויז טאַלאַנט, נאָר אויך בילדונג. היינט מאָלט אייך אין אייער געדאַנק, אַז אין לאָנדאָן געהען אוועק צוועלף אָדער פופצעהן יאָהר און מען קען דאָרטען ניט שטע־לען שעקספּיר'ס טראַגעדיעס, ווייל עס איז ניטאָ אַזא אַקטיאָר, וואָס זאָל זיין פעהיג צו נעהמען די הויפּט־ראָלען אין זיי. בעלנים זיינען פאַראַן, אָבער זייער שפּילען איז פאַר אַזעלכע ווערק ווי „האַמ־לעט", „אָטעלאָ" אָדער „מאַקבעטה" א „חלול השם".

נו, באַווייזט זיך אין לאָנדאָן אַן אומוויסענדער אידישער אימיגראַנט, דער זוהן פון א פּוילישען אָדער ליטווישען פּעדלער, און ער טרעט אַרוים אין די דאָזיגע פּיעסען, ער שפּילט אויף אַזא שטייגער, אַז די פּראָפעסאָרען פון אָקספאָרד און פון קעימברידזש און די העכסטע דראַמע־קריטיקער פון דער לאָנדאָנער פּרעסע קענען ניט געפינען קיין ווערטער אויסצודריקען זייער ענטציקונג און

באוואונדערונג. עס איז די גרויסע סענסאַציע פון דעם טעאַטער סעזאָן, און עס הערען זיך ווערטער פון באַגייסטערטער דאַנקבאַר־קייט צו דעם אידישען אימיגראַנט פאַרוואָס ער ראַטעוועט די קלאַסישע ענגלישע ליטעראַטור און ביהנע.

אָט דאָס האָט אין יאָהר 1838 פּאַסירט אין פּאַריז מיט דער טאָכטער פון אַ געוועזענעם פעדלער, אַ איד מיט'ן נאָמען יאַקאָב פעליקס. אַבסאָלוט דאָס זעלבע. בלויז אַנשטאַט שעקספּיר דאַרף מען שטעלען די צוויי נעמען קאָרנעיל און ראַסין, און אַנשטאַט די ווערטער „דער זוהן פון אַ „פּוילישען פעדלער" — „די טאָכטער פון אַ דייטש־רעדענדען פעדלער".

קאָרנעיל און ראַסין זיינען צוויי פראַנצויזישע פּאָעטען פון דעם זיבעצעהנטען יאָהר־הונדערט, וועלכע האָבען אין אַ פּאָעטי־שער שפּראַך געשריבען טראַגעדיעס פאַר דער ביהנע; און אינ־טעליגענטע פראַנצויזען, ליבהאָבער פון דער פראַנצויזישער ליטע־ראַטור, האָבען זיי פאַרגעטערט.

די פראַנצויזישע שרייבער קאָרנעיל און ראַסין. — די שוישפּילער טאַלמאַ און מאַדמואַזעל מאַרס

קאָרנעיל און ראַסין האָבען דעם אינהאַלט פון זייערע דראַ־מאַטישע ווערק גענומען מייסטענס ביי קלאַסישע שריפטשטעלער; דאָס הייסט ביי שרייבער פון צוויי־דריי טויזענט יאָהר צוריק, ווען די דענקער, דיכטער און קינסטלער פון דער וועלט זיינען געווען איינוואוינער פון גריכענלאַנד און רוים.

אין איין פאַל האָט ראַסין פאַרפאַסט אַ פּיעסע פון אַ געשיכטע, וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין צייט, האָט ער זיך ענטשולדיגט דערפאַר, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ פאַרשוועכונג פון דער דראַמאַטישער ליטעראַטור.

אין זייערע באַריהמטסטע טעאַטער־שטיק האַנדעלט זיך וועגען גאַנץ פאַרצייטיגע מענשען, וועגען קינדער אָדער אייניקלעך פון געטער און געטינען אָדער פון אַנדערע אוננאַטירליכע באַשעפעני־שען; און עס קומען פאַר משונה'דיגע פּאַסירונגען. די שפּראַך איז שעהן. אָבער דער אינהאַלט איז שונד.

מען מוז אָבער מודה זיין, אַז די דאָזיגע ווערק האָבען אין זיך אַ שטאַרקען דראַמאַטישען אינטערעס. עס איז דאָ וואָס צו שפּילען.

אַ טאַלאַנטפולער און טעמפּעראַמענטפולער אַקטיאָר שטעלט זיך פאָר, אַז דאָס זיינען ניט קיין געטער אָדער ווילדע באַשעפעני־שען, נאָר מענשען מיט מענשליכע געפיהלען, מענשליכע פרייד, טרויער, אַנגסט, ניט־פאַרגינערייט, אייפערזוכט א. א. וו.

*　*　*

כמעט יעדער מענש איז אַ פּאַטריאָט פון זיין מוטער־שפּראַך. די פראַנצויזען אָבער האָבען דעם דאָזיגען מין פּאַטריאָטיזם אין אַ באַזונדער גרויסער מאָס. קאָרנעיל׳ס און ראַסין׳ס שעהנע שפּראַך רופט דעריבער אין זיי אַרויס באַוואונדערונג און תענוג. און ניט בלויז די שפּראַך, נאָר אויך די ליטעראַטור וואָס זיי האָבען אויף איהר געשאַפען. אַ שוישפּילער דאַרף אָבער קענען זייערע ווערטער און פראַזען אַרויסרעדען אויף דעם ריכטיגען אינטעליגענט־פראַנצויזישען שטייגער.

דאָס איז די אויסערליכע זייט פון שפּילען די קלאַסישע ווערק. די אינערליכע זייט באַשטעהט אין פאָרשטעלען די דראַמאַטישע מאָמענטען קרעפטיג און שעהן, אין אַרויסרופען שטאַרקע געפיה־לען ביי די צוהערער.

דאָס אַלץ האָט די טאָכטער פון דעם אידישען פּעדלער דורכ־געפיהרט אַזוי, אַז געבילדעטע פראַנצויזען האָבען איהר אַפּלאָ־דירט מיט אַ באַגייסטערונג, וועלכע מען האָט אין אַ פּאַריזער טעאַטער שוין לאַנג ניט געהאַט געזעהן.

ווען דער גרויסער נאַפּאָלעאָן איז געווען מעכטיג, פלעגט ער ליב האָבען צו זעהן קאָרנעיל׳ס אָדער ראַסין׳ס ווערק אין דעם זעלבען טעאַטער, וואו ראַשעל האָט איצט אָנגעהויבען צו שפּילען. דאַן האָבען דאָרטען געשפּילט דער גרויסער שוישפּילער טאַלמאַ און מאַדמואַזעל מאַרס, וועלכע איז אויך געווען זעהר באַליבט און באַריהמט. טאַלמאַ איז שוין אָבער איצט געווען עלף יאָהר טויט, און מאַדמואַזעל מאַרס איז שוין געווען אַלט. קיין אַנדערע גרויסע קרעפטען, וואָס זאָלען שפּילען קאָרנעיל אָדער ראַסין ווי עס בעדאַרף צו זיין, האָבען זיך אַלץ ניט געפונען; און געהן זעהן אַ קאָרנעיל

פיעסע מיט אַ „נישקשה׳דיגע״ קראַפט אין אַ הויפּט־ראָלע, האָט דער עולם קיין חשק ניט געהאַט. פלעגט דער „טעאַטער פראַנסע״ פוסטעווען, און די געבילדעטע קלאַסען האָבען געזיפצט און באַקלאָגט זיך, אַז די אוצרות פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור ווערען פאַרגעסען און פאַרלאָרען.

נײַנטער קאַפּיטעל

דער אינהאַלט פון דער ערשטער פּיעסע, וואָס ראַשעל האָט געשפּילט אין דעם „טעאַטער פראַנסע״ און איהר ראָלע אין איהר

מיר וועלען דאָ דערצעהלען וואָס פאַר אַן איינדרוק ראַשעל האָט געמאַכט מיט איהר ערשטען אַרויסטריט אין דעם „טעאַטער פראַנסע״, און צו וועלכע רעזולטאַטען דאָס האָט געפיהרט. עס איז אָבער וויכטיג, אַז דער לעזער זאָל פריהער באַקאַנט ווערען מיט דער פּיעסע און מיט ראַשעל׳ס ראָלע אין איהר. אָהן דעם וואָלט ער געווען אין דער לאַגע פון איינעם, וואָס הערט זיך צו צו אַ געשפּרעך וועגען אַן ענין וואָס איז איהם אינגאַנצען פרעמד.

די פּיעסע איז געווען אַ טראַגעדיע פון פּיער קאָרנעיל, איינע פון זיינע באַריהמטסטע ווערק. דער נאָמען פון דער טראַגעדיע איז „האָראַציום״, ריכטיגער געזאָגט „די האָראַציוסעס״, דאָס הייסט די משפּחה, וואָס טראָגט דיזען פאַמיליען־נאָמען. ראַשעל האָט אין איהר געשפּילט די ראָלע פון קאַמיללאַ (קאַמיל אויף פראַנצויזיש), וועלכע איז די הויפּט־ראָלע.

עס האַנדעלט זיך וועגען מענשען פון רוים און זייערע נאָהענטע שכנים, איינוואוינער פון אַלבאַ, פון אַ גאָר אַלטער צייט, העכער ווי מיט צוויי טויזענד פינף הונדערט יאָהר צוריק. רוים, וועלכע איז שפּעטער געוואָרען אַן אַלמעכטיגע אימפּעריע מיט אַ הויכער ציוויליזאַציע און האָט געהערשט איבער פילע לענדער, איז נאָך דאַן געווען קליין און ווייניג ענטוויקעלט; האַלב־ווילד, איינגענטליך. וואָס מען ווייס וועגען דעם דאַמאַלסדיגען לעבען דאָרט

איז דעריבער דורכגעמישט מיט לעגענדעס, „באָבע מעשיות.”
דאָך רעדען די דאָזיגע האַלב־ווילדע מענשען ביי קאַרנעיל׳ען ווי מענשען, וואָס האָבען געענדיגט אַ היינטיגען אוניווערזיטעט אָדער מיט אַ שפּראַך פון שיר השירים. אָבער אויף אַזעלכע זאַכען פרעגט מען קיין קשיות ניט.

* * *

נאָהענט לעבען רוים האָט זיך געפונען אַ געגענד מיט׳ן נאָמען אַלבאַ. יעדע פון די צוויי פּלעצער איז געווען אַ זעלבסטשטענדיגע מלוכה, הגם זיי האָבען גערעדט די זעלבע שפּראַך (לאַטיין). אַזוי ווי זיי זיינען געווען זעהר נאָהענטע שכנים, זיינען די צוויי פעלקער אָדער שבטים געווען דורכגעמישט דורך הייראַטען. עס איז ניט געווען קיין פאַמיליע אין רוים, וואו עס זאָל זיך ניט געפינען אַ שנור, אָדער אַן איידעם, אָדער ביידע צוזאַמען, פון אַלבאַ; און פאַרקעהרט: אין אַלבאַ האָבען זיך געפונען פילע זיהן און טעכטער פון רוים אַלס מיטגלידער פון דאָרטיגע הויז־געזינדען.
אָט אויף דעם דאָזיגען צוזאַמענמיש פון רוימישע און אַלבאַנישע משפחות איז געבויט דער פונדאַמענט פון דער פּיעסע.
רוים ווערט שטאַרקער און שטאַרקער. זי פּלאַנעוועט איינצונעמען אַנדערע לענדער; און דערפון קומט אַרויס אַ צוזאַמענשטויס צווישען איהר און אַלבאַ. מען ערוואַרט מלחמה — אַ בלוטיגע שלאַכט צווישען שוואָגערס, קאָזינס, זיידעס און אייניקלאַך, פעטערס און פּלימעניקעס.
מיר גיבען די נעמען ניט אויף פראַנצויזיש, נאָר אויף לאַטיין; אַזוי קלינגט בעסער אויף אידיש.

די הויפּט־מענער־ראָלען אין דער פּיעסע שטעלען פאָר:
אַן אַלטען רוימער מיט׳ן נאָמען האָראַציוס.
איינעם פון זיינע דריי זיהן
און אַן אַלבאַנער מיט׳ן נאָמען קוריאַציוס.
די וויכטיגע פרויען־ראָלען זיינען:
קאַמיללאַ, וועלכע איז אַ טאָכטער פון דעם אַלטען האָראַציוס.
און סאַבינאַ, די פרוי פון דעם יונגען האָראַציוס. זי איז אַן אַלבאַנערין, און קוריאַציוס איז איהר ברודער (זיי האָבען נאָך צוויי ברידער).

קאמיללאַ איז קוריאַציוס'עס כלה. זי איז פאַרליבט אין איהם. פאַראַן נאָך אַ פּרויען־ראָלע — יוליאַ — אָבער ניט קיין וויכטיגע.

עס זיינען אויך פאַראַן מענער־ראָלען פון אַ רוימער וואָס ליבט קאַמיללאַ'ן, אָבער צו וועמען זי איז גלייכגילטיג, און פון דעם רוימישען קעניג טולוס.

ראַשעל האָט אלזאָ געשפּילט די פאַרליבטע קאַמיללאַ.

דער צוזאַמענשטויס צווישען די צוויי שבטים לאָזט זיך פיהלען אין די הערצער פון די צוויי פרויען אויף צוויי פאַרשידענע אַרטען. סאַבינאַ איז טריי איהר רוימישען מאַן און צוליב איהם איז זי אויך טריי רוים. מען פאַרלאַנגט אָבער פון איהר, אַז זי זאָל אינגאַנצען פאַרגעסען אָן איהר פאָטערלאַנד אַלבאַ; און דאָס איז איהר אונמעגליך צו טאָן. זי וואָלט וועלען זיין טריי ביידע לענדער, אָבער אַזוי ווי דאָס קען מען ניט, פיהלט זי זיך צווישען צוויי פייערען.

גאַנץ אַנדערש פיהלט קאַמיללאַ. זיין טריי אי איהר געליבטען פון אַלבאַ, אי איהר אייגענעם פאָטערלאַנד, רוים, וויל זי גאָר ניט. איהר ליבע איז איהר גאַנצער לעבען, און דאָס טרייבט פון איהר הארצען אַרויס איהר געפיהל צו רוים.

עס קומט אָן גוטע נייעס: קיין מלחמה צווישען רוים און אַלבאַ וועט ניט זיין.

אין אַלבאַ איז ניטאָ קיין קעניג, נאָר סתם אַ הערשער, אַ דיקטאַטאָר. אַלזאָ, קומט דער דאָזיגער דיקטאַטאָר צום קעניג פון רוים און זאָגט צו איהם: אַז די שכנים, וועלכע זיינען צוזאַמענגעבונדען מיט הייראַטען, זאָלען פאַרגיסען איינער דעם אַנדערען'ס בלוט האָט ניט קיין זין. ער האָט אַן אַנדער פּלאַן: זאָל יעדער צד אויסקלייבען ביי זיך דריי קעמפער — דריי פון אַלבאַ און דריי פון רוים. די צוויי דרייער־קאָמיטעס זאָלען זיך שלאָגען איינער מיט דעם אַנדערען, און דער זיג פון דריי זאָל אַנערקענט ווערען אַלס אַ זיג פון דעם שבט, צו וועלכען זיי געהערען. דער אַנדערער שבט זאָל זיך דאַן אונטערגעבען און די צוויי שבטים זאָלען ווערען איין פאָלק.

דער פּלאַן ווערט אָנגענומען און אַלס די קעמפער קלייבט מען גראָד אויס אַלע דריי ברידער האָראַציוס, פון איין צד, און אַלע דריי ברידער קוריאַציוס פון דעם אַנדערען צד.

דער קאמף קומט פאָר; ביידע פעלקער וואַרטען אויף דעם רעזולטאַט. א רוימישע דאַמע ברענגט א נאַכריכט, אז צוויי פון די האָראַציוס ברידער זיינען געפאַלען טויט און אז דער דריטער, סאַבינאַ'ס מאַן, איז אנטלאָפען. ווען דער אַלטער האָראַציוס דערהערט עס, פאַרדאַמט ער זיין זוהן און רעדט מיט ביטערניש פאַרוואָס ער האָט ניט געאָפּפערט זיין לעבען פאַר זיין פאָטערלאַנד. ווי אַזוי וועט די פאַמיליע איבערטראָגען אזא שאַנדע? — פרעגט ער מיט צאָרן און מיט טרויער.

די רוימישע פרוי, וועלכע האָט איהם געבראַכט די טרויעריגע נייעס, זאָגט צו איהם: „ער האָט זיך אָבער ניט געקענט העלפען. ער איז דאָך געבליבען איינער אַליין געגען דריי. וואָס האָט ער געקענט טאָן?"

— „שטאַרבען האָט ער געקענט!" — ענטפערט דער פאָטער.

ער האָט, הייסט עס, געדאַרפט קעמפען ביז'ן לעצטען טראָפּען בלוט ווי אַן עהרען מאַן, און ניט פאַרפלעקען דעם שעהנעם בראַווען נאָמען פון זיין פאַמיליע. אין דעם זעלבען גייסט פון פאַטריאָטיזם, מוט און באַגעהר זיך צו אָפּפערען פאַר'ן פאָטערלאַנד, רעדען אַלע מענער אין דער פּיעסע. די ווערטער, „שטאַרבען האָט ער געקענט", זיינען געוועהן צווישען די פראַזען, וועלכע דער אינטעליגענטער פראַנצויזישער עולם פלעגט איבערזאָגען ווידער און ווידער. מען האָט זיך געקוויקט מיט זיי.

דערנאָך ווייזט זיך אַרויס, אז האָראַציוס איז אַנטלאָפען ניט ווי א פייגלינג, נאָר פאַרקעהרט — ווי א העלד. ער איז געלאָפען מיט א כיטרען צוועק:

די דריי ברידער קוריאַציוס זיינען טאַקע געבליבען לעבען. זיי זיינען שוין אָבער געוועזן פאַרוואונדעט. אַלזאָ, האָט זיך דער יונגער האָראַציוס, סאַבינאַ'ס מאַן, געקלעהרט: ווען ער זאָל זיך שטעלען געגען די אַלע דריי מיט אַמאָל, וועלען זיי איהם בייקומען, טראָץ זייערע וואונדען; און רוים וועט פאַרלירען. אַלזאָ, וועט ער כלומר'שט אַנטלויפען. די דריי קוריאַציוס ברידער וועלען זיך געוויס נאָכיאָגען נאָך איהם! זיי וועלען אָבער ניט אַלע לויפען מיט דער זעלבער שנעלקייט. צוליב זייער פאַרוואונדעטען צושטאַנד, האָבען זיי ניט אַלע די זעלבע כוחות. וועט ער, האָראַציוס, זיך קענען שטעלען געגען יעדען פון זיי באַזונדער.

און אזוי איז טאקע געווען: זיי האבען איהם אטאקירט איינציגווייז און מיט יעדען פארוואונדעטען קוריאציוס באזונדער האט דער יונגער האראציוס זיך לייכט געקענט ספראווען.

די דריי קוראציוס ברידער פאלען אלזא פון זיין שווערד און ער קומט א זיגרייכער אהיים, ברענגענדיג מיט זיך זייערע שווערדען אלס טראפעען (אנדענק־באווייזע פון א זיגרייכען קעמפער).

* * *

די וויכטיגסטע און שטארקסטע שטעלען פון דער פיעסע בכלל און פון קאמיללא'ס ראלע בפרט

איך גיב די דאזיגע סצענעס דא אינגאנצען, אין א פרייער, אבער פינקטליכער איבערזעצונג, וואס איך האב געמאכט פאר'ן „פארווערטס". מען דארף ניט פארגעסען, אז דאס גאנצע ווערק איז געשריבען אין פערזען. איך גיב איבער די געשפרעכען אין פראזע — אויף א לייכטען, געוועהנליכען אידיש. דער אינהאלט און גייסט פון דעם אריגינאל ווערט אבער שטרענג נאכגעפאלגט.

דאס פאלגענדע ענטהאלט אלזא די דראמאטישסטע סצענעס פון דער פיעסע „די האראציוסעס" און פון ראשעל'ס ראלע אין איהר.

האראציוס (דער פאטער) צו קאמיללא זיין טאכטער, ווען זי וויים שוין, אז איהר געליבטער איז טויט: — איצט, טאכטער מיינע, איז ניט די צייט צו גיסען טרעהרען. זיי פאסען זיך ניט צו דעם כבוד און צו דער פרייד, וואס מיר האבען פון אונזער זיג. וויינען איבער פערזענליכע אומגליקען, ווען דורך זיי האט אונזער פאטערלאנד א גרויסען טריאומף — דאס איז ניט שעהן, מיין טאכטער. רוים האט באזיגט אלבא — דאס איז גענוג! דורך דעם ווערען אלע צרות פארגעסען. דיין געליבטער איז טויט. איין מענש איז אומגעקומען. נו, וועט רוים אויף זיין פלאץ דיר צושטעלען אן אנדערען! נאך דעם גלאררייכען זיג פון אונזער משפחה, איז ניטא אזא רוימער וואס וועט זיך ניט שעצען גליק־ליך צו בעטען דיין האנט. איך מוז זיך אבער איילען צו סאבינא'ן;

איהר איבערגעבען די נייעס. סאבינא נעבאך! אויף איהר איז א רחמנות! דריי ברידער איהרע זיינען געפאלען טויט. און פון וועמענס האנט? פון איהר מאנ׳ס. איהרע טרעהרען וועלען האבען מעהר זין. וועניגסטענס, מעהר ווי דיינע. איהר קומער וועט אבער איבערגעהן; און דאן, האף איך, וועט אויף איהר ווירקען דער הויכער מוט פון איהר נשמה און די צערטליכע ליבע וואס עס איז איהר פליכט צו פיהלען צו אונזער זיגער, איהר מאן. די צערטליכע ליבע וועט ווערען די פאלשטענדיגע קעניגין איבער איהר נאבעלען הארץ. דיין שמערץ, טאכטער מיינע, איז אבער א פייגלינג־געפיהל, דו מוזט איהם אונטערדריקען. באלד וועט קומען דיין העלדישער ברודער, ווייז איהם, אז דו ביסט זיין שוועסטער; ווייז איהם, אז דער הימעל האט אייך ביידען באַ־שאפען אין איין פורעם און פון דעם זעלבען מעטאל. (דער אלטער האראציוס געהט אפ).

קאמילא (איינע אליין אויף דער ביהנע): — יא, איך וועל איהם באווייזען, אז אמת׳ע ליבע קען זיך שטעלען געגען דעם שיקזאל גופא. איך וועל איהם ווייזען, אז די טיראנען, וועלכע א בייזער גורל האט אונז געגעבען אלס עלטערען, קענען איבער דער ליבע ניט געוועלטיגען! מיין פאטער פארדאמט דעם וועהטאג פון מיין הארצען. ער ערלויבט זיך צו זאגען, אז דאס איז א געפיהל פון א פייגלינג . . . הארצלאזער פאטער! אט דערפאר וואס מיין טרויער ערגערט דיך, איז מיין טרויער מיר נאך טייערער! יא, איך וועל צערטלען מיין בענקעניש. זאל מיין שווערער געמיט זיין אזוי גרויס ווי מיין פינסטערער מזל! קען דען א מענשען זיין ערגער ווי מיר איז? אין איין טאג זיינען דורך מיין הארצען דורכגעגאנגען אזעלכע פארשידענע שטימונגען. צוערשט האט מיר געשיינט די ליכטיגע זון; דערנאך איז מיר פינסטער גע־ווארען. עס איז געקומען אומגליק נאך אומגליק. וואו איז דאס געהערט געווארען, אז איין נשמה זאל מוזען אויסשטעהן אזוי פיעל ענדערונגען? דא פרייד, דא אנגסט, דא האפנונג, דא שרעק. איך בין געוועזן אן אומגליקליך שפיל־צייג פון א בייזוויליגען שיק־זאל! דער אראקל (א געטליכע קראפט, וואס זאגט נביאות), האט צוערשט מיך דערפרעהט מיט ליכטיגע בשורות. דאן זיינען געקומען שרעקליכע חלומות, וועלכע האבען מיין רוה גערויבט!

מיין חתונה איז געווען נאָהענט, אָבער פּלוצלונג איז מיין חתן אַוועק קעמפען מיט מיינע ברידער, און איצט בין איך אין טרויער און פאַרצווייפלונג! צוערשט האָט זיך די שלאַכט אָפּגעשטעלט; אָבער דאַן האָבען די געטער ווידער געהייסען אָנפאַנגען. די אויסערוועהלטע קעמפער זיינען זיך צוזאַמענגעקומען. מען האָט באַריכטעט, אַז רוים איז באַזיגט. פון די דריי אַלבאַנער קעמפער איז מיין געליבטער געווען דער איינציגער, וואָס איז ניט באַפלעקט געווען מיט בלוט פון מיין משפחה!

געטער אין הימעל! האָב איך דען ווייניג געטרויערט אויף דער נידערלאַגע פון רוים, מיין פאָטערלאַנד, און אויף דעם טויט פון מיינע צוויי ברידער?

האָב איך דען געזינדיגט דערמיט וואָס איך האָב געגלויבט, אַז איך מעג מיין געליבטען ליבען, און אַז איך מעג האָפען, דאָס ער וועט נאָך זיין מיינער? און איצט? נאָך ווייניג וואָס איך בין באַשטראָפט מיט זיין טויט; ניט גענוג וואָס מיין הארץ ווערט צוריסען — קומט זיין זיגרייכער געגנער, מיין ברודער, און ער פּויקט מיר אין די אויערען אַ העסליכע מעשה, אַז רוים האָט געזיגט; און זיין פּנים שיינט מיט דער נידערלאַגע און טויט פון מיין הארצענס געליבטען. אויף מיין פאַרצווייפלונג בויט מיין ברודער מאָנומענטען צו רוים׳ס ריזיגער מאַכט. ער באָדט זיך אין די טרעהרען וואָס איך פאַרגיס איבער דעם ליבען און טייערען וואָס איך האָב פאַרלוירען.

און דאָס אַלץ איז נאָך גאָרניט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס איך מוז אויסשטעהן. אין דיזען שרעקליכען טאָג הייסט מען מיר זיך פרעהען און זינגען לויב-געזאַנגען צו דעם זיגער.

מען הייסט מיר קושען די האַנט, וואָס שטעכט אריין אַ שפּיז אין מיין הארצען.

די שווערע משא פון מיין אומגליק דריקט מיך און פּייניגט מיך אָהן רחמנות; אָבער דאָס איז נאָך ווייניג. מאַטערענדיג זיך מיט די יסורים, מוז איך אויסהערען מוסר, אַז צו באַוויינען מיין געליבטען איז אַ שאַנד, אַז צו זיפצען נאָך איהם איז אַ פאַרברעכען! לויט זייער באַרבאַרישען באַגריף פון גאָטספאָרכטיגקייט דאַרף איך זיך שעצען גליקליך אַזוי ווי די געטער וואָלטען מיר געגעבען זייער ברכה. איך פּיהל זיך אָבער ניט אַזוי

ווי זיי ווילען; דערפאר באטראכטען זיי מיך פאר א נידעריגע, אוננאטירליכע באשעפעניש.

זאָל זיין אזוי! איך בין צופרידען צו זיין א „נידעריגערע באַשעפעניש" איידער מיין ברודער, דער העלד. איך בין ניט ווערט צו זיין א שוועסטער פון אזא גרויסען מאַן.

אויב צו האָבען מוט און צו פיהלען ווי א מענש, הייסט אונמענשליכקייט, איז מיין הארץ שטאָלץ מיט אזא אונמענשליכקייט.

פלאַקער אויף מיין קומער! קיין זאַך אין דער וועלט טאָר דיר ניט שטערען! איך האָב פארלאָרען אלץ וואָס מיר איז טייער. מעהר האָב איך שוין ניט וואָס צו פארלירען. איך האָב ניט וואָס מורא צו האָבען. קיין רעספעקט פון דעם ווילדען העלד דארף איך ניט. איך וועל איהם שטערען מיט וואָס איך קען נאָר. איך וועל איהם ניט אויסמיידען, נאָר פארקעהרט, איך וועל זיך איהם שטעלען אין וועג ווען נאָר איך וועל האָבען א מעגליכקייט. איך וועל אַרונטעררייסען זיין זיג, אויפרייצען זיין צאָרען. זיין ערגערניש וועט זיין מיין פארגעניגען. אָט קומט ער! וועל איך איהם ווייזען וואָס עס הייסט ליבען און וואָס א ליבענדע הארץ פיהלט צו איהר געשטאָרבענעם געליבטען.

(עס קומט אריין איהר ברודער האָראציוס, און הינטער איהם טראָגט א סאָלדאט די דריי שווערדען פון די דריי געפאלענע קוריאציום ברידער).

האָראַציוס — קוק, שוועסטער מיינע! קוק אָן די האַנט, וואָס האָט אונזער שיקזאָל פון א נידערלאַגע אין זיג פארוואַנדעלט; די האַנט וואָס האָט נקמה גענומען פאר דעם טויט פון אונזערע צוויי ברידער און געוואונען די אַלבאַ מדינה פאר רוים; די האַנט וואָס האָט צוויי מלוכות אונטער רוים פאראייניגט. קוק אויף די וואַפען, וואָס איך האָב געוואונען דורך קאַמף. באַקוק די שטומע עדות פון אונזער מיליטערישען כבוד! באַטראַכט זיי, שוועסטער, און גיב מיר די קאָמפלימענטען וואָס מיר קומט.

קאַמיללאַ — וואָס דיר קומט? איך וויים נאָר וואָס מיין געליבטען קומט פון מיר. טרעהרען נאָך איהם, דאָס קומט איהם פון מיר!

האָראַציוס — אין אַזאַ יום טוב פון זיג קען רוים קיין טרעהרען ניט פאַרטראָגען; און וואָס אָנבאַטרעפט אונזערע צוויי געפאַלענע ברידער, האָט דער שונא מיט זיין בלוט געגוג באַצאָלט פאַר זיי. טרעהרען זיינען איבעריג. אַ שאָדען, פאַר וועלכען מען האָט נקמה גענומען, איז שוין מעהר ניט קיין שאָדען.

קאַמילאַ — וויבאַלד דער טויט פון אונזערע ברידער איז שוין באַצאָהלט און וועגען זיי איז שוין ניט נויטיג צו וויינען, וועל איך זיי שוין ניט באַוויינען. ווער וועט אָבער נקמה נעמען פאַר דעם טויט פון מיין טייערען געליבטען? ווער וועט זיין פאַרלוסט אָפּמעקען?

האָראַציוס — הא, וואָס זאָגסטו, שוועסטער מיינע?

קאַמילאַ — אָה, מיין טייערער קוריאַציוס!

האָראַציוס — ווי שעהמסטו זיך ניט אַזוי צו רעדען, אומווירדיגע שוועסטער וואָס דו ביסט! איך קעהר זיך אום פון דעם שלאַכט־פעלד אַ זיגרייכער איבער דעם שונא פון רוים און געפין זיין נאָמען אויף דיינע פאַררעטערישע ליפּען. אין דיין הארצען טראָגסטו נאָר ליבע צו איהם; אַ פאַרברעכערישע ליבע, וואָס דורשט נאָך נקמה פאַר איהם! אונטערדריק די עקעלהאַפטע ליידענשאַפט דיינע! איך ווער רויט פון שאַנדע ווען איך הער דיך זיפצען נאָך איהם! פאַרטרייב די ליבע פון דיין הארץ! האָב אין זינען נאָר איין זאַך: די דריי שווערדען, די דריי אָנדענקצייכענס פון מיין זיג!

קאַמילאַ — טאָ גיב מיר אַזאַ הארץ ווי דיינס, דו מערדער! רעדסט וועגען דער איינציגער זאַך, וואָס איך דאַרף האָבען אין זינען? ווילסט וויסען דעם איינציגען געדאַנק פון מיין מוח? אָט איז ער: ענטוועדער קעהר מיר צוריק מיין קוריאַציוס, אָדער לאָז מיך צו רוה! מיט זיין שיקזאַל איז געוועזן פאַרבונדען מיין האָפנונג און אויך מיין פאַרצווייפלונג. ווען ער האָט געלעבט, האָב איך איהם געליבט, און איצט, אַז ער איז טויט, באַוויין איך איהם. אויב דו מיינסט, אַז דאָ שטעהט פאַר דיר איצט די זעלבע שוועסטער, וואָס דו האָסט איבערגעלאָזען, ווען דו ביסט אַוועק אין שלאַכט, האָסטו אַ טעות. דאָ שטעהט פאַר דיר די פאַרליבטע פרוי, געגען וועמען דו ביסט אַ באַרבאַרישען פאַרברעכען באַגאַנגען!

א פארליבטע פרוי בין איך, און ווי א בייזער שד וועל איך דיין יעדען טריט פארפאלגען. אהן אן אויפהער וועל איך דיך באשולדיגען אין דעם טויט פון מיין געליבטען! בלוט־דורשטיגער טיגער וואס דו ביסט! דו ווילסט מיר פארוועהרען צו וויינען נאך איהם? דו ווילסט מיך צווינגען דיינע העלדען־טאטען צו לויבען ביז צום הימעל? ווילסטו, אז מען זאל מיין געליבטען א צווייטען מאל ערמארדען, און איך זאל די מערדערין זיין? אה, זאלען די געטער אויף דיר שיקען אזעלכע אומגליקען, אז דו זאלסט מיר מקנא זיין מיין פארצווייפלונג! איך ווינש דיר, אז דעם גרויסען זיגרייכען נאמען דיינעם, מיט וועלכען דו ביסט אזוי שטאלץ, זאלסטו אליין באפלעקען מיט שאנדע.

האראציוס — וואו איז דאס געהערט געווארען, אז א פרוי זאל ארויסווייזען אזא ווילדען כעס? מיינסטו דען, אז אזעלכע גראבע באליידיגונגען וועל איך פארשווייגען? גלויבסטו, אז דאס בלוט אין מיינע אדערען קען פארטראגען אזא חרפה? לויב איהם! לויב דעם מענשען, מיט וועמענס טויט מיר זיינען שטאלץ, לויב דעם, וואס זיין אנדענק איז ביי דיר טייערער ווי די הייליגע פליכט וואס דו דארפסט באצאהלען צו דיין פאטער־לאנד!

דער פאלגענדער מאנאלאג איז אין דער ליטעראטור באקאנט אלס „די קללה” אדער „די תוכחה”. דאס איז די באריהמטסטע שטעלע אין דער פיעסע

קאמיללא (רעדענדיג צו איהר ברודער) — רוים, דער קוואל פון מיין צארן! רוים, צו וועמען דו האסט מקריב געווען מיין געליבטען! רוים, מיין געבורט־לאנד, וואס איז דיר אזוי ליב און וואס איך האס פאר דעם כבוד וואס זי גיט דיר אפ! הלואי זאלען אלע ארומיגע לענדער זיך פאראייניגען געגען דיר און פארניכטען דיין פונדאמענט! און זאל דאס געשעהן באלד, אט איצט, ווען דו ביסט נאך ניט פעסט און שטארק גענוג זיי בייצוקומען! און אויב אלע פעלקער פון איטאליע זיינען נאך ניט אימשטאנד דיך צו פארניכטען, זאל זיך פאראייניגען מזרח מיט מערב און צוזאמען דיך צושמעטערען! זאלען הונדערט

פעלקער פון די ווייטסטע ווינקעלאך פון דער ערד אריבערשווימען די ימים און אריבערמארשירען איבער די בערג דיך חרוב צו מאכען! רוים! זאלען דיינע ווענט צושמעטערט ווערען איבער דיין אייגענעם קאפ! מיט דיינע אייגענע הענט זאלסטו ארויס־רייסען די געדערים פון זיך! זאל דעם הימעל'ס פייערדיגסטער צארן ענטפערען אויף מיין געבעט און ארונטערשיקען אויף דיר כוואליעס פון פייער! איך בין מתפלל צו די געטער, אז מיינע אויגען זאלען זעהן ווי עס דונערט און בליצט מיט טויט אויף דיר; ווי דיינע הייזער זיינען אין פלאמען און דיינע זיגרייכע בלומען־קרענץ זיינען שטויב! אה, איך וויל זעהן ווי דער לעצטער רוימער ציהט זיין לעצטען אטעם־צוג. איך וויל זיין שולדיג אין דעם אלעם און שטארבען פון פארגעניגען.

הארציוס — אה, דאס איז שוין ניט אויסצוהאלטען! מיין געדולד מוז אפטרעטען דעם וועג צו צארן. אין גיהנום געה, דו פארפלוכטע! דארטען זוך דיין געליבטען! (ער פאר־מעסט זיך אויף איהר מיט א בלויזער שווערד. זי אנטלויפט און ער יאגט זיך נאך איהר.)

קאמילא (פון הינטער דער סצענע): — ראטעוועט! איך בין ערמארדעט!

הארציוס (צוריק אויף דער ביהנע): — אזוי זאל שטאר־בען יעדער פאררעטער, וואס וועט וואגען צו באוויינען א שונא פון רוים!

א רוימער: — וואס האסטו געטאן?

הארציוס: — א טאט פון גערעכטיקייט בין איך באגאנ־גען! פאר אזא פארברעכען ווי איהרער, קען קיין אנדער באלוי־נונג ניט זיין.

א רוימער: — דאס איז שוין א צו שטרענגע שטראף!

הארציוס: — ניין, און זאג מיר ניט, אז זי איז געווען מיין שוועסטער! דערמאן מיר ניט, אז זי איז פון דעם זעלבען בלוט ווי איך. מיין פאטער וועט זיך אפזאגען פון איהר. זי איז מעהר ניט געווען קיין טאכטער צו איהם. מיט דעם וואס זי האט גע־שאלטען איהר פאטערלאנד, האט זי זיך אליין אפגעריסען פון איהר משפחה. וואס שנעלער און שטרענגער מען באשטראפט אזא פרוי, אלץ פאסענדער איז די שטראף פאר איהר. אזא בא־

שעפעניש, ווי זי, האָט באַדאַרפט דערשטיקט ווערען גלייך ביי איהר געבוירען ווערען.

*　　*　　*

דאָס איז דער סוף פון פערטען אקט. עס איז אויך פאַראַן א פינפטער אקט, אָבער ער האָט ניט צו טאָן מיט אונזער ציל. מיר ווילען דאָ צולעגען בלויז א פּאָר ווערטער אום איבערצוגעבען מיט וואָס די פּיעסע ענדיגט זיך.

טוללוס, דער קעניג פון רוים, באַפעהלט, אז קאַמיללאַ'ס קערפּער זאָל מען לעגען אין איין קבר מיט דעם קערפּער פון איהר געליבטען. דאָס איז די באַפרידיגונג, וואָס קאַמיללאַ באַקומט! און דאָס טייטשט מען אויס אַלס א באַוויז, אז די נבואה פון דעם „אָראַקל" איז מקוים געוואָרען. בשעת קאַמיללאַ און קוריאַציוס האָבען נאָך געלעבט, האָט די געטליכע שטימע אויף קאַמיללאַ'ס א פראַגע געענטפערט, אז זי און איהר געליבטער ווילען פאַראייניגט ווערען. דאָס הייסט (אַזוי האָבען דאָס אַלע פאַרשטאַנען) אז זיי ווילען חתונה האָבען. נו, זיינען זיי דאָך טאַקע פאַראייניגט — האָט מען איצט געזאָגט — אין איין קבר!...

צעהנטער קאַפּיטעל

דער איינדרוק וואָס ראַשעל האָט געמאַכט דעם ערשטען אָוועגד און אין די נעקסטע פינף פאָרשטעלונגען

ראַשעל האָט אַלזאָ צו איהר דעביו (ערשטע פאָרשטעלונג) אין דעם „טעאַטער פראַנסע" געשפּילט אַלס קאַמיללאַ. ס'איז געווען א הייסער אָוועגד אין אויגוסט. דער עולם איז געווען זעהר קליין; און א היבשער טייל פון דעם קליינעם עולם האָט אפילו ניט געוואוסט איהר נאָמען.

דערפאַר איז אין איינע פון די לאָזשעס, מיט א קליינע קאָמפּאַני געזעסען די באַריהמטע אַלטע אקטריסע — מאַדמואַזעל מאַרס, וועלכע איז פריהער דערמאָנט געוואָרען. זי האָט שוין געהאַט געזעהן ווי ראַשעל שפּילט, און די אידישע מיידעל האָט

איהר פאַראינטערעסירט. איצט, מיט איהר דעביו, האָט זי אויף איהר ווידער געמאַכט אַ גוטען איינדרוק; און זיצענדיג אין דער לאָזשע מיט צוויי יונגע לייט האָט זי מיט זיי אַ סך דעבאַטירט, דורכאויס פאַרטיידיגט די יונגינקע אַקטריסע און אָנגעוויזען ווי גוט זי האַלט זיך, ווי גוט זי געהט אויף דער ביהנע, ווי נאַטירליך זי רעדט, ווי נאַטירליך זי שווייגט און הערט זיך צו ווען אַן אַנדער אַקטריסע רעדט צו איהר אויף דער ביהנע.

ווען ראַשעל האָט גענומען אַרויסרעדען די ערשטע ווערטער פון איהר ראָלע אַלס קאַמיללאַ, האָט די אַלטע קינסטלערין שטילערהייט אויסגערופען מיט באַגייסטערונג און מיט פרייד:

— אַהאַ! וואָס האָב איך געזאָגט? זי דעקלאַמירט ניט, זי רעדט אויף אַ נאַטירליכען שטייגער.

ניט יעדע אַקטריסע אָדער אַקטיאָר קען אַזוי רעדען אויף דער ביהנע. דאָס איז דער טייערסטער קאָמפּלימענט, וואָס מען קען אַ שוישפּילער געבען.

אַנדערע פון די אַנוועזענדע זיינען געווען גלייכגילטיג אָדער נאָך ערגער. צום ביישפּיל: איינער פון די צוויי מענער וואָס זיינען געזעסען מיט מאַדמואַזעל מאַרס אין איין לאָזשע, איז געווען שטאַרק ענטוישט ווייל ראַשעל שרייט ניט מיט ווילדע קולות אין שטעלען, וואו אַנדערע שוישפּילערינס טוען דאָס געוועהנליך. ער האָט גע'פּסק'נט, אַז איהר פעהלט ראָמאַנטישע קראַפט; און מאַדמואַזעל מאַרס'עס אַרגומענטען האָבען אויף איהם ניט געווירקט. אַז זי שפּילט ניט ווי אַלע, ניט „לויט דער מאָדע", נאָר אויף איהר אייגענעם שטייגער, האָט ער ניט געקענט פאַרשטעהן. אַ פּאָר פון די אַנדערע אַקטיאָרען פון דעם זעלבען טעאַטער האָבען נאָך דער פאָרשטעלונג געזאָגט, אַז „אין איהר ליגט עפּעס".

קיין אַלגעמיינע באַגייסטערונג איז ניט געווען, און די איינּנאַהמע איז געווען זעהר אַ קליינע. און דאָך האָט דירעקטאָר ווערדעל ניט פאַרלאָרען זיין גלויבען אין ראַשעל'ען. די דעביו פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען דעם 9טען אויגוסט, און ביז דעם 16טען פון דעם זעלבען מאָנאַט האָט ער איהר געלאָזען שפּילען זעקס פאַרשידענע פּיעסען — אַלע באַריהמטע קלאַסישע טראַ־

נעדיעס. דאָס איז אַ פּיעל גרעסערע צאָהל ווי מען גיט אַן אַקטיאָר אָדער אַקטריסע, וואָס האָט ניט קיין גרויסען ערפאָלג.

דאָס האָט אַרויסגערופען די איפּערזוכט און בייזוויליגקייט פון איינינע פון די עלטערע אַקטריסעס פון דעם „טעאַטער פראַנ־סע״ — שוישפּילערינס וואָס האָבען זיך גערוסען אַרויסצוקומען אין אַזעלכע וואַזשנע ראָלען, און זיינען אויסען געבליבען.

צו ראַשעל׳ס פאָרשטעלונגען זיינען געקומען אַ סך אידען, ניט קיין רייכע. עס זיינען אויך געקומען עטליכע פון די פּאַריזער ליטעראַטען, קינסטלער, זשורנאַליסטען. זיי האָבען זיך גענומען באַווייזען, הויפּטזעכליך, צו איהר צווייטער, דריטער פאָרשטע־לונג אָדער צו די ווייטערדיגע דריי. דער אינטערעס איז גע־וואַקסען, הגם פּאַמעלעך, ביסלאַכווייז, לאַנגזאַם.

אויף איינינע פון די געבילדעטע באַזוכער האָט ראַשעל גלייך געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. זיי האָבען אין איהר גע־זעהן אַן אָריגינעלען טאַלאַנט און אויך געבאָרענע אינטעליגענץ. עס זיינען אַנגעגאַנגען דעבאַטען. איהרע אָנהענגער האָבען גע׳־טענה׳ט, אַז זי געהט אויף איהר אייגענעם וועג, און אַז דאָס איז אַ בעסערער וועג ווי דער אַלטער. מען האָט אָנגעוויזען, אַז אויף אַ שטילען שטייגער דריקט זי אויס שטאַרקערע געפיהלען ווי שוישפּילער פון דער אַלטער שולע דריקען אויס מיט געשרייען און נעוואַלדען. מען פלעגט ערקלעהרען, אַז אין איהרען אַ שטי־לען וואָרט הערט זיך אָפט אַ טיפער טרויער, אָדער אַ פלאַקער פון צאָרן; אַז זי פיהלט דאָס אַלץ פון איהר טיפסטען האַרצען, און אַז דאָס הערט זיך ביי איהר אין אַ צוריקגעהאַלטענעם טאָן און זעהט זיך אין דעם פייער פון איהרע שוואַרצע אויגען.

דאָס הייסט ניט, אַז זי פלעגט דורכאויס ריידען שטיל אויף דער ביהנע. אָפט פלעגט זי בלויז די ערשטע מינוטען רעדען גע־לאַסען, אָבער דאָס איז אָפט געווען אַ געלאַסענקייט, וואָס איז אָנגעלאָדען מיט פּולווער; און דערנאָך, ביסלעכווייז, פלעגט דער פּולווער עקספּלאָדירען אין אַ שטורם פון געפיהל.

די וואָס האָבען איהר באַוואונדערט, האָבען גע׳טענה׳ט, אַז דער עיקר איז איהר אויפריכטיגקייט. צי שטיל, צי מיט אַ פלאַקער פון צאָרן אָדער גייסטיגען וועהטאָג — זי מאַכט אימער דעם איינדרוק, אַז זי פיהלט ווירקליך דאָס וואָס זי שטעלט פאָר.

סאַנסאָן איז מיט אַזעלכע ערקלערונגען וועגען ראַשעל'ען געווען איינפאַרשטאַנען. און ווערעל אויך. די צאָהל פון די וואָס האָבען איהר אָפּגעשאַצט גינסטיג, איז נאָך ניט געווען גרויס. די וויכטיגע קריטיקער פון דער פּרעסע האָבען זיך נאָך ניט געהאַט אומגעקעהרט פון זייער וואַקאַציע. און די פּרעסע האָט מיט די טעאַטערס זיך איבערהויפּט באַשעפטיגט ווייניגער ווי זי טהוט דאָס אין די ווינטער־מאָנאַטען. אלזאָ, האָבען ווערעל און סאַנסאָן געהאָפט, אַז שפּעטער אַביסעל וועט אַלץ בעסער ווערען.

עלפטער קאַפּיטעל

זשאַנען, דער קריטיקער, קומט. — „דער גרויסער וואונדער"

דער אויבען־דערמאָנטער זשול זשאַנען, דער טעאַטער קריטיקער, וואָס האָט אַזוי וואַרים געשריבען וועגען ראַשעל'ס שפּילען אין דער פּיעסע „לאַ וואַנדעען" אין דעם זשימנאַז טעאַטער, איז צו ראַשעל'ס ערשטע פינף פאָרשטעלונגען ניט געווען אין פּאַריז. ער האָט זיך דאַן געפונען אין איטאַליע אויף וואַקאַציע. זיינע אַרטיקלען פּלעגט ער שרייבען אין דער איינפלוסרייכער צייטונג „זשורנאַל דע דעבאַ", און ווי איך האָב שוין באַמערקט, האָט מען איהם געהאַלטען פאַר דעם וויכטיגסטען טעאַטער קריטיקער אין פראַנקרייך. אַזוי ווי אָבער ער איז יענע וואָכען ניט געווען אין דער רעדאַקציע, האָט זיין פּלאַץ פאַרנומען אַן אַנדער מיטאַרבייטער; און ער האָט ראַשעל'ען ניט געשאָנקען קיין אויפמערזאַמקייט. ער האָט מיט פאַראַכטונג געשריבען וועגען „דריי דעביוטאַנטקעס" (אָנפאַנגערינס), וואָס זיינען יענעם זומער אַרויסגעטראָטען אין די טעאַטערס פון פּאַריז. איינע פון די דריי איז געווען ראַשעל. ער האָט איהר אָבער אפילו ניט אָנגערופען מיט'ן נאָמען.

צום ענד אויגוסט האָט זשאַנען זיך אומגעקעהרט קיין פּאַריז. דעם 4טען סעפּטעמבער האָט ראַשעל ווידער געשפּילט אַלס קאַמיללאַ און ער האָט איהר אין דער ראָלע געזעהן.

אויף מאָרגען אין דער פריה איז אין דער ציטונג „זשורנאַל דע דעבאַ" ערשינען זיין קריטיק.

„לאָזט מיר אייך זאָגען — האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע לעזער — אַז אין דעם „טעאַטער פראַנסע" פיהלט זיך אין דיזען מאָמענט אַן אונערוואַרטעטער זיג, איינער פון יענע טריאומפען מיט וועלכען אונזער נאַציאָן מעג שטאָלץ זיין.

„די גרויסע קונסט־ווערק, וועלכע זיינען ביי אונז שוין לאַנג פאַרלאָרען געגאַנגען, האָבען זיך ענדליך אומגעקעהרט צו אונז. מיר פאַרמאָגען די וואונדערליכסטע שוישפּילערין (הגם זי איז נאָך אַ קינד), וואָס דער איצטיגער דור האָט ווען עס איז געזעהן אויף דער ביהנע. די שוישפּילערין איז מאַדמואַזעל ראַשעל. אומגעפעהר מיט אַ יאָהר צוריק איז זי צוערשט ערשינען אין דעם זשימנאַז טעאַטער, און איך האָב דאַן ארויסגעזאָגט די מיינונג, אַז זי באַזיצט אַ טאַלאַנט פון אַן אונגעוועהנליכען סאָרט, און אַז איהר ערוואַרט אַ גרויסע צוקונפט. מען האָט מיר ניט געגלויבט. מען האָט געזאָגט, אַז איך איבערטרייב. און כל־זמן זי האָט געשפּילט אויף יענער ביהנע בין איך אַליין ניט געווען שטאַרק גענוג דיזער מיידעלע צו געבען די נויטיגע שטיצע.

„אין אַ קורצער צייט אַרום איז זי פון דעם זשימנאַז טעאַטער פאַרשוואונדען, און איך בין אפשר געווען דער איינציגער וואָס האָט אָן איהר ניט פאַרגעסען. דערנאָך, פּלוצלונג, איז זי ארויסגעטראָטען אין „טעאַטער פראַנסע" אין די גרויסע טראַגעדיעס פון קאָרנעיל, ראַסין און וואָלטער. איצט הערט מען זיך שוין צו איהר צו און מען גיט איהר צו מוט. מען אַפּלאָדירט איהר. פאַר איהר פריהצייטיגער דראַמאַטישער גאונ׳ישקייט האָט זי איצט געפונען די ענטוויקלונג, צו וועלכער זי איז בארעכטיגט פון דער נאַטור.

„אַן אונגעבילדעט קינד אָהן קינסטלערישע ערציהונג, אָהן אירגענד וועלכער צוגרייטונג, וועט זי די אויסטייטשערין פון אונזערע גרויסע קלאַסישע טראַגעדיעס. איז דאָס ניט אַ וואונדערליכע ערשיינונג? מיט איהר גאונות און ענערגיע בלאָזט זי

די קאַלטע אַש פון אונזערע מייסטערווערק אויף אין אַ פלאַם. און געדענקט: זי איז קליין־געוואַקסען, מיאוס, מיט אַ שמאָלער ברוסט, מיט אַ נישטיגען אויסזעהן און מיט אַ פּראָסטער אונגע־בילדעטער שפּראַך. פרעגט ניט ביי איהר וועגן טאַנקרעד און האָראַציוס זיינען, אָדער וועגען דער טראָיאַנישער מלחמה. זי ווייסט גאָר ניט. זי האָט קיין זאַך ניט געלערענט. זי פאַרמאָגט אָבער דאָס, וואָס איז בעסער ווי קענטניס; זי האָט די געבאָרענע פעהיגקייט פלוצלונג צו פאַרשפּרייטען אַ באַלייכטונג אַרום זיך. שטעהענדיג אויף דער ביהנע, וואַקסט זי אויס אויף 10 אינטשעס, זי הויבט אויף איהר קאָפּ און איהר ברוסט ווערט ברייטער און פולער; איהרע אויגען באַקומען אַ העלערע שיין; זי געהט אַרום איבער דער ביהנע ווי אַ מעכטיגע קעניגין; איהר שטימע וויברירט פון די ליידענשאַפטען וואָס פלאַקערען אין איהר. קיין גראַנדיעזע־רע, הערליכערע זאַך ווי איהר שפּילען אַלס קאַמיללאַ קען מען זיך ניט פאָרשטעלען.

„ביז דער שטונדע פון מיין טויט וועל איך הערען יענע שטי־מע און זעהן יענע טרעהרען. זי איז אַ פּריסטערין, אַ נביא'טע, אָט דאָס קינד פון זיבעצעהן יאָהר. אין קאַמיללאַ'ס אויסגעשריי געגען רוים ענטפּלעקט זיך פאַר אייך ראַשעל'ס קראַפט. דער שטורם, וואָס בושעוועט אין איהר צוועהטאָגטער ברוסט, איז שרעקליך. מיר ציטערען דערביי ווי ביי עטוואָס איבערמענשליכעס — געטליכעס".

* * *

זיין איינדרוק פון דער זעלבער פאָרשטעלונג ראַשעל'ס, וועלכע ער האָט געזעהן דעם 4טען סעפּטעמבער, 1838, האָט זשאַנען געשילדערט אַ צווייטען מאָל. דאָס איז פאָרגעקומען אונ־טער גאַנץ אַנדערע אומשטענדען. העכער ווי צוואַנציג יאָהר שפּעטער, אין 1858, איז דאָס געווען, עטליכע מאָנאַט נאָך ראַ־שעל'ס טויט.

ער האָט דאַן געשריבען ערינערונגען וועגען איהר, און צווישען אַנדערעס האָט ער געטראַכט וועגען דעם, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געקענט פאַרגעסען — ווי אַזוי ער האָט געפיהלט מיט צוואַנציג יאָהר פריהער, ווען ער האָט איהר געזעהן צום ערשטען מאָל אין דער ראָלע פון קאַמיללאַ.

די דאָזיגע ערינערונג זיינע איז מערקווירדיג אינטערעסאַנט און איינדרוקספול. און אזוי ווי דאָס געהערט צו דעם ענין ביי וועלכען מיר האַלטען איצט, וועל איך דאָס דאָ אויך איבערזעצען.

* * *

„די געפיהלען פון יענעם אָוועגט קען מען באַצייכענען אַלס א גרויסען וואונדער, — האָט ער אָנגעפאַנגען. — „מיר האָבען אָהן צווייפעל געהאַט פאַר זיך א גרויסע טראַגישע פיגור. איז דאָס אָבער געווען א ווירקליכע פיגור? אפשר האָט זיך דאָס נאָר אויסגעדוכט? אפשר האָבען מיר די גרויסע טראַגישע פיגור אַליין באַשאַפען אין אונזער פאַנטאַזיע? אין טעאַטער האָט גע־הערשט א טיפע שטילקייט; און אין דער דאָזיגער שטילקייט איז איין זאַך געווען קלאָהר: די יונגע אַקטריסע האָט געפאַנגען די אויפמערקזאַמקייט פון איהרע צוהערער און זיי געהאַלטען פאַר־שקלאַפט. אויב זי איז נאָך דאַן ניט געווען די דעספאָטישע קע־ניגין, וואָס זי איז געוואָרען שפּעטער, איז זי שוין געווען א קינסט־לערישע אַקטריסע וואָס האָט געפיהלט די שטימונג פון איהר עולם און געוואוסט ווי אזוי איהם צו ריהרען און צו געוועלטיגען איבער איהם.

„א טעאַטער פובליקום פאַרלירט זיין אינטערעס אין א שוי־שפּילער, וואָס קווינקעלט זיך, וועלכער פיהלט זיך ניט פעסט ביי זיך. ער וויל האָבען א טאַלאַנט וואָס האָט זיין קינסטלערישע ערציהונג שוין פאַרענדיגט. ווען די צוהערער האָבען אין ראַשעל׳ען געזעהן אַן אַקטריסע, וואָס פיהלט זיך פולשטענדיג פריי און גרינג, אבסאָלוט זיכער אין זיך; אַן אַקטריסע, וואָס שפּילט אויף א נאַטירליכען אופן מיט גלויבען אין איהרע אייגענע קרעפטען און מיט ווירדע; אַן אַקטריסע וואָס באַשאַפט אין זיי איינ־דרוקען, וועלכע זי וויל אין זיי באַשאַפען — דאַן האָבען די פאַר־ביסענסטע גענגער פון דער קלאַסישער טראַגעדיע דערפיהלט, אז די שוישפּילערין באַהערשט זיי.

„הויפּטזעכליך איז דאָס געווען אין דער סצענע, ווען קאַ־מיללאַ רעדט אַרויס די באַריהמטע קללה אויף רוים (איהר תוכחה), וועלכע ראַשעל האָט אָנגעהויבען אויף א נידעריגען קול, אזוי ווי

זשול זשאַנען, דער וויכטיגסטער טעאַטער קריטיקער אין פּאַריז
אין ראַשעל׳ס צייט

א דונער וואָס הערט זיך פון ווייטען. אָה, ווי גלענצענד דאָס איז געווען דורכגעפיהרט און אויסגעדריקט! פון די פאָדערשטע פלעצער פון דעם טעאַטער, וועלכער איז יענעם אָוונט געווען כמעט ליידיג, האָט אימיצער אויסגערופען: „אָט דאָס איז טראַגעדיע!"

*　*　*

„אָט דאָס איז טראַגעדיע!" היינט וואָלט מען אויסגערופען: „אָט דאָס איז דראַמע!" די פאַרצייטיגע גריכען פלעגען דאָס רופען טראַגעדיע, און אַזוי האָט דאָס געהייסען אין ענגלאַנד אין שעקספּיר'ס צייט. און אין פראַנקרייך אין קארנעיל'ס און ראַסין'ס צייט; און אַזוי האָט דאָס נאָך אַלץ געהייסען אין ראַשעל'ס צייט, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען קלאַסישע ווערק.

קיין אמת'ע „טראַגעדיע" האָט מען אין פראַנקרייך שוין לאַנג ניט געהאַט געזעהן. איצט אָבער האָט זיך באַוויזען די 17-יאָהריגע אידישע מיידעל, די אונוויסענדע, און זי, בלויז זי, שאַפט די אמת'ע טראַגעדיע!

ניט אומזיסט ברויכט זשאַנען אין זיינע שפּעטערע ערינערונגען וועגען איהר קאַמיללאַ די ווערטער „אַ גרויסער וואונדער!"

*　*　*

איך וועל דאָ אויך ברענגען עטליכע שורות פון די ערינערונגען וואָס סאַנסאָן האָט געשריבען וועגען ראַשעל'ען — אויך נאָך איהר טויט.

„ווען דער גרויסער שוישפּילער טאַלמאַ איז געשטאָרבען, אין 1826, — שרייבט סאַנסאָן דאָרטען — האָט עס אויסגעזעהן, אַז ער טראָגט מיט זיך אַוועק אין קבר די גרויסע ווערק פון דער פראַנצויזישער ביהנע . . .

„די ווערק פון קארנעיל, ראַסין און וואָלטער האָט מען נאָך געשפּילט, אָבער זעלטען — שרייבט סאַנסאָן ווייטער. — און געשפּילט האָט מען זיי פאַר פּוסטע הייזער. עס איז געווען דייטליך, אַז דער עולם האָט קיין שום אינטערעס ניט אין די דאָזיגע פאָרשטעלונגען. צום סוף פון צוויי הונדערט יאָהר פון זיג און

ערפאָלג, איז די קלאַסישע דראַמע אָדער טראַגעדיע געווען פאַר־יאָגט אין די ווינקלען פון שטילקייט, אין דעם שטויב פון די ביבליאָטעק פאַליצעס.

„אָבער פלוצלינג, אין 1838, צוועלף יאָהר נאָך דעם טויט פון אונזער גרויסען טראַגיקער, איז פאָרגעקומען אַן אונערוואַרטעטע פאַסירונג, אַ זאַך וואָס האָט איבערראַשט און פאַרוואונדערט אפילו אַזעלכע מענשען, וועלכע האָבען געגאַרט אַזאַ פאַסירונג צו האָ־בען; און די דאָזיגע געשעהעניש האָט צוריקגעבראַכט אַ גרויסען עולם צו דעם טעאַטער אויף ריו־דע־רישעליו (דאָס איז דער נאָמען פון דער גאַס, וואו עס שטעהט דער טעאַטער „טעאַטער פראַנסע") וועלכער איז די לעצטע צייט געווען אינגאַנצען פוסט. דער נאָמען פון דער אַקטריסע, וועלכע האָט געשאַפען דיזען נס, איז ביי אַלע־מען אויפ'ן צונג. דאָס איז געווען ראַשעל."

צוועלפטער קאַפּיטעל

פאַריז קאָכט מיט ראַשעל'ען. — ס'ווערט אַ געלאַף נאָך בילעטען

מיר קערען זיך אום צו סעפּטעמבער, 1838. דער רייכערער עולם איז נאָך אין טעאַטער אַלץ ניט געגאַנגען. די לאָזשען און די אַנדערע טייערערע פּלעצער זיינען נאָך אַלץ געווען לעדיג. זשאַנען'ס אַרטיקעל האָט זיך אָבער גלייך געלאָזט פיהלען. צו זיין וואָרט האָט מען זיך צוגעהערט. און זיינע אָנדערהאַלבען קאָלומס וועגען ראַשעל זיינען געווען גאַנץ אונגעוועהנליכע קאָ־לומס. מיט אַזעלכע ווערטער, אין אַזאַ טאָן האָט ער וועגען אַ ייעם שוישפּילער אָדער שוישפּילערין נאָך קיינמאָל ניט גערעדט.

מיט זיינע הארציגע, אונגעוועהנליך באַגייסטערטע אויסדרו־קען פון באַוואונדערונג האָט ער געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק; און דאָס איז נאָך ניט געווען אַלץ.

ער האָט די פּערזענליכקייט פון דער יונגער קינסטלערין אַזוי כאַראַקטעריזירט, אַז זיין שילדערונג האָט אין אַ מאַסע מענשען געשאַפען אַ פיבערישע נייגעריגקייט איהר צו זעהן און הערען.

אין דער צווייטער העלפט פון סעפטעמבער האט זיך אין פאריז אומגעקערט דער אריסטאקראטישער עולם. דעם 25טען סעפטעמבער האט ראשעל געשפילט די ראלע פון הערמאין אין ראסינ'ס קלאסישער טראגעדיע „אנדראמאך״; און זשאנען האט איהר שפילען אין דער ראלע געליבט נאך שטארקער ווי איהר קאמיללא.

מיט דעם נאמען ראשעל האט בוכשטעבליך געקאכט פאריז. כמעט אין יעדען הויז האט מען גערעדט וועגען דער אומגעבילדעטער אידישער מיידעלע, וואס מאכט א רושם אין דעם וויכטיגסטען טעאטער; און אין געבילדעטע קרייזען האט מען מיט אויסרופען פון ערשטוינונג אונטערגעשטראכען דעם פאקט, אז דיזע אומוויסענדע 17־יעהריגע מיידעל צייכענט זיך אזוי שטארק אוים אין די ווערק פון די גרעסטע פראנצויזישע דראמע־פאעטען.

א וואונדער פערעל האט מען געפונען! ווירקליך אן אוצר! א גאסען־זינגערין, א בעטלערין האט זיך ארויסגעצייגט צו זיין דער גרעסטער און טיירסטער טאלאנט, וואס די ביהנע האט געהאט זייט דעם גרויסען טאלמא! טאלמא'ס פלאץ איז שוין ניט לעדיג!

ראשעל איז געווארען די טעמע פון געשפרעכען אין די פאריזער קאפעס און אין די זאלען פון אריסטאקראטישע דאמען. מען האט מיט ענטציקונג איבערגעזאגט פארשידענע פראזען, ווי אזוי זי האט די פראזען ארויסגערעדט אויף דער ביהנע. איינינע פראזען פון דער קאמיללא ראלע זיינען געווארען באזונדערס פאפולער. צום ביישפיל, ווען זי זאגט:

„מען הייסט מיר קושען די האנט וואס שטעכט ארייין א שפיז אין מיין הארצען!״

אדער:

„איך בין א פארליבטע פרוי און ווי א בייזער שד וועל איך דיין יעדען טריט פארפאלגען״.

מען האט אויך איבערגעזאגט שטארקע שטעלען פון איהר הערמאין.

די תוכחה פון „די האראציוסעס״, ווי אזוי זי האט דאס ארויסגערעדט, האט מען צוגלידערט, באוואונדערענדיג כמעט יעדען ווארט איהרען.

עס איז געוואָרען אַ נייער אינטערעס: אַנצואווייזען אַז אין די נידעריגע טענער, מיט וועלכע זי הויבט אָן אַ שטאַרקען מאָנאָלאָג, דריקט זי אויס שטאַרקערע געפיהלען ווי מען פלעגט געוועהנליך אויסדריקען מיט גוואַלדען, און, ווען זי עקספּלאָדירט ענדליך אין אַ וואולקאַנישען געשריי פון צאָרן און וועהטאָג, פיהלט מען, אַז דאָס געהט ביי איהר פון האַרצען און די צוהערער ווערען דורכגעדרונגען דורך און דורך.

דער אינטערעס אין ראַשעל'ען איז אַריבערגעגאַנגען ווייט איבער די גרעניצען פון דער טעאַטער־וועלט. עס איז געוואָרען אַן אַלגעמיינער נייעס־אינטערעס — אַ סענסאַציע, מיט וועלכער עס האָט זיך גערודערט ביי אַלע קלאַסען.

ראַשעל האָט ווידער געשפּילט דעם 27טען און דעם 29טען סעפּטעמבער, און דעם דריטען, פינפטען און ניינטען אָקטאָבער — אַלץ אין ווערק פון קאָרנעיל און ראַסין; און איהר ערפאָלג איז געשטיגען מיט יעדער פאָרשטעלונג, ביז דעם עולם'ס באַגייסטערונג האָט דערגרייכט אַזאַ גראַד, און אַזעלכע פאָרמען, וועלכע דער דעמאָלסדיגער דור האָט אין אַ טעאַטער קיינמאָל ניט געזעהן.

ווערעל, דער דירעקטאָר, האָט שפּעטער וועגען יענע טעג אָפּגעדרוקט אַ בראָשורע. זי איז ערשינען אין 1858, באַלד נאָך ראַשעל'ס טויט.

„דעם 27טען סעפּטעמבער, 1838 — שרייבט ער דאָרטען, — גלייך נאָך דעם ווי אין דער צייטונג „זשורנאַל דע דעבא" איז ערשינען זשאַנען'ס צווייטע קריטיק וועגען איהר שפּילען אין „טעאַטער פראַנסע" (אין דער ראָלע פון הערמאָין אין ראַסין'ס טראַגעדיע „אנדראָמאַך" — א. ק.) איז געוואָרען אַזאַ געלאָף נאָך בילעטען און דער געדרענג איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז געווען זעהר שווער די מאַסע אין אָרדנונג צו האַלטען. עס האָבען זיך געצויגען לאַנגע, לאַנגע רייהען מענער און פרויען, וואָס האָבען געוואַרט אויף זייער „נעקסט" צוצוקומען צו די צוויי קאַסעס", — שרייבט ווערעל ווייטער — „און אָפט האָבען די וואַרטענדע פאַרלאָרען געדולד, אָדער זייער געפיהל פון זיכערקייט, אַז זיי וועלען ניט מוזען געהן אַהיים מיט ליידיגען. זיי האָבען די ליין (צייל) צובראָכען, און עס איז געוואָרען אַ מהומה. איין ליין האָט זיך געצויגען ווייט אַוועק איבער דער רישעליו גאַס, וואו עס שטעהט

דער „טעאַטער פראַנסע", און אַ צווייטע האָט איבערגעשניטען דעם דערבייאיגען סקווער און זיך געצויגען איבער דער נעקסטער גאַס (די באַריהמטע רי סענט־אָנאָרע). מען איז געקומען עטליכע שטונדען איידער די קאַסעס האָבען זיך אויפגעעפענט, און אַזוי איז מען געשטאַנען און געוואַרט אין אַ פיבער פון שרעק, טאָמער איז שוין צו שפּעט; וואָרים מייסטע בילעטען פלעגען פאַרקויפט ווערען נאָך פריהער, און די קאַסעס פלעגען זיך עפענען בלויז אויף אַ קורצער צייט.

מאַסען מענשען פלעגען אַזוי שטונדען לאַנג אָפּשטעהן גאַנץ אומזיסט. אויף מאָרגען פלעגען זיי ווידער קומען שטעהן און וואַרטען.

דאָס גופא האָט פאַרגרעסערט דעם פיבערישען אינטערעס ראַשעל'ען צו זעהן אין איהרע ראָלען. איהר נאָמען איז געוואַקסען ווי אויף הייוועז. און ווי אויף הייוועז איז אויך געוואַקסען די איינגאַהמע ביי דער קאַסע.

צום ערשטען מאָל אין פילע יאָהרען, האָבען די קלאַסישע טראַגעדיעס זיך גענומען באַצאָהלען. נאָך מעהר: זיי זיינען גע־וואָרען די בעסטע טעאַטער סחורה. קיין אַנדער סאָרט ווערק, אפילו די פּאָפּולערסטע לייכטע טעאַטער־שטיק, וואָס זיינען דאַן געגאַנגען אין פּאַריז, זיינען ניט געווען אַזאַ פינאַנציעלער ערפאָלג ווי די אַלטע פּאָעטיש־היסטאָרישע ווערק. און אַלץ וויל ראַשעל האָט אין זיי געשפּילט. און טאַקע בלויז אין יענע אָוועגטען ווען זי האָט געשפּילט.

עס איז דאַן געגאַנגען אַ ווערטעל: „אין די אָוועגטען ווען מען שפּילט טראַגעדיעס, איז ביי די באַאמטע פון דעם באַריהמטען טעאַטער קאָמעדיע. (דאָס הייסט פרעהליך אויפ'ן האַרצען). און ווען מען שפּילט קאָמעדיעס איז טראַגעדיע אויפ'ן האַרצען".

נאָך ראַשעל'ס זעקסטער פאָרשטעלונג אין דער „טעאַטער פראַנסע" האָט די קאָמיטע פון דעם טעאַטער איהר געגעבען אַ מתנה — די ווערק, אין וועלכע זי האָט געשפּילט, רייך געבונדען און מיט איהר נאָמען מיט גאָלדענע בוכשטאַבען אויף יעדען באַנד; אַ קורצע צייט שפּעטער האָט די קאָמיטע צו דעם צו־געלעגט אַ גאָלדענעם בראַסלעט, געזעצט מיט דימענטען.

דערנאָך האָט מען אויך אָנגעהויבען צו הערכערען ראַשעל׳ס געהאַלט.

די דאָזיגע אויפמערקזאַמקייטען זיינען ראַשעל׳ען און איהרע עלטערען נאַטירליך געווען אַנגענעם. דער עפּעל איז אָבער ניט געווען אָהן אַ וואָרים.

דרייצענטער קאַפּיטעל

אַן אומאַנגענעמער קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון אַ שעהנעם ערפאָלג

די מתנות און אַנדערע אויסצייכנונגען, וואָס דער טעאַטער האָט געגעבען ראַשעל׳ען, האָבען אין די עלטערע אַקטריסעס פון דעם „טעאַטער פראַנסע" צורייצט בייזע געפיהלען. אויך האָט זיך ענטוויקעלט אַן אומאַנגענעמע לאַגע מיט אומאַנגענעמע רייד פון אַן אַנדער סאָרט. צוערשט אָבער איז די ניט־פאַרגינערײ פון איהרע קאָנקורענטקעס געווען דער איינציגער וואָלקען אויף אַ ליכטיגען הימעל.

מייסטע פון איהרע אומפריינד הינטער דער סצענע זיינען געווען די „סאָסיעטערס" (אָפיציעלע מיטגלידער פון דער טרופּע). זיי האָבען דעם דירעקטאָר שאַרף קריטיקירט פאַר „צובאַלעווען" ראַשעל׳ען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה פון היציגע דעבאַטען און ביטערע צוזאַמענשטויסען. דאָס רוב פלעגט דאָס פּאָרקומען ביי די מיטינגען פון דער טרופּע. עס האָבען זיך געבילדעט צוויי צדדים: איין צד איז געווען העכסט צופרידען פון ראַשעל׳ס ערפאָלג. זיינע פאַרשטעהער פלעגען אָנווייזען, אַז ווען ניט זי וואָלט דער אַלטער טעאַטער זיך אפשר געמוזט צומאַכען; אַז זי האָט איהם געראַטעוועט. דער אַנדערע צד, ווידער, האָט איהר פּשוט ניט פאַרגונען איהר ערפאָלג, און פון זייערטוועגען וואָלט דער טעאַטער בעסער געמעגט אונטערגעהן איידער ראַשעל זאָל האָבען אַזאַ נאָמען, אַזאַ כבוד און אַזאַ מאַכט.

פריהער פלעגט דער „טעאַטער פראַנסע" דורכשניטליך איינ־נעמען פון זעקס ביז זיבען הונדערט פראַנק אַן אָוועגט. ראַשעל

האָט די סומע אויפגעהויבען צו אַ דורכשניט פון זעקס טויזענט פראַנק אַן אָוונט. זי האָט געשפּילט בלויז דריי־פיר מאָל אַ וואָך. דאָך איז אין דעם מאָנאַט אָקטאָבער אין דער קאַסע אריינגעקומען הונדערט טויזענט פראַנק — אַן אומגעהערטע סומע! (מיר וועלען ווידערהאָלען: דער פראַנק האָט אין יענע צייטען געהאַט גאָר אַן אַנדער ווערט ווי היינט. אין דער מינוט, ווען די שורות ווערען געשריבען, באַטרעפט אַ פראַנק פיר אַמעריקאַנער סענט. אין ראַשעל׳ס צייט איז ער ווערט געווען צוואַנציג סענט, און דער אַמעריקאַנער דאָלאַר האָט דאַן געהאַט אַ פיל העכערע באַדייטונג ווי איצט. פאַר אַ דאָלאַר האָט מען געקענט קויפען דאָס וואָס היינט קאָסט אפשר מעהר ווי צוויי דאָלאַר. קורץ, טויזענט פראַנק איז דאַן געווען אַ היבשע מטבע. דאָס מוז מען האָבען אין זינען ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דער באַדייטונג פון אַ פראַנק מיט הונדערט יאָהר צוריק, ווען ראַשעל האָט אָנגעהויבען איהר קאַריערע. אויב ניט, וועלען די ציפער, וועלכע אונז וועט אויסקומען צו דערמאָנען, קלינגען דעם לעזער זאָנדערבאַר).

די ריינע פּראָפיטען פון דעם טעאַטער זיינען צוליב ראַשעל׳ען פאַרגרעסערט געוואָרען אומגעהייער. און די „סאָסיעטערס" האָבען פון דעם געצויגען זייער חלק (אַ חוץ זייער וועכענטליכען געהאַלט). פון קנאה האָבען אָבער איינינגע פון זיי אָן זייערע מאַטעריעלע נוצען פאַרגעסען. זיי פלעגען טענה׳ען, אַז די ראַשעל סענסאַציע וועט באַלד איבערגעהן, אַז דאָס איז נאָר אַ צייטווייליגע מאָדע, אַ קאַפּריז ביי דעם עולם. ער וועט זיך אויסניכטערען, און ראַשעל וועט ווערען אויסגעשפּילט. אויך פלעגען זיי ערקלערען, אַז איבער דער ראַשעל משוגעת ווערען פאַרנאַכלעסיגט די נאַטירליכע מעגליכקייטען פון דעם באַריהמטען טעאַטער, און אַז ווען ראַשעל וועט ווערען אוים מאָדע, וועט דער טעאַטער שוין זיין רואינירט.

* * *

די דאָזיגע טענות האָבען באַלד באַקומען אַ נייעם פונדאַמענט און פאַר ראַשעל׳ס ניט־פאַרגינערקעס האָט זיך באַוויזען אַ נייער קוואַל פון גיפט.

דאָ טרעט אַרויס ראַשעל׳ס פּאַטער אין דער ראָלע פון איהר פינאַנציעלען פאַרשטעהער. און אַלס רעזולטאַט פאַרשפּרייט זיך אַ בייזער גייסט פון אַן אונגרוואַרטעטען סאָרט.

איבערלאָזען ראַשעל׳ען ביי אַ יעהרליכען געהאַלט פון פיר טויזענט פראַנק, ווי מען האָט מיט איהר אָפּגעמאַכט, איז שוין געוועזן אוממעגליך; וועגען דעם האָט שוין ניט געקענט זיין קיין רייד. האָט דער דירעקטאָר, מיט דער צושטימונג פון דער טעאַטער קאָמיטע, ביי ענדע אָקטאָבער די סומע געדאָפּעלט. ווערעל האָט דאָס געטאָן איידער אַזאַ פאָדערונג איז געקומען פון ראַשעל׳ען. און עטליכע וואָכען שפּעטער האָט דער טעאַטער איהר צוגעלעגט אַ ספּעציעלע מאָנאַטליכע באַלוינונג, ביז איהר יעהרליכער איינקונפט האָט דערגרייכט צוואַנציג טויזענט פראַנק.

אַזאַ סומע האָט מען אַן אַקטריסע אין פראַנקרייך נאָך קיינמאָל ניט געהאַט געצאָלט.

האָט אָבער ראַשעל׳ס פּאָטער דאַן געפאָדערט אַ סך מעהר. און אַזוי ווי זי איז נאָך געווען מינדער־יעהריג, האָט מען, לויט דעם געזעץ, אַלע פאַרהאַנדלונגען איהרע געמוזט פיהרען מיט איהם. ער האָט געפאָדערט אַ רעגעלמעסיגען יעהרליכען געהאַלט פון צוועלף טויזענט פראַנק, און פינף הונדערט פראַנק עקסטרא פאַר יעדען מאָל, וואָס זי האָט געשפּילט. אויך האָט ער געפאָדערט, אַז מען זאָל איהר אריינגעמען אַלס אַ „סאָסיעטער", מיט אַ פולען חלק אין די פּראָפיטען פון דעם טעאַטער. זיין סך הכל איז געווען פון פופציג ביז זעכציג טויזענט פראַנק אַ יאָהר.

אויף אַזעלכעס האָבען דער דירעקטאָר און די פאַרוואַלטונגס־קאָמיטע זיך ניט געריכט. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען ווי פּאַראַליזירט. זייער ענטפער איז געווען אַ פּראָטעסט, באַגלייט מיט אויסדרוקען פון ענטריסטונג. און אַ טייל פון דער פּרעסע האָט זיך געשטעלט אויף זייער זייט. צווישען אַזעלכע זשורנאַליסטען איז געווען זשאַנען. ער איז געווען אַזוי אויפגעבראַכט, אַז ער האָט געסטראַשעט צו פאַרניכטען איהר רעפּוטאַציע. „איך האָב איהר באַריהמט געמאַכט, וועל איך איהר איצט אומקערען צוריק צו דער באַדייטונגס־לאָזיגקייט, פון וועלכער זי איז געקומען" — האָט ער געדראָהעט.

זשאַנען איז געווען אַן עהרליכער מאַן. צווישען די טעאַטער־קריטיקער פון פּאַריז זיינען געווען גענוג אַזעלכע, וואָס האָבען

פאר א מטבע געשריבען א גינסטיגע קריטיק. ער האט צו זייער צאָל ניט געהערט. און טאקי צוליב זיין יושר־געפיהל, צוליב זיין געדאנק, אז פעליקס וויל פון דעם טעאטער אויספּרעסען געלט, האט ער גענומען ארבייטען געגען ראשעל'ען מיט א נקמה־דורשט, אזוי ווי זי און איהר פאטער וואלטען דא געזוכט צו בארויבען איהם פערזענליך.

און סאנסאן האט געפיהלט פונקט אזוי ווי זשאנען. ווען ראַ־שעל איז צו איהם געקומען נאך דער אויפערגענדער פאָדערונג, וואס איהר פאטער האט געשטעלט דעם טעאטער, האט ער איהר געפרעגט אויב דאס איז אמת. זי האט געענטפערט, אז יאָ.

— איך בין א מינדער־יעהריגע, — האט זי איהם ערקלערט — און לויט דעם „קאָד סיוויל" (פראנצויזישער געזעץ וועגען גע־שעפטליכע און אנדערע עהנליכע אנגעלעגענהייטען) האב איך דאס רעכט צו מאכען א סוף צו מיין אָפּמאך, און מיין פאטער קען פאָדערען בעסערע באדינגונגען.

עס איז געווען דייטליך, אז איהר פאטער האט דאס איהר געלערנט אזוי צו זאגען.

— אויב אזוי, דארפסטו ביי מיר מעהר קיין לעסאנס ניט נעמען — האט סאנסאן זיך צוקאכט — איך לערען דעקלאמאציע און טעאטער קונסט. מיט מענשען וואס אין זייערע באציהונגען מיט זייערע לערער איז דער „קאָד סיוויל" זייער וועג־ווייזער, בין איך ניט געוואוינט צו האבען אַ עסק.

און אָנכאפּענדיג א קליינע סטאטוע פון ראשעל, וואס איז ביי איהם געשטאנען, האט ער דאס פיגורעל אזא שלײדער געטאן אן דער ערד, אז עס איז צושמעטערט געוואָרען.

— דיין טאלאנט וועט אויך אזוי צושמעטערט ווערען! געה! איך וויל דיך מעהר ניט זעהן!

ראשעל'ס פאטער האט אויף איהר געוואוארט אויפ'ן גאס. ער האט געוואלט וויסען ווי אזוי סאנסאן וועט איהר אויפנעמען. ווען זי איז ארונטערגעקומען און זי האט איהם דערצעהלט וואס דאָרטען איז געווען, האט זיך אין איהם צופלאקערט זיין כעס.

ראשעל'ען האט סאנסאן דערנאך מוחל געווען און זיי זיינען ווידער געוואָרען פריינד. מיט איהר פאטער אָבער האט ער זיך

קיינמאָל ניט געוואָלט איבערבעטען. די שנאה צווישען זיי האָט אָנגעהאַלטען ביז נאָך ראַשעל׳ס טויט.

* * *

ראַשעל׳ס ניט־פאַרגינערקעס זיינען געווען אויפ׳ן זיבעטען הימעל. זיי האָבען ניט אויפגעהערט צו שרייען, אַז ראַשעל וויל פון דעם טעאַטער שינדען די הויט, אַז ווען מען זאָל איהר נאָכגעבען אַלץ וואָס זי פאָדערט, וועט דער טעאַטער רואינירט ווערען; אַז זי וועט באַלד זיין אויסגעשפּילט און אַז דאַן וועט שוין ניט זיין קיין „טעאַטער פראַנסע".

עס האָבען זיך גענומען הערען אַזעלכע ווערטער ווי „אידישע גאָלד־גייציגקייט", „אידישער גייציג נאָך געלט". און אין די מייסטע ראַשעל־געשיכטעס, וואָס זיינען געשריבען געוואָרען (אין מייסטע, אָבער ניט אין אַלע), געפינען זיך די זעלבע אויסדרוקען.

אייניגע פון די שרייבער, וואָס האָבען אַזעלכע מיינונגען וועגען אידען, ווייזען צו דערזעלבער צייט אַרויס אַן אויפריכטיגען וואונש צו זיין גערעכט צו זיי. פאַר אַנטיסעמיטען זיי צו ערקלערען איז ניטאָ קיין אורזאַך. זיי קענען אונז פשוט ניט. זיי זאָגען נאָך וואָס אַ סך קריסטען זאָגען. אַז געלד־גייציגקייט איז איינגעוואָרצעלט אין דער נשמה פון יעדען אידען, דאָס נעמען זיי אָן פאַר אַ כלל, פּונקט ווי זיי נעמען אָן אַן אַנדער כלל: אַז יעדער איד איז באַרייט זיך צו אָפּפערען פאַר יעדען אַנדער איד אויף דער וועלט.

פאַרטיידיגען ראַשעל׳ס פאָטער פאַר זיין האַלטונג אין דעם דערמאָנטען עפּיזאָד, קען מען ניט. אין בעסטען פאַל וואָלט זיין פאָדערונג באַדאַרפט כאַראַקטעריזירט ווערען אַלס זעהר טאַקטלאָז און אומסימפּאַטיש. דעם אידישען נאָמען האָט ער מיט דעם קיין גוטס ניט געטאָן. יעדענפאַלס האָט ער באַדאַרפט פאַרשטעהן, אַז מיט אַזעלכע פינאַנציעלע פאָדערונגען טוט ער זיין טאָכטער אַ סך מעהר שאָדען ווי נוץ. איהר ערפאָלג איז געווען אַזוי גרויס, אַז צו שאַפען הייסע בלוט צו איהר און הויפּטזעכליך צו שאַפען איהר אַ נאָמען אַלס „אַ געלט־גייציגע אידישע טאָכטער", איז אי ניט־פּראַקטיש אי ניט־מענשליך.

מערקווירדיג (און דאָס האָבען מיר שוין אייגענטליך דער־מאָנט): פילע פון די שרייבער, וואָס אטאַקירען פעליקס'ען מיט די שטאַרקסטע ווערטער פאַר זיין „אידישע גנלט־דורשט", באַ־שרייבען איהם צו דערזעלבער צייט אַלס אַן עהרליכען מאַן, וואָס וואָלט אַ פרעמדען סענט ניט אָנגערירט. אויך לויבען זיי איהם אַלס אַ צערטליכען, הגם זעהר שטרייגגען, פאָטער.

פון אַלץ וואָס איז געשריבען געוואָרען אין די ביאָגראַפיעס פון זיין טאָכטער קען מען קיין קלאָרען בילד פון זיין כאַראַקטער ניט באַקומען. ווי ווייט אָבער מען קען יאָ האָבען אַ שטיקעל באַגריף וועגען איהם, איז ער געווען אַ פעהיגער מענש, זאָגאַר אַ באַגאַבטער אין געוויסע הינזיכטען, אָבער אַן איינגעשפאַרטער, פון די וואָס האָבען פיינט אָפּצולאָזען אַ פּינטעלע פון זייער כבוד אָדער פון זייער מיינונג, און אין סך הכל אַן איינזייטיגער, אַ שרעקליכער כעסן און אַ שטיקעל „פּסיכאָפּאַט" (אַ „קרענק", אַ „טשודאַק").

מיין איינדרוק איז, אַז ווען ראַשעל איז געוואָרען עלטער, האָט זי געהאַט מעהר שכל ווי איהר טאַטע. אַ סך מעהר.

די פריינדליכסטע ערקלערונג, וואָס מ'קען געבען וועגען די באַדינגונגען, וואָס ער האָט געשטעלט וועדעל'ען וואָלט אפשר געווען די פאָלגענדע:

די שרעקליכע נויט, אין וועלכער ער האָט זיך אַזויפיל יאָהרען געפּלאָגט מיט זיין פאַמיליע, האָט איבערגעלאָזען איהרע סליאַ־דען; און ווען פּלוצלינג האָט ער אין זיין זיבעצעהן־יאָהריגער טאָכטער ענטדעקט אַן אוצר, איז ער אַזוי פאַרטומעלט געוואָרען, אַז אויב ער איז פעהיג געווען אויף אַ טראָפּען געזונטען שכל און טאַקט, האָט ער דאָס אויך פאַרלאָרען.

פערצענטער קאַפּיטעל

ווידער אַ באַריהמטע ראָלע. — אַ קריטישער מאָמענט

אויף די אַפּישען איז אָנאָנסירט געוואָרען, אַז ראַשעל וועט שפּילען די ראָלע פון ראָקסאַנאַ, אין ראַסינ'ס טראַגעדיע „באַיאַזעט"; און עס איז ווידער געוואָרען אַ גלאָף נאָך בילעטען.

דאָס וואָס איז פאָרגעקומען איבער פעליקס'עס פאָדערונגען, און די בייזע געפיהלען, וואָס עס האָט אַרויסגערופען הינטער די קוליסען, האָט אויף'ן עולם קיין ווירקונג ניט געהאַט. העכסט וואַרשיינליך האָט מען אויסערהאַלב ענגע טעאַטער־קרייזען וועגען דעם זאַגאַר ניט געוואוסט. מען קען אָבער צווייפלען צי עס וואָלט געווירקט, ווען מען וואָלט יאָ געוואוסט — אַזוי גרויס איז געווען דער באַגעהר ראַשעל'ען צו זעהן אין אַ נייער פּיעסע. און הויפּט־זעכליך נאָך אין „באַיאַזעט"!

דיזע טראַגעדיע איז געווען איינע פון ראַסין'ס פּאָפּולערסטע ווערק. זי איז זעהר שפּאַנענד, די אינטריגע אין איהר איז פון דעם סאָרט וואָס ציהט ניט נאָר אינטעליגענטען נאָר די מאַסען אויך.

אינטעליגענטע טעאַטער געהער האָבען די ראָלע פון ראָקסאַנאַ, די הויפּט־ראָלע, באַטראַכט פאַר איינער פון די שווערסטע צום שפּילען, און זיי זיינען געווען נייגעריג צו זעהן ווי אַזוי ראַשעל וועט איהר דורכפיהרען.

די ראָלע איז נאַאיוו, „שונדיש", ווי אַלע „קלאַסישע" טיפּען. אָבער אין איהר שונדישקייט זיינען פאַראַן דעליקאַטע שטריכען. די ראָלע איז ניט קיין פלאַכע. זי האָט אין זיך קנייטשען און רונצלען, וועלכע וואָלטען געקענט האָבען אַן אמת'ן ליטעראַרישען ווערט. וואָס צו שפּילען איז געווים פאַראַן אין איהר. זי איז סצעניש, דראַמאַטיש. מען דאַרף איהר אָבער קענען שפּילען. אויב דאָס האָט מען דאָ געמיינט מיט די ווערטער „שווער צו שפּילען", איז דאָס ריכטיג.

קורץ, ווען עס איז אָנאָנסירט געוואָרען, אַז ראַשעל וועט שפּילען אַלס ראַקסאַנאַ, איז דער געדרענגביים טעאַטער געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט שיער ניט אויפגעבראָכען די טירען.

וועדעל, פון זיין זייט, האָט געהאַט די גרעסטע ערוואַרטונגען, און ער האָט פאַר ראַשעל'ען צו דער ראָקסאַנאַ ראָלע באַשטעלט נייע, קאָלירפולע קאָסטיומען, וועלכע האָבען איהר זעהר געפּאַסט.

*　　*　　*

דער באַשטימטער אָוונט — דער 23טער נאָוועמבער — איז געקומען. דער טעאַטער איז געווען איבערגעפּאַקט. ראַשעל האָט געשפּילט און —

זי איז דורכגעפאַלען.

דער עולם איז געבליבען קאַלט. אפילו די פּראָפעסיאָנעלע בראַוואָ־פּאַטשער, וואָס מען דינגט אריינצוגעבען שטימונג ביי די אָנוועזענדע, אפילו זיי האָבען ניט אַפּלאָדירט. עס האָבען זיך ביי זיי די הענט ניט געהויבען.

ראַשעל׳ס טרייע דינסט, ראָזא, האָט דערנאָך גע׳טענה׳ט, אַז איהר באַלעבאָסטע איז יענעם אָוועגט געווען צושראָקען און נערוועז, און אַז דאָס טרעפט מיט איהר כמעט יעדעס מאָל, ווען זי טרעט אַרויס אין אַ נייער ראָלע. זי האָט באַקומען „לאַמפּען פיבער". אין אַזאַ אָוועגט — האָט זי ערקלערט — ווערען ביי ראַשעל׳ען די הענט קאַלט און זיי ציטערען, און פון איהר פּנים גיסט זיך אַ שווייס. פון יעדער קליינינקייט ווערט זי ווילד פון אויפרעגונג.

ראַשעל׳ס שונאים אין דעם „טעאַטער פראַנסע" האָבען גע־קוואָלען. זיי האָבען געגלויבט אָדער געהאָפט, אַז עס איז שוין אויס סענסאַציע, אויס ראַשעל.

ווערדעל איז געווען אין פאַרצווייפלונג און ער איז געגאַנגען צו זשאַנען׳ען בעטען הילף.

דאָס איז געווען אין אַ פּאַרמיטאָג. זשאַנען׳ס קריטיק אויף דער פאָרשטעלונג איז נאָך ניט געווען געדרוקט. ווערדעל איז אַזוי געזעסען און גערעדט צו זשאַנען׳ען, אַפּעלירט צו איהם, ערקלערט, אַז ראַשעל איז געווען נערוועז, און אַז מען דאַרף מיט איהר האָ־בען אייננזעהעניש.

פלוצלינג האָט אַ לאַקעי אָנאָנסירט ראַשעל׳ען.

„זי איז אַריינגעקומען אַ נידערגעשלאָגענע, אַ נערוועזע. מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ — שרייבט ווערדעל אין זיינע ערינע־רונגען. — זשאַנען האָט איהר אויפגענומען מיט אַ צערטליכער פריינדליכקייט און האָט איהר בארוהיגט. ער האָט גערעדט מיט וואַרימקייט וועגען זיין סימפּאַטי צו איהר און וועגען דעם טיפען אינטערעס, וואָס ער נעמט אין איהר קאַריערע. וועגען איהר ראָקסאַ־נאַ אָבער צו שרייבען אַ גינסטיגע קריטיק איז אוממעגליך, האָט ער געזאָגט.

ראַשעל האָט זיך שטאַרק צוּוויינט. זשאַנען האָט איהר גע־טרייסט, גערעדט צו איהר ווי אַ פּאָטער. ער האָט זיך אָבער גע־

האַלטען פעסט ביי זיין מיינונג, אַז זי דאַרף די ראָלע מעהר ניט שפּילען.

ווערדעל איז מיט איהם ניט געווען איינפאַרשטאַנען. ער האָט דאָס די ראָלע אויסגעקליבען פאַר איהר, און ער איז געווען איי־בערצייגט, אַז זי קען און וועט אין איהר נאָך האָבען ערפאָלג. ער האָט אויף זיך גענומען די פאַראַנטוואָרטליכקייט.

ער האָט ראַשעל׳ן אָפּגעפיהרט אַהיים און, זיצענדיג מיט איהר אין דער קאַרעטע, האָט ער איהר געזאָגט, אַז ער וועט „באַיאַזעט״ ווידער אַנאָנסירען, און טאַקע גלייך אויף איבערמאָרגען. און ער האָט איהר געראַטען ניט צו קוקען אויף קיין זאַך און צוגרייטען זיך צו שפּילען מיט גרויס ערפאָלג.

זיינע ווערטער האָבען אויף איהר געווירקט. זי האָט זיך גענומען פיהלען מונטער און האָט איהם פאַרשפּראָכען זיך „אריינ־צונעמען אין די הענט״ און צו שפּילען גוט.

נאָך דעם ווי ווערדעל האָט ראַשעל׳ען צוגעפיהרט צו דער הויז, וואו די פעליקסעס האָבען געוואוינט, איז ער געפאָהרען צום טעאַטער.

פיר אזייגער נאָכמיטאָג איז צו איהם אין ביוראָ (אָפּיס) אריינ־געקומען ראַשעל׳ס פאָטער און אין אַ פעסטען טאָן איהם ער־קלערט, אַז ראַשעל וועט אַלס ראָקסאַנאַ מעהר ניט שפּילען.

— פאַרוואָס ? — האָט ווערדעל געפרעגט.

— ווייל אַזוי האָב איך באַשלאָסען.

ער האָט זיך ענטזאָגט צו געבען אַרגומענטען, און מיט עקשנות זיך געהאַלטען ביי זיין באַשלוס.

ווערדעל האָט געסטראַשעט איינצומאָנען שאַדענערזאַץ פאַר דעם, וואָס פעליקס ברעכט די באַדינגונגען פון זייער קאָנטראַקט און דער טעאַטער האָט אַ גרויסען היזק דערפון.

פעליקס איז געבליבען ביי דאָס זייניגע : „ראַשעל וועט אַלס ראָקסאַנאַ ניט שפּילען !״

* * *

ווערדעל האָט אָנגעשריבען אַ בריף צו ראַשעל׳ען. ער האָט צו איהר שטאַרק אַפּעלירט ניט צו רואינירען די גלענצענדע

קאַריערע, וואָס שטעהט פאַר איהר פאָר, און צו ערשיינען אין דער אנאַנסירטער פאָרשטעלונג פון „באַיאַזעט״.

דעם בריף האָט ער צו איהר געשיקט דורך אַ אינגעל, און ער האָט איהם שטרענג אָנגעזאָגט דאָס איבערצוגעבען ניט אַנדערש ווי ראַשעל׳ען אין האַנט, ווען איהם זאָל אפילו אויסקומען צו וואַרטען אויף איהר אַ גאַנצע נאַכט. ער אַליין איז געבליבען וואַר־טען ביי זיך אין ביוראָ.

נאָך האַלבע נאַכט האָט דער שיק־אינגעל זיך אומגעקערט מיט אַן ענטפער פון איהר. אין אַ פּאָר קורצע, זעהר פריינדליכע שורות האָט זי דעם דירעקטאָר פאַרזיכערט, אַז זי וועט טאָן ווי ער פאַרלאַנגט. ווערעל האָט זיך דערפרעהט און אויף מאָרגען זיינען געווען אויסגעקלעפּט אַפישען, אַז דעם 26טען נאָוועמבער וועט „באַיאַזעט״ ווידער געשפּילט ווערען און ווידער מיט ראַשעל׳ען אַלס ראָקסאַנאַ.

אין דער צייט וואָס ווערעל האָט געוואַרט אויף ראַשעל׳ס ענטפער, האָט זשאַנען אָנגעשריבען אַן אַרטיקעל וועגען ראַשעל׳ס שפּילען אין דער ראָלע פון ראָקסאַנאַ, און מיט עטליכע שטונדען שפּעטער איז דער אַרטיקעל ערשינען אין דעם „זשורנאַל דע דעבאַ״.

די קריטיק איז געווען אַ באַרמלאָזע.

„ווי קען מען ערוואַרטען, אַז מאַדמואַזעל ראַשעל זאָל אין דער ראָלע פון ראָקסאַנאַ זיין צופרידענשטעלענד? — האָט ער געפרעגט, — ווי אזוי קען זי, נאָך גאָר אַ קינד, ווי אזוי קען זי פאַרשטעהן אַ געפיהל וואָס איז אין גאַנצען פאַרבונדען מיט געשלעכטליכע ליידענשאַפטען און ניט מיט דער נשמה? נאָר אַן אַקטריסע, וואָס האָט געהאַט אַלערליי לעבענס־ערפאַהרונגען מיט די פאַרשידענהייטען און איבערקערענישען פון לעבען וואָלט געקענט באַנעמען דעם אינהאַלט פון אַזאַ דראַמע. און דאָ זעהען מיר פאַר זיך אַ האַלב־ענטוויקעלטע מיידעלע, וועמען עס פעהלט יעדע אייגענשאַפט וואָס פאָדערט זיך צו אַזאַ ראָלע. מיט איהר קינדערשער שטימע, גאַנג און האַלטונג שיקט מען איהר אויף דער ביהנע שפּילען אַ האַנדלונג, אין וועלכער תאוה, ענערגיע און געוואַלדיגע טאַטען זיינען די הויפּטזאַך! דיזער קליינינקער אויס־געמאַטערטער קערפּערעל, דיזע אונענטוויקעלטע ברוסט, דיזער ניט־זיכערער טאָן — קען עס דען פאָרשטעלען די גרויזאַמע טיגערין,

וועלכע מיר רופען ראָקסאַנאַ? מאַדמואַזעל ראַשעל האָט זיך באַוויזען אויף דער ביהנע און אין אַ מינוט אַרום האָט מען דער־פיהלט, אַז די ראָלע איז ניט נאָך איהרע קרעפטען נאָך. דאָס איז ניט געוועזען די ראָקסאַנאַ פון דעם פּאָעט; דאָס איז געוועזען אַ יונגע מיידעלע, וואָס וואַנדערט אַרום איבער דעם האַרעם פון דעם טערקישען סולטאַן". (ראָקסאַנאַ איז די געליבטע פרוי פון אַ סולטאַן, און זי איז פאַרליבט אין זיין ברודער. — א. ק.).

אויף צוויי גאַנצע קאָלומס האָט זיך זשאַנען פאַרנומען און אַלץ אין דעמזעלבען אַרונטעררייסערישען טאָן.

* * *

וואָס אָנבעטרעפט דעם הויפּט-געדאַנק פון זשאַנען'ס אַטאַקע, דאַרף מען באַמערקען דאָס פאָלגענדע:

אין ראָקסאַנאַ, ווי זי ווערט פאָרגעשטעלט אין ראַסין'ס טראַגעדיע, איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל פאָדערען מעהר לעבענס־ערפאַהרונג ווי אַ מיידעל האָט צו 17 יאָהר. פּונקט דיזעלבע פיינדליכע קריטיק וואָלט זשאַנען דאָך געקענט שרייבען אויף ראַשעל'ס קאַמיללאַ, וועלכע ער האָט געלויבט ביז'ן הימעל. וואָרים קאַמיללאַ איז דאָך אויך אַ פאַרליבטע פרוי; און מיט וואָס איז דאָס איהר בענקעניש נאָך איהר געליבטען ווייניגער פאַרבונדען מיט געשלעכט ווי ראָקסאַנאַ'ס פאַרליבטקייט אין איהר מאַנ'ס ברודער?

פאַרליבען זיך קען אַ מיידעלע פון דרייצעהן יאָהר אויך; און יעדענפאַלס קען זי האָבען אַ באַגריף וועגען די געפיהלען פון אַ פאַרליבטער.

ווען ראָקסאַנאַ וואָלט אויף דער ביהנע אויסגעדריקט טיפע, דעליקאַטע געפיהלען, וועלכע זי איז ניט אימשטאַנד געוועזען צו פאַרשטעהן, וואָלטען זשאַנען'ס ווערטער געהאַט אַ זין. אַזעלכעס הערט מען אָבער פון ראָקסאַנאַ'ן ניט. אַלזאָ, אויב ראַשעל האָט געהאַט גענוג פאַרשטאַנד פאַר קאַמיללאַ, האָט זי אויך געהאַט גענוג פאַרשטאַנד פאַר דער ראָלע פון דעם סולטאַנ'ס פרוי. און אויב זי איז געוועזען אַלט גענוג פאַר דער ערשטער, איז זי אויך געוועזען אַלט גענוג פאַר דער צווייטער.

עס האָט זיך איהר דיזען מאָל פּשוט ניט איינגעגעבען. זי איז ניט געוועזען גוט אויפגעלייגט; זי איז געוועזען נערוועז. היינט

וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דער פראַגע ווי אַלט זי איז און וויפיל לעבענס־ערפאַהרונג זי פאַרמאָגט?

צום שלום דאַרף מען זאָגען אָט וואָס: ווי מיר וועלען זעהן, האָט די 17־יעהריגע ראַשעל פון געשלעכטס־פראַגען און ליבע גע־וואוסט אַ סך מעהר ווי מען קען מיינען פון זשאַנען׳ס אַרטיקעל וועגען איהר ראָקסאַנאַ.

איך גלויב ניט, אַז דער שלעכטער איינדרוק וואָס ראַשעל׳ס פּאַטער האָט געמאַכט אויף דעם קריטיקער פון דעם „זשורנאַל דע דעבאַ" האָט געהאַט אַ סך צו טאָן מיט זיין קריטיק אויף ראַשעל׳ס ראָקסאַנאַ. ער איז געווען אַן עהרליכער מאַן, און מיר האָבען געזעהן ווי ליבליך ער האָט איהר אויפגענומען ווען זי איז געקו־מען צו איהם. געשפּילט האָט זי יענעם אָוונט ווירקליך שלעכט. נו, האָט ער זיך אָוועקגעלאָזען דאָס אַנאַליזירען, ערקלערען די אורזאַך, און ער האָט פאַרבלאָנדזשעט.

* * *

און זשאַנען איז ניט געווען דער איינציגער קריטיקער, וואָס האָט איהר ראָקסאַנאַ אַרונטערגעריסען. אַלע אַנדערע זשורנאַליס־טען, וואָס האָבען געשריבען וועגען יענער פאָרשטעלונג, האָבען זיך אויסגעדריקט באַרמלאָז וועגען ראַשעל׳ס שפּילען אין דער דאָזיגער ראָלע.

ניין אַרטיקלען זיינען דאַן ערשינען וועגען ראַשעל אַלס ראָקסאַנאַ (זשאַנען׳ס אריינגערעכענט), ניין פעליעטאָנען, ווי מען רופט אַזאַ סאָרט אַרטיקלען אין פּאַריז, און אַלע זיינען געווען שאַרף אומגינסטיג; די גאַנצע פּרעסע. די ניין „פעליעטאָנען" זיי־נען דערנאָך דערמאָנט געוואָרען אָפט. ווען מען האָט געזאָגט די „ניין פעליעטאָנען", האָט מען שוין געוואוסט, אַז דאָס מיינט מען די איינשטימיג־פיינדליכע קריטיק פון דער פּרעסע געגען ראַשעל׳ען אין דער פּיעסע „באַיאַזעט".

ס׳האָט זיך געשאַפען אַן איינדרוק, אַז מען האָט זיך צופיל געאיילט צו מאַכען אַ סענסאַציע מיט דער מיידעל, צופיל זיך געאיילט צו רעקלאַמירען אַ „וואונדער קינד". איהר ערפאָלג האָט זיך נאָך ניט אָוועקגעשטעלט פעסט אויף די פיס, ווי ער איז צו־קלאַפּט געוואָרען. אַזוי האָט עס אויסגעזעהן.

עס איז געווען אַ קריטישער מאָמענט.

וועדעל האָט זיך פאַר די ניין פעליעטאָנען דערשראָקען. אַן איינשטימיגע פאַרדאַמונג פון דער פרעסע איז ניט קיין קליינינקייט. הויפּטזעכליך אָבער האָט איהם געשראָקען זשאַנען'ס אַרטיקעל. אַזאַ מיינונג פון אַזאַ איינפלוסרייכען קריטיקער מוז ווירקען. יעדענפאַלס וואָלט געווען ריזיקאַליש, אַז ראַשעל זאָל די פּיעסע שפּילען אַ צווייטען מאָל טראָץ זשאַנען'ס אורטייל. עס וואָלט אויסגעקומען ווי איהם להכעיס. זאָל מען די פאָרשטעלונג אָפּ־לעגען?

ער האָט ביי זיך באַשלאָסען די ענטשיידונג איבערצולאָזען צו ראַשעל'ען. זאָל זי טאָן ווי זי פיהלט.

פופצענטער קאַפּיטעל

דער אָוועגט, וואָס האָט באַשטימט ראַשעל'ס שיקזאַל. — ראָקסאַנאַ.

„עס איז געוואָרען אָוועגט, — שרייבט וועדעל ווייטער, — זי איז געקומען אין טעאַטער צו דער מינוט. אַ קורצע צייט פאַר דעם מאָמענט ווען זי דאַרף ערשיינען בין איך אריין אין איהר גאַרדעראָבען־צימער. זי איז געווען אָנגעטאָן צו דער ראָלע, און זי האָט אין דעם ראָקסאַנאַ קאָסטיום אויסגעזעהן זעהר שעהן.

„— נו, מיין קינד, ווי פיהלט איהר זיך? — האָב איך איהר געפרעגט.

„— איך בין אַנטשלאָסען צו טאָן דאָס בעסטע. איך האָב אויסגעפיהרט, אָבער ניט אָהן אַ שרעקליכען קאַמף, — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכעל, געבענדיג אַנצוהערעניש אויף איהר פאָטער'ס שטרענגען פאַרבאָט צו שפּילען די ראָל, — איך גלויב, אַז היינט וועט עס געהן בעסער.

„— איהר זייט ניט נערוועז? איהר שרעקט זיך ניט?

„— ניט אַ האָר, — האָט זי געענטפערט.

„— אויב איהר האָט נאָר צוטרוי צו זיך, איז גוט. האָט איהר געלייענט זשאַנען'ס אַרטיקעל?

„— יאָ. ער האָט מיר גוט מכבד געווען. איך וועל זיך מיט איהם אָפּרעכענען. מיר וועלען זעהן, צי ער איז גערעכט צי ניט".
זי האָט אַלזאָ ווידער געשפּילט ראָקסאַנאַ.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז יענעם אָוונט האָט זי געהאַט נאָך אַ פּיל גרעסערען ערפאָלג, ווי אין אַלע איהרע פריהערדיגע פאָרשטעלונגען. דער עולם האָט איהר אַרויסגערופען ווידער און ווידער, אָהן אַ שיעור. דער טעאַטער האָט געקאָכט מיט אויס־ברוכען פון ווילדען ענטוזיאזם, און די ביהנע איז פארוואָרפען געוואָרען מיט בערג פון בלומען.

נאָך דער פאָרשטעלונג איז ווערעל ווידער אַריין אין איהר גאַרדעראָב־צימער. ער האָט איהם געפונען געפּאַקט מיט מענשען, וואָס זיינען געקומען אויסדריקען זייער באַוואונדערונג (מיט עטליכע טעג צוריק, ווען זי האָט געשפּילט ראָקסאַנאַ צום ערשטען מאָל, איז נאָך דער פאָרשטעלונג איהר צימער געווען פּוסט). ווען זי האָט איהם דערזעהן האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן איהם צו באַגעגענען. זי האָט זיך קוים דורכגעשפּאַרט דורך דעם סטויסק. „אַ דאַנק! אַ דאַנק, מיין טייערער פריינט!" — האָט זי גע־שעפּטשעט, זיך צודריקענדיג צו איהם. — „ווען איהר האָט באַ־שלאָסען מיר צו געבען נאָך אַ געלעגענהייט, האָב איך געוואוסט, אַז איהר וועט ניט זיין ענטוישט".

יענער אָוונט, דער 26טער נאָוועמבער, האָט געהאַט אַ מערקווירדיגע באַדייטונג אין ראשעל'ס לעבען. ער האָט איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַשטימט איהר באַרוף אַלס די גרעסטע שוישפּילערין אין פראַנקרייך און, ווי עס האָט זיך דערנאָך ענט־וויקעלט, אויף דער גאַנצער וועלט.

דער איינדרוק איז געווען, אַזוי ווי עס וואָלט דאָ פאָרגע־קומען אַ דועל צווישען אַלע קריטיקער פון דער פאַריזער פרעסע, מיט דעם מעכטיגען זשאַנען אָן דער שפּיץ, פון איין זייט, און מיט דער אומוויסענדער דאַרער זיבעצעהן־יאָהריגער מיידעלע אויף דער אַנדערער זייט; און זי האָט דעם קאַמף געוואונען. זי האָט איבער די אַלע לייבען פון טעאַטער־קריטיק געהאַט אַ צושמעטערענדען זיג.

די שרייבער פון די „ניין פעליעטאָנען" זיינען איצט געווען ניין קריטיקער מיט ניין אַראָפּגעלאָזטע נעזער.

פון יענעם אָוונט אָן איז ראַשעל געשטאַנען העכער פאַר יעדער קריטיק.

* * *

די פיעסע „באַיאַזעט" איז געגאַנגען זעהר אָפט, אימער מיט אַ קאָלאָסאַלען ערפאָלג. זשאַנען'ען איז ניט אַנגענעם געווען זיך מודה צו זיין, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט. אָבער ענדליך האָט ער דאָס געטאָן. „ראָקסאַנאַ איז אפשר ראַשעל'ס גרעסטער זיג" — האָט ער געשריבען — און זעהר וועניג שוישפּילערינס האָבען ווען עס איז אַזאַ זיג געהאַט.

און וואָס אַנבאַטרעפט איהרע שונאים פון דער „סאָסיעטער" גרופּע און אַנדערע מענשען, וואָס האָבען ניט געקענט פאַרגעסען, אַז איהר פאָטער פאָדערט סקאַנדאַליעזע סומען — האָבען זייערע אומפריינדליכע ווערטער איצט שוין ניט געהאַט קיין שום באַדייטונג.

דער טעאַטער־עולם איז געווען אויף איהר זייט. זי איז געווען דער גרויסער ליבלינג פון יעדען טעאַטער־געהער. זיי זיינען געווען פאַראינטערעסירט נאָר אין איין זאַך: ראַשעל פלאַקערט אויף זייערע געפיהלען: זי ברענגט זיי צו טרערען און זי פאַרשאַפט זיי מינוטען פון טיפע פרייד. זי באַצויבערט זיי.

יענעם אָוונט איז זי געוואָרען די הערשערין איבער די הערצער פון די פאָלקס־מאַסען ביז דער העכסטער אינטעליגענץ.

דער לעצטער וואָרט ערינערט מיר, אַז דער באַרימטער פראַנצויזישער פּאָעט אַלפרעד דע מיוסע, וועלכער איז דאַן געווען אין דעם העכסטען גלאַנץ פון זיין טאַלאַנט און ערפאָלג, איז געווען איינער פון איהרע באַגייסטערטע פאַרעהרער. ער האָט געשריבען אַרטיקלען אין דעם וויכטיגסטען פּאַריזער זשורנאַל, און ער האָט איהר „ראָקסאַנאַ" געלויבט ביז'ן הימעל.

אַזוי ווי די פּיעסע האָט געהאַט אַ ספּעציעלע באַדייטונג אין ראַשעל'ס קאַריערע, איז וויכטיג, אַז דער לעזער זאָל באַקאַנט ווערען מיט איהר אינהאַלט בכלל און מיט ראָקסאַנאַ'ן בפרט.

דער לעזער וועט דאַן זיך פאָרשטעלען די ראָלע וואָס זי האָט דאָ געהאַט; און מיר וועלען קענען ערקלערען ווי אַזוי זי

האָט די ראָלע געשפּילט. דאָס, ווידער, וועט זיין וויכטיג אין באַצוג צו דער פראַגע וועגען ראַשעל׳ס טאַלאַנט.

דער אינהאַלט פון דער פּיעסע „באַיאַזעט״ און ראַשעל׳ס ראָלע אַלס ראָקסאַנאַ

אויבען איז דערמאָנט געוואָרען, אַז אין איין פאַל האָט ראַסין געשריבען אַ פּיעסע, ניט פון פאַר צוויי אָדער דריי טויזענד יאָהרען, נאָר פון זיין אייגענער צייט. דאָס איז טאַקע זיין טראַגעדיע „באַיאַזעט״, וועגען וועלכע מיר רעדען דאָ. די געשיכטע איז פאָרגעקומען אין 1638, איין יאָהר איידער ראַסין איז געבאָרען געוואָרען. און די הויפּט פּאַסירונגען און הויפּט־פּערזאָנען זיינען ניט קיין אויסגעטראַכטע. זיי זיינען געבויט אויף אמת׳ע געשעהעניששען.

*   *   *

אָט איז דער אינהאַלט פון דער פּיעסע „באַיאַזעט״:

דער טערקישער סולטאַן אַמוראַט איז נישטאָ אין דער היים. פון זיין הויפּט־שטאָט סטאַמבול (קאָנסטאַנטינאָפּאָל) איז ער אוועק מיט אַ גרויסער אַרמיי צו פיהרען מלחמה געגען באַגדאַד, וועלכע איז וויים פון דאָרטען.

אין סטאַמבול געפינט זיך זיין אינגסטער ברודער, באַיאַזעט. צו אַן אָפּיציעלער חתונה צווישען אַמוראַט׳ען און ראָקסאַנאַ׳ן מיט אַ רעליגיעזער צערעמאָניע איז קיינמאָל ניט געקומען. וואָרים די סולטאַנס האָבען זיך געהאַלטען העכער ווי די פאָדערונגען פון רעליגיע.

ער האָט ראָקסאַנאַ׳ן אַרויסגענומען פון זיין האַרעם, ווייל זי איז איהם שטאַרק געפעלען, און ער האָט זי ערקלערט פאַר זיין סולטאַנאַ; אָבער האָבען אַ פאָרמעלע צערעמאָניע מיט איהר וואָלט ער באַטראַכט אַלס נידעריגער פאַר זיין „מאַיעסטעטישער״ ווירדע. ווען ער איז אַוועק אין קריג האָט ער אין איהרע הענט איבערגעלאָזען די גאַנצע הערשאַפט.

צו באַיאַזעט׳ען, זיין ליבליכען ברודער, האָט ער אַ קאָנקורענץ־געפיהל און אַ חשד, אַז ער גאַרט אוועקצונעמען די קרוין

ביי איהם. אין יענע צייטען האָט אָפּט פּאַסירט, אַז צוליב אַזאַ געדאַנק זאָל אַ סולטאַן זיינעם אַ ברודער לאָזען אָפּהאַקען דעם קאָפּ אָדער דערווערגען. און דער אמת איז, אַז אַמוראַט האָט שוין אַמאָל פון שלאַכטפעלד צו ראָקסאַנאַ'ן געשיקט אַ שליח מיט אַ באַפעהל באַיאַזעט'ען צו טויטען. אין דעם פּאַלאַץ האָבען זיך אָבער געפונען מענשען, וואָס האָבען אָנגעפיהרט אינטריגעס געגען דעם סולטאַן, און מען האָט דעם שליח אַריינגעוואָרפען אין שוואַרצען ים איידער ראָקסאַנאַ האָט איהם געזעהן.

אַמוראַט האַלט זיין ברודער אין געפאַנגענשאַפט — אין דעם סולטאַנישען פּאַלאַץ, אָבער הינטער ריגלען און שלעסער.

אין אַמוראַט'ס אַבוועזענהייט איז ראָקסאַנאַ די הערשערין, און באַיאַזעט'ס לעבען און טויט זיינען אין איהרע הענט.

געזעהן האָט זי באַיאַזעט'ען קיינמאָל ניט. זי הערט אָבער, אַז ער איז זעהר שעהן, גוט און סימפּאַטיש, און זי ווערט נייגעריג אויף איהם אַ קוק צו טאָן.

זיי זעהען זיך און ראָקסאַנאַ ווערט וואַהנזיניג פאַרליבט אין איהם. און דאָס אַלץ איז דורכגעפיהרט געוואָרען פון באַיאַזעט'ס פריינד, וועלכע האַסען אַמוראַט'ען און אינטריגירען געגען איהם. זיי האָבען דאָס דערטרונקען זיין שליח.

זיי זוכען מיטלען ווי אַזוי באַיאַזעט'ען אַרויפצוזעצען אויפ'ן טראָן, און זיי האָפען דעם פּלאַן צו פאַרווירקליכען דורך ראָקסאַנאַ'ס ליבע. וואָרים אַזוי לאַנג ווי אַמוראַט איז ניטאָ אין סטאַמבול איז זי אַלמעכטיג, און די אַרמיי און דאָס פאָלק האָבען אַמוראַט'ען פיינט; באַיאַזעט'ען אָבער האָבען זיי ליב.

אין דער אינטריגע באַטייליגט זיך זאָגאַר באַיאַזעט'ס אמת'ע געליבטע — אַטאַליד, וועלכע איז ניט קיין הארעם־פרוי ווי ראָקסאַנאַ איז פריהער געווען, נאָר פון קעניגליכען בלוט. זי איז אַמוראַט'ס (און באַיאַזעט'ס) אַ קוזינע און זי האָט זיך געהאָדעוועט צוזאַמען מיט באַיאַזעט'ען. זיי זיינען פאַרליבט נאָך פון זייערע קינדער־יאָהרען.

אַטאַליד האָט דאָ אין זינען ערשטענס צו ראַטעווען באַיאַזעט'ען פון טויט און געפאַנגענשאַפט, און צווייטענס האָט זי אַ האָפנונג, אַז נאָכדעם ווי ער וועט ווערען סולטאַן, וועט ער זיך פון ראָקסאַנאַ'ן באַפרייען און ער וועט חתונה האָבען מיט איהר,

מיט אַטאַליד׳ען, און טאַקע מיט אַ רעליגיעזער צערעמאָניע; וואָ־
רים זי איז דאָך פון דער קעניגליכער משפחה.

די אינטריגע ענטוויקעלט זיך אַלץ ווייטער און טיפער. אָבער
באַיאַזעט איז צו עהרליך און איידעל צו שפּילען אַ פאַלשע ראָלע;
דערפון קומען אַרויס פאַרשידענע שוועריגקייטען און מיספאַר־
שטענדעניסען. ראָקסאַנאַ דערשפּירט אַ פאַלשען טאָן און איז
חושד, אַז מען נאַרט איהר. די גרעסטע שטערונג באַשטעהט אין
פאָלגענדען:

ראָקסאַנאַ פאָדערט, אַז באַיאַזעט זאָל מיט איהר גלייך חתונה
האָבען אויף אַ רעליגיעזען שטייגער. בלויז דאַן וועט זי זיין זיכער
מיט איהם; אָבער פון דעם וויל ער ניט הערען. און זיינע פריינד,
די אָנפיהרער פון דער אינטריגע מוזען אָפט זיך אַריינמישען מיט
תירוצים.

ראָקסאַנאַ איז אַ פרוי מיט אַ פייערדיגען טעמפּעראַמענט, און
איהר ליידענשאַפטליכע ליבע ווייס ניט פון קיין גרעניץ.

זי איז חושד אַז מען נאַרט איהר. זי הויבט זאָגאַר אָן צו
פאַרדעכטיגען, אַז די באַציהונגען צווישען באַיאַזעט׳ען און אַטאַ־
ליד׳ען זיינען גאָר ניט אַזעלכע ווי אַטאַליד און די אַנדערע פריינד
באַיאַזעט׳ס שטעלען זיי פאָר. זי איז אָבער שכור פון פאַרליבט־
קייט, און איהר ליידענשאַפט צווינגט איהר זיך אַליין צו פאַר־
בלענדען די אויגען.

פאַראַן מאָמענטען, ווען זי ברענט מיט צאָרן אויף באַיאַ־
זעט׳ען, און אָט וועט זי הייסען איהם אָפּהאַקען דעם קאָפּ . . .
ביי אַזאַ געדאַנק ווערט איהר אָבער שרעקליך, און זי פיהלט אַ
נייעם שטראָם פון ליבע צו איהם. דאַן טייטשט זי אוים זיין האַל־
טונג צו איהר אַזוי ווי עס לוינט זיך איהר פאַרליבטער נשמה. דער
נאָך האָט זי אַ נייעם געשפּרעך מיט איהם און זי דערפיהלט נייע
ספאַזמען פון אייפערזוכט און חשד, און אַ נייעם פלאַקער פון ראַכע־
דורשט.

מיט דאָס איבעריגע פון סוזשעט וועט דער לעזער באַקאַנט
ווערען פון די ווייטערדיגע דריי קאַפּיטלעך. זיי ענטהאַלטען די
וויכטיגסטע שטעלען פון דער פּיעסע גופא — אַלע איהרע שטאַרק־
סטע מאָמענטען, און דאָס הייסט הויפּטזעכליך, די מאָנאָלאָגען
און אַנדערע רייד ראָקסאַנאַ׳ס.

זעכצענטער קאַפּיטעל

אויסצוגען פון דער פּיעסע „באַיאַזעט“

אין איין סצענע קומט פאַר אַ געשפּרעך צווישען איהר און באַיאַזעט׳ען. זי שטעהט צו איהם צו. צום הונדערטען מאָל פאָדערט זי, ער זאָל מיט איהר גלייך חתונה האָבען אויף אַ פאָרמעלען רעליגיעזען שטייגער. ער ערקלערט איהר, אַז פאַר אַ סולטאַן אַזוי צו הייראַטען מיט אַ פרוי, וואָס איז אַרויסגעקומען פון אַ האַרעם, איז ניט קיין פּאָפּולערע זאַך. עס רעכענט זיך פאַר אַ באַליידיגונג פאַר זיין כבוד. אַלס באַווייז ברענגט ער איהר אַ געשיכטע מיט אַ סולטאַן מיט׳ן נאָמען אָדעאָן. ער האָט אַזאַ חתונה־צערעמאָניע געפּראַוועט מיט אַ פרוי פון זיין האַרעם, האָט דאָס געמאַכט אַ שלעכטען איינדרוק, און מיט דעם האָבען זיך באַנוצט זיינע שונאים; זיי האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגען איהם.

— וואַרט, — זאָגט באַיאַזעט צו איהר — אפשר וועט קומען אַ צייט, ווען אין די הערצער פון דער אַרמיי און פון פאָלק וועט שוין זיין טיף איינגעוואָרצעלט רעספּעקט און ליבע צו מיר, דאַן וועלען מיר קענען האַנדלען מיט מעהר קראַפט, מיט מעהר זיכערקייט. זעץ מיך פעסט אַרויף אויפ׳ן טראָן, וועל איך דיר באַווייזען מיין דאַנקבאַרקייט.

ראָקסאַנאַ (צו באַיאַזעט׳ען מיט אַ ביטרען שמייכעל): — איך אַנערקען מיין נאַרישקייט און דיין וואונדערבאַרען פאַרשטאַנד. דו רעכענסט אויס די קלענסטע געפאַהר, צו וועלכער מיין אונגעדולדיגע ליבע קען פיהרען. דו האָסט מורא, טאָמער וועט אונזער הייראַט שעדיגען דיין עהרע און דיין פּאָפּולאַריטעט. אַזוי זאָגסטו און איך מוז דיר גלויבען. האָסטו אָבער באַטראַכט, וואָס עס וועט זיין, אויב אונז וועט ניט פאַראייניגען אַ געזעצליכע חתונה? האָסטו באַרעכענט, אַז דאַן וועלען דיך אַרומרינגלען די גרעסטע געפאַהרען? דיר לוינט זיך בעסער צו האָבען מיין פריינדשאַפט און מיין שטיצע. די טויערען פון דעם פּאַלאַץ געפינען זיך אונטער מיין קאָנטראָל. איך קען זיי עפענען פאַר דיר און איך

קען זיי האַלטען פאַרשלאָסען. האָסטו אין זינען, אַז דיין לעבען איז אין מיינע הענט, און אַז איך זעה ווי פון מיין ליבע קערסטו זיך אָפּ? דו קערסט זיך אָפּ פון מיין ליבע, אָהן וועלכער דו וואָלסט שוין לאַנג געווען טויט . . .

באַיאַזעט (צו ראָקסאַנאַ'ן): —

יאָ, דאָס אַלץ איז אין דיינע הענט. איך האָב אָבער געגלויבט, אַז די איינציגע באַפּרידיגונג, וואָס דו ערוואַרטעסט, איז צו זעהן דעם זיג פון גערעכטיגקייט פאַר מיר, און צו הערען מיינע ווערטער פון דאַנקבאַרקייט צו דיר. איך ווייס וויפיל איך האָב דיר צו פאַרדאַנקען, און איך וועל דאָס באַשטעטיגען עפענטליך. דאָס לעבען וואָס דו גיסט מיר, וועט דיר דינען. ווערסטו דען נאָך אַלץ פאָדערען, אַז —

ראָקסאַנאַ (צו באַיאַזעט'ען): — ניין, מעהר פאַרלאַנג איך ניט! ערגער מיך מעהר ניט מיט דיינע געצוואונגענע תירוצים. איך זעה שוין, ווי ווייט דיינע געדאַנקען זיינען פון מיינע. אַז דו זאָלסט ערפילען מיין פאַרלאַנג, וועל איך מעהר פון דיר ניט פאָדערען. קעהר זיך אום צו דער צרה'דיגער לאַגע, פון וועלכער איך האָב דיך אַרויסגעראַטעוועט! קעהר זיך אום אין דיין תפיסה! צי דען דאַרף איך האָבען מעהר באַווייזע, אַז דו ביזט גלייכגילטיג צו מיר? מיין הייסע ליבע געפינט אין דיין האַרצען ניט קיין אָפּקלאַנג. אין דיינע אינטריגעס שפּילט ליבע צו מיר קיין ראָלע ניט. דו גלויבסט, אַז איך בין אין מיינע באַציהונגען צו דיר געגאַנגען אַזוי ווייט, און איך האָב אַזוי פיל ריזיקירט מיט מיין אייגענעם לעבען, אַז דיך צו פאַרשטויסען איז מיר שוין אוממעגליך? דו מיינסט, אַז מיין שיקזאַל איז פאַרבונדען מיט דיין שיקזאַל אַזוי שטאַרק, אַז אָפּזונדערען דיינע אינטערעסען פון מיינע איז פאַר מיר געפעהרליך? דו האָסט אָבער אַ טעות. איך בין זיכער, אַז דיין ברודער איז נאָך גוט צו מיר. דו ווייסט דאָך ווי ער ליבט מיך; ווי וועל איך איהם קענען באַרוהיגען טראָץ זיין ברענענדיגען צאָרן? פאַר איהם וועט זיין גענוג דיין טויט, אום ער זאָל מיר אַלץ פאַרגעבען.

הער אויס, באַיאַזעט, איך פיהל אַז איך ליב דיך. טאָ לאָז מיך ניט אוועקגעהן פון דיר. צו וואָס זאָלסטו אויף זיך ברענגען פאַרניכטונג? האָב חרטה אויף דיינע קאַלטע באַציהונגען צו מיר

און דו ביזט געראָטעוועט. טרייב ניט צו פאַרצווייפלונג די, וואָס איז ווילד פאַרליבט אין דיר. איך דאַרף נאָר זאָגען איין וואָרט און דו ביזט אַ טויטער.

באַיאַזעט: — מיין לעבען איז אין דיינע הענט, דו קענסט עס אָוועקנעהמען ביי מיר. עס איז מעגליך, אַז מיין טויט וועט זיין נוצליך פאַר דיר; אַז דאָס וועט דיר ברענגען אַמוראַט׳ס פאַר־ציהונג, און דו וועסט ווידער געווינען דעם פּלאַץ וואָס דו האָסט פריהער געהאַט אין זיין הארצען.

ראָקסאַנאַ: — אין זיין הארצען, זאָגסטו? צי דען מיינסטו, אַז דאָס ליגט מיר אין זינען? ווען אַמוראַט זאָל דאָס אפילו וועלען און די האָפנונג דיך צו זעהן אויפ׳ן טראָן, די זיסע האָפ־נונג, מיט וועלכער איך האָב זיך אַזוי געקוויקט, וואָלט פאַר־שוואונדען, וואָלט איך דאַן געקענט האָבען אַזעלכע געדאַנקען? גלויבסטו דען, אַז איך קען ווייטער לעבען, סאַידען איך וועל לע־בען פאַר דיר? איך בין זיך מודה: די שטאָלצע פאַראַכטונג, וואָס איך האָב דאָ איצט דיר אַרויסגעוויזען, איז אַ פאַלשער אָנ־שטעל. דער איינציגער בליק וואָס איך קען האָבען אויף דער וועלט ווענדט זיך אָן דיר. דיין טויט וועט זיין אַ סיגנאַל פאַר מיין טויט. וואָס פאַר אַ טרויעריגער רעזולטאַט פון אַלע מיינע באַמיהונגען צו רעטען דיין לעבען! דו זיפצסט? דו האָסט אַנגסט? זאָג דעם אמת. פאַרבאָרג ניט פון מיר.

באַיאַזעט: — אַך, ווען איך וואָלט געקענט רעדען!

ראָקסאַנאַ: — וואָס מיינסטו, פּרינץ? אהא דו האָסט סעק־רעטען פון מיר! דיינע געפיהלען זיינען צו הייליג, אַז אַזאַ ווי איך זאָל מעגען וויסען פון זיי!

באַיאַזעט: — מאַדאַם, איהר האָט די ברירה זיך אויסצו־קלייבען: ענטוועדער עפענט פאַר מיר אַ געזעצליכען וועג צום טראָן, אָדער קוילעט מיר. איך בין פאַרטיג!

ראָקסאַנאַ: — דאָס איז שוין צופיל! איך וועל דיך צו־פרידען שטעלען! העי, וועכטער! קומט אַריין!

(דערנאָך ענדערט זי זיך ווידער. פאָלגענדעס איז אַ סצענע, אין וועלכער עס נעמט אנטייל ראָקסאַנאַ און באַיאַזעט. אַטאַליד איז דערביי):

ראָקסאַנאַ: — קום, באַיאַזעט! ס׳איז שוין צייט דו זאָלסט זיך באַווייזען! זאָל דער גאַנצער פּאַלאַץ אַנערקענען זיין אמת׳ן

האַר! אַלע די וואָס געפינען זיך צווישען דיזע ווענט — און זייער צאָהל איז גרויס — אַלע האָבען זיי זיך פֿאַרזאַמעלט אויף מיין באַפֿעהל. און זיי וואַרטען צו ערפֿילען דיין וואונש! (ווענדענדיג זיך צו אַטאַליד'ען): מיין פֿלוצלימדיגער איבערגאַנג פֿון אַ ביטערען צאָרן צו אַ פֿריינדליכער שטימונג ווערט אייך אפשר איבערראַשען, וואָרים איך האָב זיך שוין געקליבען פֿון איהם נקמה צו נעמען. איך האָב איהם באַטראַכט פֿאַר אַ פֿאַררעטער. איך האָב זיך געשוואָרען, אַז דאָס זאָל זיין זיין לעצטער טאָג אויף דער וועלט, אָבער — ער האָט קוים אויפֿגעעפֿענט זיינע ליפּען, ווי מיר איז אָפּגעגאַנגען דער כעס. מיין ליבע צו איהם האָט מיך געצוואונגען צו שווערען, אַז איך וועל איהם אומברענגען, און דיזעלבע ליבע האָט מיין בייזען באַשלוס צוריקגערופֿען. ער איז געוועזען צושטרייט, פֿאַרשעמט, צוטומעלט, און איך האָב אין דעם געזעהן צייכענס פֿון זיין פֿלאַמענדער ליבע צו מיר. איך האָב איהם פֿאַרגעבען. איך געטרוי זיין צוזאָג.

באַיאַזעט: — יאָ, איך האָב פֿאַרשפּראָכען; איך האָב געגעבען מיין וואָרט קיינמאָל ניט צו פֿאַרגעסען דעם גרויסען חוב, וואָס איך בין דיר שולדיג. האָב איך דען ניט געשוואָרען, אַז מיט אייביגער זאָרג וועגען דיר און גוטהאַרציגקייט צו דיר וועל איך דיר מיין דאַנקבאַרקייט באַווייזען? אויב דיין פֿריינדליכקייט ווערט מיר געגעבען אויף דיזע באַדינגונגען, ערוואַרט איך אַ סך גוטעס פֿון דיר.

ראָקסאַנאַ (זי באַמערקט, אַז באַיאַזעט און אַטאַליד וואַרפֿען זיך בליקען. איהר דוכט זיך, אַז זיי שושקען זיך. באַיאַזעט זאָגט „אַדיע" און פֿאַרלאָזט דעם צימער): אָה, הימלען! וואָס באַדייטען זיינע קאַלטע ווערטער, זיין ערנסטער, שטרענגער אַדיע? אַזוי ווי אַלץ, וואָס איז צווישען אונז פֿאָרגעקומען וואָלט פֿלוצלינג אָפּגעמעקט געוואָרען. אין וואָס, גלויבט ער, באַשטעהט מיין האָפֿנונג, צוליב וועלכער איך האָב פֿאַרגעסען מיין כעס און איהם אומגעקערט מיין ליבע? איך האָב געמיינט, אַז ער האָט מיר געשוואָרען, דאָס אין זיין האַרץ וועל איך ביז'ן טויט זיין זיין געליבטע. האָט ער שוין חרטה אויף דעם שלום-אָפּמאַך, וואָס מיר האָבען געשלאָסען? בין איך געוועזען גענאַרט? איהר האָט מיט איהם דאָ געשמועסט, פֿריילין? וואָס האָט ער געזאָגט?

אַטאַליד: — צו מיר? ער ליבט איך אימער, מאַדאַם. (אַטאַליד פאַרטיידיגט איהם ווייטער. זי פאַרזיכערט ראָקסאַנאַ'ן ווידער, אַז באַיאַזעט איז איהר געטריי).

ראָקסאַנאַ: — גענוג, פריילין! איך קען זעהן וואָס עס קומט פאַר אין אייער מוח. פאַרלאָזט דעם צימער. איך וויל זיין מיט זיך אַליין אַ ווײַלע. איך האָב אויך שווערע מאָמענטען. איך האָב אויך דאגות, ניט וועניגער ווי ער — געדאַנקען, וועלכע איך מוז באַטראַכטען אין געהיים.

ראָקסאַנאַ (אַליין): — ווי זאָל איך פאַרשטעהן דאָס, וואָס איך האָב דאָ געזעהן? האָבען זיי אַ געהיימען פאַרבאַנד צווישען זיך מיר צו נאַרען? האָב איך דען ניט געכאַפּט אַ בליק פון איהר צו איהם און פון איהם צו איהר? זיינען זיי דען ניט געזעסען ווי צוטומעלטע? פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ באַהאַנדלונג? אַט אַזוי באַלוינט מען דאָס מיך פאַר מיין בלינדער ליבע? פאַר אַזוי־פיל שמערצליכע טעג און שלאָפלאָזע נעכט? איך האָב זיך אַריינגעלאָזען אין פאַרשווערונגען, אין אינטריגעס, אין אַ פאַרראַט געגען דער מלוכה; און דאָס איז אַוועק צו ווייט, אַז דער סולטאַן זאָל דאָס פאַרצייהען. זאָל די נוץ דערפון אָנקומען ניט מיר, נאָר מיין קאָנקורענטקע? אָבער . . . אפשר עס איך זיך אומזיסט אָפּ דאָס הארץ. אפשר מאַך איך צופיל וועזען פון אַ קליינינקען וואָלקענדעל, וואָס וועט זיך שנעל פאַרבייטראָגען. אפשר נעהם איך אָן פאַר ליבע צו אַן אַנדער פרוי דאָס, וואָס איז ניט מעהר ווי אַ קאַפּריז. ווען ער וואָלט מיך ווירקליך גענאַרט, וואָלט ער זיין פאַלשע ראָלע דערשפּילט ביז'ן סוף. מיר האָלטען דאָך שוין אַזוי נאָהענט צו אַ פולשטענדיגען ערפאָלג פון אונזער פּלאַן. אַט באַלד וועט ער זיצען אויפ'ן טראָן. וואָלט ער דאָך זיין מאַסקע געקענט טראָגען נאָך אַ פּאָר טעג. היינט פאַרוואָס טוט ער גראָד איצט אויס די מאַסקע און ווייזט מיר, אַז ער ליבט מיר גאָר ניט? אפשר דוכט זיך דאָס מיר. צו וואָס דאַרף ער מיט זיינע אייגענע הענט צורייסען דעם גרויסען גליק, וואָס שטעהט ביי זיין שוועל? ליבע, ווען זי ווערט ניט געשטיצט פון דעם קלאָרען שכל דערשרעקט זיך פאַר יעדען שאָטען. איך מוז זיך באַרוהיגען; איך מוז האָבען מוט. פאַרוואָס זאָל איך מורא האָבען פאַר אַטאַליד'ען אַלס אַ קאָנקורענטקע צו מיר? וואָס האָט זי אַזעלכעס געטאָן פאַר

איהם, אַז ער זאָל איהר דאַנקבאַר זיין? ווער פון אונז צוויי זעצט איהם אויפ'ן טראָן? אָבער די ליבע איז אַ טיראַן. און אויב אַן אַנדערע באַצויבערט אייער געליבטען, וואָס פאַר אַ ממשות האָט דאַן אַ קרוין אָדער דאָס לעבען גופא? נוצען, פּראָ־פּיטען — קענען זיי דען איבערשטייגען דעם כח פון אַ באַצוי־בערטע האַרץ?

(דאָ קומט אַריין ראָקסאַנאַ'ס טרייע דינסט, פאַטימאַ, מיט אַ גרויזאַמער נאַכריכט: עס איז געקומען אַ קוריער פון אַמו־ראַט'ען און ער איז ניט קיין אַנדערער ווי אָרקאַן, אַ נעגער, שוואַרץ ווי קויל, מיט אַ פּנים ווי פון אַ ביינער חיה. ער איז אַמוראַט'ס פאַרטרויסטער שליח, און מיט זיינע הענט טוט דער סולטאַן אָפּ זיינע שרעקליכסטע רציחות).

ראָקסאַנאַ: — וואָס פאַר אַ נייער אומגליק קומט דאָ אויף מיין קאָפּ? מיט וואָס פאַר אַ צוועק האָט אַמוראַט אָרקאַנ'ען גע־שיקט? וואָס זאָל זיין מיין ענטפער? דער סולטאַן איז אָהן צווייפעל אומרוהיג וועגען באַיאַזעט'ען. אפשר ווייס ער, אַז זיין פריהערדיגער באַפעהל, מען זאָל איהם טויטען, איז ניט דורכ־געפיהרט געוואָרען? אפשר שיקט ער דעם זעלבען באַפעהל ווי־דער? אָבער אָהן מיין ערלויבנים וועט קיינער ניט אָנרירען אַ האָר אויף באַיאַזעט'ס קאָפּ. דאַרף איך איהם באַשיצען? באַיאַזעט אָדער אַמוראַט — ווער פאַרדינט איך זאָל איהם זיין טריי? איינעם האָב איך פאַרראַטען; דער צווייטער איז אפשר מיר פאַלש. עס איז ניטאָ קיין מינוט צייט. איך מוז גלייך ענטשיידען. איך וועל נאָכשפּירען באַיאַזעט'ען און אַטאַליד'ען, און דאַן וועל איך ענט־ווערער אָנטאָן אַ קרוין אויפ'ן קאָפּ פון אַ באַיאַזעט, וואָס ליבט מיך טריי, אָדער טויטען אַ באַיאַזעט, וואָס איז מיר פאַלש.

* * *

עס קומט פאָר אַ סצענע צווישען ראָקסאַנאַ'ן און אַטאַליד'ען. ראָקסאַנאַ האָט פון אַמוראַט'ען ערהאַלטען אַ בריף פול מיט נייעס, וואָס איז זעהר שלעכט פאַר איהר און באַיאַזעט'ען. באַגדאַד איז געפאַלען, און אַמוראַט, אַ זיגרייכער, אַ פּאָפּולערער ביי דער אַרמיי און איבער גאַנץ טערקיי, קומט באַלד אַהיים. די לעצטע שורות פון דעם בריף זיינען:

„איך האָב דיר נאָך פריהער געשיקט אַ באַפעהל. איך האָף, אַז דו האָסט געפאָלגט און אַז באַיאַזעט איז שוין טויט. איצט ווידערהאָל איך מיין ווילען, אויב דאָס איז נויטיג. האַלסטו דיין איינגענעם לעבען טייער? אויב יאָ, טאָ זעה, אַז ווען איך וועל קומען, זאָל איך אָנקוקען זיין אָפּגעהאַקטען קאָפּ".

אַטאַליד פאַרבאָרגט איהרע טרערען. „ער וויל טויטען זיין איינגענעם ברודער", — זאָגט זי. „ער ווייס אָבער ניט, אַז באַיאַזעט איז שוין ניט איינער אַליין און הילפלאָז. ער ווייס ניט, אַז דו באַשיצסט איהם. ער ווייס ניט, אַז איהר זייט צוויי קערפּערס און איין נשמה, און אַז איהר וואָלט בעסער שטאַרבען, איידער —"

ראָקסאַנאַ: — פון מיינעטוועגען וואָלט איך דעם פּרינץ גע־ראַטעוועט. פיינט האָבען איהם איז מיר אוממעגליך. אָבער —

אַטאַליד: — וואָס האָט איהר באַשלאָסען צו טאָן?

ראָקסאַנאַ: — פאָלגען דעם סולטאַנ'ס באַפעהל. האָב איך דען איצט אַ ברירה?

אַטאַליד: — קענט איהר דען איבערהאַקען דעם לעבען פון דעם פּרינץ, וועלכער האָט זיך געגעבען אַ נדר איך אייביג צו זיין טריי?

ראָקסאַנאַ: — איך קען זיך ניט העלפען. מיין באַפעהל איז שוין אַרויסגעגעבען געוואָרען.

(אַטאַליד פאַלט אין חלשות. פאַטימאַ פיהרט איהר אַרויס אין אַן אַנדער צימער. ראָקסאַנאַ הייסט פאַטימאַ'ן זיך צוהערען צו יעדען וואָרט וואָס וועט אַרויסקומען פון איהר מויל).

ראָקסאַנאַ (צו זיך אַליין): — מיין קאָנקורענטקע האָט זיך ענדליך אַליין אַרויסגעגעבען. איצט זעהט מען שוין ווי שטאַרק זי האָט איהם ליב. ווענמען איך האָב דאָס געטרויט! זעקס מאָנאַטען האָב איך געגלויבט, אַז איהר הויפּט אינטערעס איז צו העלפען מיר אין מיין ליבע! איך האָב געמיינט, אַז דאָס ליגט איהר אין זינען טאָג און נאַכט, און אין אמת'ן האָב איך גאָר טריי געדינט איהרע אינטערעסען. איך האָב איהר געהאָלפען זיך זעהן מיט איהם וואָס אָפטער; וואָס אָפטער צו האָבען זיסע מינוטען מיט איהם. דאָס איז אָבער ניט אַלץ וואָס איך דאַרף וויסען. איצט מוז איך געוואָהר ווערען צי איהר שווינדלערישע ראָלע האָט געהאַט ערפאָלג. אָבער וואָס נאָך דאַרף איך דערגעהן?

איז דען אַלץ ניט קלאָר ווי דער טאָג? איז דען מיין אומגליק ניט אויפגעשריבען אויף איהר פּנים? קען מען דען פון איהר ווילדער פאַרצווייפלונג ניט זעהן, אַז דאָס הארץ פון איהר געליבטען געהערט צו איהר? אַזעלכע צווייפלען און פאַרדאַכטען ווי די, וואָס פּלאָגען מיך, האָט זי ניט. דאָס איינציגע, וואָס פאַרשאַפט איהר וועהטאָג, איז איהר מורא פאַר זיין לעבען. איך מוז דערגעהן דעם גאַנצען אמת. אפשר לעבט זי אין טעות? אפשר בויט זי אויף פאַלשע צוזאָגונגען, פאַרזיכערונגען, אַזוי ווי איך? איך וועל אָנשטעלען אַ פאַסטקע און ער וועט אַריינפאַלען. אָבער אפשר איז אַן עבירה די אַרבייט? צו וואָס זאָל איך צוקלערען מיטלען בלויז זיך צו מוטשען? צו וואָס זאָל איך צורייסען דעם שלייער, הינטער וועלכען ער באַהאַלט זיין פאַראַכטונג צו מיר? אַ חוץ דעם: זיין פאַרזיכטיגקייט קען אפשר בייקומען מיין גרעסטע קלוגשאַפט; און קיין סך צייט איז דאָך שוין ניטאָ. איך מוז עפּעס טאָן אויפ'ן שטעל. אפשר איז בעסער צו פאַרמאַכען די אויגען, זיך מאַכען ניט וויסענדיג פון אַלץ וואָס איך וויים? לאָמיר זעהן ווי ווייט ער וועט געהן אין זיין דאָפּעלטען שפּיל. איך וועל זעהן ווי אַזוי ער וועט זיך אויפפיהרען, ווען איך וועל איהם שוין אַרויפזעצען אויפ'ן טראָן. איך וועל זעהן צי וועט ער דאַן פאַרראַטען מיין ליבע, וועלכע האָט איהם געראַטעוועט זיין לעבען; צי וועט ער אויף אַ לומפּיגען שטייגער זיך טיילען מיט מיין קאָנקורענטקע מיט אַלץ וואָס ער האָט מיר צו פאַרדאַנקען. איך וועל אימער האָבען אַ מעגליכקייט זיך אָפּצורעכענען מיט זיי ביידען. איך וועל מיינע אויגען פון זיי ניט אַראָפּנעמען, און ווען איך וועל די פאַרליבטע פּאָרעל כאַפּען אין אַ פּאַסענדען מאָמענט, וועל איך מיט אַ שפּיז זיי פאַראייניגען אין טויט. אַזוי וועל איך טאָן. פאָרלויפיג וועל איך זיך מאַכען בלינד.

ווייטערע אויסצוגען — שלום פון דער פּיעסע

(פאַטימאַ קומט אַריין צו ראָקסאַנאַ'ן מיט אַ פּאַפּיר אין האַנט. אַטאַליד ליגט נאָך אַלץ אין אונמאַכט אין דעם נעקסטען צימער. זי זיפצט און קרעכצט, און די דאַמען פון דעם פּאַלאַץ, באַמיהענדיג זיך איהר גרינגער צו מאַכען צו אָטעמען, האָבען איהר פאַנאַ־

דערגעשפילעט. דאן האבען זיי ביי איהר אין בוזים דערזעהן א בריף און פאטימא האט איהם אוועקגעטראגען צו ראקסאנא'ן).

ראקסאנא (נעהמענדיג זיך צום לעזען): — פארוואס קלאפט דאס אזוי מיין הארץ? פארוואס ציטערען ביי מיר די הענט? אפשר שטעהט דארטען גאר ניט קיין געפעהרליכע זאך? (זי לייענט באיאזעט'ס געהיימען בריף צו אטאליד'ען: „ניט דער טויט און ניט דו, אטאליד, וועלען מיר קענען צווינגען צו מאכען פאלשע ליבעס-פארשפרעכונגען. אין מיין הארץ האלט איך טייער נאר דיך") . . . אהא, איך האב ענטדעקט דעם נידערטרעכטיגען פארראט! אט אזוי באצאלט ער דאס מיר פאר מיין טרייע ליבע, דער לומפיגער שטיק בראך! ער פארדינט ניט דעם לעבען, וואס איך לאז איהם געניסען! איצט קען איך פריי אטעמען! וואס פאר א תענוג דאס איז צו וויסען, אז דער פאררעטער האט זיך אליין ארויסגעגעבען! מיין פייערדיגער צארן איז איצט שוין פריי פון צווייפעל און מורא. איצט קען איך רוהיג זיך גרייטען צו מיין נקמה. זאל ער שטארבען, דער שווארץ יאהר! זאל מען איהם נעמען! געה, זאג מיינע מענשען זיי זאלען צוגרייטען זיין טויט-שטראף! זאלען די שטומע טויט-אגענטען איהם דערווערגען! לויף, פאטימא! פארליר ניט קיין מינוט!

(פאטימא דערמאנט איהר וואס זי האט צו ערווארטען פון אמוראט'ען, ווען ער וועט זיך פון אלץ דערוויסען. זאל זי ניט פארגעסען, אז דאס איז פאר איהר וויכטיגער צו האבען אין זינען. ראקסאנא הערט זיך אבער ניט צו צו איהרע ווערטער. קיין זאך ליגט איהר ניט אין זינען אויסער באיאזעט, איהר ליבע צו איהם און זיין ליבע צו אטאליד'ען).

ראקסאנא: — ווי הארצלאז און מיט וואס פאר א חוצפה זיי האבען זיך ביידע אויסגעלאכט פון מיין נארישען גלויבען אין זיי! ווי לייכט איך האב זיי דאס געטרויט! דער פאררעטער! איז דען דאס א גרויסער זיג ווען מען נארט אפ א הארץ, וואס איז אזוי גערן איהם צו ליבען? פון דעם העכסטען שטאפעל פון מאכט האב איך זיך אראפגעלאזען צו איהם, ווען ער איז געלעגען אין די טיפסטע טיפענישען פון אומגליק; איך האב זיך געווענדעט צו איהם מיט'ן צוועק זיין לעבען פון שטענדיגע געפאהרען צו פארוואנדלען אין א לעבען פון פרידען, זיכערהייט און מאכט.

און נאָך אַלץ וואָס איך האָב פאַר איהם געטאָן, שווערט ער זיך, אַז ער קען מיך קיין מאָל ניט ליבען! צו וואָס זאָל איך זיך אָבער אינטערעסירען מיט פארשוואונדענע חלומות! און צו וואָס רינען די טרעהרען פון מיינע נארישע אויגען? טרעהרען וואָלטען מעהר נוץ געבראַכט פריהער, ווען איך האָב צום ערשטען מאָל דערפיהלט אַ וואונש זיך צו זעהן מיט איהם, אַ וואונש, פון וועלכען עס איז ארויסגעקומען מיין גאַנצע טראַגעדיע. דו ווייגסט, ראָקסאַנאַ, און ער באַטראַכט גאָר איצט נייע שווינדלען, נייע ווער־טער, מיט וועלכע מיר צו פאַנגען, כדי צו היטען זיין לעבען פאַר מיין קאָנקורענטקע. דער לומפ מוז שטאַרבען! וואָס, פאַטימאַ איז נאָך דאָ? איך מוז אָבער וואָס גיכער ארויסגעהן פון דאַנען. ווי אַ נקמה־גייסט מוז איך זיך באַווייזען פאַר איהם. איך וועל איהם גלייך ווייזען זיין ברודער'ס בלוטיגען באַפעהל, און אויך די באַווייזע, שוואַרץ אויף וויים, פון זיין לומפיגען פאַררעט. דו, פאַטימאַ, פאַרהאַלט דאָ מיין קאָנקורענטקע. שטאַרבענדיג זאָל ער הערען די קולות פון זיין געליבטער! זאָל דאָס זיין זיין לעצטער גרוס פון איהר! זאָל זי זיין גוט באַוואַכט. האָבען זאָל זי נאָר אביסעל לעבען און זיך מוטשען. בלויז איהר שרעק, אַז איהר געליב־טער וועט שטאַרבען, האָט אַזוי גערירט איהר האַרץ, אַז זי האָט גע'חלש'ט כמעט צום טויט, היינט וואָס פאַר אַ ים מיט נקמה, וואָס פאַר אַ טייערען תענוג איך וועל האָבען ווען איך וועל איהר ווייזען זיין בלייכען טויטען קערפּער! דאָן, קוקענדיג אויף דעם מת, וועט זי מיר אָפּצאָלען פאַר די פאַרגעניגענס, וואָס זיי האָבען ביי מיר גע'גנב'עט. היט איהר גוט, פאַטימאַ, און — דאָס וויכ־טיגסטע — שווייג!

(אויף דער ביהנע קומט פאַר אַ געשפּרעך צווישען צוויי פון די פּערזאָנען, וואָס נעמען אַנטייל אין די האַנדלונגען. איינער זאָגט: „ראָקסאַנאַ איז אַזוי פאַרצווייפעלט און אַזוי פול מיט ראַכע־דורשט צו באַיאַזעט'ען, און דאָך ליבט זי איהם נאָך! זי איז דאָך געגאַנגען זיך זעהן מיט איהם". דער אמת איז, אַז עס טרייבט איהר מיט איהם זיך אויסצו'טענה'ן, צו באַווייזען איהם ווי פאַר־ברעכעריש ער האַנדעלט געגען איהר. און דער אמת פון אַלע אמת'ן איז, אַז עס ציהט איהר טאַקע זיך צו זעהן מיט איהם, קוקען אויף איהם, הערען זיין שטימע).

ראָקסאַנאַ (צו פאַטימאַ'ן): — יאָ, פאַטימאַ, אַלץ איז פאַר־טיג. דער שוואַרצער אָרקאַן און די שטומע טויט־אַגענטען וואַרטען אויף זייער קרבן. און דאָך האַלט איך איין זיין שיקזאַל, ווי אויף אַ רימען האַלט איך איהם. קומט ער?

פאַטימאַ: — יאָ, אַ קנעכט פיהרט איהם. ווי עס שיינט, ריכט ער זיך ניט אויף קיין באַלדיגער צרה.

ראָקסאַנאַ (צו זיך אַליין): — אָרימע, אומגליקליכע נשמה מיינע! דו ווילסט זיך אַליין אָפּנאַרען. ווי קענסטו פאַרטראָגען דעם פאַררעטער'ס פּנים? מיינסטו אפשר, אַז דיינע ווערטער, מיט ליבע, צי מיט סטראַשונקעס, וועלען איהם רירען? און ווען ער זאָל אפילו טאָן אַלץ וואָס דו וועסט פון איהם פאָדערען, קענסטו דען איהם פאַרגעבען? דאַרף מען די נקמה דען אָפּלייגען אפילו אויף איין מינוט? האָבען דען זיינע פאַרברעכענס זיך שוין ניט אריבערגעגאָסען איבער די ברעגעס פון דעם בעכער? פאַרליר־זשע מעהר ניט קיין מיה אויף אַ האַרץ, וואָס איז געמאַכט פון שטיין! זאָל ער געהן צום טייוועל און זאָל נעמען אַ סוף! אָה, ער קומט!

ראָקסאַנאַ (צו באַיאַזעט'ען): — איך וועל דיך ניט מוטשען מיט נוצלאָזע טענות. די צייט איז צו־טייער. פאַרלירען די מינו־טען אויף פוסטע ווערטער האָט קיין זינען ניט. און דאָס וואָס איך וואָלט צו דיר געזאָגט, ווייסטו אָהן מיר אויך. דאָס וואָס דו לעבסט איז דער בעסטער עדות וועגען דאָס גוטס וואָס איך האָב פאַר דיר געטאָן. און אויב מיין ליבע געפינט ניט קיין אָפּקלאַנג אין דיין האַרצען, באַקלאָג איך זיך אויך ניט, הגם דיזע ליבע מיינע און מיין גוטסקייט צו דיר וואָלטען באַדאַרפט צוגעבען כאָטש עטוואָס צו דעם שוואַכען חן, וואָס איך פאַרמאָג. ווען אָבער אָנשטאָט צו באַגעגענען מיין ליבע מיט דאַנקבאַרקייט האָסטו איהר באַגעגענט מיט פאַלשער פריינדשאַפט און מיט אָפּנאַרעריי, דאַן רופט דיין נידערטרעכטיגקייט אין מיר אַרויס ערשטוינונג.

באַיאַזעט: — מיין נידערטרעכטיגקייט, מאַדאַם?

ראָקסאַנאַ: — יאָ, דיינע! ווועסטו דען נאָך לייקענען, אַז דו פיהלסט פאַראַכטונג צו מיר, הגם דו פאַרבאָרגסט דאָס און דו מיינסט, אַז איך ווייס פון דעם ניט? פאַרוואָס־זשע פאַרשטעלסטו און פאַרמאַסקירסטו די ליבע, וואָס דו פיהלסט צו אַן אַנדערער?

פארוואס שווערסטו מיט דיין פאלשער צונג, אז דו האסט צו מיר געפיהלען, וועלכע דו האסט אין אמת'ן גאר צו איהר, צו דיין אטאליד'ען? (ער דריקט אוים איבערראשונג. פון וואנען וויים זי? — פרעגט ער). הער אויף, פארדעטער! הער אויף זיך צו מאכען אז דו ווייסט נעבעך ניט פון וואס צו זאגען! קוק! (זי ווייזט איהם דעם בריף, וואס ער האט געשיקט צו אטאליד'ען), און פרואוו לייקענען, אז דו האסט דאס געשריבען!

(דא קומט אין דער פיעסע באיאזעט'ס ענטפער. ער רעדט צו איהר אויפריכטיג און אפענהארציג. ער זאגט פאר איהר ארוים דעם גאנצען אמת. יא, ער ליבט אטאליד'ען, ער ליבט איהר פון קינדהייט אן, זינט זיי האבען זיך געהאדעוועט צוזאמען. איהר, ראקסאנא'ן, האט ער קיינמאל ניט געגארט. זי האט פשוט פאלש אויסגעטייטשט זיינע באציהונגען צו איהר. קיין איין פאלשען ווארט האט ער צו איהר ניט געזאגט, קיין איין פאלשע מינע ניט געמאכט. ער דריקט אוים זיין הארציגע דאנקבארקייט פארוואס זי האט איהם באפרייט פון טויט; און ער שליסט מיט א פאר ווערטער, אז אויב זי וואלט וויטער זיך צו איהם גוט באצויגען, וואלט ער איהר אפגעצאלט מיט כבוד און מיט גרויסקייט פאר אלעם גוטעם וואס זי טוט פאר איהם).

ראקסאנא: — ווי אזוי קענסטו מיר פארשאפען צופרידענהייט וויבאלד דיין הארץ בלייבט פרעמד צו מיר? וועלכע פארשפרעכונגען דיינע קענען האבען ביי מיר א ווערט? האסטו פארגעסען ווער איך בין און וואס איך בין? האסטו פארגעסען, אז איך בין דא די הערשערין און אז דיין לעבען איז ביי מיר אין די הענט? האסטו פארגעסען, אז אמוראט האט מיר איבערגעגעבען די פארוואלטונג איבער דער מלוכה, אז ער האט מיך געמאכט פאר א סולטאנא, מיך, וואס איך רעגיר איבער זיין הארץ, הגם דיין הארץ ענטזאגט זיך מיר טרייהייט צו שווערען? איך גענים די העכסטע גדולה, טא ווי אזוי וואלסטו מיך געקענט אויפהויבען העכער? א גליק פאר מיר, כ'לעבען! דער אומגליקליכער, וועמען איך וויל אנטאן א קרוין, שטויסט מיך אפ פון זיך; אן ארונטערגעשליידערטע פון מיין הויכען ראנג, וואלט איך אין בעסטען פאל געווען בלויז די וויכטיגסטע פון מיינע מיט־שקלאפינען! גענוג פוסטע רייד! איך בין שוין מיד פון זיי! זאג מיר

צום לעצטען מאָל: ווילסט בלייבען לעבען און זיצען אויפ'ן טראָן? אָט איז דעם סולטאַנ'ס באַפעהל, אַז דו זאָלסט געטויטעט ווערען! איך קען דיך אָבער רעטען; זאָג זשע שנעל!

באַיאַזעט: — וואָס מוז איך טאָן?

ראָקסאַנאַ: — קום מיט מיר, דיזע מינוט! קום און זעה ווי מיין קאָנקורענטקע וועט שטאַרבען; מען וועט איהר דערשטי־קען פאַר דיינע אויגען. דאַן וועסטו זיין פריי פון דיין ליבע צו איהר. דאַן שווער מיר טרייהייט! דאָס איבעריגע וועט שוין די צייט מאַכען. דאָס איז דער פּרייז, וואָס דו מוזט באַצאָלען דער־פאַר, וואָס איך וועל דיר מוחל זיין.

באַיאַזעט: — דו קענסט ערוואַרטען פון מיר בלויז איין זאַך: אַ נדר, אַז איך וועל נעמען נקמה פון דיר. מיט אַ האַרץ פול מיט האַס צו דיר, וועל איך דיך בראַנדמאַרקען מיט אַ טויזענד־פאַכיגער קללה איבער דער גאַנצער וועלט . . . אויב איך בין שולדיג, איז אָבער אַטאַליד אומשולדיג. ניט געריהרט פון אייפער־זוכט, האָט זי פאַרגעסען אָן איהרע אינטערעסען און געבעטען זיך ביי מיר איך זאָל דיר געבען מיין האַרץ און מיין האַנט און געהן אין אַ געזעצליכער הייראַט מיט דיר. גיס אויס דיין צאָרן אויף מיר! ערפיל אויפ'ן שטעל דעם סולטאַנ'ס באַפעהל וועגען מיר! דער אָרימער אַטאַליד'ען האָט דער סולטאַן דאָך צום טויט ניט פאַראורטיילט. לאָז איהר צורוה! דו האָסט מיר געטאָן אַזויפיל טובות, טהו מיר שוין דיזע טובה אויך, אויב איך בין דיר ווירקליך געווען טייער!

ראָקסאַנאַ: — אַוועק! אַוועק פון מיינע אויגען! (ווען ער איז שוין ניטאָ גיט זי צו:) מעהר זאָלסטו מיך ניט אָנקוקען! דו מאַרשירסט גלייך צו דיין קבר!

(עס באַווייזט זיך אַטאַליד. זי אַפּעלירט צו ראָקסאַנאַ'ן פאַר באַיאַזעט'ען. אויב זי, אַטאַליד, איז אין וועג, וועט זי זיך נעמען דאָס לעבען. זאָל זי, ראָקסאַנאַ, איהם זעצען אויפ'ן טראָן און זיין גליקליך מיט איהם! „געהט, מאַדאַם, זיך זעהן מיט איהם — זאָגט זי — איידער איהר וועט זיך אומקעהרען וועל איך, אייער קאָנקורענטקע, שוין ניט זיין אויף דער וועלט").

ראָקסאַנאַ: — ניין, אויף אַזאַ גרויסען קרבן האָב איך קיין רעכט ניט. שיידען אייך פון איהם פאַרלאַנג איך גאָר ניט. פאַר־

קעהרט, איך וועל אייך היינט פאראייניגען מיט אזא בונד, וועלכער קען קיינמאָל ניט פאנאנדערגעטיילט ווערען. באלד וועלען דיינע אויגען זיך אָנזעטיגען מיט דיין געליבטען! מיט זיין טויט וועסטו זיך זעטיגען!

*   *   *

די פיעסע ענדיגט זיך מיט דעם, וואָס דער שווארצער אָרקאן ערמאָרדעט אי ראָקסאנא'ן אי באיאזעט'ען (עס ווייזט זיך ארויס, אז ער האָט פון אמוראט'ען באקומען א געהיימען באפעהל אזוי צו טאָן). באיאזעט'ס פריינד דערשטעכען דאן דעם שוואָרצען אָרקאן. אטאליד נעמט זיך דאָס לעבען, און זארא, איהר טרייע דינסט, זאָגט: „אך, מאדאם, הלואי נעמט גאָט מיך אויך צו פון דער וועלט!"

א פאָר ווערטער וועגען דער ראָקסאנא ראָלע און ראשעל'ס שפילען אין איהר

די לײדענשאפטליך פארליבטע פרוי ווערט אין דער ראָלע פון ראָקסאנא ארויסגעבראכט מיט א שארפער בולט'קייט. ראָקסאנא'ס רייד, איהרע טענות זיינען נאאיוו. די ראָלע איז דורכאויס שונד; און דאָך איז דאָס א זעהר שטארקע ראָלע מיט א פאָר דעליקאטע שטריכען. מיר זעהען ווי די ליבע פאראליזירט ראָקסאנא'ס געפיהל פון זעלבסט־אינטערעס און זעלבסט־רעטונג. איהר שכל, איהר גאנצער וועזען איז פאר'שכור'ט פון איהר לײדענשאפט.

זי ווייס אז באיאזעט ליבט איהר ניט. זי פרופט אָבער אָפנארען זיך אליין. זי ערנידעריגט זיך, זי מאכט זיך לעכערליך; זי פרופט קעמפען; זי האָט אָבער קיין כח ניט. איהר בלוט איז פארגיפטעט. מינוטענווייז צוברענט זי זיך מיט אייפערזוכט; אָבער דאָס איז דאָך אויך א גיפט פון איהר ליבע. און אפילו אייפערזיכטיג זיין האָט זי אויך קיין כח ניט. זי מוז גלייך זיך ווידער אָפנארען, ווידער זיך איינרעדען, אז באיאזעט ליבט איהר. אנדערש קען זי ניט אָטעמען. זי פלאָנטערט זיך אין זיך אליין. זי איז ווי א פארכאפטע. אפילו ווען זי ווייס פּאָזיטיוו, אז ער ליבט אטאליד'ן און זי קלייבט זיך שוין אויסצולעשען זיין לעבען, אפילו דאן ציהט איהר זיך צו זעהן מיט איהם; זיך אויסצוטענה'ן מיט איהם.

די, וואָס האָבען ראַשעל'ען געזעהן אַלס ראָקסאַנאַ, האָבען דערנאָך ניט אויפגעהערט צו דערצעהלען מיט באַוואונדערונג ווי אַזוי זי האָט זיך געהאַלטען אין אַזאַ אָדער אַזאַ מאָמענט. מיט אַ בעזונדערער באַגייסטערונג פלעגט מען רעדען וועגען דער סצענע, וואו ראָקסאַנאַ טרייבט באַיאַזעט'ן פון זיך, (נאָהענט צום סוף פון דער פיעסע); ווי זי שרייט צו איהם: „אוועק! אוועק פון מיינע אויגען!" דעם וואָרט „אוועק" האָט מען איבערגעזאָגט ווידער און ווידער, ווייל ביי ראַשעל'ען איז דאָס ארויסגעקומען מיט אַזאַ פלאַקערדיג־וועהטאָגדיגען צאָרן, אַז דער גאַנצער טע־אַטער איז געבליבען ווי אַ צוציטערטער.

די ראָלע איז אַ קאָמפּליצירטע. ביי ראָקסאַנאַ'ן בייט זיך דער געמיט. דאָ איז זי גליקליך מיט אַ גלויבען, אַז באַיאַזעט ליבט זי; דאָ פאַלט זי אַריין אין אַ צווייפעל, און פון דעם אין אַ פאַר־צווייפלונג; דאַן שיינט ווידער אויף אַ האָפנונג, אָדער אַ זעלבסט־אָפּנאַרעניש, אַז ער איז פאַרט איהרער. און דאָס אַלץ האָט די זיבע־צעהן־יעהריגע מיידעל פאַרגעשטעלט מיט אַ זעלטענער פסיכאָלאָגי־שער בויגזאַמקייט, מיט טיפקייט און מיט קראַפט. ביי יעדער ענדע־רונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין ראָקסאַנאַ'ס שטימונג, האָט זיך גע־ענדערט איהר קול, איהר פנים, דאָס גאַנצע וועזען אין איהר.

דאָס זיינען איינציגע פון די מאָמענטען וועגען וועלכע מען האָט דערמאָנט מיט ענטציקונג, ווען מען האָט געשמועסט וועגען איהר ראָקסאַנאַ.

יעדער גוטער אַקטיאָר גיט אין אַ ראָלע אַריין זיין „איך"; און פון דעם, וואָס איז געשריבען געוואָרען וועגען ראַשעל'ס שפּילען פון מענשען וואָס האָבען איהר געזעהן מיט זייערע אייגע־נע אויגען, פיהלט מען, אַז זי האָט אין איהרע ראָלען אַריינגעגע־בען גאָר אַ סך. אַ טאַלאַנטפולע שוישפּילערין וואָלט מיט אַזאַ ראָלע היינט אויך געקענט מאַכען אַ פוראָר, טראָץ דעם וואָס דאָס איז אַ שונד ראָלע. ראָקסאַנאַ וואָלט ביי איהר אַרויסגעקומען אַ לעבענס טראַגעדיע מיט אַ שטאַרקען און טיפען אינהאַלט. און אַזוי איז דאָס אַרויסגעקומען ביי ראַשעל'ען. אַזאַ איינדרוק באַ־קומט מען פון די קריטיקער, וואָס האָבען איהר אין דער ראָלע געזעהן.

זיבעצענטער קאַפּיטעל

ווי אַזוי איז היינט מעגליך צו אורטיילען וועגען ראַשעל׳ס טאַלאַנט?

ראַשעל׳ס שפּילען אַלס ראָקסאַנאַ, קאַמיללאַ, און די אַנדערע ראָלען מיט וועלכע זי האָט זיך באַריהמט געמאַכט, האָבען אַרויס־גערופען די באַוואונדערונג פון דעם טעאַטער עולם און פון די קריטיקער. זיי האָבען איהר אַנערקענט פאַר דעם גרעסטען טאַ־לאַנט פון זייער דור.

דאָס איז אָבער געווען מיט הונדערט יאָהר צוריק.

דאָס ברענגט אונז צו דער פראַגע, וואָס מיר האָבען גע־שטעלט אין אונזער הקדמה קאַפּיטעל: פון וואַנען ווייסען מיר וואָס פאַרא איינדרוק זי וואָלט געמאַכט אויף אונז? ווי אַזוי קען מען אורטיילען צי איהר טאַלאַנט וואָלט היינט געוואונען די־זעלבע אַנערקענונג? ווי אַזוי קען מען היינט באַשטימען וואָס פאַרא סאָרט טאַלאַנט דאָס איז געווען?

און פאַרוואָס זאָל מען ניט פרעגען אַזאַ קשיה זאָגאַר: פון וואַנען ווייס מען אַז לויט אונזערע היינטיקע באַגריפען האָט ראַ־שעל גאָר געהאַט טאַלאַנט? אַלץ וואָס מיר ווייסען וועגען איהר שפּילען, איז דאָס וואָס עס איז געשריבען געוואָרען פון די קריטי־קער און אַנדערע געבילדעטע מענשען, וואָס האָבען בייגעוואוינט איהרע פאָרשטעלונגען. איז דאָך דאָס אָבער געווען פאַר הונדערט יאָהרען. און אין די הונדערט יאָהר האָבען זיך דאָך פילע בע־גריפען און געשמאַקען געענדערט . . .

דער אמת איז, אַז קיין זיכערען ענטפער אויף דער פראַגע קען מען ניט געבען. ווי מיר האָבען געזאָגט אין דעם ערשטען קאַ־פּיטעל: קיין פאָנאָגראַף רעקאָרד איז פון ראַשעל׳ען ניט איבער־געבליבען און קיין פילמס אויך ניט. היינט ווי אַזוי קענען מיר אורטיילען?

און דאָך, במעט מיט זיכערקייט, קענען מיר איהר שפּילען זיך יאָ פאָרשטעלען. מען קען דאָס דרינגען פון געוויסע אויס־דרוקען, וואָס מען באַגעגענט אין די אַלטע אַרטיקלען, קריטיקען, ערינערונגען וועגען איהר טאַלאַנט און וועגען איהר פּערזענליכ־

קייט, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען פון מענשען, וואָס האָבען איהר אַליין געזעהן און געהערט.

לאָמיר אָנהויבען פון די עטליכע באַמערקונגען, וואָס די אויבען־דערמאָנטע מאַדמואַזעל מאַרס האָט געמאַכט, זיצענדיג אין איהר לאָזשע ביי ראַשעל׳ס דעביו.

ווען די באַריהמטע אַלטע שוישפּילערין האָט מיט ענטציקונג אויסגערופען: „זי דעקלאַמירט ניט, זי רעדט!” האָט זי ראַשעל׳ען געגעבען דעם העכסטען קאָמפּלימענט, וואָס מען קען אַן אַקטריסע אָדער אַקטיאָר געבען אין אונזער צייט אויך. זי האָט אויסגעדריקט אַ מיינונג, אַז ראַשעל האָט דעם טאַלאַנט זיך אריינצולעבען אין אַ ראָלע און צו ריידען ווי אַ מענש רעדט אין דעם אמת׳ן לעבען.

ניט וועגען יעדער אַקטריסע אָדער אַקטיאָר, אפילו פון אונזער צייט, קען מען זאָגען, אַז „זיי דעקלאַמירען ניט, זיי ריידען”.

דאָס זעלבע געהט אויף מאַדמואַזעל מאַרס׳עס באַמערקונגען: „זי געהט גוט!” „זי הערט זיך גוט צו” — קורץ, זי שפּילט ניט, זי לעבט אין דער ראָלע.

ווען מאַדמואַזעל מאַרס האָט געזאָגט די דאָזיגע ווערטער, האָט זי גערעדט אונזער היינטיגע שפּראַך; און דאָס וועט אויך זיין די שפּראַך פון אמת׳ע טעאַטער קריטיקער אין טויזענד יאָהר ארום. און דאָס איז דער עיקר פון כמעט אַלע גינסטיגע קריטיקען וואָס מען לייענט אויף ראַשעל׳ס שפּילען אין די ארטיקלען און ביכער, וואָס זיינען געשריבען געוואָרען וועגען איהר פון מענשען, וועלכע האָבען איהר געזעהן אויף דער ביהנע.

אַלע וויכטיגע קריטיקער פון איהר צייט רעדען וועגען דער נאַטירליכקייט, ניט־געמאַכטקייט פון איהר ריידען און האַלטען זיך אויף דער ביהנע. קיין מאַשינאַווע געוואַלדען! קיין פאַבריצירטע האַוואַיעס!

דעם וואָרט „רעאַליזם” האָט מען אין איהר צייט וועניג גע־ברויכט. אָבער פון אַנדערע ווערטער מיט וועלכע מען האָט איהר שפּילען באַשריבען, זעהט מען, אַז זי האָט געשפּילט רעאַליסטיש. די שונד פון אַ קלאַסישע פּיעסע פלעגט זי אין רעאַליסטישע קונסט פאַרוואַנדלען.

מען איז געווען עלעקטריזירט פון דער גרויזאַמער קראַפט, וואָס זי האָט אין איהרע ווערטער אריינגעלעגט ווען דאָס האָט זיך געפאָדערט לויט דעם זין פון דעם מאָמענט. זי פלעגט אויף איהרע צוהערער אַן אימה אַרויפוואַרפען; יסורים אין זיי שאַפען; פלאַמען פון געפיהל אין זיי אָנצינדען. און דאָס אַלץ פלעגט האָבען אין זיך דעם טעם פון נאַטירליכקייט און עכטקייט.

אָהן אַ שיעור האָט מען גערעדט און געשריבען וועגען דעם ווי זי וואַרפט אַרויף אַ שרעק מיט געוויסע ווערטער וואָס זי רעדט אַרויס אויף דער ביהנע. אין אַזעלכע מאָנאָלאָגען ווי קאַמיללאַ'ס קללה אויף רוים, צום ביישפּיל. אָפט פלעגט זי גאָרניט שרייען דערביי. מיט שטילע ווערטער, וואָס האָבען „געקלונגען ווי אַ וויטער דונער" פלעגט זי דאָס שאַפען. אָבער צי מיט שטילע ווערטער, צי מיט אַ צאָרן־אויסברוך ווי אַ וואולקאַן — עס האָט זיך אימער געפיהלט, אַז דאָס איז ניט „געמאַכט", נאָר עכט; אַז זי פיהלט ווירקליך דעם שטורמישען כעס אָדער דעם וועהטאָג, און אַז זי ברענגט דאָס אַרויס אויף אַ נאַטירליכען שטייגער.

ראָקסאַנאַ איז אַ סך פילפאַכער, קאָמפּליצירטער און דעליקאַטער אַלס אַ ראָלע, ווי קאַמיללאַ. און ווען ראַשעל האָט אין איהר געהאַט אַזאַ קאָלאָסאַלען ערפאָלג, איז דאָס ניט בלויז ווייל זי האָט פאַרמאָגט אַ פלאַקערדיגען טעמפּעראַמענט. אַ פיל גרעסערע בעדייטונג האָט דערביי געהאַט דאָס, וואָס איהר שפּילען איז ביי איהר געגאַנגען פון הארצען; אַז די געפיהלען וואָס זי האָט פאָרגעשטעלט אויף דער ביהנע האָט זי ווירקליך געפיהלט. דאָס וואָס זי האָט דורכגעלעבט האָט זי אַרויסגעבראַכט אַזוי, אַז דעם טעאַטער עולם האָט זיך געדוכט, אַז עס איז ניט שוישפּילעריי, נאָר ווירקליכקייט.

ראָקסאַנאַ'ס שטימונגען האָט זי דורכגעמאַכט ניט נאָר פון דרויסען, נאָר אינערליך אויך. די אָפטע ענדערונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין ראָקסאַנאַ'ס נשמה, איהרע איבערגאַנגען פון אַ גליקליכען גלויבען, אַז באַיאַזעט ליבט איהר, צו אַ פינסטערען חשד, אַז זי נאַרט זיך אַליין אָפּ — דאָס אַלץ האָט ראַשעל ווירקליך דורכגעלעבט. דעריבער האָט דאָס אַזוי שטאַרק געווירקט אויפ'ן טעאַטער עולם.

דאָס אַלץ זעהען מיר אין די שורות און צווישען די שורות פון די פאַרשידענע שריפטען וואָס זיינען איבערגעבליבען פון מענשען וואָס האָבען ראַשעל'ען געזעהן אויף דער ביהנע.

ווי געזאָגט, די גאַנצע טערקישע דראַמאַ, די באַיאַזעט געשיכטע, איז אַ שטיק שונד (הגם געבויט איז זי אויף אַ היסטאָרישען אמת). זי איז דורכגעוועבט מיט פאַנטאַסטישע אינטריגעס אין אַ וועלט, וועלכע איז דעם פאַריזער עולם גאַנץ פרעמד. אָבער זיצענדיג אין טעאַטער, ווען עס שפּילט אַזאַ אַקטריסע ווי ראַשעל, פאַרגעסט מען זיך אָן דעם. מען האָט פאַר זיך געפיהלען וואָס זיינען פונקט אַזוי פראַנצויזיש ווי טערקיש. דערצו איז אָבער נויטיג, אַז די שוישפּילערין זאָל דעם עולם אַריינוואַרפען אין אַ פולשטענדיגער אילוזיע, אַן אָפּדורכטעניש, אַז עס איז ניט קיין טעאַטער, נאָר אַ שטיק לעבען.

היינע האָט פון איהר ניט געהאַלטען

דער גרויסער פּאָעט היינריך היינע האָט פון ראַשעל'ס טאַלאַנט ווייניג געהאַלטען. ער איז מיט איהר געוועזן גוט באַקאַנט און האָט ניט זעלטען פאַרבראַכט אַן אָוועַנד אין איהר הויז. וועגען איהר שפּילען האָט ער אָבער געשריבען, אַז עס פעהלט איהר „נאַאיוויטעט" און אַז „אין קונסט איז אמת'ע גרויסקייט, אָהן נאַאיוויטעט אוממעגליך". פונקט דאָס זעלבע האָט ער אויך אויסגעדריקט וועגען דעם באַריהמטען דייטש-אידישען קאָמפּאָזיטאָר פעליקס מענדעלסאָן. דערביי האָט ער זיי צוזאַמענגעפּאָרט מיט אַ וואָרט-שפּיל איבער זייערע נעמען: „ראַשעל פעליקס און פעליקס מענדעלסאָן".

נאַאיוו הייסט: אָהן קונצען, ניט אויסגערעכענט. דאָ מיינט היינע צו זאָגען, אַז ביי דעם גרויסען קינסטלער קומט זיין קונסט אַרויס פון זיך אַליין. דער געדאַנק אָדער בילד פלאַמט אַרויס פון אַ רוח הקודש, אַזוי ווי אַ נבואה ביי אַ נביא. ביי ראַשעל'ען און מענדעלסאָן'ען אָבער פיהלט זיך אויסגערעכענטקייט, קאָפּ-אַרבייט; ניט קונסט, נאָר שכל.

אויף דעם איז לייכט צו ענטפערען, גלויב איך.

עס זיינען פאַראַן צוויי זאָרטען קאָפּ-אַרבייט: איינער באַשטעהט בלויז פון אויסרעכענונגען און באַטראַכטונגען און אַ צווייטער פון באַטראַכטען און באַאַרבייטען דעם איינפאַל, וועל-

כען דער רוח הקודש שאַפט אין דעם קינסטלער. אפילו אַזאַ געטליכער פּאָעט ווי היינע האָט זיין פּאָעזיע ניט אויפגעשריבען מיט אַמאָל, אַזוי ווי מיר לייענען זי אין זיינע געדרוקטע ווערק. דאָס בילד אָדער געדאַנק איז איהם טאַקע געקומען ווי פון רוח הקודש, אַ הייליגען גייסט. דער אויסדרוק, די פאָרמע, האָט אָבער מייסטענס געפאָדערט באַארבייטונג, באַטראַכטונג. איז ער דען דורך דעם געווען אַ קלענערער פּאָעט? די טאַלאַנטפולסטע בעלעטריסטען קומט אוים שווער צו ארבייטען איבער זייערען אַ ווערק. (טאָלסטאָי פלעגט אָפט אָפּפּראַצעווען אַ גאַנצע וואָך אויף איין פּראַזע).

דאָס איז אָבער די קאָפּ־ארבייט פון אַ גרויסען טאַלאַנט. ווען ער מעקט אויס אַ פּראַזע, דערנאָך מעקט ער אויס די נייע פּראַזע אויך, און די דריטע ווידער, טוט ער דאָס, ווייל זיין חוש מאַכט איהם פיהלען, אַז די דאָזיגע פראַזען טויגען ניט; זיי זיינען ניט נאַטירליך, אָדער ניט שעהן. זיי גרילצען איהם אין די אויערען, ווי פאַלשע טענער גרילצען אַ גוטען מוזיקער.

פאַראַנען אַן אַנעקדאָט וועגען אַ יונגען שרייבער, וואָס האָט געבראַכט אַן ארטיקעל צו אַ באַקאַנטען שריפטשטעלער ער זאָל איהם זאָגען זיין מבינות. דער שריפטשטעלער האָט איבערגע־לייענט און דאַן האָט ער גענומען שמעקען דעם פּאַפּיר.

— וואָס שמעקט איהר? — האָט דער יונגערמאַן געפרעגט מיט אונטערטעניגקייט.

— עס הערט זיך שטאַרק שוויים — האָט דער שריפטשטע־לער געענטפערט.

דער ארטיקעל האָט געטויגט אויף כפרות. ווען ער וואָלט אָבער געהאַט אַן אינטערעסאַנטען אָריגינעלען אינהאַלט וואָלט ניט אויסגעמאַכט צי דער יונגערמאַן האָט אויף איהם פאַרגאָסען שוויים, צי ניט.

ווען ראַשעל האָט צוגעפּערטיגט אַ נייע ראָלע, פלעגט זי שווער אַרבייטען אויף יעדער פראַזע, אויף יעדען וואָרט. זי פלעגט אויסרעדען דאָס וואָרט אויף אַזאַ אַרט, אויף אַ צווייטען אַרט, אויף אַ דריטען, אָהן אַ שיעור, ביז זי פלעגט כאַפּען די ריכטיגע אויסשפּראַך און דעם ריכטיגען טאָן. די אויסשפּראַך און דער טאָן האָבען געמוזט צופרידענשטעלען איהר קינסטלערי־

שען חוש אזוי ווי דער ריח פון אן איי מוז צופרידענשטעלען דעם חוש הריח פון דעם, וואס וויל דאס עסען. ראשעל האט געמוזט פיהלען, אז איהר ארט ארויסרעדען דאס ווארט שטימט מיט דעם אמת'ן געפיהל וואס דער מאמענט שטעלט פאר.

אזא חוש הייסט טאלאנט. דאס איז דער רוח הקודש. אהן דעם, בלויז מיט קאפ־ארבייט קען מען דעם ריכטיגען טאן ניט „דערטאפפען".

טאלאנט און פערזענליכקייט. — טאלאנט און ביהנע־חן. — ווירקליכקייט־געפיהל און קונסט־צויבער. — טאלאנטפולע שוישפילער, וואס רעדען אויף דער ביהנע ניט ווי ווירקליכע מענשען

מיר האבען אויבען גערעדט וועגען די שילדערונגען פון ראשעל'ס „טאלאנט און פערזענליכקייט", וואס זיינען געשריבען געווארען אין איהר צייט. דאס זיינען צוויי בעזונדערע זאכען. אין דעם איינדרוק אבער וואס מען בעקומט פון אן אקטיאר אדער אקטריסע ווערען זיי לייכט צוזאמענגעמישט.

יעדער מענש האט זיך זיין חן אדער אומ'חן. ווען אן אקטיאר געפעהלט אייך מיט זיין שפילען, קען זיין, אז דער עיקר באשטעהט גאר אין דעם איינדרוק, וואס זיין פערזענליכקייט מאכט אויף אייך. פאראן שוישפילער וואס האבען א גרויסען ערפאלג הויפטזעכליך צוליב זייער פערזענליכען חן. דאס הייסט, אז טאלאנט פארמאגען זיי ווייניג, אז קיין קינסטלער זיינען זיי ניט. פאראן אויך א ספעציעלער זארט חן וואס א שוישפילער האט אויף דער ביהנע. „ביהנע־חן" רופט מען דאס. מיט דעם האט זיך אויסגעצייכענט דער בארימטער אידישער אקטיאר זיגמונד מאגולעסקא. ער האט אבער געהאט א מערקווירדיג גרויסען טאלאנט אויך.

ראשעל האט געהאט פערזענליכען חן אין איהר פריוואט לעבען. און אויף דעם פלעגען אויך אנווייזען די טעאטער קריטיקער, וואס האבען געליבט איהר שפילען. זיי פלעגען רעדען מיט בעגייסטערונג וועגען דער „אינטערעסאנטער פערזענליכקייט" וועגען דער „שטארקער פערזענליכקייט", וואס זי ווייזט ארויס אויף

דער ביהנע. זיי פלעגען אָבער הויפּטזעכליך אונטערשטרייכען איהר קראַפט און פּראַכט אַלס קינסטלערין, מיט אַנדערע ווערטער איהר טאַלאַנט.

וואָס אָנבעטרעפט דאָס לעצטע — איהר טאַלאַנט — קען מען דעם אמת׳ן מיין פון זייערע ווערטער דרינגען פון געוויסע אויסדרוקען זייערע, ווי מיר האָבען דאָס אויבען ערקלערט. א סך שווערער איז אָבער זיך צוזאַמענצושטעלען אַ באַגריף וועגען אַזאַ זאַך ווי פּערזענליכען חן. דערצו מוז מען דעם מענשען שוין זעהן מיט די אייגענע אויגען. געבען אייך צו פאַרשטעהן מיט ווערטער, אין וואָס עס באַשטעהט דער חן פון אַ פּערזאָן, וואָס איהר האָט קיינמאָל ניט אָנגעקוקט, איז פּונקט אַזוי אוממעגליך ווי צו ער־קלערען מיט ווערטער דעם צויבער פון אַ ניגון, וואָס איהר האָט קיינמאָל ניט געהערט.

* * *

פון די פאַרשידענע ראַשעל ביאָגראַפיעס, פון די מאַסען בריף איהרע און פון אַנדערע קוואַלען, ווערט מען באַקאַנט מיט ראַשעל׳ס כאַראַקטער. מען באַקומט אַ לעבעדיג בילד פון איהר פּערזענליכ־קייט, ניט אַלס אַקטריסע, נאָר אַלס מענש. עס איז אַ מערקווירדיג אינטערעסאַנט בילד. טיילווייז האָט איהר פּערזענליכקייט אין פּריוואַט לעבען מסתמא זיך צונויפגעגאָסען מיט איהר ביהנע פּער־זענליכקייט אויך. קענען מיר דאָס אָבער היינט באַשטימען? מיר דאַכט, אַז טיילווייז קענען מיר דאָס יאָ באַשטימען.

דאָ, אין דיזער באַטראַכטונג, איז דאָס וויכטיגסטע יעדענפאַלס איהר טאַלאַנט; און אַלץ, וואָס איז שייך צו דעם דאָזיגען ענין, מוזען מיר דרינגען פון די געשריבענע שילדערונגען פון איהר שפּילען, וואָס זיינען איבערגעבליבען פון מענשען, וועלכע האָבען איהר געזעהן אויף דער ביהנע (ווי ווייט זייערע מיינונגען און איינדרוקען קענען גענומען ווערען ערנסט און לויט אונזערע היינ־טיגע באַגריפען).

* * *

דערביי איז וויכטיג צו האָבען אין זינען דאָס פאָלגענדע:

ווען מיר זאָגען אַז מיט הוילע „קאָפּ־אַרבייט", אָהן טאַלאַנט, קען מען דעם ריכטיגען טאָן פון לעבען ניט „דערטאַפּען", אַז מען

מוז אויך האָבען ווירקליכקייט געפיהל, — ווען מיר זאָגען דאָס ריהרען מיר אָן נאָר אַ טייל פון דער פראַגע. אמת, דער חוש פון ווירקליכקייט, די פעהיגקייט צו „כאַפּען“ איהרע טענער און קאָ־לירען, איז ניט „קאָפּ ארבייט“. דאָס שטעהט שוין נאָהענט צו טאַלאַנט. אָבער דאָס אַליין איז נאָך ניט טאַלאַנט אין דעם פול־שטענדיגען זין פון וואָרט.

מיט די „טענער פון לעבען“ איז אַזוי ווי מיט די טענער פון מוזיק. ווען מען האָט אַ גוטען אויער צו געזאַנג, הייסט עס נאָך ניט, אַז מען איז אַ גרויסער זינגער. דערצו דאַרף מען האָבען אַן אויסערגעוועהנליך געראָטענע שטימע און מען דאַרף זינגען מיט געפיהל און מיט געשמאַק. און דאָס אַלץ איז נאָך אויך ניט גענוג. מען מוז זינגען מיט יענעם זאָרט חן און קראַפט, וועלכע מען רופט געוועהנליך „געטליכער פייערל“ און וועלכען מען קען באַ־צייכענען מיט אַזעלכע ווערטער ווי „קונסט־צויבער“. דער שויס־שפּילער, דער פּיאַניסט אָדער דער שריפטשטעלער, וועלכער באַזיצט דיזע געטליכע מתנה, רופט אין אייך אַרויס אַ מין הייליגען ציי־טער, אַ הימלישען תענוג. בשעת ראַשעל איז געווען אויף דער ביהנע, האָט זי דעם הייליגען ציטער און דעם הימלישען תענוג אַרויסגערופען אויף אַן אומבאַשרייבליכען שטייגער.

דאָס, וואָס ראַשעל פלעגט אין איהר שפּילען כאַפּען די ריכ־טיגע טענער, נגון, אויסשפּראַך און אוואַיעס און וואָס זי פלעגט אויסדריקען די ריכטיגע געפיהלען, וואָס די געשילדערטע פּערזאָן האָט דורכגעלעבט אין אַ געוויסען מאָמענט — דאָס אַלץ איז נאַטירליך אונגעהייער וויכטיג. מיט דעם אַליין וואָלט זי אָבער ניט געפאַנגען הערצער מיט דער געוואַלדיגער קראַפט, וועלכע האָט איהר אומשטערבליך געמאַכט. פון אַלץ וואָס איך האָב וועגען איהר געלייענט, פיהל איך, אַז איהר שפּילען איז געווען עלעקטריזירט מיט אַ קונסט צויבער, וועלכער האָט אויף אַ טע־אַטער עולם געווירקט ווי אַן איבער־מענשליכער גייסט.

* * *

נאָך אַ זאַך: ווירקליכקייט־געפיהל, אַ חוש צו טרעפען דעם ריכטיגען לעבענס־טאָן איז אַ וואונדערבאַרע מעלה. עס איז ניט אָפּצושאַצען. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז אָהן דעם איז טאַלאַנט

קיין טאַלאַנט ניט. פאַראַן גרויסע שוישפּילער, קינסטלער פון אַ הויכען גראַד, וואָס רעדען ניט אויף דער ביהנע, נאָר זיי דעקלאַמירען. זיי טוען דאָס אָבער אויף אַזאַ שטייגער, אַז אויפ׳ן מאָמענט דוכט זיך אייך, אַז זייער דעקלאַמאַציע איז אַ מין ווירקליכקייט.

זיי שפּילען ניט דעם אמת׳ן לעבען נאָר אַ פאַנטאַזיע, וואָס איז מעהר־אָדער וועניגער געבויט אויף לעבען; און אַזוי איז דאָך פּאָעזיע; און מיט פּאָעזיע איז דאָך פול דאָס לעבען גופא אויך. אריינלאָזען זיך אין דעם אונטערשיד צווישען דעם און די ווערק פון שריפטשטעלער, וואָס טראָגען דעם אָפיציעלען טיטעל פּאָעט, איז דאָ ניט דער פּלאַץ.

ראַשעל איז געווען אַ רעאַליסטישע קינסטלערין. מיט איהר שפּילען פלעגט זי די ווילדסטע פאַנטאַזיעס פון קלאַסישע דראַמאַטורגען פאַרוואַנדלען אין ווירקליכקייט פון פלייש און בלוט.

*   *   *

ווייטערעס וועגען איהר טאַלאַנט און וועגען דער פראַגע, ווי אַזוי מיר קענען היינט אורטיילען וועגען איהם, וועט דער לעזער געפינען אין אַ פּאָר שפּעטערדיגע ערטער.

אַכצענטער קאַפּיטעל

צוליב ראַשעל׳ען ברעכט דער קעניג אַ מנהג און קומט אין טעאַטער. — לואי פיליפּ דער בורזשוא קעניג

ראַשעל׳ס ערפאָלג איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער אינטערעס אין איהר האָט זיך גענומען שטאַרק פיהלען אין דעם קעניגליכען פּאַלאַץ. דער דאַמאָלסדיגער קעניג פון פראַנקרייך, לואי פיליפּ, פלעגט זיך זעלטען באַווייזען אין טע־אַטער; און אין די לעצטע דריי יאָהר האָט מען איהם ניט געזעהן אויף קיין איינציגער פאָרשטעלונג. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז ביי איהם געוואָרען אַ מנהג אַזאַ, מיט דעם צוועק אויפצוהאַלטען זיין קעניגליכע ווירדע. אָבער דאָ

הערט ער, אז די העכסטע שטאפלען פון אינטעליגענץ באטראכטען ראשעל'ען פאר א רעטערין פון דער פראנצויזישער ביהנע און ליטעראטור. ער פיהלט, אז צו געהן איהר זעהן אויף דער ביהנע איז ניט נאר געווארען די העכסטע קולטור מאדע, נאר עס האט פשוט באקומען דעם כאראקטער פון פאטריאטיזם. ניט צו געהן איהר זעהן האט געהייסען זיין צוריקגעשטאנען אין אינטעליגענץ און אין טרייהייט צום פאטערלאנד.

קורץ, ער האט זיין מנהג געבראכען. ער איז געקומען צו ראשעל'ס א פארשטעלונג. און איינמאל איז ער שוין געוועזן אין טעאטער, האט ער איהר ארויסגעצייגט ספעציעלע אויפמערק־זאמקייט.

לואי פיליפ איז געזעסען אין זיין גרויסער קעניגליכער לאזשע מיט זיין קעניגין און מיט דעם קעניג און קעניגין פון בעלגיען, וועלכע זיינען גראד דאן געוועזן ביי זיי צו גאסט. און נאך דער פארשטעלונג איז קעניג לואי פיליפ און זיין קעניגין ארייגעקומען אין דעם אינערליכען פאיע פון טעאטער און דארטען האט מען פאר זיי פארגעשטעלט ראשעל'ען.

זיי האבען איהר באגריסט מיט די העכסטע קאמפלימענטען.

אויף מארגען נאך דער פארשטעלונג האט זי פון דעם קעניג ערהאלטען א מתנה.

אין דעם פאליטישען לעבען פון פראנקרייך זיינען א יאהר צעהן שפעטער פארגעקומען שטורמדיגע פאסירונ־גען, וועלכע האבען געהאט א שייכות צו דעם וויטערדיגען שיקזאל פון קעניג לואי פיליפ, און אין יענע פאסירונגען האט ראשעל, אלס שוישפילערין, גענומען א געוויסען אנטייל. כדי דער לעזער זאל האבען כאטש אן אויבערפלעכליכען באגריף וועגען יענע געשעהענישען, ווען מיר וועלען האלטען ביי זיי, איז כדאי דא צו געבען א פאר שורות וועגען לואי פיליפ'ס אפשטאמונג און וועגען דעם זארט קעניג, וואס ער איז געוועזן.

זיין פאטער פיליפ „עגאליטע" איז געוועזן א קוזין פון קעניג לואי דעם זעכצעהנטען, פון דער בורבאן פאמיליע, וועלכער איז געזעסען אויפ'ן טראן, ווען עס האט אויסגעבראכען די גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציע און וועלכער איז אין 1793 געטויטעט געווארען אויף דער גילאטינע. לואי פיליפ'ס פאטער איז אויך

דער פראַנצויזישער קעניג לואי פיליפ (געקעניגט פון 1830 ביז 1848)

גילאָטינירט געוואָרען. נאָך דער רעוואָלוציע האָט די מאַכט ארייננעכאַפּט נאַפּאָלעאָן, צוערשט אַלס קאָנסול, אָדער דיקטאַטאָר, און דערנאָך אַלס געקרוינטער קייזער. ער האָט רעגירט פון 1804 ביז 1814.

ווען דער „גרויסער נאַפּאָלעאָן" איז געפאַלען, און מען האָט איהם פארשיקט אויף דעם אינזעל סענט העלענא, האָט זיך צו דעם פראַנצויזישען טראָן אומגעקערט די בורבאָן משפּחה. דער קעניג איז דאַן געוואָרען לואי דעם 16־טען'ס אַ ברודער, און ער איז געקרוינט געוואָרען אונטער דעם נאָמען לואי דער אַכצעהנטער.

לואי דער אַכצעהנטער האָט געקעניגט ביז 1824, ווען ער איז געשטאָרבען. דאַן האָט דעם טראָן גע'ירשן'ט זיין אינגסטער ברודער, אַלס שאַרל (קאַרל) דער צעהנטער. ער האָט געפּרופט איינפיהרען די פאַראַנדקעס, וואָס האָבען אין פראַנקרייך געהערשט פאַר דער גרויסער רעוואָלוציע. אָבער די אומשטענדען זיינען שוין געווען גאַנץ אַנדערע, און דער רעזולטאַט איז געווען אַ נייע רעוואָלוציע, און שאַרל דער צעהנטער האָט געמוזט אַנטלויפען פון פראַנקרייך. דאָס איז געווען אין 1830. דאַן איז אויפ'ן טראָן ארויף זיין קוזין'ס זוהן לואי פיליפּ, וועלכער האָט געטראָגען די פראַנצויזישע קרוין אין דער צייט ביי וועלכער מיר האַלטען דאָ.

ער האָט זיך געסטאַרעט אָפּצולערנען זיך אַ לעסאָן פון זיין קרוב שאַרל, דאָס הייסט, ער האָט זיך געמיהט צופרידען־צו־שטעלען ניט די אַריסטאָקראַטיע, נאָר דעם מיטעל־קלאַס, די גע־שעפטס־לייט; מיט אַנדערע ווערטער — די בורזשואַזיע. ער האָט זיך זאָגאָר געקליידט ווי אַ בורזשואַ. אַלס רעזולטאַט האָט מען איהם גערופען „בורזשואַ קעניג."

צו דער זעלבער צייט האָט ער אויך זיך געמיהט אָנצוהאַלטען זיין „מאַיעסטעטישען כבוד", און ניט זיך צו מישען מיט אַ גע־וועהנליכען עולם. דעריבער האָט ער דאָס געווייכט פון די טע־אַטערס. ניט צו געהן זעהן ווי די וואונדער־מיידעל שפּילט די ווערק פון די פראַנצויזישע קלאַסיקער וואָלט שוין אָבער ניט געווען קיין פּאַסענדע זאַך.

נײנצענטער קאַפּיטעל

אַ סצענע בײַ ראַשעל׳ען אין דער הײם געשילדערט אין דער פראַנצױזישער ליטעראַטור

אין דער פראַנצױזישער ליטעראַטור איז פאַראַן אַ באַשרײַבונג פון אַ סצענע, װאָס איז פאָרגעקומען בײַ ראַשעל׳ען אין דערהײם זיבען מאָנאַטען נאָך דעם באַריהמטען אָװענט, װען זי האָט געשפּילט „באַיאַזעט״ צום צװײטען מאָל און זי האָט געהאָט אַ זיג איבער אַלע קריטיקער. מיר זאָגען „אין דער פראַנצױזישער ליטעראַטור״, װײל די סצענע האָט באַשריבען דער אױבענדערמאָנטער באַריהמטער פּאָעט אַלפרעד דע־מיוססע, און זי געפינט זיך אין זײנע געזאַמעלטע פּאָעטישע און פּראָזאאישע װערק אונטער דעם טיטעל „אַ װעטשערע בײַ מאַדמואַזעל ראַשעל״. די װעטשערע איז פאָרגעקומען דעם 29טען מאַי, 1839.

די סצענע מאַכט אונז באַקאַנט מיט דעם הײמישען לעבען פון דער יונגינקער שפּילערין, אין דער צײט װען מיט איהר האָט שױן געקלונגען פּאַריז, אָבער אײדער זי האָט געגלאַנצט מיט לוקסוס און מאַכט; און זי האָט דאַן נאָך געװאױנט בײַ איהרע עלטערען. זײ האָבען זיך שױן אָבער געהאַט אַריבערגעקליבען אין אַ בעסערע דירה, און אין שטוב זײנען שױן געװען זילבערנע לעפעל.

אַז דע־מיוססע איז געװען שטאַרק באַגײסטערט פון איהר טאַלאַנט און אַז ער האָט װעגען איהר געשריבען הױך גינסטיגע אַרטיקלען אין דעם בעסטען פּאַריזער זשורנאַל („רעװױ דע דעי מאָנד״) װײסען מיר שױן. באַזוכענדיג דעם „טעאַטער פראַנסע״ צו איהרע פאָרשטעלונגען איז ער מיט איהר באַקאַנט געװאָרען פּערזענליך, און אין דעם בעצײכענטען אָװענד, נאָך אַ פאָרשטעלונג, האָט זי איהם אײנגעלאַדען צו זיך אַהײם אױף װעטשערע.

ער איז דאַן אַלט געװען נײן־און־צװאַנציג יאָהר און איז געװען זעהר בלאָנד און שעהן, הגם זײן שעהנקײט האָט עדות געזאָגט װעגען זײן פּאָעטישען טאַלאַנט מעהר װי װעגען אַ שטאַרקען כאַראַקטער. פאָרבײַגעהענדיג װעלען מיר באַמערקען, אַז בײַ דעם „טעאַטער פראַנסע״ אין פּאַריז געפינט זיך אַ מאָנומענט נאָך איהם נאָך עד היום.

צוזאמען מיט דעם פּאָעט, האָט ראַשעל אויף וועטשערע יענעם אָוונט איינגעלאַדען נאָך עטליכע פריינד — שוישפּילערינס און שריפטשטעלער.

* * *

ווען ראַשעל איז געקומען אַהיים מיט איהרע געסט, האָבען זיי דאָרטען געפונען איהר מוטער און איהר שוועסטער סאַראַ.

„נאָך דעם ווי ראַשעל האָט געשמועסט אַ ווײַלע האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי האָט אין טעאַטער פאַרגעסען איהר צירונג. אַלזאָ האָט זי אַוועקגעשיקט די דינסט נאָך דעם, און עס איז ניט געווען ווער עס זאָל מאַכען וועטשערע״, — דערצעהלט דע־מיוססע אין זיין שילדערונג — „האָט ראַשעל זיך אויפגעהויבען, אַראָפּגענומען פון זיך די פּאַראַדנע טייל פון איהר קלייד און איז אַוועק אין קיך. אַביסעל שפּעטער האָט זי זיך אומגעקערט, שוין אין אַ נאַכט־קלייד און אַ שלאָף־קאַפּטור, וואָס איז געווען אַרומ־געבונדען אַרום איהרע אויערען מיט זיידענע בענדלעך.

„טראָגענדיג מיטביידע הענט אַ פּאַלומעסאָק אין וועלכען עס זיינען געלעגען דריי ביפשטעקען, וואָס זי האָט אַליין אָפּגעבראָ־טען, איז זי געווען שעהן ווי אַ מלאך. זי האָט דעם פּאַלומעסאָק אַוועקגעשטעלט אין מיטען טיש.

„געניסט״, האָט זי אונז איינגעלאַדען, און אַליין האָט זי זיך אומגעקערט אין קיך. באַלד איז זי געקומען צוריק מיט אַ שיסעל פול מיט בוליאָן אין איין האַנט און אַ סאַלאַד־געשיר פול מיט שפּינאַט אין דער אַנדערער. דאָס איז געווען די וועטשערע!

„קיין טעלער און קיין לעפעל! די דינסט האָט מיטגענומען די שליסלען. ראַשעל האָט אויפגעפּענט דעם בופעט און האָט דאָרטען געפונען אַ שיסעל פול מיט סאַלאַד. האָט זי גענומען אַ הילצערנעם גאָפּעל, אויסגעגראָבען אַ טעלער ערגעץ־וואו און האָט זיך אַוועקגעזעצט עסען פאַר זיך.

„אין קיך זיינען דאָך פאַראַן צינענע טעלער, גאָפּעל, מעסער און לעפעל — האָט געזאָגט ראַשעל׳ס מוטער, וועלכע איז געווען הונגעריג.

„ראַשעל איז אַוועק אין קיך נאָך דעם און האָט זיך צוריק־געקערט מיט די אַלע זאַכען און זיי צוטיילט צווישען דער קאָמ־פּאַניע.״

„עס האָט זיך אָנגעהויבען א שמועס:

„די מוטער: — מיין טייערע, די ביפשטעקען האָבען זיך געבראָטען צו־לאַנג.

„ראַשעל: — איך ווייס. זיי זיינען הארט ווי האָלץ. ווען איך פלעג טאָן די הויז־ארבייט, בין איך געווען א בעסערע קעכין. איך האָב איצט מיט איין טאַלאַנט ווייניגער. עס מאכט אָבער ניט אויס. איך האָב פאַרלאָרען אין איין הינזיכט, כדי צו געווינען אין אַן אַנדערער . . . סאַרא, דו עסט דאָך גאָר נישט.

„סאַראַ: — איך קען מיט ציינער גאָפּלען ניט עסען.

„ראַשעל: — נאָר זינט איך האָב אָפּגעשפּאָרט אַביסעל געלט און געקויפט א טוץ זילבערנע לעפעל און מעסער־גאָפּעל, קענסטו ניט עסען מיט ציינערנע. ווען איך וועל ווערען רייכער, וועסטו וועלען אַז איין לאַקעי זאָל שטעהן הינטער דיין שטול און א צווייטער פון פאָרענט. (ווייזענדיג אויף דעם ציינערנעם גאָפּעל, וואָס זי האָט געהאַלטען, האָט זי פאָרטגעזעצט) איך וועל די ציינערנע גאָפּעל־מעסער קיינמאָל ניט אוועקוואַרפען. מיר האָבען זיי געברויכט אַזוי לאַנג, ניט אמת, מאַמע?

„די מוטער (מיט א פולע מויל): — נאָך גאָר א קינד!

„ראַשעל (צו מיר): — וועט איהר גלויבען, אַז ווען איך האָב געשפּילט אין דעם מאָליער טעאַטער האָב איך פאַרמאָגט נאָר צוויי פּאָר זאָקען, און אַז יעדען פריהמאָרגען . . .

„דאָ האָט סאַרא, די שוועסטער, אָנגעהויבען צו רעדען אויף דייטש, ניט צו לאָזען ראַשעל'ען ווייטער דערצעהלען וועגען זייער אָרימקייט.

„ראַשעל (פּאַטזעצענדיג): — קיינע דייטש! ניטאָ וואָס זיך צו שעמען. איך האָב דאַן געהאַט נאָר צוויי פּאָר זאָקען, און איך פלעג מוזען יעדען טאָג אויסוואַשען איין פּאָר, כדי צו האָבען וואָס צו טראָגען אין אָווענט. בשעת איך פלעג איין פּאָר טראָגען פלעגט די אַנדער פּאָר הענגען אויף א שטריקעל אין מיין צימער.

„איך: — און איהר האָט דאַן געפיהרט די הויז?

„ראַשעל: — איך פלעג אַלע טאָג אויפשטעהן זעקס אַזייגער און ביז אַכט אַזייגער פלעגען ביי מיר שוין זיין פאַרבעט אַלע בעטען. דאַן פלעג איך געהן אין מארק איינקויפען אויף מיטאָג."

דאָ דערצעהלט ראשעל אין דער שילדערונג, ווי אין אַ געוויסע צייט האָט זי דער מוטער יעדען טאָג געזאָגט, אַז זי האָט אויסגע־געבען מיט אַ סענט אַ טאָג מעהר ווי אין אמת׳ן, און אויף דיזען אַרט האָט זי אָנגעקליבען דריי פראַנק אויף מאָליער׳ס דראַמאַטישע ווערק (קאָרנעיל׳ס און ראַסין׳ס ווערק האָט זי שוין געהאַט).

דע מיוססע דערצעהלט ווי די דינסט איז געקומען מיט דער צי־רונג, וואָס ראשעל האָט פאַרגעסען אין טעאַטער, און ווי מען האָט דאָס אַלץ אַוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש.

„די צוויי בראַסלעטען זיינען מערקווירדיג שעהן. זיי קאָסטען ווענינגסטענס פיר־פינף טויזענד פראַנק. צוזאַמען מיט די בראַסלע־טען איז געלעגען אַ גאָלדערנע קרוין. דאָס אַלץ איז געלעגען אויפ׳ן טיש אינאיינעם מיט דעם סאַלאַד, די שפּינאַט און די צינענע לעפעל . . .

„סאַראַ האָט גאָר ניט געגעסען, נאָר אַלץ געבורטשעט אויף דייטש און געגריזשעט ראשעל׳ען פאַרוואָס זי רעדט וועגען זייער פריהערדיגען דלות און נויט.

„—אַך, לאָז מיר צורוה, — האָט ראשעל איהר אונטערבראָכען מיט כעס, — איך וויל דערצעהלען וועגען מיין פריהערדיגען לעבען. איך געדענק ווי אַמאָל האָב איך אין איינער פון אונזערע צינענע לעפעל געוואָלט מאַכען אַביסעל פּונש. איך האָב די לעפעל געהאַלטען איבער׳ן פלאַם פון אַ ליכט, איז זי צושמאָלצען גע־וואָרען ביי מיר אין האַנט. אגב, סאַראַ, גיב מיר אַביסעל קאַר־שען־בראַנפען. מיר וועלען טאַקע מאַכען פּונש״.

דאָ קומט אַ בילדליכע סצענקע, ווי מען מאַכט פּונש, ווי מען שטעלט די ברענענדע ליכט אַוועק אונטער׳ן טיש און די פינסטערניש ווערט האַלב בעלויכטען מיט די געהיימניספולע בלאָהע פלאַמען פון דער אָנגעצונדענער משקה.

נאָך דעם ווי מען האָט אויסגעטרונקען דעם פּונש, האָט דער פּאָעט גענומען רעדען צו ראשעל׳ען וועגען איהר שפּילען. דערביי באַמערקט ער :

„די ערשטע רייד און פלאַפּלעריי האָבען זיך געענדיגט. עס האָט זיך געפאָדערט נאָר איין וואָרט עס זאָל זיך ענדערען דער כאַראַקטער פון דער סצענע און אין דעם בילד זאָל זיך בעווייזען דער גייסט פון פּאָעזיע און אַ קונסט שטימונג״.

דער פּאָעט אַלפרעד דע מיוססע

ראַשעל זאָגט דעם פּאָעט, אַז זי האָפּט אין קורצען צו, שפּילען ראַסין׳ס טראַגעדיע „פּעדראַ" — זיין וויכטיגסטע ווערק. רעדענ־דיג מיט היץ, באַקלאָגט זי זיך, אַז מען זאָגט איהר אַלץ דאָס זי איז נאָך צו יונג צו שפּילען די דאָזיגע פּיעסע. דאָס זעלבע האָט מען אָבער געזאָגט וועגען איהר שפּילען אַלס ראָקסאַנאַ; און דאָך האָט זי דאָך אין דער ראָלע אַזאַ ערפאָלג!

זי ברענגט אַריין אַ בוך וואָס ענטהאַלט „פּעדראַ" און זי הויבט אָן צו לייענען. ערטערווייז שטעלט זי זיך אָפּ און זיי רעדען זיך דורך וועגען דעם ווי מען דאַרף אַרויסרעדען אַזאַ אָדער אַזאַ פּראַזע.

סאַראַ געהט אַוועק שלאָפען; און די מוטער ווערט אַנשלאָ־פען זיצענדיג. אַלע אַנדערע געסט זיינען ביסלעך־ווייז זיך צו־גאַנגען; בלויז דע־מיוססע איז געבליבען.

ווען עס איז געקומען צו פּעדראַ׳ס וויכטיגסטען מאָנאָלאָג האָט ראַשעל אָנגעהויבען צו ערקלערען ווי אַזוי מען דאַרף דאָס שפּילען, לויט איהר מיינונג.

„צוערשט האָט זי גערעדט זעהר שטיל — שרייבט דע־מיוססע — פּלוצלינג האָבען איהרע אויגען גענומען בליסטשען. ראַסין׳ס גרויסער גייסט האָט איהר באַלויכטען. זי איז געוואָרען בלייך און דערנאָך רויט. אויף מיין גאַנצען לעבען האָב איך ניט געזעהן אַזעלכעס, וואָס איז אַזוי שעהן. אַזאַ אינטערעסאַנטען איינדרוק האָט זי אויף מיר נאָך קיין מאָל ניט געמאַכט פון דער ביהנע.

„זי איז געווען מיד און עטוואָס הייזעריג; דער פּונש און די שפּעטקייט פון דער נאַכט; די גליהענדע, כמעט פיבערשע פאַרב אין איהרע קליינע באַקען, וועלכע זיינען געווען איינגע־פּאַסט אין איהר נאַכט־מיץ; דער צויבער וואָס האָט אַרומגענומען איהר גאַנצען וועזען; איהרע פינקעלדיגע אויגען, בשעת זי האָט ביי מיר געפרעגט וואָס מיין מיינונג איז; איהר קינדערשער שמייכעל, וואָס האָט געשיינט די גאַנצע צייט און ענדליך די זאַכען וואָס זיינען געלעגען צו־וואָרפען אויפ׳ן טיש; די ליכט מיט איהר ציטערדיגען, שפּרינגענדיגען פלאַם; איהר מוטער, וואָס איז אַנשלאָפען געוואָרען זיצענדיג לעבען אונז — פון דאָס אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ בילד מיט וועלכען עס וואָלט זיך ניט געדאַרפט שעמען אַזאַ מאַהלער ווי רעמבראַנדט און אַזאַ שריפט־

שטעלער ווי געטהע. דאָס איז אַ בילד פון קינסטלער לעבען, וואָס וועט קיינמאָל ניט אָפּגעמעקט ווערען פון מיין זכרון.

„אַזוי האָבען מיר פאַרבראַכט ביז האַלב איינס. דאַן איז ראַשעל'ס פאָטער געקומען פון דער אָפּערא, וואו מאַדמואַזעל נאַטהאַן (אַ אידיש קינד — א. ק.) האָט צום ערשטען מאָל געשפּילט די הויפּט ראָלע אין הלוי'ס אָפּערא „די יודין".

„דער פאָטער האָט ניט באַוויזען זיך אַנידערצוזעצען, ווי ער האָט שוין ראַשעל'ען אַ זאָג געטאָן בייזע ווערטער. ער האָט איהר געהייסען גלייך געהן שלאָפען.

„ראַשעל האָט צוגעמאַכט דעם בוך. „עס איז דאָך ניט אויסצוהאַלטען" — האָט זי געזאָגט אין דער שטיל — „איך וועל קויפען אַ ליכט און וועל לייענען אין בעט".

„איך האָב אויף איהר אַ קוק געטאָן. גרויסע טרערען זיינען געשטאַנען אין איהרע אויגען. עס איז געווען זעהר אונאַנגענעם צו זעהן ווי אַזאַ באַשעפעניש ווערט בעהאַנדעלט אויף אַזאַ גראָבען שטייגער.

„איך בין אויפגעשטאַנען און האָב זיך געזעגענט מיט איהר, פול מיט בעוואונדערונג, רעספּעקט און צערטליכקייט."

* * *

פעליקס האָט זיך מיט דעם גאַסט אפילו ניט באַגריסט. די גאַנצע סצענע פון דעם מאָמענט אָן, ווען ער קומט אריין, וואָלט זיך געפּאַסט פאַר אַ בייזען אונוויסענדען אַלט-מאָדישען טאַטען פון אַ פאַרצייטיגען שטעטעל אין רוסלאַנד אָדער פוילען ערגעץ וואו. פעליקס האָט גוט געקענט דייטש און פראַנצויז און ער האָט געלייענט פּאָעזיע. ער איז געווען אַ מבין אויף טעאַטער און איז געגאַנגען אין דער אָפּערא. אַזאַ איד — אין פּאַריז — האָט בעדאַרפט האָבען בעסערע מאַניערען אפילו אין 1839.

די סצענע וואָס פעליקס האָט דאָ אָפּגעשפּילט שטימט מיט די סצענעס, וואָס ער האָט אָפּגעשפּילט אין ווערעל'ס קאַנטאָר און ביי סאַנסאָן'ען.

דער יונגער פּאָעט איז פון ראַשעל'ען אַוועק מיט אַ בענקעניש אין האַרצען איהר ווידער צו זעהן. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון איינעם פון איהרע ראָמאַנען.

צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל „אין די הויכע פענסטער". — „גראַנד דאַמען"

ביי די דאַמען פון די „הויכע פענסטער" איז אויסגעוואַקסען אַ ראַשעל מאָדע. מען איז געווען נייגעריג די יונגע אַקטריסע ניט נאָר צו זעהן, נאָר אויך צו זעהן זיך מיט איהר, צו האָבען איהר ביי זיך אין הויז אַלס אַ גאַסט.

לואי באַרטו, די אָנגעזעהענסטע פערזענליכקייט פון אַלע שרייבער וואָס האָבען פערפאַסט אַ ראַשעל ביאָגראַפיע, דערצעהלט דאָס פאָלגענדע:

„סאַנסאָן האָט צוערשט ראַשעל'ען פון אַזעלכע וויזיטען אָפּגעשלאָגען. ער האָט געגלויבט, אַז דאָס איז געפעהרליך פאַר איהר צוקונפט. ווען זי האָט ערהאַלטען די ערשטע איינלאַדונג אַזעלכע, האָט זי דאָס איהם געוויזען מיט גרויס פרייד.

„ער אָבער האָט זיך אַ קרים געטאָן. ער האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט ניט וויסען ווי זיך דאָרטען צו האַלטען און וועט מאַכען אַ שלעכטען איינדרוק. ווי קומט אַזאַ ניט־געבילדעטע, אָרימע מיידעל צו אַזאַ געזעלשאַפט?

„ער האָט דאָס איהר געזאָגט, אויף אַן איידעלען שטייגער, נאַטירליך. אויף איהר האָט אָבער זיין וואָרנונג ניט געווירקט. זי איז געגאַנגען און — אָנשטאָט צו מאַכען אַ שלעכטען איינדרוק, האָט זי די רייכע געבילדעטע געזעלשאַפט בוכשטעבליך באַצויבערט מיט איהרע מאַניערען, מיט איהר ריידען, אַזוי גוט ווי מיט איהר אַרט קליידען זיך און אַלגעמיינעם אויסזעהן".

„די נייגעריגקייט צו זעהן ראַשעל'ען — אָט צוליב דעם האָט מען איהר איינגעלאַדען. זי איז געווען אַ וואונדער־קינד, אַלזאָ האָט מען געוואָלט זעהן דעם וואונדער — זאָגט ער ווייטער. — מיט דעם ערקלערט זיך איהר אָנוועזענהייט אין דער „הויכער וועלט". וואָס איז אָבער מיט דעם ערפאָלג, וואָס זי האָט דאָרטען געהאַט? און אַז זי האָט דאָרטען געהאַט ערפאָלג, דאָס איז באַשטעטיגט געוואָרען מיט יעדען סאָרט באַווייז וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען".

אריינשרייבען אין אייער איינלאַדונג, אַז ראַשעל וועט זיין ביי אייך צו „דינעי" (דינער) אָדער אויף אַ באַל, דאָס איז געוואָרען איינע פון די צוציהענדסטע כבודים וואָס אַ „גראַנד דאַם" (אַ גרויסאַרטיגע אַריסטאָקראַטישע דאַמע) האָט געקענט צוזאָגען.

אַגב פלעגט ראַשעל אויף אַזעלכע וויזיטען פאַרלעזען עפּעס, שפּילען אַ טייל פון איהרע באַריהמט־געוואָרענע ראָלען. און דאָס בייצואוואָהנען אין אַ פּריוואַטער היים, אין אַן ענגען קרייז פון פריינד און באַקאַנטע אַריסטאָקראַטקעס, — דאָס איז געווען אַ פּריווילעגיע מיט וועלכער מען האָט זיך דערנאָך באַריהמט דעם גאַנצען לעבען.

* * *

איידער מיר געהען ווייטער, איז כדאי דאָ צו זאָגען אַ וואָרט וועגען לואי באַרטו, ווענען אונז וועט אויסקומען צו דערמאָנען אין איינינע ווייטערע שטעלען אויך.

צווישען די שרייבער פון ראַשעל־ביאָגראַפּיעס פאַרנעמט ער אַ גאַנץ באַזונדערען פּלאַץ. זיין אייגענע קאַריערע געהערט צו די העכסטע שטאַפּלען פון דעם עפענטליכען לעבען; און זיין טויט, אַ העכסט טראַגישער, איז פאָרגעקומען אונטער אומשטענדען, מיט וועלכע עס האָט געקאָכט די וועלט. ער איז פיל מאָל געווען מיניסטער פון פראַנקרייך און אַ פּאָר מאָל — הויפּט־מיניסטער. אַלס מיניסטער איז ער עס געפאַלען אַ קרבן פון אַן אַטענטאַט, וועלכער איז גאָר ניט געווען געצילט געגען איהם.

דאָס איז געווען אין 1934, ווען דער קעניג פון יוגאָסלאַוויע האָט באַזוכט פראַנקרייך. ער איז געפאָהרען מיט'ן ים און באַרטו איז אריבערגעפאָהרען פון פּאַריז קיין מאַרסעיל אויפצונעמען דעם גאַסט ביי דער שיף אין דעם נאָמען פון דער רעגירונג. דאָרטען, ווי די לעזער געדענקען, האָט אַ יוגאָסלאַווישער רעוואָלוציאָנער דעם קעניג דערשאָסען, און דערביי איז פון אַ קויל אויך געפאַלען מיניסטער באַרטו, וועלכער איז דאַן אַלט געווען 70 יאָהר.

צו דער זעלבער צייט, וואָס ער איז געווען טעטיג אין דעם פּאָליטישען לעבען, האָט ער געפונען געגוג צייט פאַר שריפטשטעלעריי, וואָס האָט מיט זיין פּאָליטישער קאַריערע ניט געהאַט קיין שייכות. ער האָט פערפאַסט צעהנדליגע ביכער, צווישען זיי ביאָ־

גראַפיעס פון באַריהמטע פּאָעטען, קינסטלער אָדער אַזעלכע פּער־זענליכקייטען ווי די באַריהמטע פיגורען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

באַרטו׳ס שריפטען צייכענען זיך אויס מיט טאַלאַנט, טעמ־פעראַמענט, אַ גלענצענדען סטיל, און מיט אמת אינטעליגענטער פאָרשונגס־אַרבייט. דער פאַקט גופא, אַז ער האָט זיך גענומען שרייבען אַ ביאָגראַפיע פון ראַשעל׳ען, איז אַ באַווייז אַז אין פראַנקרייך איז דאָס אַ וויכטיגער נאָמען — אַז די אידישע „טראַ־געדיסטין” ווערט דאָרטען געשעצט ניט נאָר פאַר דעם גרויסען טאַלאַנט וואָס זי האָט פאַרמאָגט, נאָר אויך פאַר דער ספּעציעלער באַדייטונג וואָס זי האָט אין דער געשיכטע פון דעם פראַנצויזישען טעאַטער. באַרטו׳ס באַציהונגען צו ראַשעל׳ען זיינען סימפּאַטישע, און וועגען איהר טאַלאַנט רעדט ער מיט אַ פלאַמענדער באַגייס־טערונג.

באַרטו רעדט וועגען ראַשעל׳ס האַלטונג אין דער „הויכער וועלט”. מיט איהרע געזעלשאַפטליכע מאַניערען און אנטייל נעמען אין אַ געשפּרעך האָט די אונגעבילדעטע זיבעצעהן־אַכטצעהן יאָהרי־גע אָרימע מיידעל דאָרטען געהאַט אַזאַ גרויסען ערפאָלג ווי אין טעאַטער מיט איהר שפּילען, זאָגט ער.

* * *

עס זיינען איהר אָנגעקומען איינלאַדונגען פון גרעפינס, פון פירסטינס, פון מאַרקיזינס און פון אַ פּרינצעסין זאָגאַר. היינט, ווי ענטזאָגט מען? סאַנסאָן האָט מיט איהר גע׳טענה׳ט, אַז זי אַרבייט צו־שווער, אַז זי מוז היטען איהר געזונט. זי האָט אָבער ניט געפיהלט קיין שפּור פון מידקייט. ענדליך האָט ער אויף אייני־גע איינלאַדונגען געענטפערט, אַז זי האָט ניט קיין אַיין פרייען אָוועגט. ער האָט דאָס געטאָן אויף זיין אייגענער פאַראַנטוואָרט־ליכקייט. איז אָבער אָנגעקומען אַ ביטע פון אַ פּאַראַליזירטען גראַף וואָס האָט צו איהר געשריבען, אַז ער קען ניט האָבען דעם פאַרגעניגען צו הערען איהר אין טעאַטער און בעט איהר דעריבער אַז זי זאָל נעמען אין אָנבאַטראַכט זיין צושטאַנד און איהם באַעה־רען מיט אַ באַזוך. היינט, ווי האָט מען דאָס אַ האַרץ צו זאָגען ניין אין אַזאַ פאַל? אַלזאָ איז סאַנסאָן מיט איהר מיטגעגאַנגען

און בשעת זי האָט פאַר דעם הילפלאָזען גראַף דעקלאַמירט איינע פון איהרע ראָלען, האָט ער, סאַנסאָן, דערביי געשפּילט די ראָלע פון דער פּערזאָן, מיט וועמען זי פיהרט אין דער פּיעסע דעם געשפּרעך. דערביי זיינען אָנוועזענד געווען אַריסטאָקראַטישע געסט.

ווען ער האָט געזעהן ווי זי האַלט זיך אין דעם גראַפ'ס זאַל, איז ער געווען זעהר אנגענעם איבערראַשט. איהר טאַקט, איהר באַשיידענהייט און צו דערזעלבער צייט זעלבסטווירדע, איהר חן, איהר אַרט ריידען מיט יעדען — אַלץ האָט איהם פשוט ערשטוינט. פון וואַנען נעמט זיך דאָס ביי איהר! — האָט ער זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען. און די אַריסטאָקראַטישע דאַמען האָבען פשוט געקוואָלען פון איהר.

סאַנסאָן האָט דאָס אַלץ געזעהן און ער האָט זיינע אייגענע אויגען ניט געגלויבט.

אַריסטאָקראַטישע גרופּען וואָס זיינען געווען צוקריגט האָבען ספּעציעל שלום געמאַכט, כדי צוזאַמען איינצולאַדען ראַשעל'ען און איהר אָפּגעבען כבוד. דער באַריהמטער אַדוואָקאַט בריער, וועלכער איז אויך געווען באַריהמט אַלס רעדנער, פלעגט אַרויפקלעטערען אויפ'ן פינפטען עטאַזש, וואו די פעליקס'עס האָבען געוואוינט, צו פאַרפאַלקאָמען ראַשעל'ען אין איהרע פאָרלעזונגען. דער אינערן־מיניסטער דעשאַטעל האָט איהר איינגעלאַדען אין די זאַלען פון זיין מיניסטעריום, וואו זיין פרוי האָט איהר אויפגענומען ווי אַ טייערען פריינד. דער פירסט (דיוק) נאָעי האָט פאַר איהר פאָרגעלעזען זיין רעדע איידער ער האָט איהר געהאַלטען אין דער אַקאַדעמי, און זי האָט דאָס געלויבט, אָבער אָנגעוויזען אויף איינינע פעלערען.

און גראַף מאָלע, אויך אַ מיניסטער, האָט איהר געגעבען דעם פאָלגענדען קאָמפּלימענט: „אייך קומט אַ גרויסער דאַנק, מאַדמואזעל, דערפאַר וואָס איהר האָט געראַטעוועט די פראַנצויזישע שפּראַך". (ער האָט מיט דעם געמיינט צו זאָגען, אַז מיט איהר טאַלאַנטפולען שפּילען האָט זי אויפגעלעבט די טייערע פּאָעטישע ווערק פון קאָרנעיל און ראַסין, וועלכע זיינען שוין געווען כמעט טויט).

„דאָס איז אַ ספּעציעל גרויסער פאַרדינסט פון מיין זייט", — האָט זי געענטפערט, — „וואָרים איך האָב די פראַנצויזישע שפּראַך

נאָך קיין מאָל ניט געלערנט". און דער הומאָריסטישער ענט־פער איהרער איז דערנאָך געגאַנגען פון מויל צו מויל.

ביי מאַדאַם רעקאַמיע. — ווי אַזוי ראַשעל האָט זיך געקליידט. — איהר הומאָר.

ניט אַלע „גראַנד דאַמען", וואָס האָבען ראַשעל'ען איינגע־לאַדען צו זיך, זיינען אויסען געווען זיך אויסצופיינען מיט איהר, צוליב דער ראַשעל מאָדע. עס זיינען אויך געווען געגוג אַזעלכע, וואָס האָבען איהר ווירקליך געשעצט פאַר איהר טאַלאַנט, און אייניגע פון זיי זיינען געווען אמת געבילדעטע פרויען מיט אַן אויפריכטיגען אינטערעס אין ליטעראַטור און טעאַטער, אָדער זאָגאַר אַליין שריפטשטעלערינס מיט טאַלאַנט. צווישען די הייזער, וועלכע ראַשעל פלעגט באַזוכען, זיינען געווען אַ פּאָר, וואָס האָבען געהאַט אַ נאָמען אַלס צענטערס פון ליטעראַרישע אינטערעסען. איין צענטער אַזאַ איז געווען די וואוינונג פון אַ באַרימטער אַלטער דאַמע מיט'ן נאָמען רעקאַמיע.

אין נאַפּאָלעאָן'ס צייטען איז זי געווען באַקאַנט אַלס די שעהנסטע פרוי אין פראַנקרייך, ווי אויך אַלס איינע פון די גע־בילדעטסטע און רייכסטע (איהר מאַן איז געווען אַ גרויסער באַנקיר). איצט איז זי שוין געווען איבער זעכציג יאָהר אַלט, און איהר גרויסער פאַרמעגען און שעהנהייט האָבען שוין געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס האָט איהר אָבער ניט געשטערט צו האָבען אַרום זיך אַ גרופּע פאַרעהרער — אַלץ מענשען מיט גרויסע נעמען. ביי איהר פלעגען זיך צוזאַמענקומען אויטאָריטע־טען אויף ליטעראַטור, טעאַטער, מאַהלעריי, סקולפּטור, מוזיק.

איהרע הארציגע אַפּלאָדיסמענטען פאַר ראַשעל'ען אין טע־אַטער האָבען געצווינגען אויפמערקזאַמקייט, וואָרים מאַדאַם רע־קאַמיע איז געווען איינע פון די וויכטיגסטע און באַריהמטסטע פיגורען אין פאַריז, און אויך איינע פון די, פאַר וועמענס מיינונג וועגען אַזעלכע געגענשטאַנדען, ווי ליטעראַטור און טעאַטער, מען האָט געהאַט רעספּעקט. גאַנץ פאַריז האָט געוואוסט, אַז מאַדאַם רעקאַמיע איז שטאַרק בעגייסטערט פאַר ראַשעל'ס טאַלאַנט.

ראשעל האט באלד געהאט אזויפיל געלט, אז זי האט געקענט אויסגעבען אויף קליידער וויפיל איהר הארץ האט נאר געגלוסט. זי האט זיך אבער אנגעטאן מיט א מערקווירדיגער איינפאכקייט. מיט קארגקייט האט דאס ניט געהאט צו טאן, ווארים זי פלעגט אויף איהר קליידונג אויסגעגעבען גענוג, און אלץ איז ביי איהר געווען לויט דער נייעסטער מאדע. אבער אלץ באשיידען, אויף א צוריקגעהאלטענעם שטייגער, אהן שרייענדיגע עפעקטען. לויט דער מאדע, אבער ניט צו־מאדנע.

און די רייכסטע און אינטעליגענטסטע דאמען פלעגען רעדען וועגען דעם. זיי פלעגען באוואונדערען דעם איידעלען געשמאק, וואס זי ווייזט ארויס אין אלץ וואס זי טראגט אויף זיך. זיי פלעגען וועגען איהר זאגען, אז זי מאכט דעם איינדרוק פון א פרוי, וואס איז אויסגעוואקסען אין רייכטום און בילדונג, אין שטילער עלעגאנץ און מיט די בעסטע מאניערען.

אין איינינע ווערק וועגען ראשעל׳ען באגעגענט מען א באַ־הויפטונג, אז זי האט מיט איהר קליידען זיך „דיקטירט די מאדע״; אז „דאמען פון דער „הויכער וועלט״ האבען קאפירט איהרע קליידער און מאנטלען״. בארטו זאגט: „זי האט זיך אנגעטאן מיט אזא געשמאק און מיט אזא עלעגאנטע איינפאכקייט, אז די גראנד־דאמען האבען נאכגעמאכט די ניכטערקייט, צוריקגעהאל־טענקייט פון איהרע קליידער און מאנטלען. זי האט די מאדעס ניט געשאפען. זי האט נאר געגעבען דעם טאן״.

איך גלויב, אז א סך פון די אלע אויסדרוקען פון באוואונ־דערונג איז געווען דער רעזולטאט פון דער ראשעל־סענסאציע. ווען עס קאכט מיט א מענשען, האט דער עולם חשק צוצושטעהן צום אלגעמיינעם כאר פון לויב־געזאנג. מען קריכט ארויף אויף דעם „בענד־וואגען״, ווי אמעריקאנער דריקען זיך אויס. מען איבערטרייבט, מען זעהט נסים וואו זיי זיינען ניטא.

* * *

קיין נאר איז ראשעל ניט געווען. דער עיקר איז, אז זי האט געהאט דעם ריכטיגען **אינסטינקט, א שארפען, דעליקאטען חוש.** זי פלעגט גלייך דערפיהלען — אויף א פשוט׳ער שפראך גערעדט, דערשמעקען, ווי מען דארף זיך האלטען אין אזא אדער אזא געזעלשאפט, און ווי מען דארף זיך אנטאן, כדי צו זיין

לויט דער לעצטער מאָדע און דאָך ניט איבערכאַפּען די מאָס. און עהנליכעס איז געווען מיט דעם אָרט רײדען אין אַן אײדעלער קאָמפּאַניע — וואָס צו זאָגען, ווי דאָס צו זאָגען און ווען און ווי אַזוי צו שווייגען — קורץ, ווי אַזוי צו מאַכען אַ גוטען אײנ־דרוק אויף מענשען.

* * *

ראַשעל האָט אין זיך געהאַט אַ סך הומאָר. אין איהר פּרי־וואַט־לעבען, מיט איהר סאַראַ'ן אָדער רעבעקע'ן, איז זי אָפּט געווען אַ גרויסע שטיפערקע. נו, פלעגט זי איהרע שטיפערייען אָפּט אַרויסווייזען אין דער העכסטער געזעלשאַפט אויך, אָבער אימער אויף אַזאַ אָרט, אין אַזאַ פאָרם, אַז עס זאָל זיך פּאַסען צו דער קאָמפּאַניע, וואו זי האָט פאַרבראַכט דעם אָוונד. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז איהר הומאָר און איהרע קונדס־שטיק האָבען פאַרגרעסערט איהר געזעלשאַפטליכען ערפאָלג. „איהרע שפּאַסען און שטיפערישע אַוואַיעס זיינען אַזוי פול מיט חן, אַז עס ווילט זיך איהר אויסקושען די גלידער" — אַזוי פלעגען די „גראַנד־דאַמען" רעדען וועגען איהר.

איין־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל און דר. וועראָן. — אַ פלעק. — ווידער דע מיוססע

צו דעם אָנפאַנג פון ראַשעל'ס קאַריערע אַלס אַנערקענטע גרויסע שוישפּילערין, געהערט אַ פּאַסירונג, וועלכע איז אַ פלעק אויף איהר לעבען. אַנדערש קען מען דאָס ניט אָנרופען. עס איז אַ געשיכטע מיט אַ מאַן, מיט וועמען זי האָט זיך פאַרבונדען ניט נאָר אָהן ליבע, נאָר מיט אַן עקעל־געפיהל צו איהם. און איהר מאָטיוו דערביי איז געווען דער פאַקט, וואָס ער איז געווען זעהר רייך און האָט געהאַט נאָהענטע און וויכטיגע באַקאַנטשאַפטען אין דער טעאַטער־וועלט.

זיין פולער נאָמען איז געווען לואי דעזירע וועראָן. געוועהנליך פלעגט מען איהם רופען דאָקטאָר וועראָן. ער איז מיט ראשעל'ען באַקאַנט געוואָרען באַלד נאָך איהר ערשטען אַרויסטריט אין דעם „טעאַטער פראַנסע" און — קיין ספק צייט האָט דאָס איהם ניט גענומען — זי איז געוואָרען זיין געליבטע. זי איז דאַן געווען אַ יאָהר אַכצעהן, אפשר עטוואָס מעהר; און ער איבער פופציג.

דר. וועראָן איז פריהער געווען אַן אַפּטייקער. ער האָט פּאַטענטירט אַ געוויסען זאַלב, וואָס איז געוואָרען זעהר פּאָפּולער אין פראַנקרייך און האָט איהם געבראַכט אַ פאַרמעגען. מיט דעם געלט האָט ער ספּעקולירט אויף דער בערזע און דאָס האָט איהם געבראַכט נייע גאָלד־שטראָמען. ווי עס שיינט, האָט ער צו ביזנעס געהאַט פעהיגקייטען. אַ ביישפּיל האָבען מיר פון דעם פאָלגענדען: ווען ער איז שוין געווען זעהר רייך, האָט ער איבערגענומען די פּאַריזער אָפּערא. דער פריהערדיגער דירעקטאָר איז געווען אַ מוזיקער. אַז זיין פּלאַץ זאָל פאַרנעמען אַן אַפּטייקער, האָט אויסגעזעהן אומנאַטירליך. אָבער ביי דעם מוזיקער האָט די אָפּערא צוגעלייגט געלט און ביי דר. וועראָן'ען האָט זי גלייך גענומען מאַכען גרויסע פּראָפיטען.

אין דער צייט, ביי וועלכער מיר האַלטען, איז דר. וועראָן מיט דער אָפּערא שוין ניט געווען פאַרבונדען. די איינציגע אונטערנעמונג, צו וועלכער ער האָט דאַן אָפּגעגעבען אַ טייל פון זיין צייט, אַ חוץ ספּעקולאַציע אויף דער בערזע, איז געווען אַ זשורנאַל, וועלכען ער האָט געהאַט אָפּגעקויפט. אָבער דאָס איז ביי איהם געווען וויכטיג אַלס אַ קוואַל פון איינפלוס מעהר ווי אַלס אַ געשעפט.

וועראָן איז געווען דורכגעמישט אין ליטעראַרישע קרייזען און אין טעאַטער־קרייזען און, טיילווייז צוליב זיין פאַרמעגען, האָט ער געהאַט נאָהענטע באַציהונגען מיט רעדאַקטאָרען, טעאַטער דירעקטאָרען, טעאַטער קריטיקער און איינפלוסרייכע ליבהאָבער פון ליטעראַטור און דראַמאַ אין אַלגעמיין.

זיין אינטערעס אין ליטעראַטור און דער ביהנע איז אייגענטליך געווען אַן ערנסטער, און דיזער אינטערעס איז אויך געווען די ערשטע טרייב־קראַפט וואָס האָט איהם צוזאַמענגעבראַכט מיט ראשעל'ען. קיין צדיק איז ער אָבער געוויס ניט געווען.

אין שטאָט האָט ער געהאַט אַ מיאוס'ן נאָמען. ער איז געווען באַקאַנט אַלס אַ גרויסער הולטאַי, און זיך אויסצוצייכענען אויף דיזען „פעלד" אין פּאַריז — דערצו האָט מען באַדאַרפט זיין צולאָזען אויף אַן אויסערגעוועהנליכען שטייגער.

צו האָבען אַ מעטרעסע (אויב ניט צוויי אָדער דריי מיט אַמאָל) איז אין דער וועלט פון שריפטשטעלער און שוישפּילער אין פּאַריז געווען אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך. די ליטעראַטור־קרייזען און טעאַטער קרייזען זיינען געווען פול מיט אינטריגעס, פּליאָטקעס און אָפענע סקאַנדאַלען, וואָס האָבען זיך געדרעהט אַרום ענינים פון דיזען סאָרט.

ראַשעל איז ניט געווען קיין צנועה. פון סאַראַ'ן, איהר שוועסטער, האָט זי נאָך גאָר אַלס מיידעלע שוין געוואוסט וועגען ראָמאַנטישע אינטערעסען; און איצט, אַז זי איז שוין געווען באַריהמט אַלס אַקטריסע, און מיט איהר האָט ניט אויפגעהערט צו קלינגען, איז זי אין קאַנדידאַטען אויף איהר ליבע ניט געווען זשעדנע.

אין אַזעלכע פאַלען האָט זי אָבער געמוזט פיהלען ענטוועדער אַ צוגעצויגענקייט אָדער אַ פריינדליכקייט צוזאַמען מיט אַ געפיהל, אַז דער מאַנסביל איז איהר ניט עקלהאַפט, וועניגסטענס. איהר האָבען זיך פאָרגעשלאָגען אָהן אַ צאָל באַריהמטע מענער, יונגע און עלטערע; און מייסטע פון זיי האָט זי צוריקגעשטויסען. דורך דעם האָט זי זיך געמאַכט שונאים. אין אייניגע פאַלען געפעהרליכע שונאים. דאָס האָט איהר אָבער ניט אָפּגעשטעלט. אַז זי זאָל ווערען די געליבטע פון אַ מאַן, וואָס איז צוויי־און־אַ־האַלב מאָל עלטער פאַר איהר, און וואָס איז איהר אָבשטויסענד — אַזעלכעס ווי ווייט מען ווייס, האָט מיט איהר פּאַסירט נאָר איין מאָל, און דער „העלד" אין דיזען פאַל איז געווען דר. וועראָן.

ער איז ניט געווען קיין שעהנער מאַנסביל, גאָר ניט קיין שעהנער — מיט אַראָפּהענגענדיגע באַקען, מיט אַ מיאוס'ן נאָז און מיט אַ פעטער, ניט־חן'עוודיגער פיגור, מיט האָר וואָס איז אַרויסגעוואַקסען פון זיין „גאָמבע" אויף אַ זעהר ניט־אינטערעסאַנטען שטייגער. און דאָס איז נאָך אויך ניט אַלץ; זיין האַלז האָט געליטען פון סקראָפולע און האָט געאייטערט. ער איז געווען שטענדיג פאַרבאַנדאַזשירט, און כדי דאָס צו באַהאַלטען, פלעגט

ער טראָגען אַ זעהר גרויסען קראוואַט. אַ וויציגער שריפטשטעלער האָט געזאָגט, אַז זיין אַדרעס איז: „דר. ווערען, אין קראוואַט, פּאַריז", און דאָס ווערטעל איז אויפגעכאַפּט געוואָרען.

ער פלעגט זיך לאָזען קאָסטען גרויסע סומען אויף מאָלצייטען און בעלער, צו וועלכער ער פלעגט איינלאַדען מיניסטאָרען און אַנ־דערע באַקאַנטע פּערזענליכקייטען. אויף איין באַל אַזאַ האָט ער איינגעלאַדען ראַשעל'ען מיט איהר מוטער און מיט סאַנסאָן'ען. ער האָט אָבער געגעבען ספּעציעלע בעלער פאַר לעבע־יונגען און לוסטיגע דאַמען; און אָפט פלעגען די הוליאַנקעס האָבען אַזאַ „אָריגינעלען" כאַראַקטער, אַז מען פלעגט וועגען זיי דערצעהלען איבער גאַנץ פּאַריז.

ווען ווערען האָט אָנגעהויבען ראַשעל'ען שענקען אויפמערק־זאַמקייט, האָט זי געוואוסט, אַז ער איז איינער פון די גרעסטע אויסוואורפען אין שטאָדט; און דאָך איז זי געוואָרען זיין גע־ליבטע.

מען זאָגט געוועהנליך, אַז מיט זיין איינפלוס האָט ער איהר גע־האָלפען אין איהר קאַריערע. אויף וועלכען אָרט — איז ניט קלאָר; ווארים ער איז מיט איהר באַקאַנט געוואָרען ערשט דאַן, ווען זי האָט זיך אין קיין ספּעציעלע הילף שוין ניט גענויטיגט. אמת, ווי מיר האָבען אויבען געזעהן, איז אָהן פּראָטעקציע פאַר אַ נייער אַקטריסע, הויפּטזעכליך פאַר ניט קיין שעהנער, און מיט אַ נישטיגער פיגור, ניט געוועזען לייכט זיך צוצושלאָגען צום טע־אַטער. ראַשעל איז אָבער אין דיזער הינזיכט געוועזען אַן אויס־נאַם. איהר ניט־שעהנער פּנים און זעהר דאַרע פיגור האָבען אין זיך געהאַט עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט געצוויגען ספּעציעלע אויפ־מערקזאַמקייט. אַז דאָס איז „אַ קליינער טייוועל", האָט זיך גע־פיהלט אויפ'ן שטעל.

אפשר האָט זי, אין איהר אונערפאַהרענהייט, געמיינט, אַז זי מוז האָבען זיין הילף. אפשר האָט ער איהר דאָס איינגערעדט.

אַלץ וואָס איז דייטליך, איז זיין פּרעטענזיע, אַז ער האָט דאָס „צוגערעדט" זשאַנען'ען צו געהן איהר זעהן אין דער ראָלע פון „קאַמיללאַ", ווען דער טעאַטער־קריטיקער האָט זיך אומגעקערט פון איטאַליע. מענליך, אַז ער האָט איהם דערצעהלט וועגען איהר וואונדערבאַרען שפּילען אין דער ראָלע. אָבער אָהן זיין „צורע־

דען" וואָלט זשאַנען דען איהר ניט געגאַנגען זעהן? מיר ווייסען דאָך פון זיין באַגייסטערטער קריטיק אויף איהר שפּילען אין „די וואַנדערען", אין וועלכער זי איז ערשינען מיט אַ יאָהר פריהער אין דעם זשימנאַז טעאַטער. ער האָט שוין דאַן פאַראויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט פאַר איהר, און אַלץ אָהן ווערן'ס אַנטייל דערביי. איז דען מעגליך זיך פאָרצושטעלען, אַז ער וואָלט איהר „קאַמיללאַ" ניט געגאַנגען זעהן? ער וואָלט די פאָרשטעלונג בייגעוואוינט, פּשוט ווייל דאָס איז געווען זיין פליכט. זעהן נייע פאָרשטעלונגען אין דעם וויכטיגסטען טעאַטער פון פּאַריז און שרייבען וועגען זיי — אין דעם איז דאָך באַשטאַנען זיין אַרבייט אין דער צייטונג „זשורנאַל דע דעבאַ", מיט וועלכער ער איז געווען פאַרבונדען.

אויב עס איז געווען אַ צייט, ווען זי האָט זיך געניטיגט אין פּראָטעקציע, איז דאָס געווען אין די מאָנאַטען, ווען זי האָט זיך געלערנט אין דער קאָנסערוואַטאָריע, און מען האָט איהר דאָרטען באַהאַנדעלט ווי אַ שטיף־קינד. און דאַן האָט ווערן זיין הילף איהר ניט פאַרגעשלאָגען.

לויט זיינע אייגענע מעמואַרען איז דייטליך, אַז ער האָט זיך פאַראינטערעסירט אין איהר ערשט אין דעם אָוונט, ווען זי האָט צום ערשטען מאָל געשפּילט אין דעם „טעאַטער פראַנסע"; און דאַן איז זי דאָך דאָרטען שוין געווען אָנגעשטעלט. ווערדעל, דער דירעקטאָר אַליין, איז געווען איהר באַגייסטערטער אָנהענגער און באַשיצער.

ווערן האָט איהר געקויפט קאָסטבאַרע צירונג און אַנדערע מתנות. טיילווייז דורך דעם און טיילווייז דורך דער ווירקונג פון אַנדערע אורזאַכען איז זי געוואָרען זיין מעטרעסע.

* * *

ראַשעל איז נאַטירליך געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט צו זעהן, אַז דער סוד זאָל בלייבען אַ סוד. וועגען ווערן'ען קען מען דאָס אָבער ניט זאָגען. מיט אַזעלכע „זיגען" האָט ער גראַד זיך ליב געהאַט צו באַריהמען. אַזוי, ווענינגסטענס, פלעגט מען וועגען איהם דערצעהלען. אָבער אָהן זיין באַריהמען זיך וואָלט אַזאַ סיטואַציע אויך לאַנג ניט געקענט בלייבען אַ סעקרעט. ניי־

געריגע אויגען באמערקען און פליאטקע־דורשטיגע צינגער ריידען. קורץ, אין געוויסע קרייזען האט מען זיך פאסמאקעוועט מיט דער נייעס, אז דר. ווערַאן איז מיט ראשעל׳ען א נאהענטער מחותן. און פון „געוויסע קרייזען" האט זיך די נאכריכט פארשפרייט ווייטער און ברייטער.

די שטאדט האט געקאכט מיט ראשעל׳ס ערפאלג אויף דער ביהנע, און אלץ וואס איז געווען שייך צו איהר האט דעם עולם אינטערעסירט. הייגט ווער רעדט שוין, ווען עס האט זיך געמאכט א סענסאציע פון אזא סארט!

צווישען טעאטער־מענשען און ליטעראטור־מענשען איז ראשעל באטראכט געווארען אלס דר. ווערַאנ׳ס „אפיציעלע" מעטרעסע. אז זי זאל האבען א געליבטען, וואלטען זיי געהאלטען פאר א גאנץ נאטירליכע זאך. אבער ניט אזא, ווי ווערַאן מיט די „קראוואטען" . . .

* * *

דער „ראמאן" האט אנגעהאלטען ארום דריי יאהר. עס הייסט אבער ניט, אז די גאנצע צייט איז דר. ווערַאן ביי איהר געווען דער איינציגער. צי ער האט עס ניט געוואוסט, צי ער האט זיך געמאכט ניט־וויסענדיג — זי האט צו דערזעלבער צייט געהאט אנדערע אויך, שעהנערע און סימפאטישערע מענער ווי ער.

דער ערשטער אזעלכער, ווי מיר וועלען באלד זעהן, איז געווען טאקע דער אויבען־דערמאנטער פאעט, דער שעהנער יונגער מאן אלפרעד דע מיוססע, מיט וועמען מיר זיינען באקאנט געווארען אויף דער וועטשערע ביי ראשעל׳ען אין שטוב.

לואי בארטו וועגען דר. ווערַאנ׳ען, און זיין ראמאן מיט ראשעל׳ען

אין מייסטע ווערק וועגען ראשעל׳ען ווערט דר. ווערַאן פארגעשטעלט אלס א הונדערט־פראצענטיגער אויסוואורף, א בארג שמוץ און קיין זאך אויסער שמוץ. בארטו׳ס בילד פון דעם רייכען ווערַאן איז ניט אזוי איינזייטיג. ער שטעלט איהם פאר אלס א סאדיסטישען ווייבערניק, א געשלעכטליך־פארדארבענעם מענשען מיט א זינדיגען גוף, אבער ניט אהן א נשמה.

„רייך, גרינג אויף דער מטבע, אָפּט אַ צו־גרויסער אויס־ברענגער זאָגאַר, — שרייבט באַרטו, — איז דר. וועראָן געווען קול־טורעל, קלוג און כיטרע, אַן אָפּטימיסט און אַ מזל׳דיגער יונג, אַ ציניקער; מוטיג און דאָך פּאָרזיכטיג. ער האָט געהאַט אַ גוט האַרץ; האָט ליב געהאַט צו שטיצן וויסענשאַפט, ליטעראַטור, קונסט. ער איז געווען פול מיט לעבען און האָט געוואוסט ווי אויף אַ פּעפּערדיגער באַמערקונג אָפּצוענטפערען מיט נאָך מעהר פעפער. טראָץ זיין שווערען, אומגעלומפּערט־פלייִשיגען קערפּער, אָבער אַ דאַנק זיין געלט און איינפלוס, האָט ער אין זיינע הענט אַריינגע־קראָגען אַ וויכטיגע טייל פון דער געזעלשאַפט און — ראַשעל׳ען".

נאָך דעם ווי ער שילדערט מיט אַ פּאָר שורות וועראָן׳ס ניט שעהנעם פּנים און זיין קראַוואַט, זאָגט באַרטו:

„אָבער ראַשעל איז דאָך אויך ניט געווען קיין פאַרשוין. זשאַנען האָט איהר געפונען „גענוג מיאוס", און די גרעפין דאַש האָט באַרמלאָז אַ זאָג געטאָן, אַז זי איז אַ קליינע ברונעטקע מיט אַ בייזען קוק, אַ מיאוס׳ע, אַ דאַרע, אַ שוואַכע, כמעט אַן אָפּ־שטויסענדע.

וועראָן איז אָבער אַזוי באַצויבערט געוואָרען פון ראַשעל׳ס „געטליכען טאַלאַנט", אַז ער האָט איהר געהאַלטען פאַר אַ „פאַנ־גענדע שעהנהייט", ווי באַרטו דריקט זיך אויס. די ווערטער „געטליכער טאַלאַנט" און „פאַנגענדע שעהנהייט" נעמט ער טאַקע ביי וועראָן׳ען; וואָרים אַזוי שרייבט דער געוועזענער אָפּטייקער אין זיינע ערינערונגען.

דער לעזער וועט אפשר פרעגען: טויזנט מאָל „געטליכער טאַלאַנט". ווי אַזוי קען מען „געטליכע שעהנהייט" געפינען אין אַ דאַרע מיאוס׳ע אָפּשטויסענדע מיידעל?

דער ענטפער אויף דעם איז, אַז טראָץ איהר דאַרקייט און ניט־שעהנקייט האָט זי פאַרמאָגט אַ סך פּערזענליכען חן. וואָס עלטער זי איז געוואָרען איז איהר ווייבליכער און אַלגעמיין מענש־ליכער מאַגנעטיזם אַלץ מעהר ענטוויקעלט געוואָרען. אָבער שוין אין 1839 און זאָגאַר אין 1838 האָבען איהרע פלאַמענדע שוואַרצע אויגען, איהר שמייכעל און איהר גאַנצע פּערזענליכקייט געהאַט צוציהונגס־קראַפט אין זיך. וועראָן איז ניט געווען דער איינציגער, וואָס איז באַצויבערט געוואָרען פון איהר.

צוויי-און-צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

די באַציהונגען צווישען דעם פּאָעט דע מיוססע און ראַשעל'ען

איז וועראָן ביי ראַשעל'ען געווען דער איינציגער? די פראַגע ריהרט אָן בארטו, און ער זאָגט וועגען דעם דאָס פאָלגענדע:

„אויב וועראָן איז געווען איהר ערשטער, איז ער יעדענפאַלס ניט געווען דער איינציגער ביי איהר. ראַשעל האָט געהאַט א „צוויי-געשפאַן". אלפרעד דע מיוססע, וועלכער איז מיט דער יונגער שוישפילערין נאָך ניט געווען באַקאַנט ווען ער האָט גע־שריבען זיין ערשטען אַרטיקעל, וואו ער האָט פאַרטיידיגט איהר טאַלאַנט, האָט זיך מיט איהר באַגעגענט דאַן, ווען איהר אומשולד האָט שוין ניט געהאַט וואָס צו פאַרלירען. זיי זיינען זיך געפעלען געוואָרען. קען מען אָבער זאָגען, אַז זיי האָבען זיך פאַרליבט?

דע מיוססע האָט פאַרמאָגט א סך חן און סימפּאַטישקייט. ער איז אָבער געווען זעהר לייכטזיניג און פּאַר א ראַיעלע מטבע אַלס ליבהאָבער האָט מען איהם ניט געקענט האַלטען. זיין צויבער איז געווען גרעסער ווי זיין טרייהייט. „די קליינע", ווידער, ווי מען האָט ראַשעל'ען גערופען אין „טעאַטער פראַנסע", האָט דע מיוססע כאַראַקטעריזירט אַלס א באַשעפעניש וואָס „באַשטעהט דורכאויס פון אינסטינקט, אַן אומוויסענדע, אַן אמת'ע פּרינצעסין פון דער קינסטלער-וועלט, א ביסעלע אַש, אין וועלכער עס גליהט א הייליגער פונקט".

„אַט ביי דעם פונק האָט ער זיך פאַרברענט. ווען איז דאָס אָבער געווען? ער האָט ביי ראַשעל'ען געגעסען וועטשערע אין דעם אָווענט פון דעם 29טען מאַי, 1839. יענער אָווענט איז ביי זיי געווען אַן אומשולדיגער, און דער פּאָעט דע מיוססע שילדערט איהם אויף א צויבערליכען און העכסט סימפּאַטישען שטייגער. א געוויסע צייט שפּעטער, ווען ראַשעל האָט שוין געהאַט א פיינע זומער-וואוינונג, האָט ער איהר דאָרטען באַזוכט, און ער האָט ביי

איהר פארבראכט א נאכט, שוין ניט אזוי אומשולדיג, ווי יענע וועטשערע איז געווען.

„ווי שעהן זי איז יענעם אווענט געווען!" — האט ער דערנאך געשריבען צו אן אלטער דאמע, וואס איז געווען זיין קוואטער, ווען ער איז געבארען געווארען, — „ווי שעהן זי איז געווען ארומ־לויפענדיג איבער'ן גארטען אין מיינע פאנטאפעל און אין א שווארץ־רויטען געשטריקטען וואלענעם קאפטורעל! איך האב אבער געעפענט די אויגען און דאס איז דער אמת. מעהר דארף איך קיין זאך ניט. משוגע פארליבט בין איך מעהר ניט".

בארטו באמערקט דא, אז „עס וואלט געווען ריכטיגער, ווען ער וואלט געזאגט, אז אזעלכע „משוגעת'ן" האבען זיך ביי איהם ווידערהאלט כסדר, און ער ציטירט ווייטער פון דע מיוססע'ס בריף צו זיין „קוואטער":

„וועגען א פארליבטער פאר זאגט מען, אז אימער איז איין צד דער לענדלארד און דער אנדערער איז דער טענענט" (דער באלעבאס פון דעם הויז און דער וואס דינגט די דירה — א. ק.)

מיט אנדערע ווערטער הייסט דאס, אז איין צד איז פארליבט, און דער אנדערער לאזט זיך ליבען, ווי א באריהמטע פראזע דריקט דאס אויס.

ביי דעם דאזיגען פונקט באמערקט בארטו, אז צווישען דע־מיוססע'ן און ראשעל'ען האבען עקזיסטירט באציהונגען פון צוויי טענענטס (עס הייסט, אז קיין צד איז ניט געווען צו שטארק פאר־ליבט) און אז דיזע באציהונגען האבען לאנג ניט אנגעהאלטען. אין אקטאבער, 1840, האבען זיי זיך געשריבען בריף, אין וועלכע זיי האבען זיך אדרעסירט מיט די קאלטע צערעמאניע טיטולען „מאדמואזעל" און „מאנסיע" (הערר).

* * *

כדי בקיצור צו פארענדיגען די גאנצע געשיכטע פון די באצי־הונגען צווישען דעם פאעט און דער אידישער שוישפילערין, וועל איך דא אין קורצען דערצעהלען, ווי אזוי זיי זיינען ברוגז גע־ווארען אויף א יאהר דריי, און ווי אזוי זיי זיינען דערנאך גוט־פריינט געווארען.

אויף ראשעל'ס פארלאנג האט אלפרעד דע מיוססע אנגע־הויבען צו שרייבען פאר איהר א פיעסע — א היסטארישע דראמא,

וועלכע האָט געזאָלט זיין באַזירט אויף ראַשעל׳ס פּערזענליכער געשיכטע. ער איז אָבער געווען אַ זעהר נאַכלעסיגער מענש, און זיצענדיג ביי אַ גלעזעל אבסינט (אַ געטראַנק אַזאַ) אָדער ביי אַ קאַרטען־שפּיל, האָט ער לייכט געקענט פאַרגעסען אָן זיינע וויכ־טיגסטע אָפּמאַכען און פליכטען. אַלזאָ האָט זיין ארבייט ביי דער דראַמאַ געליטען פון לאַנגע אָפּלייגענישען. דורך דעם און דורך אַנדערע אורזאַכען זיינען ארויסגעקומען אונטערברעכונגען אין דער פריינדשאַפט צווישען דעם פּאָעט און דער אַקטריסע, ביז זיי האָבען זיך צוקריגט.

צום ערשטען מאָל האָבען זיי זיך ווידער באַגעגענט אין פעברואַר, 1843. דאָס איז געווען אויף אַ דינער ביי דעם רעדאַק־טאָר פון דעם זשורנאַל „רעווי דע דעי מאָנד". דער פּאָעט הײנע איז געווען איינער פון די אָנוועזענדע.

— פּיהרען מיר נאָך אַלץ מלחמה? — האָט ראַשעל זיך פּלוצלינג געווענדעט צו דע מיוססע׳ן.

— פאַר וואָס האָט איהר דאָס מיך ניט געפרעגט פאַר דריי־יאָהרען? — האָט ער אָבגעענטפערט. איהר ווייסט דאָך, אַז איך טראָג ניט לאַנג קיין שנאה.

זי האָט איהם געגעבען אַ קאָקעטישען קוק און אויסגעשריען:

— אומזיסט פאַרלאָרען אַזוי פיל צייט!

זיי האָבען זיך געגעבען די הענט און ראַשעל האָט איהם גע־בעטען איהר באַזוכען.

דאָס אַלץ דערצעהלט אַלפרעד דע מיוססע אין אַ בריף צו זיין ברודער פּאָל.

„איצט געה איך צו איהר יעדען דאָנערשטאָג (איהר רעגעל־מעסיגער גאַסט־אָווענט). דאָס איז די גאַנצע געשיכטע".

אויב ער האָט איהר אויך באַזוכט אויף אַ פּריוואַטערען שטייגער, קען מען פון דעם בריף ניט וויסען. דער איינדרוק איז אַז ניט.

אין אַ ביאָגראַפיע פון זיין באַריהמטען ברודער, וואָס פּאָל האָט געשריבען נאָך זיין טויט, דערצעהלט ער דאָס פאָלגענדע:

„איינמאָל, אין אַפּריל, 1846, האָט ראַשעל דעם פּאָעט איינ־געלאַדען צו דינער. די אַנדערע געסט זיינען אַלע געווען מענשען מיט נעמען און מיט הויכע ראַנגען אין לעבען. אין פאַרלויף פון

דעם מאַלצייט האָט דער גאַסט, וואָס איז געזעסען ביי ראַשעל'ען פון דער לינקער זייט, געצווינגען אויפמערקזאַמקייט צו אַ שעהנעם רינג, וואָס זי האָט געטראָגען. זי האָט דעם רינג גלייך אַראָפּגע־נומען פון איהר פינגער און יעדער פון די אַנוועזענדע האָט איהם באַקוקט.

„מיינע הערען", — האָט ראַשעל דאַן געזאָגט — „אַזוי ווי דאָס שפּילכעל געפעלט אייך, שלאָג איך דאָס פאָר אויף אַ ליצי־טאַציע. וויפיל גיט איהר?"

איינער פון די געסט האָט געבאָטען פינף הונדערט פראַנק, אַ צווייטער — טויזענד, אַ דריטער — פופצעהן הונדערט. די באַטעניש איז דערגאַנגען צו דריי טויזענט פראַנק.

„און איהר, מיין פּאָעט, — האָט ראַשעל זיך געווענדעט צו אַלפרעד דע מיוססע — וויפיל גיט איהר?"

„איך גיב מיין הארץ", — האָט ער געענטפערט.

„דער רינג איז אייערער!" — האָט ראַשעל געזאָגט, און מיט אַ קינדערשער באַגייסטערונג האָט זי דעם רינג אריינגעוואָרפען אין דעם פּאָעט'ס טעלער.

נאָכ'ן דינער האָט אַלפרעד געוואָלט דעם רינג איהר אומ־קערען.

„טייערער פּאָעט", — האָט ראַשעל געזאָגט — איהר האָט מיר געגעבען אייער הארץ און איך וועל דאָס אייך ניט צוריקגעבען פאַר הונדערט טויזענט גאָלד־שטיקער. האַלט דעם רינג אַלס אַ משכון. אויב איהר וועט ווען עס איז זיך אַנטזאָגען פון דעם גע־דאַנק וועגען שרייבען אַ פּיעסע פאַר מיר מיט דער ראָלע, וועגען וועלכער איך האָב אַזוי פיל מאָל אויסגעדריקט מיין וואונש, דאַן ברייננגט מיר דעם רינג, און איך וועל איהם צונעהמען".

ער האָט דעם רינג צוגענומען מיט די באַדינגונגען, וואָס זי האָט איהם געשטעלט. ער האָט צוגעזאָגט צו שרייבען אַ פּיעסע פאַר איהר.

* * *

ער האָט די פּיעסע אַלץ ניט אָנגעשריבען. זיך געקליבען און אָפּגעלייגט. ווען ער האָט איהר אָפּגעבראַכט דעם רינג, האָט זי זיך קוים דערמאָנט אָן דעם עפּיזאָד.

ענדליך האָט ער די פּיעסע אָנגעהויבען צו שרייבען. ער האָט זיך אָבער אָבגעשטעלט אין מיטען. און דאַן האָט ער זיך אַלץ געקליבען איהר פאַרטצוזעצען.

ווען זי פלעגט אוועקפאָהרען אין דער פּראָווינץ, פלעגט זי זיך פאַרגעסען אָן זיין פּיעסע; און ער, ווידער, פלעגט זיך אַלץ קלייבען די דראַמאַ צו ענדיגען. עס פלעגען אוועקגעהן מאָנאַטען און זיי פלעגען זיך ניט זעהן. דאַן פלעגט זי איהם ווידער איינ־לאַדען אויף אַן אָוועגט און ער פלעגט קומען. זייערע באַציהונגען זיינען אימער געווען פריינדליכע, אָבער זייער אַלטער ראָמאַן איז ניט בעניים געוואָרען.

איין מאָל זאָגט זי צו איהם: „אַנדערע דראַמאַטורגען, ווען זיי נעהמען זיך שרייבען אַ פּיעסע, ענדיגען זיי איהר".

„דאָס איז דערפאַר, וואָס זיי זיינען ניט קיין פּאָעטען", — האָט ער געענטפערט.

* * *

אין אַ געוויסען אָוענט, ווען זי איז שוין געווען רייך און געהאַט איהר אייגענעם פּאַלאַץ, האָט ער, פיהרענדיג איהר איבער די טרעפּ, ארויפגעטראָטען אויף איהר קלייד.

„ווען איהר פיהרט אַ דאַמע, דאַרפט איהר בעסער אַכטונג געבען", — האָט זי געזאָגט.

„אַז מען וואוינט ווי אַ פּרינצעסין דאַרף מען האָבען בריי־טערע טרעפּ", — האָט ער געענטפערט.

זי האָט גענומען ריידען וועגען דער צייט, ווען ער האָט ביי איהר דאָס ערשטע מאָל געגעסען וועטשערע. „איך בין דאַן געווען אַ סך אָרימער ווי היינט — האָט זי באַמערקט — מיין האַרץ איז אָבער די זעלבע ווי היינט. איך וויל האָבען אַ פּיעסע פון אייך. איך וועל קומען צו אייך זיך בעטען איהר זאָלט פאַר מיר די פּיע־סע ענדיגען".

די פּיעסע איז קיינמאָל ניט געענדיגט געוואָרען. דע מיוססע איז געשטאָרבען מיט אַ יאָהר פריהער פון ראַשעל'ען.

אַ סך ערנסטער איז געווען דע מיוססע'ס אינטימע פריינט־שאַפט מיט דער באַריהמטער שריפטשטעלערין זשאָרזש סאַנד. איהר לעבענס געשיכטע ענטהאַלט ראָמאַנען מיט אַנדערע באַקאַנטע

פערזענליכקייטען אויך. דער באַריהמטסטער פון זיי איז געווען דער אומשטערבליכער גאון פון דער פּיאַנאָ און פון פּיאַנאָ קאָמ־פּאזיציע, שאָפּען. ער איז אין איהר געווען שקלאַפּיש פּאַרליבט און זייער צוזאַמענלעבען האָט זיך געצויגען צעהן יאָהר. דע־מיוססע'ס צוגעבונדענקייט צו איהר האָט אָנגעהאַלטען בלויז איין יאָהר אומגעפעהר. אונטער איהר איינפלוס האָט ער זיך אָבער געפונען אפילו נאָכדעם ווי זיי זיינען זיך צוגאַנגען.

דריי־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל און איהרע אידישע פריינד, יצחק אַדאָלף קרעמיע און זיין פרוי. — ראַשעל'ס בריף צו קרעמיע'ן. — בריף, וואָס ער פלעגט פאַר איהר שרייבען צו איהרע אַריסטאָקראַטישע פריינד

אין דער צייט, וואָס ראַשעל איז באַקאַנט געוואָרען מיט פילע אַריסטאָקראַטישע דאַמען, און איז געווען אַ ווילקאָמענער גאַסט אין זייערע זאַלען, איז זי אויך געוואָרען אַן אָפּטע איינגעהעריין אין דער הויז פון אַ וויכטיגער אידישער פאַמיליע.

מיר רעדען דאָ וועגען דער משפחה פון יצחק (אָדער אַדאָלף) קרעמיע, איינער פון די אָנגעזעהענסטע אידישע נעמען פון דעם נייינצעהנטען יאָהרהונדערט. ראַשעל איז מיט איהם און מיט זיין משפחה באַקאַנט געוואָרען אין 1838. און איהר פריינדשאַפט מיט זיי איז פאַרבונדען מיט אַן אינטערעסאַנטען ווינקעלע פון איהר לעבען. אגב האָט דאָס אַ טשיקאַווע שייכות צו דער אונ־אנגענעהמער סענסאַציע וועגען איהרע באַציהונגען מיט דר. וועראָן'ען.

מיט צעהן יאָהר שפּעטער איז אַדאָלף קרעמיע געוואָרען יוסטיץ־מיניסטער פון פראַנקרייך; און אין 1870 האָט ער גע־שפּילט אַ וויכטיגע ראָלע ביי דער גרינדונג פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק, וועלכע עקזיסטירט נאָך היינט. דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער מלחמה צווישען פראַנקרייך און פּרייסען. אידען פון דער גאַנצער וועלט האָבען געהאַלטען פאַר פראַנקרייך און

דעם נאָמען „ר׳ יצחק קרעמיע״ פלעגען זיי אומעטום אויסרעדען מיט עהרפורכט און ליבע. אָבער אין 1838 איז ער שוין אויך געווען א פראָמינענטע פערזענליכקייט אין פאריז — איינער פון די פעיגסטע אדוואָקאטען און גלענצענדסטע רעדנער אין שטאָדט, א הויך־געבילדעטער, קולטורעלער מענש, ווי אויך א באַקאַנטער כלל־טוער און קעמפער פאר נאָבעלע און פראָגרעסיווע צוועקען. און זיין נאָמען איז געוואַקסען.

ביי אידען איז ער צוערשט באַריהמט און באַליבט געוואָרען אַלס איינער פון די הויפט־פּאַרטיידיגער פון די באַשולדיגטע אידען אין דעם באַריהמטען בלוט־בלבול (עלילת־דם) פּראָצעס אין דמשק, סיריע. דאָס איז געווען אין 1840. די וויכטיגסטע ראָלע דערביי האָט געשפּילט משה מאָנטעפיאָר, אָבער קרעמיע איז מיט איהם געפאָהרען קיין דמשק. ער איז אין דעם קאַמף פאַר׳ן אמת געווען דער הויפּט אַדוואָקאַט. די אומשולדיג באַשולדיגטע אידען זיינען באַפרייט געוואָרען און מיט די נעמען מאָנטעפיאָר און קרעמיע האָט געקלונגען די גאַנצע אידישע וועלט. קרעמיע׳ס רייזע קיין פאריז איז געווען א טריאומף־רייזע באַגלייט מיט אָוואַציעס. דעם שענסטען קבלת־פּנים האָט ער באַקומען אין וויען.

דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין דער צייט, ווען ראַשעל איז געווען א אינטימער פריינד און אָפטע באַזוכערין פון זיין הויז.

אין א שפּעטערער צייט האָט ער אויסגעפיהרט, אַז אין פראַנקרייך זאָל אָפּגעשאַפט ווערען די ספּעציעלע שבועה וואָס א איד האָט געמוזט געבען אַלס איד יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען אין א געריכט אין פאַרבינדונג מיט א פּראָצעס. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דעם „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסאַל״ (די אינטערנאַציאָנאַלע אידישע געזעלשאַפט) און איז שפּעטער געוואָרען איהר פּרעזידענט.

אָבער ניט בלויז פאַר אידישע אינטערעסען האָט ער געקעמפט. ער האָט זיך באַריהמט און באַליבט געמאַכט ביי אַלע פּראָגרעסיווע און אידעאַליסטישע מענשען. ער האָט, צום ביישפּיל, אָנגעפיהרט און געוואונען א קאַמף פאַר דער אָפּשאַפונג פון טויט־שטראָף פאַר פּאָליטישע פאַרברעכער.

דאָ האַלטען מיר אָבער ביי דעם יאָהר 1839, א יאָהר פריהער

ווי ער איז מיט מאַנטעפיאָרע'ן געפאָהרען קיין דמשק. ער איז דאַן אַלט געווען 43 יאָהר. ער האָט שוין אָבער געהאַט אַ שם ביי קריסטען אַזוי גוט ווי ביי אידען.

מאַדאַם קרעמיע איז אויך געווען אַ געבילדעטע, קולטורעלע און גייסטיג־ענטוויקעלטע פּערזאָן. ביי זיי אין הויז פלעגען זיך צוזאַמענקומען אינטערעסאַנטע מענשען — ליטעראַטען, פּאָליטי־קער, קינסטלער, מוזיקער. אָפט פלעגען ביי זיי זינגען די בעסטע זינגער פון דער פּאַריזער אָפּערא; אַמאָל זאָגאַר אונטער דער פיה־רערשאַפט פון דעם באַריהמטען קאָמפּאָזיטאָר מייערבעער אָדער הלוי.

ביי די קרעמיעס האָט ראַשעל געפונען וואַרימע גאַסט־פריינד־ליכקייט אין נאָהענטע פּערזענליכע פריינטשאַפט. און, ווי מיר וועלען זעהן, איז זייער האַרציגע באַציהונג צו איהר ניט געווען דאָס איינציגע וואָס זי האָט ביי זיי געפונען. קרעמיע האָט איהר געבראַכט נוצען אויך.

דאָס אַלץ ווערט אַמבעסטען דערצעהלט אין דעם ווערק פון קרעמיע'ס אייניקעל, וואַלענטין טהאַמסאָן, „דאָס סענטימענטאַלע לעבען ראַשעל'ס". אַלזאָ וועלען מיר אין באַצוג צו איהר באַ־קאַנטשאַפט מיט דעם באַריהמטען אידען זיך הויפּטזעכליך באַ־נוצען מיט דעם דאָזיגען בוך, וועלכער רעכענט זיך פאַר איינעם פון די וויכטיגסטע ווערק אין דער ראַשעל ליטעראַטור.

פאַר ראַשעל'ען זיינען געווען אָפען די פּאַלאַצען פון דער העכסטער קריסטליכער אַריסטאָקראַטיע — פאַמיליעס, וואָס זיינען געווען מעכטיגער און איינפלוסרייכער ווי די אַלגעמיין געאַכטעטע אידישע פאַמיליעס. די קרעמיעס זיינען איהר אָבער ליב געווען אויף אַ גאַנץ אַנדער שטייגער ווי יענע. וואַלענטין טהאַמסאָן זאָגט דאָס ניט; עס איז אָבער דייטליך, גלויב איך, אַז ביי זיי האָט זי זיך געפיהלט ווי אַ אידיש קינד אין אַ אידיש הויז. עס איז איהר אָנגענעם געווען זיי צו רופען „פּאַפּאַ" און „מאַמאַ", און זיי האָבען די טיטולען אָנגענומען מיט פאַרגעניגען, און פון זייער זייט האָבען זיי איהר גערופען „מיין טאָכטער", „מיין קינד".

* * *

נאָך ראַשעל'ס טויט איז ביי די קרעמיעס געבליבען אַ גאַנ־צער באַרג מיט בריף, וואָס זי האָט צו זיי געשריבען, און זיי זיינען

אלע דערנאָך איבערגעגאנגען צו זייער איינזיקעל, וואַלענטין טהאמ־סאָן. די גרעסטע צאָהל פון די בריף איז געווען פון ראַשעל׳ען ספּעציעל צו קרעמיע׳ן, ווארים זי פלעגט זיך מיט איהם אימער בעראַטען וועגען פארשידענע אנגעלעגענהייטען, און ער איז פאר איהר געווען א לעהרער און א וועג־ווייזער. „מאָן שער פּאָפּאַ!" (מיין טייערער פּאַפּאַ), אָדער „מאָן שער פּאַפּאַ קרעמיע!" — אַזוי פלעגט זי אַדרעסירען איהרע בריף צו איהם.

„האָט קרעמיע זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון ראַ־שעל׳ס חן?" — פרעגט מאַדאַם טהאמסאָן, — „אַ חן, געגען וועלכען עס איז שווער געווען צו געבען אַ ווידערשטאַנד?"

דעם כאַראַקטער פון די געפיהלען וואָס האָבען זיי פּאַראיי־ניגט, איז פונ׳ם באַרג בריף, וואָס זיינען געשריבען געוואָרען מיט אַזוי פיל יאָהרען צוריק, ניט לייכט צו באַשטימען. וואָס מען ווייס זיכער איז, אַז מאַסיע (הערר) און מאַדאַם קרעמיע האָ־בען ראַשעל׳ען בעהאַנדעלט ווי אַן אייגען קינד און איהר אַרויס־געוויזען פּאַטערליכע און מוטערליכע געפיהלען, וועלכע זיינען איהר געווען טייער.

וואָס אַנבעטרעפט זייערע געפיהלען צו איהר איז זעלבסט־פאַרשטענדליך, אַז זיי איז געווען מעהר ווי אַנגענעם צו האָבען די אינטימע פריינדשאַפט פון דער יונגער קינסטלערין מיט וועלכער עס האָט געקלונגען די וועלט און וועמען די העכסטע און מעכ־טיגסטע פאַמיליעס פון פראַנקרייך האָבען זיך געשעצט גליקליך צו האָבען אַלס גאַסט ביי זיך. און דער פאַקט, אַז דאָס איז אַ אידיש מיידעל, האָט צו דעם שטאָלץ וואָס זיי האָבען געצויגען פון איהר פריינדשאַפט צוגעגעבען אַ ספּעציעל אידישען נחת־געפיהל.

אַ צויבערליכע צערטליכקייט דרינגט דורך ראַשעל׳ס בריף צו זיי. נאָר דאָס אויסלייגען איז אין זיי ניט קיין פּויגעלדיגע; און מיט דער גראַמאַטיק איז צרות. ווייטער איז אַלץ שעהן און סימ־פּאַטיש, און אָפט אינטערעסאַנט.

איהר איינגעבאָרענער הומאָר, וועלכען מיר האָבען דערמאָנט אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל, פינקעלט אין פילע פון די דאָזיגע בריף איהרע. זי רעדט אין זיי אַ סך וועגען איהרע ראָלען, און זי בעט, אַז קרעמיע און מאַדאַם קרעמיע זאָלען איהר זאָגען זייער מיינונג וועגען איהר שפּילען, אָנווייזען אויף פעהלערען.

אַדאָלף (יצחק) קרעמיע

מען מערקט אין די בריף אויך ווי עס וואקסט איהר זעלבסט־באוואוסטזיין, איהר ענטוויקלונג און איהר געפיהל פון אויטאָרי־טעט, מאכט.

*   *   *

„ס'איז צו בעדויערען" — שרייבט מאדאם טהאמסאָן — „וואָס עס איז ניט געבליבען קיין איינציגער פון די בריף, וואָס אַדאָלף קרעמיע האָט געשריבען צו איהר. פאַר איהר טויט האָט זי צו אַלע מענער, מיט וועמען זי האָט קאָרעספּאָנדירט, אומ־געקערט די בריף, וואָס זיי האָבען צו איהר געהאַט געשריבען. עס שטעלט זיך די פראַגע: האָט זי אַזוי אויך געטאָן מיט די בריף, וואָס זי האָט פון איהם ערהאַלטען? דאָס ווייס מען ניט. וואָס מען ווייס יאָ, איז, אַז יעדען בריף וואָס זי האָט צו איהם געשריבען, האָט ער געהיט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, און אַז פון זיין שרייבען צו איהר איז ניטאָ קיין סליאַד.

„דאַרף מען אין דעם זעהן אַ געהיימניס, עפּעס אַ סוד, וואָס ער האָט שטרענג באַהאַלטען? וואָס מען ווייס מיט זיכערהייט איז, אַז ראַשעל האָט זיך אַמאָל גענומען דעם פאַרגעניגען צו זאָגען מאַדאַם קרעמיע, אַז איהר מאַן איז געווען דער איינציגער מאַנסביל, וואָס האָט צו איהר קיינמאָל ניט גערעדט וועגען ליבע.

„ראַשעל איז צום ערשטען מאָל אַריינגעקומען צו די קרעמיעס ווען זי איז נאָך געווען זעהר יונג, זעהר אונערפאַהרען און זעהר אומוויסענד — שרייבט קרעמיע'ס איינינקעל אין איהר בוך וועגען דער שוישפּילערין — זי האָט געהאַט אַ שטאַרקע אַמביציע זיך צו בילדען, צו לערנען. אַז די פריינדשאַפט און עצות פון אַזאַ מאַן ווי קרעמיע קענען זיין העכסט וויכטיג פאַר דער ענטוויקלונג פון איהר פערזענליכקייט — דאָס האָט זי גלייך דערפיהלט.

מאַדאַם טהאָמסאָן ברענגט אַ רייהע בריף, וואָס ראַשעל האָט געשריבען צו קרעמיע'ן. אין עטליכע פון זיי רעדט זי וועגען די בריף, וואָס זי וויל, אַז ער זאָל שרייבען פאַר איהר. זי דאַרף, צום ביישפּיל, זיך ווענדען צו איהרער אַ גוטער באַקאַנטער פון דער הויכער געזעלשאַפט. ערקלערט זי קרעמיע'ן אין איהר ברי־וועלע צו איהם, וואָס זי וויל צו איהר שרייבען; און זי בעט קרעמיע'ן איהר צוצושיקען אַ „נוסח" מיט די פּאַסענדע אויס־

דרוקען, און זי וועט שוין דאָס איבערשרייבען מיט איהר אייגענער האַנדשריפט און אָוועקשיקען. אַליין שרייבען וויל זי ניט ריזיקירען, וואָרים זי שרייבט מיט גרייזען. אַ חוץ דעם קען זי ניט געברויכען דעם פיינעם סטיל, וואָס זי וויל האָבען אין דעם בריף.

איך וועל דאָ ברענגען אַ פּאָר פון איהרע בריף — זיי זיינען אינטערעסאַנטעביישפּילען. אגב קען מען אין זיי זעהן די באַציהונגען, וועלכע האָבען עקזיסטירט צווישען איהר און קרעמיע'ן. אָט איז איין בריוועלע אַזעלכער:

„מיין גוטער, ליבער מאָנסיע קרעמיע!

„איך האָב אייך פאַרגעסען צו זאָגען, אַז איך האָב ערהאַלטען פון מיניסטער דעשאַטעל אַ באַלוינונג פון טויזענד פראַנק, און איך וויל איהם באַדאַנקען. אויך וויל איך שרייבען צו דער פירסטין בערוויק, וועמען איך האָב שוין עטליכע מאָנאַט ניט געזעהן. זי איז נאָך אַלץ ניט געקומען אונז באַזוכען אין אונזער זומער־פּלאַץ, ווי זי האָט פאַרשפּראָכען. איך גלויב דעריבער, אַז זי איז אויף מיר עפּעס ברוגז; און אַזוי ווי איך האָב פון איהר ניט ערהאַלטען קיין איינציגען וואָרט, גלויב איך, אַז מיינע וויזיטען ביי איהר זיינען אפשר ניט אָם פּלאַץ.

„זאָגט דאָס איהר אַלץ אין אַ קורצען בריוועלע. אויב מעגליך, שיקט מיר די צוויי בריוועלעך אויפ'ן שטעל. וואָרים ביינאַכט פאָהר איך אָפּ, און איך וויל זיי אַרויסשיקען פון פּאַריז.

„אין גאַנצען אייערע מיט'ן גוף און מיט דער נשמה,
אייער דריטע טאָכטער
ראַשעל".

און אָט איז אַ בריף, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען איהר שוועסטער־ סאַראַ:

„מיין בריף צו אייך איז אַוועק צוויי אַזייגער און האַלב דריי האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב עפּעס פאַרגעסען. אין אַ בריף, וואָס איך האָב ערהאַלטען פון מיין שוועסטער, זאָגט זי מיר, אַז זי איז געוועזען איינגעלאַדען צו דעם מאַרקיז פּאַסטור, וואו זי האָט געפונען מאָסיע הלוי (דעם קאָמפּאָזיטאָר פון דער אָפּערא „די יודין") און איז מיט איהם באַקאַנט געוואָרען.

„הלוי האָט איהר געהייסען עפּעס זינגען פאַר איהם און ער האָט צוגעזאָגט צו געבען איהר אַ דעביו אין אַן אָפּערא. זי

האָט מיך אַלזאָ געבעטען איהם שרייבען און באַדאַנקען פאַר דעם אינטערעס וואָס ער נעהמט אין איהר. זי האָט מיר פאַרזאָגט, אַז דער בריף מוז געשריבען ווערען אויף אַ זעהר פריינדליכען שטיי־גער. מאַכט דאָס אַזוי גוט ווי מעגליך. איהר ווילט זיך גלויבען, אַז דאָס וועט ברענגען גוטס פאַר איהר צוקונפט. איך וויל דאָס זעהר".

אין דעם פאָלגענדען בריף האַנדעלט זיך וועגען דער שוי־שפּילערין דעזשאַזע, וועלכע האָט פריהער געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין דער טעאַטער־וועלט. איצט איז זי שוין ניט געווען יונג און אַ היבש ביסעל אויסגעוועפּט:

„מיין טייערער פּאַפּאַ קרעמיע!

„מען באַלאַגערט מיך מיט אַלערליי ביטעס, און דעריבער איז מיר אונמעגליך אייך היינט צו זעהן און אייך געבען נאָך אַ קוש. עס איז נעבעך אַ רחמנות אויף מיר, ניט אמת? פון דעסטוועגען וויל איך ביי אייך בעטען נאָך אַ טובה. מאַדמואַזעל דעזשאַזעט שרייבט מיר אַ צויבערליכען בריף, וועלכען איך שיק אייך דאָ. שיקט מיר צו אַ זעהר ליבליכען ענטפער צו איהר. עס איז מיר אונמעגליך אָנצונעהמען איהר איינלאַדונג. זאָגט איהר, אַז דאָס פאַרשאַפט מיר שמערצען, אָבער אַז איך וועל האָבען דעם פאַר־גענינגען איהר צו באַזוכען אַן אנדערם מאָל. עס מוז אָבער זיין אַזאַ בריף, וואָס זי באַקומט זעהר זעלטען. זאָל זי האָבען וואָס צו ווייזען אַלע אַקטריסעס, מיט וועלכע זי איז באַפריינדעט.

„מיט טויזענד קושען, אייער

ראַשעל".

* * *

קרעמיע'ס שילערין האָט געמאַכט שנעלען פאָרטשריט. איהרע ווייטערע בריף צו קרעמיע'ן און צו אַנדערע פריינד ווייזען, אַז די לעסאָנס, וואָס ער האָט איהר געגעבען, האָבען איהר געבראַכט נוצען. אויב פון אָנהויב האָט ער פּשוט געדינט אַלס אַ סעקרעטער ביי איהר און געשריבען פאַר איהר יעדען וויכטיגען בריף, האָט זי ביסלאַכוויז גענומען אַרויסווייזען אַ טאַלאַנט אַלס בריף־שרייבערין. אייניגע פון איהרע בריף זיינען גלענצענד, און די גרויסע מאַסע בריף וואָס זיינען פון איהר איבערגעבליבען

ווייזען, אז צו קאָרעספּאָנדירען זיך מיט פריינד איז ביי איהר געווען אַ גרויסער פאַרגעניגען.

„איך פאַרמאַטער איך, ניט אמת?" — שרייבט זי אין איי־נעם פון איהרע צעטעלעך צו קרעמיע'ן, — „אָבער נאָך עטליכע מאָנאַטען און איך וועל שוין אַלץ שרייבען אַליין. מיין לערנען איז נאָך אָבער ניט פאַרענדיגט. איך האָף, אַז איהר וועט מיך ניט איבערלאָזען אין מיטען וועג".

פיר־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל שפּילט אין לאָנדאָן. — איהר ערפאָלג איז אַזוי גרויס ווי אין פּאַריז. — קעניגין וויקטאָריאַ

אין 1841 האָט ראַשעל געגעבען אַ רייהע פאָרשטעלונגען אין לאָנדאָן און אין אַנדערע ענגלישע שטעדט, און דאָרטען האָט זי אויך געהאַט אַ שטורמישען ערפאָלג.

ענגלאַנד האָט דאַן געהאַט אַ צאָלרייכען אַריסטאָקראַטישען קלאַס. זיינע מיטגלידער האָבען געקענט פראַנצויזיש. און ראַשעל האָט זיי אינטערעסירט. זיי האָבען פון איהר אַ סך געהערט, און פילע פון זיי האָבען איהר געזעהן שפּילען אין פּאַריז.

אויך האָט זיך מיט איהר אינטערעסירט דער גרויסער מיטעל־קלאַס און די אינטעליגענץ, וועלכע איז אין לאָנדאָן דאַן שוין אויך געווען גרויס אין צאָל.

ענגלענדער פון דיזע קלאַסען, אפילו אַזעלכע, ווי בעאַמטע, אַגענטען, צייטונגס־לייט, לעהרער האָבען אימער ליב געהאַט זייער וואַקאַציע צו פאַרברויכען אויף רייזעס איבער אַנדערע לענדער, און דאָס וואָס עס קומט פאָר אין פּאַריז האָט שטאַרק געהייצט זייער נייגעריגקייט. לאָנדאָן איז געווען אַ שטרענג פרומע שטאָט, אַ שטאָט וואו אַלץ איז געווען פאַרבאָטען, וואו דאָס לעבען איז געווען ענג און טרוקען, ווערענד פּאַריז איז געווען די שטאָט פון פרייע פאַרגעניגענס, פון לוסטיגע אָווענטען, פון געוואַגטע מאָדעס. זיי האָבען געוואוסט, וואָס פאַר אַ פוראָר ראַשעל מאַכט אין פּאַריז. אַלזאָ האָבען זיי געגאַרט איהר צו זעהן אויף אַ לאָנדאָנער ביהנע;

און אַ היבשער טייל פון דעם דאָזיגען עלעמענט האָט אויך פאַר־שטאַנען פראַנצויזיש.

זי האָט דאָרטען געשפּילט און פון די באַריכטען און קריטי־קען, וואָס זיינען דאַן ערשינען אין דער לאָנדאָנער פּרעסע, קען מען זעהן, אַז זי האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. טראָץ דער רוהיגקייט און געלאַסענקייט פון דעם דורכשניטליכען ענגלענדער האָט לאָנדאָן געשטורעמט מיט באַגייסטערונג פאַר איהר טאַלאַנט.

ראַשעל'ס ערשטער אַרויסטריט אין לאָנדאָן איז געווען אין דער פּיעסע „אַנדראָמאַך", אין דער ראָלע הערמאָין. ווי זי האָט אַליין דערנאָך איבערגעגעבען אין אַ בריף צו אַ פריינד אין פּאַריז, איז זי אין דעם מאָמענט, ווען זי איז אַרויסגעקומען אויף דער ביהנע, געווען אַזוי צושראָקען, אַז די קני האָבען ביי איהר גע־ציטערט. זי איז געווען זעהר נערוועז. איהר האָט זיך געדוכט, אַז זי וועט אַנידערפאַלען. אָבער דער שטורם פון אַפּלאָדיסמענטען, מיט וועלכען מען האָט איהר באַגעגענט, האָט אויף איהר גע־ווירקט אַזוי ווי אַפּמינטערונגס־טראָפּענס. זי האָט זיך גלייך גע־נומען פיהלען מונטער און האָט געשפּילט מיט איהר געוועהנליכער קראַפט.

יענעם אָווענט איז מיט די אַפּלאָדיסמענטען געווען פאַרבונ־דען אַ טשיקאַווער שפּאַס: אין איהר טרופּע האָט זיך געפונען אַן אַקטריסע מיט'ן נאָמען לאַרשע, וועלכע איז געווען זעהר שעהן, אָבער ניט וויכטיג אַלס שוישפּילערין. לויט איהר ראָלע אין דער פּיעסע האָט זי זיך באַוויזען פריהער פון ראַשעל'ען. דערזעהענדיג איהר שעהנע פיגור און פּנים, האָט דער עולם געמיינט, אַז דאָס איז די באַריהמטע טראַגיקערין. אַלזאָ האָט מען איהר באַגריסט מיט אַן אויסברוך פון פּאַטשעריי. מאַדמואַזעל לאַרשע איז צו אַזאַ אויפנאַהמע ניט געווען געוואוינט; האָט די אָוואַציע איהר צוטומעלט און דערשראָקען. דערנאָך, ווען די אמת'ע ראַשעל איז אַרויסגעקומען אויף דער ביהנע, האָבען די טעאַטער־באַזוכער גלייך דערפיהלט זייער טעות, און זייער אַפּלאָוז איז געווען נאָך אַ סך שטאַרקער און וואַרימער.

איהרע פאָרשטעלונגען אין לאָנדאָן זיינען געווען אַ פול־שטענדיגער טריאומף פאַר איהר.

וויקטאָריאַ איז שוין דאַן געווען קעניגין. זי איז נאָך אָבער

געוועזן זעהר יונג — ערשט 22 יאָהר אַלט; און פאַרהייראַט איז זי געוועזן נאָר איין יאָהר. אין פּרינץ אַלבערט, איהר מאַן, איז זי געוועזן שטאַרק פאַרליבט און זי האָט זיך געפונען אונטער זיין איינפלוס. ער האָט ליב געהאַט ליטעראַטור, קונסט, טעאַטער, און ער האָט זיך גענומען די מיה איהר אויך אריינצוציהען אין אַזעלכע אינטערעסען. קיין גרויסען ערפאָלג האָט ער דערביי ניט געהאַט, אָבער אין טעאַטער איז זי מיט איהם מיטגעגאַנגען. אַלזאָ האָבען זיי בייגעוואוינט ראַשעל׳ס אַ פאָרשטעלונג.

זיצענדיג אין איהר לאָזשע מיט איהר מאַן און מיט אַ טייל פון איהר סוויטע, בשעת ראַשעל האָט געשפּילט, האָט זי פון אַ בוקעט, וואָס זי האָט געהאַלטען אויפ׳ן שויס, ארויסגעצויגען עטליכע בלומען און זיי אַ וואָרף געטאָן אויף דער ביהנע. דאָס איז נאַטירליך באַריכטעט געוואָרען אין די צייטונגען, און דער אינטערעס אין ראַשעל׳ען איז דערפון פאַרגרעסערט געוואָרען.

דערנאָך האָט די יונגע קעניגין ראַשעל׳ען איינגעלאַדען אין איהר פּאַלאַץ און גאַרטען, אין דער אָנוועזענהייט פון איהרע נאָהענטסטע דיוקס, דאַטשעסעס, לאָרדען און לידיס, האָט זי איהר אָנגעטאָן אַ קאָסטבאַרען בראַסלעט, אויף וועלכען עס זיינען געווען אויסגעקריצט די ווערטער: „צו מאַדמואַזעל ראַשעל — וויקטאָריא רעגינאַ (קעניגין)”.

די פראַנצויזישע שוישפּילערין האָט דערנאָך געגעבען אַ פאָרשטעלונג אין דעם ווינדזאָר קעסל (פּאַלאַץ), וואו עס האָט געוואוינט די אלמנה פון דעם פאַרשטאָרבענעם קעניג (וויקטאָריא׳ס אָנקעל).

דאָס איז געווען אַ רייהע אָוועגטען פון וואַרעמער גאַסט־פריינדליכקייט, אין וועלכע עס האָבען אָנטייל גענומען כמעט אַלע דיוקס און לאָרדען. מען האָט איהר פאַרוואָרפען מיט בלומען און קאָמפּלימענטען און אַרום דרייסיג־פערציג טויזענט פראַנק האָט זי אויך באַקומען.

אין דעם אָוונט וואָס זי האָט פאַרבראַכט ביי דער קעניגליכער אלמנה, אין ווינדזאָר קעסל, איז זי געווען אַ ביסעל פאַרקילט, האָט די דאַטשעס אָוו קענט (קעניגין וויקטאָריא׳ס אַ שוועגערין, אַ יונגע אלמנה) אַראָפּגענומען פון זיך אַ קאָסטבאַרען שאַל, וואָס זי האָט געטראָגען, און אָנגעטאָן איהם אויף דער פראַנצויזישער

אקטריסע, אלס פּרעזענט. א פּאָר טעג שפּעטער האָט ראַשעל דאָס אוועקגעשיקט אלס א מתנה צו איהר מוטער.

אין די אריסטאָקראַטישע קרייזען האָט די באַגייסטערונג פאַר ראַשעל׳ען דערגרייכט די העכסטע שטופע, וואָס די ענגלישע טע־אַטער־וועלט האָט ווען עס איז בייגעוואוינט, און טיילווייז דורך דעם איז דער ענטהוזיאַזם געווען אומגעהייער גרויס ביי דעם מיטעל־קלאַס אויך.

די טעאַטער־קריטיק אין דער פּרעסע איז געווען פול מיט לויב־געזאַנגען פאַר ראַשעל׳ס שפּילען. אייניגע ענגלישע שרייבער האָבען זיך זאָגאַר אויסגעדריקט, אז דער קאָך מיט ראַשעל׳ען איז אין לאָנדאָן נאָך גרעסער ווי ער איז געווען אין פּאַריז אפילו אין 1838, ווען די ראַשעל־סענסאַציע איז נאָך געווען א נייעס.

זייענדיג אין לאָנדאָן, איז ראַשעל געוואָרען ניט געזונט אויף א פּאָר טעג, זיינען א פּאָר מאָל אין טאָג ערשינען באַריכטען וועגען איהר צושטאַנד, אזוי ווי זי וואָלט געווען פון דער קעניג־ליכער פאַמיליע, אָדער עפּעס א וויכטיגער מיניסטער; און ווען זי איז ווידער ארויסגעקומען אויף דער ביהנע, האָט מען איהר באַגריסט מיט אזא פרייד, מיט אזא אָוואַציע, אזוי ווי זי וואָלט זיך געראַטעוועט פון טויט.

* * *

מיט א יאָהר שפּעטער האָט זי ווידער געגעבען פאָרשטעלונגען אין ענגלאַנד, ווידער מיט א ריזיגען ערפאָלג. דיזען מאָל איז צווי־שען איהרע „געזעלשאַפטליכע זיגען" ספּעציעל פאַרצייכענט געוואָ־רען די אויפמערקזאַמקייט, וואָס זי האָט באַקומען פון דעם דיוק אָוו וועלינגטאָן — דער מיליטערישער קאָמאַנדיר, וואָס האָט אין 1815 באַזיגט נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען אין וואַטערלאָ, בעלגיע, און האָט מיט דעם געמאַכט א סוף ניט בלויז צו זיין טראָן און מאַכט, נאָר אויך צו זיין פרייהייט; ווארים מען האָט נאַפּאָלעאָן׳ען דאַן פאַר־שיקט אויף דעם וויטען און אָפּגעזונדערטען אינזעל סענט העלענא, וואו מען האָט איהם געהאַלטען אין געפאַנגענשאַפט ביז ער איז געשטאָרבען. ביי די מאַכט־האָבענדע פון גאַנץ אייראָפּא איז מיט נאַפּאָלעאָן׳ס פאַל געווען אזא יום־טוב, אז דעם דיוק אָוו וועלינגטאָן האָט מען באַטראַכט פאַר דעם גרעסטען און באַליבט־סטען העלד — הויפּטזעכליך, נאַטירליך, אין זיין לאַנד, ענגלאַנד.

אלזאָ ווען ער האָט ראַשעל'ען אָפּט באַזוכט און געשריבען בריוועלעך צו איהר, איז דאָס געווען סענסאַציאָנעלע נייעס. ער איז דאַן שוין געווען גאַנץ אַלט, זיינען אַרומגעגאַנגען מעשיות, אַז דער זקן איז צו דער איין-און-צוואַנציג יאָהריקער אַקטריסע ניט גלייכגילטיג. וואָס פאַר אַ באַדייטונג אַזעלכע מעשיות האָבען אַלס פּובליסיטי אָדער רעקלאַמע פאַר אַ שוישפּילערין, איז איבעריג צו ערקלערען.

אין פראַנקרייך איז דער דיוק אָוו וועלינגטאָן פּאָפּולער, נאַטירליך, קיינמאָל ניט געווען. אמת, אויפ'ן פראַנצויזישען טראָן איז איצט געזעסען לואי פיליפּ, אַ קרוב פון לודוויג דעם זעכצעהנטען, וועמען די רעוואָלוציאָנערען האָבען אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און וועמעס טראָן עס האָט דערנאָך פאַרנומען נאַפּאָלעאָן. אַלזאָ האָט לואי פיליפּ אויף דעם דיוק פאַר די קלעפּ וואָס ער האָט נאַפּאָלעאָנ'ען געגעבען קיין פאַראיבעל ניט געהאַט. אָבער די שרעקליכע נידערלאַגע, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט אין וואַטערלאָ געכאַפּט פון דעם דיוק, איז נאָך אַלעמען געווען אַ פראַנצויזישע נידערלאַגע; און דער פראַנצויזישער פּאַטריאָטיזם האָט דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

דאָך האָט די אויפמערקזאַמקייט, וואָס ראַשעל האָט באַקומען פון דעם גרייז-גרויען דיוק, איהר אין פראַנקרייך קיין שאָדען ניט געטאָן. אמת, פון זיינע בריוועלעך צו איהר האָט מען דאָרטען געמאַכט שפּאַס. מען האָט איהם גערופען „עובר-בטל". אָבער זאָל זיין עובר בטל, אַבי דער דיוק אָוו וועלינגטאָן! קען מען דען האָבען אַ בעסערע רעקלאַמע?

פינף-און-צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

אין פּאַריז שושקעט מען זיך וועגען ראַשעל'ען און דר. וועראָן'ען. — זי ערהאַלט אַן אונאָנגענעמענעם בריף פון מאַדאַם קרעמיע

דיזען קאַפּיטעל וועלען מיר אָנהויבען פון דעם טאָג, ווען ראַשעל האָט זיך אומגעקערט אַהיים פון איהר ערשטען באַזוך אין לאָנדאָן (אין 1841).

די באַריכטען וועגען איהרע באַציהונגען מיט דר. וועראָן האָבען זיך פאַרשפּרייט אין דער צייט, ווען זי האָט זיך געפונען אין לאָנדאָן. גראָד דאַן, ווען זי האָט דאָרטען געהאַט איהרע סענסאַציאָנעלע ערפאָלגען און די צייטונגען האָבען באַשריבען די אויפמערקזאַמקייט און די מתנות וואָס זי האָט באַקומען פון קעניגין וויקטאָריאַ און דער קעניגליכער אלמנה, גראָד דאַן האָבען זיך צווישען די „גראַנד דאַמען" אין פּאַריז צופלאַקערט די זעהר אונאַנגענעהמע מעשיות וועגען איהר פּריוואַט לעבען.

קרעמיע'ס איניקעל, וואַלענטין טהאַמסאָן, דערצעהלט, אַז צוערשט האָט די דאַמען פון דער „הויכער" געזעלשאַפט די קלאַנגען צוריקגעשטויסען. זיי האָבען עס באַטראַכט אַלס אַ סקאַנדאַליעזען בלבול אויף זייער ליבלינג, די אַרבייט פון פּוסטע העצמאַכערס און פון אַקטריסעס, וואָס פאַרגינען ראַשעל'ען ניט איהר גרויסען ערפאָלג.

די קלאַנגען האָבען זיך אָבער ניט איינגעשטילט. פאַרקעהרט, זיי האָבען זיך געהערט שטאַרקער, און מען האָט געגעבען באַווייזע, קלאָרע פאַקטען מיט באַשטימטע איינצעלהייטען. ווייטער צווייפלען האָט מען שוין ניט געקענט.

דאַן האָבען די „גראַנד דאַמען", ראַשעל'ס פאַרעהרערינס, זיך געפיהלט באַליידיגט פון דעם געדאַנק, אַז פאַר אַ געליבטען האָט זייער פריינדין, זייער הויך־באַגאַבטע ראַשעל, זיך אויסגעקליבען אַזאַ פּערזאָן ווי דר. וועראָן; און ווען ראַשעל האָט זיך אומגעקערט קיין פּאַריז, האָבען זיי דיזע געפיהלען זייערע אַרויסגעוויזען אין טעאַטער, ווען זי האָט געשפּילט.

זיי האָבען איהרע פאָרשטעלונגען ניט באָיקאָטירט; זיי זיינען געגאַנגען איהר זעהן, ווי אימער. זיי האָבען איהר אָבער ניט געגעבען די וואַרימע אַפּלאָדיסמענטען, מיט וועלכע זיי פלעגען שטענדיג אויסדריקען זייער באַגייסטערונג.

פון לאָנדאָן האָט ראַשעל עטליכע מאָל געשריבען צו די קרעמיעס. איצט, ווען זי האָט זיי באַזוכט, האָט מאַדאַם קרעמיע מיט איהר גערעדט וועגען דער אונאַנגענעהמער סענסאַציע, וואָס פאַרבינדט איהר נאָמען מיט וועראָן'ס נאָמען. ראַשעל האָט אַלץ געלייקענט, און זי האָט די באַריכטען ערקלערט פאַר אַן עקעלהאַפטען ליגען, אַ נישט־געשטויגענע, ניט־געפלויגענע פּליאַטקע פון איהרע שונאים און ניט־פאַרגינער.

מאדאם קרעמיע איז צוערשט געווען געניינגט איהר באהויפּ־טונג אָנצונעהמען. זי וואָלט זיך געשעצט גליקליך ווען עס וואָלט געווען אַזוי ווי ראשעל האָט איהר פּאַרזיכערט. עס זיינען אָבער געקומען נייע און ווידער נייע באַוויזע, אַז די מעשה וועגען ווע־ראָן׳ען איז אַן אמת׳ע.

דאַן האָט זי אָנגעשריבען אַ בריף צו ראשעל׳ען. זי האָט דעם בריף געשריבען פון אנגין, וואו די קרעמיעס האָבען געהאַט זייער זומער־וואוינונג. מאַדאַם קרעמיע׳ס אייניקעל, וואַלענטין טהאָמ־סאָן, איז געווען די ערשטע דעם בריף אָפּצודרוקען און דאָס איז געשעהן ניט פריהער ווי אין 1910, דאָס הייסט, 69 יאָהר נאָך דעם ווי ער איז געשריבען געוואָרען, און 52 יאָהר נאָך ראַ־שעל׳ס טויט.

דער בריף האָט אויף זיך סימנים פון ענדערונגען, וואָס זיינען אין איהם געמאַכט געוואָרען מיט אַדאָלף קרעמיע׳ס האַנט. ראשעל האָט געקענט זעהן, אַז איידער מאַדאַם קרעמיע האָט דעם בריף אָוועקגעשיקט, האָט זי איהם געוויזען איהר מאַן און אַז זיי האָבען איהם דיסקוטירט צווישען זיך און זיך געגוי באַראַטען וועגען יע־דער פראַזע.

דאָס איז אַ דאָקומענט פון ראשעל׳ס לעבען, וועלכער ציהט אויפמערקזאַמקייט. ער אַנטהאַלט איינצעלהייטען, וואָס באַלייכטען פאַר אונז דעם גייסט פון דער צייט, ווען ער איז געשריבען גע־וואָרען, און גיט אונז געוויסע אינפאָרמאַציע, וואָס איז אינטערע־סאַנט. איך גיב איהם אין די פאָלגענדע שורות אָהן פאַרקיר־צונגען, אין אַן איבערזעצונג, וואָס איך מאַך פון דעם אָריגינאַל, ווי ער איז געדרוקט אין מאַדאַם טאַהמסאָנ׳ס ווערק:

„אנגין, דעם 5טען אָקטאָבער, 1841.

„מיין טייער קינד! איך געה אום ווי אַ צומישטע. מיין מאַן איז היינט געקומען פון פּאַריז, וואו ער האָט נאָכמיטאָג גע־מאַכט וויזיטען. פון אַלע זייטען דערצעהלט מען די טרויעריגע נייעס, און ער האָט זיך איבערצייגט, אַז עס איז לײדער אמת. די קלאַנגען, וועגען וועלכע איך האָב מיט אייך גערעדט, צייגען זיך אַרויס צו זיין אַ שרעקליכע ווירקליכקייט. ראשעל, מיין קינד! איצט קען שוין מעהר קיין פראַגע ניט זיין. איהר מוזט זיך אויס־

קלייבען איינס פון די ביידע: ענטוועדער מאַכען אַ פעסטען און שאַרפען סוף צו אייער פאַרבינדונג — אָדער אַראָפּפאַלען פון דעם הויכען שטאַפעל, צו וועלכען איהר האָט זיך דערהויבען.

„קענט איהר דען וועלען אַזוי זינקען? ס'איז נאָך ניט צו שפּעט. קענט איהר דען וועלען אין איין טאָג פאַרלירען אַזאַ שעהנעם נאָמען? פון איינס ביז פיער אַזייגער האָט מיין מאַן זיך היינט געזעהן מיט זעהר וויכטיגע מענשען, מיט די שעהנסטע זשורנאַליסטען. עס קאַכט זיך איבעראַל. אייער דאָנערשטאָג'דיגע פאָרשטעלונג ווערט באַוואונדערט, ווי זי פאַרדינט. די קאַלטקייט אָבער פון דעם עולם צו אייך ערקלערט זיך ניט מיט קיין אַנדער אורזאַך, ווי מיט דער נייעס, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט מיט אַזאַ קראַך, די נייעס וועגען הערר וועראָן'ס זיג. זוכט ניט קיין אַנדער אורזאַך, וואָרים קיין אַנדערע איז ניטאָ.

„פילע פון די פיינסטע דאַמען זיינען פון זייערע גלענצענדע וואוינונגען געקומען אייך זעהן נאָך אייער צוריקקעהרען זיך פון אייער רייזע. זיי זיינען געקומען מיט אַ סך בלומען אין די הענט. אָבער אין טעאַטער האָט מען פון קיין אַנדער זיך ניט גערעדט ווי נאָר וועגען אייער אַראָפּפאַלען. מען האָט דערצעהלט מיט די קלענ־סטע איינצעלהייטען . . . און די בוקעטען זיינען געבליבען אין די הענט. מען האָט אייך קיין בלומען ניט געוואָרפען. מען האָט אייך ניט געוואָלט געבען קיין צייכען שום פון אַכטונג און אינטע־רעס אין אייך.

„מען מוז צו דער געשיכטע מאַכען אַ סוף, מיין קינד. מען מוז דאָס טאָן אַזוי, אַז די וועלט זאָל וויסען דערפון. אויב איהר וועט דאָס ניט טאָן, וועט איהר באַקומען נאָך דייטליכערע סימנים ווי שטאַרק די עפענטליכע מיינונג איז געגען אייך. ווי גרויס אַ מענש זאָל ניט זיין — פאַר דער עפענטליכער מיינונג מוז ער בויגען דעם קאָפּ.

„ראַשעל, איך בעט אייך ערנסט און געלאַסען, רואינירט ניט אייער פּרעכטיגען לעבען פאַר אַ ליאַדע קליפּה אָדער פאַר'שכור'ט־קייט. אויב איהר זייט פאַרליבט, הייראַט. אויב ס'איז שוין באַ־שערט, אַז דער פּאָעטישער נאָמען ראַשעל זאָל אויסגעביטען ווערען אויף אַן אַנדער נאָמען, וואָלט עס מיר אַלץ ליבער געווען ווי צו הערען, אַז דיזער שעהנער נאָמען ווערט באַשמוצט מיט ווערטער,

וועלכע ס'איז אונז א וועהטאָג צו הערען. וואָס קענען די שטימען פון עטליכע פריינד אייערע טאָן איינצושטילען דעם ליאַרם? זיי ווערען ליידער דערטרונקען אין א ים פון באַשטימטע איינצעלהייר־טען, באַשולדיגונגען.

„יעדער זאָגט: „זי איז געווען ביי וועראָן'ען." „זי האָט ביי איהם פאַרבראַכט גאַנצע שטונדען." „זי האָט אָפּגעקויפט פּאָר אַן אומגעהייערער סומע די בריף, וועלכע זי האָט צו איהם גע־שריבען און וועלכע ער סטראַשעט צו פאַרעפענטליכען." „נאָך פאַריגען זונטאג האָט ער איהר אָפּגעפיהרט אין מאָנטמאָרענסי (ראַשעל'ס זומער־וואוינונג — א. ק.), און זי האָט זיך מיט איהם אומגעקערט פון דאָרטען שפּעט ביינאַכט אין זיין קאַרעטע".

„וואָס נאָך קען איך זאָגען? מען דאַרף די זאַך אויסרייסען מיט'ן וואָרצעל. בלויז שטאַרקע מיטלען, ראַדיקאַלע מיטלען, קע־נען דאָ העלפען. ענטוועדער אבסאָלוט אויפהערען זיך צו זעהן מיט דעם הערר ו. (וועראָן) אָדער זיך ענטזאָגען פון דער פריינד־שאַפט און אכטונג פון יעדען אָנשטענדיגען מענשען.

„אויב ער איז אַן עהרען־מאַן, אויב ער שפּילט דאָ ניט מיט אייך א ברוטאַלע שפּיל, מיט'ן צוועק אייך צו ערנידעריגען און באַשמוצען, כדי אייך לייכטער צו באַהערשען, וועט ער פאַרשטעהן זיין פליכט.

„גלויבט מיר, ראַשעל, אפשר זיינען מיר די איינציגע, וואָס זאָגען אייך דעם גאַנצען אמת. שטעלט זיך ניט געגען מיין ראָט, מיין געבעט. אויב איהר וועט אַזוי טאָן, וועט איהר זיך צור־גרייטען א שרעקליכע צוקונפט. איהר וועט שנעל אַראָפּזינקען צום גרונט. איהר וועט אויף דעם וויינען מיט ביטערע טרעהרען.

„איהר וועט אָהן צווייפעל געפינען אייניגע פריינד, ניט קיין סך, וועלכע וועלען פאַרשטעהן אייער לאַגע און מיט אייך צוזאַמען באַוויינען אייער אומגליק. אָבער גאָט אין הימעל! איהר, וועלכע שטעהט אַזוי הויך; וועמען אַלע האַלטען אַזוי טייער, אַכטען און באַוואונדערען אַזוי — איהר זאָלט זיין אַזוי געפאַלען, אַז מ'זאָל איבער אייך דאַרפען וויינען אָדער זיך באַציהען מיט פאַראַכטונג צו דער עפענטליכער פאַרדאַמונג. ניין! ניין! דאָס קען ניט זיין. איז דען מעגליך, אַז איהר האָט פאַר איהם מורא צוליב יענע בריף אייערע? אויב אָבער איהר האַלט איהם פאַר אַזא מענשען,

וואָס איז פעהיג די בריף צו געברויכען געגען אייך, טאָ ווי קענט איהר אויף אַ מינוט זיך קווינקלען צו פאַרשליסען אייער טיר פון איהם? אייערע בריף קען מען לייכט פאַרצייהען. וואָס מען וועט ניט קענען פאַרצייהען איז אַ ווייטערע פאָרטזעצונג פון אייערע באַציהונגען מיט איהם.

„ראַשעל, מיין טייער קינד! אויב מיין ביטע האָט עפּעס אַ ווערט ביי אייך, ענטפערט מיר און זאָגט מיר, אַז איהר וועט טאָן ווי מיר פאָדערען פון אייך. אויב אָבער איהר וועט מיר ניט ענטפערען, וועל איך פאַרשטעהן אייער שווייגען, און מיט אַ צוריסענער הארץ וועל איך אויך אויף אימער שווייגען.

„אָבער ניין! איהר וועט דאָך ניט וועלען זיין אַ פאַרשטויסענע פרוי אין פּאַריז און אין לאָנדאָן, וועמען מ'וועט געהן זעהן נאָר אַלס אַן אַקטריסע, אין טעאַטער, צוליב אייער הויכען טאַלאַנט; איהר, וועלכע איז ביז איצט געוועזן אַזאַ ריין, אַזאַ צויבערליך קינד, אַז קעניגינס און די העכסטע פּערזענליכקייטען האָבען מיט פאַרגעניגען אייך איינגעלאַדען אין זייערע פּאַלאַצען און זאַלען; איהר וועט דאָך ניט וועלען, אַז די יונגע מיידלאַך פון דער העכסטער געזעלשאַפט, וועלכע האָבען אייך גערופען שוועסטער און האָבען געבעטען, אַז אַזוי זאָלט איהר זיי אויך רופען — איהר וועט דאָך ניט וועלען, אַז די זעלבע יונגע פריילינס זאָלען אייך פון היינט אָן אויסמיידען!

„ראַשעל, מיין קינד! איהר געפינט זיך ביים ברעג פון אַן אָפּגרונד!

„איך האָב באַשלאָסען בעסער אַליין אייך צו שרייבען איידער איבערלאָזען די פעדער צו מיין מאַן. ער איז אַזוי ערשטוינט! דער אַלגעמיינער גערודער איז אַזאַ ביטערע איבעראַשונג פאַר איהם! אויף אַזאַ זאַך האָט ער זיך ניט געריכט!

„מאָנטאַג, איינס אַזייגער, וועט ער צו אייך קומען נאָך אַן ענטפער אויף מיין בריף. וועט אייער ענטפער זיין אַזאַ, וואָס וועט אונז מעגליך מאַכען צו לאָזען וויסען פאַר דער וועלט, אַז איהר זייט אימער די זעלבע ווי מיר קענען אייך, די ראַשעל, וועלכע מיר ליבען מיט דער גאַנצער צערטליכקייט פון אונזערע הערצער?"

דעם בריף האָט מאַדאַם קרעמיע געשיקט צו ראַשעל'ען מיט

א דינער. ווען דער דינער האָט זיך אומגעקערט, האָט ער באַריכ־טעט, אַז ראַשעל האָט איהם געלאָזט וויסען, אַז „עס איז ניטאָ קיין ענטפער".

קרעמיע'ס איינ יקעל דערצעהלט אין איהר בוך:

„די קרעמיעס האָבען דאַן זיך אומגעקערט פון זייער זומער־פּלאַץ קיין פּאַריז. צו ראַשעל'ען איז קרעמיע יענעם מאָנטאָג ניט געגאַנגען. ער האָט געגלויבט, אַז עס איז נוצלאָז. ער האָט איהר אָבער געשיקט אַ צעטעלע מיט די ווערטער: „קען עס זיין, אַז איהר האָט גאָר ניט וואָס צו זאָגען? קיין איינציג וואָרט וועט איהר מיר ניט שרייבען?"

דער דינער וואָס האָט אָוועקגעטראָגען דעם צעטעלע איז צו־ריקגעקומען מיט דערזעלבער נאָכריכט: „מאַדמואַזעל ראַשעל האָט געזאָגט, אַז עס איז ניטאָ קיין ענטפער".

* * *

מיט דעם האָט זיך די פריינדשאַפט צווישען די קרעמיעס און ראַשעל'ען געענדיגט. עס זיינען אַוועק דרייצעהן יאָהר איידער מאַדאַם קרעמיע האָט זיך מיט איהר איבערגעבעטען און ראַשעל האָט ווידער באַזוכט זייער הויז. קרעמיע'ס פּלאַץ אַלס איהר לעהרער און ערויסהעלפער אין שרייבען בריף האָבען באַלד פאַר־נומען אַנדערע פריינד. צוערשט אַ פירסט און אַ מאַרקיז און דער־נאָך אַ זוהן פון דעם פראַנצויזישען קעניג.

רעדענדיג וועגען מאַדאַם קרעמיע'ס בריף באַמערקט וואַלענ־טין טהאָמסאָן אין איהר בוך, וואָס איז ערשינען אין 1910:

„די פּאַטערליכע און מוטערליכע ליבע, וועלכע איז געווען געבויט אויף אַ טעות, אויף אַ פאַרבלענדעניש, אויף אַ נאַאיוויטעט און אפשר אויף אַ צערטליכקייט, וואָס איז געווען אַ ביסעל גע־מישט מיט אייפערזוכט, איז אַלזאָ אָפּגעמעקט געוואָרען".

הייסט עס, אַז די שרייבערין פון דעם בוך האָט געהאַט אַ חשד, אַז איהר זיידע איז צו ראַשעל'ען טאַקע ניט געווען גלייכ־גילטיג? יצחק קרעמיע איז דאַן אַלט געווען 45 יאָהר.

גלייך נאָך דעם דרוקט מאַדאַם טהאָמסאָן איבער אַ בריף, וואָס וועראָן האָט געשריבען צו ראַשעל'ען זיבען מאָנאַטען נאָך דעם דאַטום פון מאַדאַם קרעמיע'ס בריף.

מיר האָבען שוין דערמאָנט, אַז אין דעם „טעאַטער פראַנסע" פלעגט מען ראַשעל'ען רופען „לאַ פּטיט" (די קליינע); אַדרע־סירט וועראָן איהר דאָ „מיין קליינע גרויסע" (אין איינינע פון זיינע אַנדערע בריף צו איהר איז די ערשטע שורה: „קייסערינע מיינע").

ער שרייבט איהר, אַז ער האָט געשריבען צו פאַרשידענע גע־שעפטען פון טייערע שטיינער וועגען דעם ספּעציעלען סאָרט רו־בינען, וועלכע זי וויל האָבען; אָבער זיי האָבען זיי ניט. אַלזאָ שיקט ער איהר אַנדערע שטיינער („טורקואַזען"), וועלכע ער האָט באַקומען פון רוסלאַנד. ער דריקט אויס באַדויערען פאַרוואָס ער האָט איהר נעכטען ניט געזעהן אין דער אָפּערע.

וואַלענטין טהאַמסאָן ברענגט דעם דאָזיגען בריף אַלס אַ באַווייז, אַז די באַריכטען וועגען ראַשעל'ען און דר. וועראָן'ען זיי־נען ניט געווען קיין פּוסטע קלאַנגען און אַז זי איז געווען זיין מעטרעסע.

* * *

צו האָבען אַ קלאָרען באַגריף וועגען דעם ראַשעל־וועראָן עפּיזאָד איז אונמעגליך. וועגען דער געשיכטע איז געשריבען גע־וואָרען אַ סך. דער שטאָף איז אָבער מייסטענס אַן אויבערפלעכ־ליכער. קיין פאַקטען אָדער אפילו אָנצוהערענישען אויף פאַקטען, וואָס זאָלען ווייזען ווי אַזוי ראַשעל האָט ווירקליך געפיהלט וועגען איהר „אָפּער" מיט דר. וועראָן'ען זיינע ניטאָ. עס זיינען פאַראַן באַהויפּטונגען, אַז ראַשעל אַליין האָט וועגען דעם ענין געזאָגט אַזוי און אַזוי. זיי מאַכען אָבער ניט קיין איינדרוק.

אַז וועראָן האָט זיך צו ראַשעל'ען שטאַרק צוגעבונדען, שיינט צו זיין אמת. וואָס אַנבעטרעפט איהר, האָט ער איהר ליב ניט געקענט זיין. איך גלויב אָבער אַז איהר האַס צו איהם איז ניט געווען אַזוי גרויס ווי מען מיינט. זי איז געווען אַ לייכטזיניגע מיידעל. די שטימונג האָט זיך ביי איהר אָפט געביטען. און לעבען מיט אַ מיאוס'ן מאַנסביל, וואָס איז זעהר פריינדליך צו איהר, איז פאַר איהר מסתמא ניט געווען שווער. ווען אַ גאַסען־פרוי טוט אַזעלכעס, זאָגט מען: „נו, דערפאַר איז זי דאָך אַ גאַסען־פרוי!" וואָס איז אָבער מיט די צעהנדליגע טויזענדע אַבסאָלוט

אַנשטענדיגע פרויען, וואָס הייראַטען מיט פּאַרזעהענישען, וועלכע זיינען דערצו נאָך דריי מאָל עלטער פון זיי? וויבאַלד אַז עס איז געווען אַ חופּה און די צערעמאָניע האָט געפּראַוועט אַ „שטריימעל" (ווי י. ל. פּרץ שטעלט דאָס פּאַר), איז אַלץ כשר.

באַמערקט: מאַדאַם קרעמיע וויל, אַז ווערדאָן זאָל ראַשעל'ען הייראַטען געזעצליך. דאַן, הייסט עס, וואָלטען זיינע גרענעצלאָזע הולטאַיסטוועס און זיין עקעלהאַפטער פּנים און פיגור און זיין סקראָפולנע האַלז געווען כשר. אַזוי האָט זיך געפיהרט די וועלט אין יענער צייט, און אַזוי פיהרט זי זיך, לײדער, נאָך היינט אויך.

דער עולם וואָס איז געווען קאַלט צו ראַשעל'ען (ווי מאַדאַם קרעמיע שרייבט אין איהר בריף צו איהר) און די דאַמען, וואָס זיינען געבליבען זיצען מיט זייערע בוקעטען, איז יעדענפאַלס ניט געווען דער גרויסער ברייטער עולם פון פּאַריז. עס איז קלאָר, אַז מאַדאַם קרעמיע רעדט דאָרטען בלויז וועגען דער געזעלשאַפט פון „גראַנד דאַמען", רייכע אַריסטאָקראַטקעס און זייערע קאַוואַליע־רען. אַ חוץ דעם: מען וואָלט געקענט מיינען, אַז אין דער דאָזי־גער וועלט איז יעדע „גראַנד דאַם" אין פּאַריז געווען אַ צנועה און יעדער קאַוואַליער אַ צדיק . . . אָבער אַזאַ מיינונג האָט גאָר קיינער ניט געהאַט.

עס ווילט זיך פרעגען: און ווי וואָלט געווען ווען אַנשטאָט דעם מיאוס'ען ווערדאָן וואָלט ראַשעל געלעבט מיט אַ שעהנעם יונגען גראַף? וואָלטען די בוקעטען ביי די „גראַנד דאַמען" שוין ניט געבליבען? אַ באַוויז, אַז אַזוי וואָלט דאָס דאַן טאַקע פּאַסירט האָבען מיר אין די ליבעס וואָס ראַשעל האָט געפיהרט מיט שעהנע מענער פון די גאָר הויכע פענסטער. אַז זי איז געווען זייער „אונ־געזעצליכע פרוי" איז געווען אַן אָפענער סעקרעט און דאָך האָבען די „גראַנד דאַמען" ניט געסטרייקט.

און ווען זי האָט אָפען געלעבט מיט דעם קעניג'ס זוהן און דערנאָך מיט אַן אונגעזעצליכען זוהן פון אַ פריהערדיגען קייזער, האָבען די „גרויסאַרטיגע" דאַמען איהר געוואָרפען נאָך מעהר בלומען, — אָט טאַקע דערפאַר וואָס זי האָט געפיהרט „לינקע" ראָמאַנען מיט אַזעלכע יחסנים.

דער אמת איז, אַז אַפילו דער בלומען־סטרייק נעגען איהר „אַפּער" מיט דר. ווערדאָן'ען האָט אויך קיין ממשות ניט געהאַט.

אַ קאַריקאַטור אין דעם פּאַריזער וויץ-בלאַט „לאַ סילועט" אין 1841. אונטער דער קאַריקאַטור שטעהט געשריבען: „ארסען אוסאַי, ראַשעל און קאָמפּאַני". מיט „און קאָמפּאַני" מיינט מען דר. וועראָן'ען, וועלכער פיהרט איהר ביי דער האַנט. אוסאַי איז געווען אַ בעקאַנטער זשורנאַליסט. אין ווייטערע קאַפּיטלעך וועט ער דערמאָנט ווערען מעהרערע מאָל. די קאַריקאַטור ווייזט, אַז ראַשעל'ס בעציהונגען מיט וועראָן'ען זיינען דאָן געווען אַן אַלגעמיין באַקאַנטער פאַקט.

אין דעם „קאמף״ האט זיך באטייליגט בלויז א קליינע גרופע „גראנד דאמען״; און אפילו דיזער קליינער גרופע איז דאס אויך באלד מיאוס געווארען. זיי האבען ווידער אנגעהויבען איהר צו אפלאדירען און צוווארפען בלומען.

וואס אנבעטרעפט דעם איינפאכערען טעאטער־עולם, האט ראשעל׳ס מאראל איהם קיין מאל ניט אינטערעסירט. זיי האבען זיך אינטערעסירט בלויז מיט איהר שפילען. און אז אן אקטריסע זאל האבען געליבטע האבען זיי געהאלטען פאר א גאנץ נאטירליכע זאך.

* * *

ווערען איז צו ראשעל׳ען צוגעשטאנען מיט זיינע אויפמערקזאמקייטען, מתנות, ליבעס־ערקלערונגען און פארזיכערונגען, אז דורך זיינע גרויסע באקאנטשאפטען און איינפלוס וועט ער איהר העלפען ווערען גרויס און באריהמט. ער איז געווען א זעהר אינטעליגענטער, לעבהאפטער, וויציגער, פריינדליכער און גוט־הארציגער מענש. עס איז דעריבער ניט שווער זיך פארצושטעלען ווי די לייכטזיניגע, טעמפעראמענטפולע ראשעל האט זיך געלאזען באזיגען, און ווי דאן איז זי ביסלעכוויז צו איהם צוגעוואוינט געווארען. קומט דען עהנליכעס ניט פאר אין טויזענדע פאלען נאך דער חתונה פון א שטרענג מאראלישער מיידעל מיט א מאן וואס איז איהר אפשטויסענד? „וועסט זיך צו איהם צוגעוואוינען״ — זאגט ניט איין מאמע צו איהר יונגינקער טאכטער פאר איהר חתונה מיט א מאן וואס וואלט געקענט זיין איהר זיידע?

* * *

סיי ווי סיי איז ווערען ביי איהר ניט געווען דער איינציגער. ער האט דאס געוואוסט. צוערשט האט ער פראטעסטירט, געמאכט קליינע סקאנדאלען. ער האט זיך אבער גיך איבערצייגט, אז דאס וועט איהם ניט העלפען.

ביסלאכוויז האט זי זיך פון איהם אין גאנצען דערווייטערט. איהרע פריינדליכע באציהונגען מיט איהם האט זי אבער קיינמאל ניט אויפגעגעבען. איינינגע שרייבער גלויבען, אז דאס איז געווען

„פּאָליטיק״ ביי איהר, אַז זי האָט איהם געוואָלט צוריקהאַלטען פון נעמען נקמה פון איהר מיט סקאַנדאַליעזע מעשה׳לאַך אויף איהר חשבון.

אַז דאָס איז אויך געווען אַ פראַגע פון „ביזנעס״ ביי איהר, וועלען מיר זעהן אין אַ וויטערען קאַפּיטעל. מיר וועלען דאַן זעהן ווי מיט שעהנע עטליכע יאָהר שפּעטער ווען זי איז שוין לאַנג ניט געווען זיין מעטרעסע, האָט זי צו איהם געשריבען אַ ספּעציעל פריינדליכען בריף, און איהם געבעטען אין זיין צייטונג צו דרוקען אַ פּראָגראַם פון אַ טעאַטער טור, אויף וועלכער זי האָט זיך געקליבען אַרויסצופאָהרען און דעם טור צו רעקלאַמירען.

זעקס-און-צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

קלאַנגען אַז ראַשעל האָט זיך גע׳שמד׳ט אָדער אַז זי קלייבט זיך צו שמד׳ן. — זי שפּילט אַ פּיעסע פון קריסטליכער פּראָפּאַ- גאַנדע. — דער אינהאַלט פון קאָרנעיל׳ס טראַגעדיע „פּאָליעקט״

עס האָבען זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז ראַשעל האָט זיך גע׳שמד׳ט אָדער אַז זי האָט צוגעזאָגט זיך צו שמד׳ן. די באַריכ־טען זיינען געקומען פון פאַרשידענע קוואַלען. איין קוואַל איז גע־ווען דער פאַקט, אַז ביי איהר פריינדין, די אויבען דערמאָנטע באַ־ריהמטע אַלטע דאַמע, מאַדאַם רעקאַמיע, אין הויז האָט זי זיך באַ־געגענט מיט דעם ערצבישאָפ (הויפּט גלח) פון פּאַריז, און אַז זי האָט פאַר איהם פאַרגעלעזען אַ מאָנאָלאָג פון אַ קריסטליכער פּראָ־פּאַגאַנדע פּיעסע מיט׳ן נאָמען „פּאָליעקט״. דאָס איז געווען איינע פון די פּיעסען וואָס זי האָט אָפט געשפּילט אויף דער ביהנע. אָבער איצט, אַז זי האָט דעם מאָנאָלאָג דעקלאַמירט פאַר דעם ערצבישאָפ, האָט מען געוויסע ווערטער פון איהם דערנאָך באַ־טראַכט אַלס אַן ערקלערונג, אַז זי נעהמט אָן דעם קאַטוילישען גלויבען. עס איז אָבער אַ פראַגע, צי די מעשה איז געווען ריכטיג איבערגעגעבען און ריכטיג אויסגעטייטשט.

דער עפּיזאָד ווערט דערצעהלט אין אַלע ראַשעל ביאָגראַפיעס, אָבער גאַנץ קורץ. פאַר אידישע לעזער פאָדערען זיך מעהר איינצעלהייטען און דערצו איז נויטיג אַ שטיקעל באַקאַנטשאַפט מיט דעם אינהאַלט פון דעם טעאַטער־שטיק, וועגען וועלכען עס האַנדעלט זיך. אַ חוץ דעם: אַזוי ווי „פּאָליעקט" איז געווען איינע פון איהרע ערפאָלגרייכסטע פּיעסען, איז אַ באַקאַנטשאַפט מיט דער פּיעסע וויכטיג אַן און פאַר זיך. אַ באַגריף וועגען איהר וועט דעם לעזער העלפען פאַרשטעהן די ענטוויקלונג פון ראַשעל'ס קאַריערע און דעם שנעלען וואוקס פון איהר נאָמען.

„פּאָליעקט" איז זעהר דראַמאַטיש. די קאַטוילישע קירכע האָט דאָס ווערק הויך געשעצט, אָבער הויפּטזעכליך אַלס אַ מיטעל אַרויסצורופען ביים טעאַטער עולם באַגייסטערונג פאַר יעזוס'ען און דעם גלויבען אין איהם. מען פלעגט זאָגען, אַז ראַשעל'ס שפּילען אין דער פּיעסע האָט אַזאַ ווירקונג אויף איהרע צוהערער, אַז עס ציהט זיי גלייך פון טעאַטער צו געהן צו אַ גלח, פאַלען אויף די קני און זיך מתודה זיין אויף זייערע זינד.

דאָס ווערק איז אַ קלאַסישע טראַגעדיע פון פּיער קאָרנעיל אין פינף אַקטען. אַלע פינף אַקטען קומען פאָר אין אַרמעניע, אַ פּאָר הונדערט יאָהר נאָך דעם געבורט פון קריסטוס. אַרמעניע איז דאַן געווען אַ פּראָווינץ פון רוים, און די רוימישע רעגירונג האָט אין איהר געהאַט אַ גובערנאַטאָר — אַ רוימער מיט'ן נאָמען פעליקס.

אין דער רוימישער מדינה האָט דאַן נאָך געהערשט געצענדינערייַ. דאָס איז געווען די אַנערקענטע, די אָפיציעלע רעליגיע. אין דער פּיעסע זעהען מיר, אַז דאָרטען געהט שוין אָן אַ טעטיגע אַגיטאַציע פאַר דער קריסטליכער אמונה. די אַגיטאַטאָרס ווערען אָבער באַרמלאָז פאַרפאָלגט. דער דאַמאָלסדיגער קייזער פון רוים, דעציוס באַקעמפט די אָנהענגער פון יעזוס'ען מיט אַ ברוטאַלער ענערגיע. די נייע קריסטען ווערען באַטראַכט אַלס פאַרברעכער געגען דער רעגירונג און מען באַשטראָפט זיי מיט ווילדע פּייניגונגען און מיט באַרבאַרישע פאָרמען פון מאָרד.

די נייע קריסטען געהען אָבער צו זייער מאַרטירערייַ ווי אמת'ע העלדען, מיט דער שיין פון „הייליגען גליק" אויף זייערע פּנים'ער.

אין אַרמעניע איז דער קריסטענטום שוין שטאַרק פאַרשפּרייט. עס זיינען נאָך אָבער פאַראַן גענוג געצען־דינער אויך.

פעליקס, דער גובערנאַטאָר, איז נאַטירליך אויך ניט קיין קריסט. ער „דינט" די געטער פון דער רוימישער רעליגיע. דאָס זעלבע איז אויך מיט פּאַולינאַ׳ן, זיין טאָכטער. פּאָליעקט, איהר מאַן, דער אַרמענישער אַריסטאָקראַט, איז אויך אַ געצענדינער, אָבער די לעצטע צייט האָט זיין פריינד נעאַרקוס איהם אריינגע־צויגען אין דער קריסטליכער באַוועגונג, און ער גליהט מיט רע־ליגיעזער באַגייסטערונג.

די פּיעסע פאַנגט זיך אָן מיט דעם, ווי פּאָליעקט קלייבט זיך צו געהן אין דעם רוימישען טעמפּעל פון דער אַרמענישער הויפּט־שטאָט. דאָרטען איז היינט אַ גרויסער יום־טוב. מען וועט ברענגען קרבנות צו די רוימישע געטער. און פּאָליעקט האָט זיין שווער, פעליקס׳ען, צוגעזאָגט צו קומען. אָבער ער האָט זיך באַ־שלאָסען דאָרטען צו מאַכען אַ סקאַנדאַל געגען די געצען, האַלטען רעדעס פאַר דעם גאָט פון די קריסטען, און ברעכען די געטער פון די געצענדינער. פּאַולינאַ ווייסט ניט, אַז איהר מאַן איז באַ־קעהרט צו דער רעליגיע פון יעזוס קריסטוס. און זי האָט קיין באַגריף ניט וואוהין ער קלייבט זיך צו געהן און וואָס ער וויל דאָרטען טאָן.

פּאָרינגע נאַכט האָט זי געהאַט אַ שלעכטען חלום, און זי האָט מורא, אַז זיין לעבען איז אין געפאַהר. זאָגט זי איהם, אַז עס איז איהר שרעקליך אומעטיג צו בלייבען אַליין, און פאַדערט ער זאָל ניט אַוועקגעהן.

אין אַ געשפּרעך מיט איהר פריינדין סטאַטאָרניצע דערצעהלט זי, אַז אַ רוימישער אַריסטאָקראַט מיט׳ן נאָמען סעווערוס האָט פריהער געוואונען איהר האַרץ. ער איז אָבער געפאַלען אין אַ שלאַכט, קעמפענדיג פאַר דעציוס׳ען, זיין קייזער, ווען ער האָט באַפרייט פון געפאַנגענשאַפט. פּאָליעקט, דער אַרמענישער אַריס־טאָקראַט, האָט זיך אין איהר דאַן פאַרליבט, און אויף איהר פאַ־טער׳ס באַפעהל האָט זי איהם געהייראַט. נעכטען האָט זי סעווע־רוס׳ען געזעהן אין חלום. ער האָט געהאַט בייזע אויגען, מיט נקמה אין זיין בליק. פעליקס, איהר פאָטער, האָט געהאַלטען אַ שפּיז אין האַנט און אָט שטעכט ער איהר מאַן אין ברוסט.

עס קומט אריין פעליקס און ער זאָגט צו איהר: „דו האָסט מורא, אַז מיין לעבען איז אין געפאַהר? איך האָב מורא, וואָרים סעוועראוס איז ניט טויט. מען האָט איהם צוגענומען פון שלאַכט־פעלד אַ שווער־פאַרוואונדעטען און מען האָט איהם צוזאַמענגע־מישט מיט די טויטע. דערנאָך האָט מען איהם אָבער אָפּגעטיילט, און זיינע וואונדען זיינען שוין פאַרהיילט״.

„וואָס האָסטו מורא?״ — פרעגט זי.

„ער איז דעם קייזער׳ס אַ ליבלינג — ענטפערט פעליקס — ער איז שוין פאָלשטענדיג געזונט און ער קומט אהער מאָנען דיין ליבע. זיין גערעכטער צאָרן, זיין נקמה־דורשט און זיין מאַכט, דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען וועט ברענגען אַן אומגליק אויף מיין קאָפּ״.

פּאָוליגאַ (די ראָלע האָט געשפּילט ראַשעל) — ניין, ער איז אַן איידעלער מענש און אַ גוטער מענש.

איהר פאָטער האָט אָבער שטאַרק מורא פאַר סעוועראוס׳ען. אַלזאָ צו רעטען זיך פון געפאַהר, הייסט ער איהר פאַרלאָזען איהר מאַן און זיך אומקעהרען צו סעוועראוס׳ען.

*　*　*

סעוועראוס איז שוין אין אַרמעניע. ער ווייס ניט, אַז זי איז פאַרהייראַט. פאַביוס, זיין דינער, באַהאַלט דאָס פון איהם. סע־וועראוס וויל זיך זעהן מיט זיין געליבטע. פאַביוס פּרופט איהם אָפּרעדען דערפון; אָבער ענדליך איז ער געצוואונגען איהם אויסצוזאָגען דעם אמת.

פאַביוס: — זי איז פאַרהייראַט.

סעוועראוס: — אויב אַזוי, וויל איך איהר זעהן, זיפצען און שטאַרבען.

*　*　*

פאָליעקט געהט אין דעם געצענדינערשען טעמפּעל, וואו מען וועט היינט מקריב זיין קרבנות. ער געהט אהין מיט׳ן צוועק צו צוברעכען די געצען. נעאַרקוס פּרופט איהם באַרוהיגען. ער דאַרף ניט זיין אַזוי היציג, זאָגט ער.

פּאָליעקט: — איז דען פאַראַן אַ גרעניץ צו דעם, וואָס מיר דאַרפען טאָן פון גאָט'ס וועגען? . . .

נעאַרקוס: — מען וועט דאָך דיר טויטען.

פּאָליעקט: — איך זוך דעם טויט פון גאָט'ס וועגען.

נעאַרקוס: — איז דען ניט גענוג ווען מיר וועלען וואַרטען און זיין גרייט צו שטאַרבען, ווען דער טויט וועט קומען?

פּאָליעקט: — דער וואָס האָט ניט קיין מוט צו זוכען דעם טויט פאַר גאָט, יענער וועט געפייניגט ווערען און חרטה האָבען פאַרוואָס ער האָט געוואַרט.

נעאַרקוס: — אָבער אין דעם טעמפּעל, אויב דו וועסט דאָרטען ברעכען זייערע געטער, ערוואַרט דאָך דיר אַ זיכערער טויט.

פּאָליעקט: — אָבער אין הימעל איז פאַר מיר דאָך שוין אָנגעגרייט אַ הייליגער כבוד און גליק.

נעאַרקוס: — לאָמיר דאָס בעסער פאַרדינען מיט אַ ריינעם, הייליגען לעבען.

פּאָליעקט: — לעבענדיג וועל איך אפשר זינדיגען; וועלען מיינע זינד ביי מיר אָוועקנעהמען די הימעלשע באַלוינונג. דער טויט פון גאָט'ס וועגען אָבער וועט מיר דאָס פאַרזיכערען. איך בין אַ קריסט, נעאַרקוס. אַ קריסט דורך און דורך. דער וואָס גלויבט אין גאָט און האָט מורא צו שטאַרבען פאַר איהם, יענער האָט אַ טויטען גלויבען. דער וואָס גלויבט און האָט מורא, צווייפעלט אין גאָט'ס מאַכט. דער וואָס גלויבט אין גאָט, האָט קיין מורא ניט.

פּאָליעקט'ס באַגייסטערטע ווערטער ווירקען ענדליך אויף נעאַרקוס'ען, און ער צופלאַמט זיך אויך מיט באַגייסטערונג.

נעאַרקוס: — קום, פּאָליעקט טייערער! לאָמיר ווייזען דער וועלט, אַז מיר האָבען פאַר די געצען קיין מורא ניט.

פּאָליעקט: — לאָמיר זיך אָפּפערען! לאָמיר צושמעטערען זייערע טויטע געטער.

נעאַרקוס: — יאָ, לאָמיר באַווייזען גאָט'ס אַלמעכטיגקייט.

פּאָליעקט און נעאַרקוס קומען אַהין, און זיי הויבען אָן צו ריידען צו דעם עולם. זיי ערקלעהרען, אַז די געטער זיינען ניט מעהר ווי טויבע און שטומע שטיקער שטיין אָדער האָלץ. זיי

ריידען וועגען דעם „אמת'ן גאָט" פון די קריסטען, אַ גאָט וואָס הערט אַלץ און זעהט אַלץ און איז אַלמעכטיג. ענדליך, ניט קוקענדיג אויף קיין געפאַהר, שליידערען זיי אַרונטער די „הייליגע" כלים און זיי צושמעטערען דעם וויכטיגסטען פון די שטיינערנע געטער (סטאַטועס). זיי ווערען אַרעסטירט.

פאולינא דערוויסט זיך וועגען דעם פון איהר פריינדין, סטראַטאָניצע, וועלכע איז אַ געצען־דינערין. צוערשט ווייס פאולינא ניט וואָס מיט איהר מאַן האָט געטראָפען. „דיין מאַן איז מעהר ניטאָ אויף דער וועלט", — זאָגט סטראַטאָניצע צו איהר. „איז ער טויט?" — פרעגט פאולינא. „ניין, ער פאַרדינט אָבער מעהר ניט דיין ליבע", — ענטפערט יענע, — „ווארים ער איז אַ שונא פון אונזערע געטער און פון אונזער קייזער. ער איז אַ פאַרברעכער, אַ בונטאָווששיק, אַ פאַררעטער, אַן עקעלהאַפטע פעסט איז ער. ער איז אַ קריסט".

„דער וואָרט איז גענוג. זידלען אָבער דאַרף מען איהם ניט", — זאָגט פאולינא.

סטראַטאָניצע: — פאַרדינען דען ניט די קריסטען די אַלע שימפף־ווערטער?

פאולינא: — אויב פאַליעקט האָט אָנגענומען זייער גלויבען, פאַרדינט ער דאָס; ער איז אָבער מיין מאַן, און דו רעדסט דאָך צו מיר; טאָרסט איהם ניט זידלען.

סטראַטאָניצע: — דערמאָן זיך וואָס פאַר אַ גאָט ער דינט איצט.

פאולינא: — מיין פליכט איז געווען איהם צו ליבען, און די פליכט בלייבט אַ פליכט.

סטראַטאָניצע: — איצט מעגסטו איהם פיינט האָבען. דער וואָס איז פאַלש צו אונזערע געטער, קען זיין פאַלש צו דיר אויך.

פאולינא: — ווען ער וואָלט אפילו געווען פאַלש צו מיר, וואָלט איך איהם אַלץ ליב געהאַט. זאָל ער געהן געגען זיין פליכט. מיין פליכט וועל איך זיין טריי. איך וועל איהם ליב האָבען ווען ער איז אפילו אַ קריסט.

דאָ דערצעהלט איהר סטראַטאָניצע וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דעם טעמפעל. עס קומט אַריין פעליקס.

„ער מוז שטאַרבען, דער פאַררעטער", — זאָגט פעליקס.

פאולינא בעט זיך ביי איהם ער זאל ווארטען. זי האפט, אז איהר מאן וועט חרטה האבען און וועט זיך אומקעהרען צו די געטער פון רוים. פעליקס ערקלערט איהר, אז ער מיינט ניט פאליעקט'ען, נאר נעארקוס'ען. ער רעדט אבער שטרענג וועגען פאליעקט'ען אויך. „ער איז א פארברעכער געגען דעם קייזער", זאגט ער.

פאולינא דערמאנט איהם, אז זי איז געווען פארליבט אין דעם רוימער סעווערוס, און אז ער, איהר פאטער, האט דאס איהר געהייסען פארגעסען אן איהם און הייראטען פאליעקט'ען (ווייל ער איז א גרויסער יחסן אין ארמעניע, און דער שידוך איז איהם, פעליקס'ען, וויכטיג געווען צוליב זיין שטעלע).

עס קומט אריין פעליקס'עס טרייער פריינד אלבינוס. ער דער־צעהלט, אז מען האט איבער נארקוס'ען שוין דורכגעפיהרט די טויט־שטראף, און אז ער איז געשטארבען ווי א מארטירער. מען האט איהם געפייניגט און ער האט די גאנצע צייט זיך געהאלטען ווי א בעגייסטערטער, א גליקליכער.

פון דעם געשפרעך, וואס דא קומט פאר צווישען פעליקס'ען און אלבינוס'ן, ווערט קלאר, אז פעליקס וואלט וועלען זיין איידעם לאזען לעבען, אבער, אז ער האט מורא פאר'ן קייזער. און ווען דער קייזער זאל אויף זיין ביטע פאליעקט'ען באגנאדיגען, האט ער מורא פאר סעווערוס'עס נקמה, פארוואס ער האט ביי איהם אוועקגענומען פאולינא'ן, ווארים סעווערוס איז דעם קייזער'ס ליבלינג, און זיין מאכט איז גרויס.

איצט, אז פאליעקט איז ארעסטירט און ער ערווארט אויך דעם טויט, האפט סעווערוס פאולינא'ן ענדליך צו הייראטען, ווארים ער ווייס, אז אין הארצען ליבט זי איהם אימער, הגם איהר מאן איז זי טריי. אלזא, ווען סעווערוס וועט זעהן, אז פעליקס ראטעוועט פאליעקט'ס לעבען, וועלען זיינע האפנונגען פארשווינ־דען און ער וועט זוכען א געלעגענהייט מיט פעליקס'ען זיך אפ־צורעכענען.

* * *

קארנעיל, דער פארפאסער פון דער פיעסע, שטעלט סעווע־רוס'ען ארויס פאר א סימפאטישען מענשען. אנשטאט צו זיין פול מיט נקמה־דורשט און א בארמלאזער פארפאלגער פון די

קריסטען, איז ער גאָר מילד, גוט־הערציג און אַ ליבעראַל. אָנ־שטאָט צו באַשיצען די אָפיציעלע רעליגיע פון דעם רוימישען שטאַט, איז ער גאָר אַן אפיקורס אין באַצוג צו איהר געצען־דינערייו.

אין דער פּיעסע איז פאַראַן אַ סצענע — אַ געשפּרעך צווישען סעווערוס'ען און פאַביאַנ'ען, זיין דינער, אין וועלכען סעווערוס פאַרטרויט דעם דינער אַ סוד — זיין אמת'ע מיינונג וועגען די געטער פון רוים און וועגען די קריסטען.

סעווערוס זאָגט צו פאַביאַנ'ען:

„די קריסטליכע סעקטע איז גאָר ניט וואָס מען זאָגט אויף זיי. מען האַסט זיי. איך זעה אָבער ניט פאַרוואָס. דאָס איז די איינציגע זאַך, מיט וועלכער דעציוס, אונזער קייזער, איז אונגע־רעכט. איך בין געווען נייגעריג צו וויסען וואָס פאַר אַ סאָרט מענשען זיי זיינען, די קריסטען. מען זאָגט, אַז זיי זיינען מכשפים, דעם טייפעל'ס קנעכט. דעריבער פאַראורטיילט מען זיי צום טויט.

„באַטראַכט אָבער: אַלע ווילדע פאַרזעהענישען פון דער עגיפּטישער רעליגיע ווערען פריי ערלויבט אין רוים, אַלע משונה'־דיגע שוואַרץ־יאָהרען, אויסער דעם קריסטליכען גאָט. אונזערע עלטער־זיידעס האָבען מענשען געמאַכט פאַר געטער. אונזערע קעניגע זיינען געוואָרען געטער. די הימלען זיינען ביי אונז פול מיט אַזעלכע בלומרשטדיגע געטער. אונזערע געטער קריגען זיך אָבער אַרום. מיר האָבען צופיל געטער, אַז זיי זאָלען זיין אמת'ע.

„די קריסטען פיהרען זיך אויף אָנשטענדיג. זיי זיינען מאָ־ראַליש ריין. הולטאַיסטווע פאַרדאַמען זיי. ניטאָ ביי זיי קיין אויסוואורפען, קיין מערדער, ניטאָ קיין שכורים און קיין רויבער. אין אַ מלחמה קעמפען זיי ווי די לייבען. און פאַר זייער גאָט שטאַרבען זיי ווי די לעמעלעך. מיין רחמנות אויף זיי איז אַזוי גרויס, אַז ניט באַשיצען זיי איז מיר אונמעגליך".

* * *

ביי דער טורמע, וואו מען האַלט פאָליעקט'ען, פאַרזאַמעלט זיך אַ מאַסע אַרמענישע קריסטען. זיי פאָדערען זיין באַפרייאונג. זיי סטראַשען צו צוברעכען דעם טויער. אינווייניג זינגט פאָליעקט

מיט באַגייסטערונג. ער זינגט מיט אַזעלכע ווערטער ווי: „איך ערוואַרט מיין גליקליכע רייזע צום הימעל. אַ ברכה אויף אייביג...״

*　*　*

פּאולינאַ קומט אין דער טורמע און די וועכטער לאָזען איהר אריין צו איהר מאַן. ווען זי קומט אריין, טראַכט ער זיך: „איך זעה איהר. מיין הארץ גליהט אָבער מיט ליבע צו גאָט. דעם צוויבער, וואָס פלעגט מיך ציהען צו איהר, פיהל איך מעהר ניט. מיינע אויגען לייכטען מיט הימעלשער שיין. די פּראַכט, וואָס זיי פלעגען זעהן אין איהר, זעהען זיי שוין מעהר ניט״.

זי אַפּעלירט צו איהם אין דעם נאָמען פון זיין אריסטאָקראַ־טישער פאַמיליע און אין דעם נאָמען פון איהר איבערגעבענהייט צו איהם.

פּאָליעקט: — דאָס זיינען אָבער אַלץ זאַכען, וואָס האָבען ניט קיין ממשות. אַלץ עולם הזה. ווי לאַנג האַלט עס אָן? מיין אַמביציע איז אַ העכערע. זי איז גרעסער ווי אַלע ערדישע גליקען. איך שטרעב צו אַ ברכה, וואָס ענדיגט זיך קיינמאָל ניט. ווי פיל מען זאָל ניט אָפּפערען פאַר אַזאַ גליק, איז אַלץ ווייניג.

פּאולינאַ טענה'ט מיט איהם, זי אַפּעלירט, זי אַרגומענטירט. זי דערמאָנט איהם ווי בראַוו ער האָט געקעמפט אויף מלחמות; זי דערמאָנט איהם, וואָס פאַר אַ שעהנעם נאָמען ער האָט אַלס העלד. און זיין ענטפער אויף דעם איז: „אויב עס איז שעהן צו שטאַרבען אין אַ מלחמה פאַר אַ מענשען וואָס טראָגט אַ קרוין, היינט וויפיל מאָל שעהנער איז צו שטאַרבען פאַר גאָט?״

פּאולינאַ: — וועלכער גאָט?

פּאָליעקט: — שאַ, פּאולינאַ! גאָט הערט דאָך יעדען וואָרט. ער איז דאָך ניט טויב און שטום אַזוי ווי די געטער, וואָס זיינען אויסגעשניצט פון האָלץ אָדער פון מירמעלשטיין. ווען דו וואָלסט פאַרשטאַנען ווי ווייניג ממשות דאָס לעבען האָט און ווי גרויס און ווי אייביג עס איז דאָס גליק, וואָס גאָט קען געבען! מיין גאָט טוט מיר אָן אַ קרוין און שענקט מיר אייביגען נחת. צו וואָס לוינט זיך אָבער צו ריידען וועגען פאַרבאָרגענע אוצרות צו מענ־שען, וואָס פאַרשטעהען ניט; זיי קענען ניט פאַרשטעהן דעם

הייליגען אמת, ווייל גאָט האָט זייערע נשמות מיט זיין הייליגען גנאָד ניט אָנגערירט ?

פּאָולינאַ : — איז דאָס די ליבע וואָס דו האָסט מיר גע־שוואָרען ? דו פּאַרלאָזט מיך, אונדאַנקבאַרער ? דיין הארץ איז טויב און בלינד צו מיין חן. און דו טרויםסט וועגען אַ גליק, אין וועלכען איך וועל ניט נעמען קיין אַנטייל.

פּאָליעקט : — איך בין דיר טריי מיט אַן אמת׳ער טרייהייט. אין הימעל וועל איך בעטען גאָט, אַז ער זאָל דיין הארץ און גע־דאַנק אויסניכטערען פון דעם טעות, אין וועלכען דו לעבסט. איך וועל מתפלל זיין, אַז זיין ליכט זאָל באַלייכטען דיין נשמה, און ער זאָל דיר געבען אמת׳ען גליק. ווארים אויב ניט, וועסטו זיין אַן אומגליקליכע שקלאַפין, פאַראורטיילט צו גיהנום.

פּאָולינאַ : — וואַרף אַוועק דיין קינדערשען חלום און ליב מיך.

פּאָליעקט : — איך ליב דיר אַ סך ווייניגער ווי איך ליב גאָט.

פּאָולינאַ : — פאַרלאָז מיר ניט. קעהר זיך אום צו אונזערע געטער און בלייב לעבען מיט מיר צוזאַמען.

פּאָליעקט : — איך וויל דעם הימעל ניט פאַר זיך אַליין. איך וועל דאָרטען זיין דיין פיהרער.

פּאָולינאַ : — אַך, ווי פאַרבלענדט דו ביזט !

פּאָליעקט : — ניין. איך בין ניט פאַרבלענדט ; איך האָב אייביגע ליכט אין מיינע אויגען.

פּאָולינאַ : — דער טויט איז דיר טייערער ווי פּאָולינאַ׳ס ליבע.

פּאָליעקט : — איז די וועלט דיר טייערער ווי דער הייליגער חן פון הימעל ?

פּאָולינאַ : — געה, הארצלאָזער מענש ! געה צו דיין טויט ! דו האָסט מיך קיינמאָל ניט געליבט.

פּאָליעקט : — זיי זיך דיר גליקליך אויף דער וועלט. לאָז מיך צורוה.

* * *

(סעווערוס און פּאָולינאַ באַזוכען פּאָליעקט׳ען אין זיין טורמע קעמערל).

פּאָליעקט (צו סעווערוס'ען): — איידער איך שטאַרב וועל איך דיר זי איבערלאָזען, פּאולינאַ'ן. איך ווינש איך ביידען צו שטאַרבען אַזוי ווי איך. פיהר מיך צו מיין טויט. מעהר האָב איך ניט וואָס צו זאָגען. וועכטער! לאָמיר געהן! אַלץ איז געענדיגט.

סעווערוס (רעדט צו פּאולינאַ'ן מיט גרויסע קאָמפּלימענטען און מיט וואַרימע ליבעס־ערקלערונגען).

פּאולינאַ (צו סעווערוס'ען מיט זעלבסטווירדע, אָבער העפליך און מיט רעספּעקט): — ווייז אַרויס די נאָבעלקייט פון דיין האַרץ, ווייז אמת'ע מוט און בראַווקייט. ראַטעווע איהם פון טויט. אויב ניט, וויל איך דיר ניט קענען!

(פעליקס און פּאולינאַ ביי פּאָליעקט'ען אין טורמע. פעליקס טענה'ט מיט פּאָליעקט'ען).

פּאָליעקט (צו פעליקס'ען): — עס איז אַן עבירה די רייד. דו קענסט מיך ניט פאַרשטעהן. באַטראַכט דעם טעות, וואָס דו פאַרטיידיגסט. אַלע אייערע געטער זיינען באַשמוצט מיט די עקעל־האַפטסטע פאַרברעכענס און זינד. יעדער סאָרט פאַרברעכען, פאַר וועלכען איהר באַשטראָפט שטרענג אויף דער וועלט, ווערט באַגאַנגען אין אייער הימעל. פּראָסטיטוציע, דאָס לעבען מיט פרעמדע פרויען, דאָס לעבען מיט אַן אייגענער שוועסטער, רויב און מאָרד, און אַלץ וואָס מיר האַסען אַזוי — אויף דעם אַלעם גיבען אייערע כלומרשט אונשטערבליכע געטער אַ ביישפּיל מיט זייער אויפפיהרונג. איך האָב פאַרשוועכט זייער טעמפּעל, צובראָכען זייערע מזבחות? יאָ, און איך וואָלט דאָס ווידער געטאָן אפילו פאַר דיינע אויגען, אָדער פאַר סעווערוס'עס אויגען, אָדער פאַר די אויגען פון דעם רוימישען סענאַט אָדער פון דעם קייזער אַליין.

פעליקס: — האַלט זיי הייליג, די דאָזיגע געטער. אויב ניט שטאַרבסט דו!

פּאָליעקט: — איך בין אַ קריסט.

פעליקס: — האַלט זיי הייליג, אַז ניט, זעגען זיך מיט דיין לעבען!

פּאָליעקט: — איך בין אַ קריסט.

פעליקס: — סאָלדאַטען, פאָלגט דעם באַפעהל וואָס איך האָב איך געגעבען!

פאולינא: — וואוהין פיהרסטו איהם?

פעליקס: — צו זיין טויט.

פאַליעקט: — אַדיע, פאולינא געליבטע. פאַרגעס מיך ניט.

פאולינא: — איך וועל דיר נאָכגעהן. אויב דו שטאַרבסט, וועל איך אויך שטאַרבען.

פאַליעקט: — געה ניט נאָך מיר, סיידען דו וועסט אויפגעבען דיינע טעות'ן.

פעליקס (צו די סאָלדאַטען): — נעהמט איהם צו פון דאַנען! טוט ווי איך היים איך! ער האָט ליב דעם טויט, טאָ זאָל ער שטאַרבען!

* * *

אויף פעליקס'עס באַפעהל ווערט פאַליעקט פאַרפייניגט צום טויט. דאַן קומט פאַר אַ סצענע צווישען פאולינאַ'ן, איהר פאָטער און זיין פריינט אַלבינוס. דאָס איז סצענע זיבען, פינפטער אַקט. פאולינאַ רעדט צו איהר פאָטער, און דאָס איז דער באַריהמטער מאָנאָלאָג פון דער פיעסע. ראַשעל פלעגט מיט איהם מאַכען אַ שטאַרקען איינדרוק. מיר גיבען איהם דאָ איבער ווערטערליך:

פאולינא (צו פעליקסיען): — אונמענשליכער פאָטער, ענדיג דיין אַרבייט! איך בין דיין נעקסטער קרבן. פאַראייניג מיך מיט מיין מאַן! לייג ניט אָפּ. אָט האָסטו אַן עהנליכען פאַרברעכען ווי פאַליעקט'ס, ריכטיגער געזאָגט, די זעלבע מצוה ווי זיינע. דיין מערדעריי קען איצט האָבען די זעלבע אורזאַך פאַר דיין בלוטיגער ברוטאַליטעט, ווארים שטאַרבענדיג האָט מיין מאַן מיר איבערגע־לאָזען אַלס ירושה זיין אייגענע ליכט. זיין בלוט, וועלכע דיינע הענקערס האָבען פאַרגאָסען, האָט זיך פאַרשפּרייט איבער מיר, און האָט מיינע אויגען געעפענט.

איך זעה, איך ווייס, איך גלויב! איך בין באַפרייט פון דעם טעות, אין וועלכען איך האָב געלעבט.

איך בין אַ קריסטין. איז דאָס דען ניט גענוג? ראַטעווע דיין הויכען שטאַנד מיט דעם, וואָס דו וועסט מיך ערמאָרדען! האָב מורא פאַר'ן קייזער! ציטער פאַר סעווערוס'ען! מיין טויט איז דאָך נויטיג דיך צו ראַטעווען. פאַליעקט רופט מיך צו זיין גליקליכען שיקזאַל. ער און נעאַרקוס שטרעקען צו מיר אויס

זייערע אַרימס פון יענער וועלט. איינעם פון דיינע שטיינערנע געטער האָבען זיי צושמעטערט. איך וועל צושמעטערען די איי־בערינגע. דו וועסט זעהן ווי איך שטעל זיך געגען אַלץ וואָס דיר איז טייער און הייליג.

קיין טרויער און פאַרצווייפלונג פיהל איך ניט; נאָר גאָט׳ס גנאָד און גאָט׳ס הייליגטום רעדט אין מיר. דאַרף איך נאָך ווי־דערהאָלען? איך בין אַ קריסטין. און איך מוז געהן צו מיין טויט. זאָל מיין טויט מיר ברייגנען דעם גליק וואָס איך פאַרלאַנג, און דיר דעם גליק וואָס דו פאַרלאַנגסט. מיין טויט וועט זיין אַ טייערע מתנה פאַר אונז ביידען, ווארים דיר וועט ער ברענגען די ערד און מיר — דעם הימעל.

* * *

אַט ווענען דיזען מאָנאָלאָג פלעגען דאָס קריסטען זאָגען, אַז נאָך דעם ווי מען האָט זיך צוגעהערט ווי ראַשעל האָט איהם גע־שפילט, האָט זיך נעגלוסט גלייך געהן צו אַ גלח זיך קניען און זאָגען אַ תפילה מיט איהם.

די ווערטער: „איך זעה, איך וויס, איך גלויב!" זיינען צוליב ראַשעל׳ען אויף עטליכע יאָהר געוואָרען איינע פון די באַ־ריהמטסטע פראַזען אין דער פראַנצויזישער שפּראַך. און אידען איז געווען אונאַנגענעם צו הערען, אַז זי, אַ אידישע טאָכטער, שפּילט אַזעלכע סצענעם מיט בעגייסטערונג.

* * *

נאָך דעם באַריהמטען מאָנאָלאָג קומט אַ געשפּרעך צווישען סעווערוס׳ען, פּאַולינאַ׳ן און פעליקס׳ען. סעווערוס דריקט אויס פאַראַכטונג צו פעליקס׳ען. ער רופט איהם שלימזל׳דיגער פּאָלי־טיקאַן און סטראַשעט צו נעהמען נקמה פון איהם פאַר פּאָליעקט׳ס טויט.

אין זיין ענטפער זאָגט פעליקס, צווישען אַנדערעס, דאָס פאָלגענדע:

„פון בלוטדורשטיגען צאָרן געה איך איבער צו מיין איידעמ׳ס אמונה . . . איך בין איבערצייגט, אַז זיין אומשולדיג בלוט וועט

מתפלל זיין פאַר מיר, זיין מערדער, צו דעם גאָט וואָס איז אַל־מעכטיג. זיין בלוט איז צוגאָסען איבער דער גאַנצער פאַמיליע, און נאָך איהם געה איך, דער פאָטער, אַזוי גוט ווי מיין טאָכטער. איך האָב איהם געמאַכט פאַר אַ מאַרטירער, און ער מאַכט מיך פאַר אַ קריסט. איך האָב געבראַכט זיין ברכה, און ער וועט ברענגען מיינע. אָ, זאָל דער טויט קומען וואָס גיכער! גיב מיר דיין האַנט, פאַולינאַ! זאָלען די סאָלדאַטען ברענגען די קייטען! זיי, די צוויי נייע קריסטען, דעם פאָטער מיט דער טאָכטער, מקריב צו זיין צו דיינע געטער, סעווערוס.

פאַולינאַ: — וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז ווידער צו האָבען מיין פאָטער! די געבענשטע ענדערונג מאַכט מיין נחת פאָלקאָם.

סעווערוס: — ווער וואָלט ניט געוועון גערירהט פון אַזאַ צערטליכער סצענע? אַזאַ ענדערונג קומט פאַר בלויז דורך אַ נס. עס קען קיין צווייפעל ניט זיין, אַז איהר, קריסטען, ווען מען פאַר־פאָלגט אייך אומזיסט, האָט עפּעס אין זיך אַזעלכעס, וואָס איז העכער ווי מענשליך. איך האָב די קריסטען אימער געליבט. די באַשולדיגונגען און שימפּעריען וואָס פאַלען אויף זיי, האָט אויף מיר קיינמאָל ניט געווירקט. איך קען ניט זעהן ווי אַ קריסט שטאַרבט פאַר זיין אמונה און איך זאָל ניט געבען קיין זיפץ. אפשר וועל איך זיי אַמאָל קענען נאָך בעסער ווי איך קען זיי היינט. און דערווייל האָט יעדער מענש באַדאַרפט האָבען אַ רעכט צו דינען די געטער, אין וועלכע ער גלויבט. אויב דו ביזט אַ קריסט, פעליקס, האָסטו ניט וואָס מורא צו האָבען פאַר מיין שנאה. דין דיין גאָט, דין דיין קייזער. דו וועסט זעהן ווי די פאַרפאָלגונגען וועלען אויפהערען. מיט זיין אומגערעכטען האָס באַגעהט אונזער קייזער אַ גרויסען אומרעכט געגען זיך אַליין.

פעליקס: — זאָל גאָט אין דיר פאָלקאָם מאַכען די אַרבייט, וואָס ער האָט אָנגעהויבען. זאָל ער דיך אין גיכען באַגייסטערען מיט זיין הימעלשען אמת. וואָס אַנבעטרעפט מיך און פאַולינאַ'ן, לאָמיר אונזערע מאַרטירער מקבר זיין. לאָמיר קושען זייערע הייליגע קערפּערס, און לאָמיר אומעטום לאָזען הערען גאָט'ס נאָמען.

דאָס איז דער שלום פון דער פּיעסע — אַ פאָלשטענדיגער זיג פאַר דער קריסטליכער אמונה!

זיבען-און-צוואנציגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל שפּילט די קריסטליכע פּראָפּאַגאַנדע-פּיעסע אין אַ יום-כפּור און מען טאַדעלט איהר דערפאַר. — ראַשעל און דער הויפּט-גלח פון פּאַריז. — „מגילת אסתר" אנשטאָט „פּאָליעקט"

ווי דער לעזער זעהט, איז „פּאָליעקט" פּראָפּאַגאַנדע פון אָנהויב ביז'ן סוף, און פּראָפּאַגאַנדע איז ניט ליטעראַטור. דאָס שטיק איז מעלאָדראַמא, שונד דורך און דורך. דראַמאַטישע קראַפט איז אין איהר אָבער פאַראַן אַ סך; און דאָס מאַכט דעם פּראָפּאַגאַנדע לעסאָן שטאַרקער.

ראַשעל האָט „פּאָליעקט" געשפּילט אַ סך מאָל און מיט גרויס ערפאָלג. פּאולינא איז געווען איינע פון איהרע באַריהמטסטע ראָלען.

בערנאַרד פאַלק, דער פערפאַסער פון איינער פון די נייעסטע און אינהאַלטסרייכסטע ביאָגראַפיען ראַשעל'ס, דערצעהלט, אַז איין מאָל האָט זי די פּיעסע געשפּילט אין אַ יום-כפּור און אַז אַ גרויסע פּאַריזער צייטונג האָט איהר געטאַדעלט דערפאַר. אַלס אידיש קינד האָט זי אַזאַ טעאַטער-שטיק אין אַזאַ טאָג ניט באַדאַרפט שפּילען, האָט די צייטונג געזאָגט; און ראַשעל'ס ענטפער איז געווען, אַז דאָס האָט זיך געפאָדערט לויט איהר קאָנטראַקט מיט דעם טעאַטער און אַז איהרע קאָנטראַקט-פליכטען מוז זי ערפילען. דאָס איז אָבער אַ פּוסטער תירוץ. דער טעאַטער וואָלט איהר פון דער פּיעסע אין אַזאַ אָווענט באַפרייט, ווען זי וואָלט דאָס נאָר פאַרלאַנגט. זי איז דאַרטען געווען אַלמעכטיג. איהר יעדער וואונש, איז דאַרטען געווען אַ געזעץ.

* * *

מיט דעם כאַראַקטער פון מאַדאַם רעקאַמיע'ס הויז, וואו עס פלעגען זיך פערזאַמלען איינפלוסרייכע הויך-געבילדעטע מענשען,

— ליטעראטען, וויסענשאפטסלייט, — איז דער לעזער שוין א ביסעל באקאנט. שאטאבריאן, א באריהמטער שרייבער פון יענע צייטען, איז געווען א טעגליכער איינגעהער דארטען, כמעט א באלעבאס. ער איז דאן שוין געווען א מאן פון עטליכע־און־זיבעציג. אבער די באלעבאסטע איז שוין אויך געווען אין די ווייטע זעכציגער. זי איז נאך אבער געווען פול מיט גייסטיגע אינטערעסען, הגם זעהר רעליגיעז. זי און שאטאבריאן זיינען גע־ווען איבערגעבענע קאטויליקען, און דער ערצבישאפ פון פאריז פלעגט זיין אן אפטער גאסט ביי איהר.

אויף ראשעל'ס ערשטען באזוך ביי מאדאם רעקאמיע האט זי שאטאבריאן'ען פארגעשטעלט פאר איהר.

— ס'איז צו באדויערן — האט דער אלטער שריפטשטעלער צו איהר געזאגט — וואס אזעלכע טאלאנטען ווי איהר ווערען געבארען דאן, ווען מיר האלטען שוין נאהענט צום אוועקגעהן פון דער וועלט.

— עס זיינען אבער פאראן מענשען, וואס שטארבען קיינ־מאל ניט — האט ראשעל געענטפערט; און איהר אנטווארט האט מען איבערגעזאגט איבער גאנץ פאריז אלס א ביישפיל פון איהרע געראטענע ווערטלאך.

* * *

איינמאל, אויף אן אווענט ביי מאדאם רעקאמיע, האט מען ערווארט דעם ערצבישאפ. עס איז געווען פארזאמעלט א קאמ־פאניע פון באקאנטע שרייבער, און א פאר גראפען, פירסטען, וואס האבען געשפילט א וויכטיגע ראלע אין דער קעניגליכער רעגירונג. ראשעל איז געווען צווישען די איינגעלאדענע. זי האט דעקלא־מירט איינעם פון איהרע באריהמט־געווארענע מאנאלאגען. דער ערצבישאפ איז געקומען, אבער שפעטער ווי מען האט ערווארט. אריינקומענדיג אין דעם פאדער־צימער, האט ער געהערט איהר שטימע ווי זי שפילט א סצענע פון א פיעסע. ער איז אריינגע־קומען אין זאל, ווען זי האט שוין געהאט געענדיגט. מאדאם רעקאמיע האט איהר דאן פארגעשטעלט פאר דעם ערצבישאפ.

— מיר, מיטגלידער פון דער קירכע — האט ער דערביי געזאגט צו דער יונגער אקטריסע — מיר האבען ניט קיין מעג־

ליבקייט צו זעהן אונזערע גרויסע טאלאנטען אין טעאטער אָדער אין דער אָפּערא, סיידען עס מאכט זיך אַ ספּעציעלע געלעגענהייט. איין מאָל, זייענדיג אין פלאָרענציא, האָב איך אויף אזא ארט געהערט די גרויסע זינגערין מאליבראן, און איצט האָב איך דעם גליק זיך צו באַקענען מיט דעם וואונדערליכען יונגען טאלאנט פון אונזער ביהנע.

די סצענע, וואָס דאָן איז פאָרגעקומען צווישען זיי, גיט לואי באַרטו איבער אין קורצע ווערטער, וועלכע שטימען מיט דעם עיקר פון דער פּאסירונג, ווי זי ווערט געשילדערט פון אַלע ערנסטע שרייבער. נאָך דעם, ווי באַרטו גיט אַ ביישפּיל פון ראַשעל'ס גלענצענדע באמערקונגען, זאָגט ער:

„ניט ווייניגער שארפזין און פלינקען שכל האָט ראַשעל ארויס־געוויזען ביי איהר באַגעגעניש מיט דעם ערצבישאָף פון פּאַריז, ווען מען האָט איהר פאַר איהם פאָרגעשטעלט, און מען האָט איהר געבעטען שפּילען די גרויסע סצענע פון דער פּיעסע „פּאָליעקט", וואו פּאולינא רעדט צו איהר פאָטער.

„עס האָט זיך ארומגעטראָגען אַ קלאַנג, אַז זי האָט זיך גע־טויפט. וואָס פאַר אַ סורפּריז, וואָס פאַר אַ זיג עס וואָלט דעריבער געווען פאַר דער קירכע, ווען זי זאָגט פאַר דעם ערצבישאָף פּאָר־לינאַ'ס ווערטער: „איך זעה, איך ווייס, איך גלויב, איך בין אויסגעניכטערט פון מיינע טעות'ן". און דערביי פאַלט זי אויף די קני און שטעהט אויף אַן „אויסגעניכטערטע", אַ קריסטין!

„זי האָט אָבער געהאַט גענוג מוט און שטאָלץ ניט צו לאָזען זיך אריינשלעפּען אין אַ פאַלשער ראָלע. ערקלערענדיג איהר ווילען צו פאַרבלייבען אַ אידיש קינד, האָט זי פאָרגעלעזען פערזען פון „אסתר" (ראַסינ'ס טראַגעדיע, וועלכע איז געבויט אויף „מגילת אסתר". — א. ק.).

דער ערצבישאָף האָט איהר באַדאַנקט און איהר געגעבען קאָמ־פּלימענטען פאַר איהר טאלאַנט, וועלכען ער האָט „ניט געהאַט די געלעגענהייט צו אַפּלאָדירען אין טעאטער", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט.

דאָן האָט זי זיך געקניהט פאַר איהם און, אַדרעסירענדיג איהם מיט זיין קירכע־טיטעל, האָט זי נעזאָגט: „איך גלויב". דאָס

הייסט, אַז זי גלויבט ניט אין פּאולינאַ'ס גאָט, נאָר אין אסתר'ס גאָט.

„און די וועלט האָט אין דעם געזעהן אַ באַווייז פון איהר טאַקט, און דאָס האָט צוגעגעבען צו איהר ערפאָלג".

דער אמת איז, אַז זי האָט ניט „ערקלערט איהר ווילען צו פאַרבלייבען אַ אידיש קינד", נאָר, אַז דאָס האָט מען שוין ממילא פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס אַנשטאָט פּאולינאַ'ס מאָנאָלאָג, האָט זי פאַר'ן ערצבישאָף דעקלאַמירט אסתר'ס מאָנאָלאָג.

די ראַשעל ביאָגראַפיע, וואָס ווייזט אַרויס דעם דייטליכסטען אַנטיסעמיטיזם, איז די, וואָס איז געשאַפען געוואָרען פון דעם ענגלענדער, דזשעימס ענעט, און אין איהר געפינען מיר וועגען דער דאָזיגער סצענע די פאָלגענדע פּאָר שורות:

„מיר מוזען אָבער זיין גערעכט צו ראַשעל'ען. אויף אַן אָווענט, וואו זי האָט פאַרשפּראָכען צו געבען די גרויסע סצענע פון „פּאָליעקט", האָט זי זיך אַנטזאָגט דאָס צו טאָן, ווייל זי האָט ניט געוואָלט באַליידיגען דעם ערצבישאָף מיט אַ ניט־אויפריכטיגער דעקלאַמאַציע פון די באַריהמטע ווערטער: „איך זעה, איך וויים, איך גלויב, איך בין אויסגעניכטערט".

דער פאַקט איז, אַז ווייט ניט גאַנץ פּאַריז האָט באַקומען אַן אמת'ן באַריכט וועגען יענעם אָווענט אין מאַדאַם רעקאַמיע'ס הויז. צווישען דעם ברייטען עולם האָט זיך פאַרשפּרייט אַ מעשה, אַז ראַשעל האָט פאַר דעם ערצבישאָף טאַקע פאָרגעלעזען פּאולי־נאַ'ס מאָנאָלאָג און, אַז ביי די ווערטער „איך זעה, איך גלויב, איך בין אויסגעניכטערט" האָט זי זיך געקניהט, און געוואָרען אַ קריסטין.

אויך אַנדערע מעשיות האָבען צירקולירט וועגען איהר צו־זאָג אָדער באַשלוס זיך צו שמד'ן. מען האָט, צום ביישפּיל, דער־צעהלט, אַז אין אַ געשפּרעך מיט אַן אַקטיאָר פון איהר טרופּע האָט זי אַמאָל געזאָגט: „איך גלויב, אַז איך וועל שטאַרבען אַ קריסטין".

„אויב אַזוי וועט די סצענע פון אייער טויפען זיך זיין אייער אינטערעסאַנטסטע טעאַטער פאָרשטעלונג" — האָט דער אַקטיאָר באַמערקט. (מיט אַנדערע ווערטער — עס וועט זיין אַ פּוסטע קאָמעדיע, אַ שטיק צבועצסטווע).

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז מעהר האָט ער אין איהר קאָמפּאַניע שוין ניט געקענט שפּילען.

* * *

איהר אידישקייט האָט זי קיינמאָל ניט און פון קיינעם ניט געפּרופט פאַרבאָרגען. פאַרקערט, זי פלעגט ליב האָבען צו רעדען וועגען איהר מוטער, איהר פאָטער, וועגען דאָס ביסעלע, וואָס זי האָט געוואוסט פון אידישע מנהגים; און קיין ערנסטען געדאַנק וועגען שמד'ן זיך האָט זי קיינמאָל ניט געהאַט. צו איהר קאַריערע האָט איהר אידישע אָפּשטאַמונג סיי ווי סיי ניט געשטערט, אַ האָר ניט.

אַכט־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

ענדליך שפּילט ראַשעל „פעדראַ" — די פּיעסע, וואָס מען האָט געהאַלטען פאַר דער וויכטיגסטער אויף דער פראַנצויזישער ביהנע. — מען האָט געגלויבט, אַז פאַר אַזאַ ראָלע פעהלט איהר בילדונג

מיר וועלען דערמאָנען דעם לעזער אָן דער „וועטשערע ביי מאַדמואַזעל ראַשעל", דער אָוונט, וואָס דער פּאָעט דע מיוססע האָט פאַרבראַכט ביי דער אידישער שוישפּילערין אין דער היים פון איהרע עלטערען. מיר ווילען ספּעציעל אָפּפרישען דעם לעזער'ס זכרון אין באַצוג צו דעם בוך, וואָס ראַשעל און דער פּאָעט האָבען געהאַלטען אין לייענען שפּעט ביינאַכט, ווען איהר בייזער פאָטער איז געקומען אַהיים פון דער אָפּערא.

זיי האָבען געלייענט ראַסינ'ס קלאַסישע טראַגעדיע „פעדרא". זי האָט דעם פּאָעט געזאָגט וועגען איהר באַשלוס צו שפּילען די פּיעסע, טראָץ אַלע מיינונגען, אַז זי איז צו־יונג פאַר אַזאַ ראָלע. פּונקט דאָס זעלבע האָט מען דאָך געזאָגט וועגען איהר „ראָקסאַנאַ". נו, האָט זי דאָך איהרע אומגינסטיגע קריטיקער באַוויזען, אַז זיי האָבען זיך לעכערליך געמאַכט.

„איך וועל שפּילען „פעדרא" — האָט זי יענעם אָוועגט גע־זאָגט צו דע מיוססע מיט אַ טאָן פון ענטשלאָסענהייט, אַ זעץ טוענדיג אין טיש מיט איהר קליינעם פויסט.

דאָס איז געווען ענדע מאַי, 1839. זי האָט איהר באַשלוס דורכגעפיהרט, אָבער ניט פריהער ווי דעם 24טען פעברואַר, 1843 — כמעט פיער יאָהר שפּעטער.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז עס האָט ניט גענומען אַזוי לאַנג די ראָלע איינצושטודירען. זי האָט געהאַט גענוג אַנדערע אַרבייט, אַנדערע פּיעסען — אַזעלכע, וואָס זיינען געווען אַ טייל פון איהר פּאַרטיגען רעפּערטואַר, און אויף וועלכע עס איז געווען אַ גרויסע נאָכפראַגע. זי האָט באַזוכט פילע אַנדערע שטעט אין פראַנקרייך; און אין ענגלאַנד האָט זי שוין אויך געמאַכט צוויי טורען.

„פעדרא" האָט זי אָבער דאָך געפונען צייט צו לערנען, הגם מיט לאַנגע אונטערברעכונגען.

אייגענטליך האָט זי זיך שוין לאַנג געפיהלט געגרייט אַרויס־צוקומען מיט „פעדרא" אויף דער ביהנע. עס האָבען זיך אָבער געמאַכט פאַרשידענע שטערונגען דערצו. איהר נאָמען איז אַזוי אויסגעוואַקסען, איהרע קינסטלערישע ערפאָלגען האָבען זיך אַזוי שנעל ענטוויקעלט, איהרע פאַרבינדונגען אין די „הויכע" געזעל־שאַפטליכע קרייזען זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט געהאַט צעהנדליגע איינלאַדונגען, צעהנדליגע פליכטען (ניט רעדענדיג וועגען איהרע ראָמאַנטישע אינטערעסען).

פון צייט צו צייט פלעגט זי זיך געבען אַ וואָרט, אַז זי וועט מאַכען די נויטיגע ענדליכע פאַרבאַרייטונגען און אויפפיהרען „פעדרא"; פלעגט אָבער איהר אויפמערקזאַמקייט פאַרשלונגען ווערען אין עפּעס אַנדערש, און „פעדרא" האָט ווידער געמוזט וואַרטען.

ענדליך, אַלזאָ, אין פעברואַר, 1843, האָט זי דעם דירעקטאָר פון דעם „טעאַטער פראַנסע" ערקלערט, אַז ער קען שוין „פעדרא" אַנאָנסירען. ער האָט אַזוי געטאָן.

די אַנאָנסע האָט אַרויסגערופען אַן אונגעהייערען אינטערעס. ראַשעל וועט שפּילען אַלס פעדרא! אויף דעם האָט דער טעאַטער־

עולם אימער געווארט. די דאָזיגע פּיעסע האָט מען געהאַלטען פאַר ראַסינ'ס בעסטע ווערק און פאַר דעם העכסטען שטאַפּעל פון קלאַסישער טראַגעדיע אין אַלגעמיין.

אין אינטעליגענטע קרייזען האָט מען געהאַט אַ מיינונג, אַז די ראָלע פון דער הויפּט־פּערזאָן, פון פעדרא, איז די שווערסטע ראָלע אין דער גאַנצער טעאַטער ליטעראַטור; אַז זי פאָדערט דעם גרעסטען טאַלאַנט און אויך אַ פולשטענדיגע בילדונג; הויפּט־זעכליך באַקאַנטשאַפט מיט דער אַלט־גריכישער היסטאָריע און ליטעראַטור. צו שפּילען פעדרא איז געווען די העכסטע אַמביציע וואָס אַ שוישפּילערין האָט געקענט האָבען.

מילא, טאַלאַנט האָט ראשעל געהאַט גענוג. וועגען דעם איז איצט שוין ביי קיינעם ניט געווען קיין פראַגע. ווי איז אָבער מיט בילדונג?

אמת, אין די פיר יאָהר האָט ראשעל געמאַכט אַ סך פאָרט־שריט. זי האָט געלעזען ביכער, זי האָט גענומען לעסאָנס אין גראַמאַטיק, אין היסטאָריע.

זי האָט איצט שוין אָהן הילף געשריבען אַן אינטערעסאַנטען בריף.

זאָגען, אַז איהר שרייבען איז שוין געווען פולשטענדיג פריי פון גראַמאַטיקאַלישע גרייזען, קען מען ניט. איהר שפּראַך איז שוין אָבער געווען ניט אַזוי רויה און ארים ווי פאַר פיר־יאָהרען. זי האָט שוין געוואוסט ווי צו געברויכען אַ סך ווערטער און אויס־דרוקען, וועלכע נאָר געבילדעטע מענשען האָבען געברויכט. און איהר סטיל איז געווען דער סטיל פון אַ אינטעליגענטען, גייסט־רייכען מענשען. און פילע פון איהרע בריף האָבען געפינקעלט מיט גלאַנץ און הומאָר, וואָס האָבען עדות געזאָגט ניט נאָר וועגען גע־הובעלטקייט און געפּאָלירטקייט, נאָר אויך וועגען גייסטיגער ענט־וויקלונג. און דורך דעם אַלעם האָט זיך געפיהלט אַ געבאָרענער שכל און איינבילדונגס־קראַפט.

ניט דאָס האָבען אָבער געמיינט די, וועלכע האָבען גע'טענה'ט, אַז פעדרא איז אַ צו־שווערע ראָלע פאַר איהר. אַזעלכע טעאַטער־מבינים זיינען געווען איבערצייגט, אַז אום צו קענען שפּילען די ראָלע מוז מען זיין בעסער געבילדעט ווי ראשעל; אַז מען מוז זיין גוט באַקאַנט מיט גריכישער מיטאָלאָגיע. אַזעלכע זאַכען

לערנט מען אין גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטען און ראַשעל איז דאָך אפילו אין קיין אָנפאַנגס־שולע ניט געגאַנגען.

* * *

ראַשעל האָט געשפּילט אַלס פּעדרא און האָט געהאַט אַזאַ ערפאָלג, אַז אין פאַרלויף פון צוויי יאָהר האָט זי די ראָלע געמוזט שפּילען כמעט יעדען אָוועגט; די פּיעסע איז אימער געווען די וויכטיגסטע אין איהר רעפּעטואַר, און אַלע, די פריהערדיגע צוויי־פלער אריינגערעכענט, זיינען געווען איבערציינגט, אַז די גרעסטע שוישפּילערינס, וואָס פראַנקרייך האָט ווען עס איז געהאַט, זיינען ניט פעהיג געווען צו שפּילען די ראָלע פון פּעדרא מיט אַזאַ קראַפט און מיט אַזאַ וואונדערבאַרען עפעקט, ווי ראַשעל.

* * *

דער אָווענט, ווען ראַשעל איז צום ערשטען מאָל ארויסגע־טראָטען אַלס פּעדרא איז געווען איינער פון די וויכטיגסטע אין איהר קאַריערע. איהר גרויסער ערפאָלג אין דער דאָזיגער ראָלע האָט פעסטגעשטעלט איהר טיטול אַלס די גרעסטע שוישפּילערין, פעסטגעשטעלט פולשטענדיג און אבסאָלוט.

פּעדרא איז געווען דער העכסטער שטאַפּעל פון דעם לייטער. ווייטער האָט מען שוין ניט געקענט שטייגען. אַ באַקאַנטשאַפט מיט דער פּיעסע איז דעריבער וויכטיג פאַר יעדען, וואָס אינטערע־סירט זיך מיט דער געשיכטע פון ראַשעל׳ס אומפאַרגעסליכען ער־פאָלג און מיט יענעם טייל פון דער געשיכטע פון דעם וועלט־טע־אַטער, וואָס געהערט צו דעם נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט.

* * *

דער סוזשעט פון „פּעדרא״ איז גענומען פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע און ראַסין איז ניט געווען דער ערשטער דראַמאַ־טורג, וואָס האָט געשעפּט מאַטעריאַל פון דעם דאָזיגען קוואַל. אַ פּיעסע מיט דער זעלבער געשיכטע איז פאַרפאַסט געוואָרען נאָך

מיט 2,200 יאָהר פאַר איהם — פון דעם גריכישען דראַמאַטורג עריפּידעס. ראַסין האָט גענומען די זעלבע מעשה מיט די זעלבע הויפּט פּערזאָנען, מיט די זעלבע נעמען און אויך אויפגעבויט אַ טעאַטער־שטיק דערפון.

אין דער מעשה זיינען פאַראַן דריי פּערזאָנען, וואָס שפּילען וויכטיגע ראָלען. פאַראַן אויך אַ צוויי־דריי אַנדערע. זיי האָבען אָבער קיין בעדייטונג ניט און צו די דראַמאַטישע פּאַסירונגען און געשפּרעכען, וואָס קומען פאָר אויף דער ביהנע האָבען זיי נאָר אַ זייטיגע שייכות. די דאָזיגע דריי וויכטיגסטע פיגורען זיינען היפּאָליטוס, פעדרא און טהעזעאוס. זיי זיינען די הויפּט־פּערזאָנען אין עריפּידעס'עס פּיעסע און זיי זיינען די הויפּט־פּערזאָנען אין ראַסין'ס פּיעסע.

ביי ביידען איז פאַראַן אַ היפּאַליטוס, אַ פעדרא און אַ טהעזעאוס. נאָר עריפּידעס רופט זיין טראַגעדיע אָן „היפּאַליטוס" און ראַסין רופט זיינע אָן „פעדרא".

* * *

איך וועל אָנפאַנגען מיט אַ מעשה, מיט וועלכע עס איז פאַרבונדען אַ טייל פון ראַסין'ס פּיעסע „פעדרא". (ווי אויך עריפּידעס'עס פּיעסע „היפּאַליטוס"). עס איז אַ „שעהנע מעשה", און יעדער אינגעל אָדער מיידעל, וואָס איז געגאַנגען אין אַ הויי־סקול אָדער אַ גימנאַזיע איז מיט איהר גוט באַקאַנט. מיט דיזער שטיקעל מיטאָלאָגיע אַלס אַנהויב וועט דעם לעזער זיין באַקוועמער באַקאַנט צו ווערען מיט דער מעשה פון דער פּיעסע, מיט איהרע פּערזאָנען און סצענעס און מיט די מאָנאָלאָגען, וואָס ראַשעל האָט אין איהר געהאַט צו שפּילען.

פעדרא'ס פאָטער האָט געהייסען מינאָס. ער איז געווען דער קעניג פון דעם אינזעל קרעטע, און איהר זיידע, מינאָס'עס פאָטער, איז געווען צעאוס, דער גאָט איבער אַלע געטער. צעאוס האָט גערעגירט איבער'ן הימעל מיט דער זון און די שטערען. אָפט פלעגט ער זיך פאַרליבען אין אַ פרויענצימער פון דער מענשליכער וועלט. דאַן פלעגט זי פון איהם געבוירען אַ גאָט.

אין דער פּיעסע „פעדרא" וועלען מיר זעהן, ווי פעדרא זאָגט

א פּאָר מאָל, אַז זי שטאַמט פון דער זון, אַז די זון האָט געשאַפן איהר און איהר פאַמיליע. דאָס מיינט זי, אַז זי שטאַמט פון צעאוסיען, דעם „זון־גאָט". פון איהר מוטער׳ס צד — ווי מיר וועלען זעהן — איז זי אַן אייניקעל פון דער לבנה, אָדער פון דעם „לבנה גאָט".

ווען עס הויבען זיך אָן די פּאַסירונגען פון דער פּיעסע „פעדרא", איז מינאָס שוין טויט. זינט ער איז געשטאָרבען איז ער דער ריכטער איבער אַלע טויטע און דער הערשער איבער דעם גיהנם.

בשעת מינאָס האָט געלעבט, האָט נעפּטון, דער גאָט פון די ימים, איהם געשאָנקען אַ ווייסען אָקס, ער זאָל איהם מקריב זיין אויף אַ מזבח. האָט מינאָס דעם אָקס ניט מקריב געווען, נאָר געהאַלטען ביי זיך. איז דער גאָט נעפּטון געוואָרען אין כעס און האָט זיך מיט מינאָס׳ען אָפּגערעכענט. ער האָט געמאַכט, אַז זיין פרוי, פּאַסיפיע, זאָל זיך אין דעם ווייסען אָקס פאַרליבען. אַלס רעזולטאַט פון דער ליבע האָט זי געבוירען אַ קינד; און דאָס קינד איז געווען אַ באַשעפעניש מיט אַ קאָפּ פון אַן אָקס און מיט אַ גוף פון אַ מענשען. די דאָזיגע פאַרזעהע־ניש איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען מינאָטאַור — אַ שטאַרקע און בלוטדורשטיגע בריאה, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסען אַפּעטיט צו עסען לעבעדיגע מענשען.

אין אַטהענס האָט דאַן רעגירט עגעאוס; האָט ער ערמאָר־דעט מינאָס׳עס יונגען זוהן, אַ בחור׳ל מיט׳ן נאָמען אַנדראָאָגעאוס; האָט מינאָס גענומען טראַכטען און עצה׳ענען זיך וועגען פּלע־נער ווי אַזוי נקמה צו נעמען פון זיין קינד׳ס מערדער; האָט ער זיך בעראַטען מיט אַ מאַן מיט׳ן נאָמען דעדאַלוס, וועל־כער איז געווען אַ גרויסער חכם און אַ גרויסער קינסטלער. דער רע־זולטאַט פון זייערע בעראַטונגען איז געווען, אַז דעדאַלוס האָט אויסגעבויט אַ מאָדנעם סאָרט געביידע וואו מינאָס זאָל האַלטען דעם מינאָטאַור. די געביידע האָט געהאַט אַ גרויסען און מערק־ווירדיגען לאַבירינט — אַ פלאָנטער פון קאָרידאָרען, וועלכע זיי־נען געווען אַזוי אויסגעלייגט, אַז דער וואָס פלעגט אַהין אריינ־קומען, פלעגט שוין ניט קענען געהן צוריק. ער פלעגט בלאָנדזשען אַהין, בלאָנדזשען אַהער, און זיך ניט קענען אויספּלאָנטערען. אַט

אין דעם דאָזיגען לאַבירינט האָט מינאָס געהאַלטען דעם מענשען־פרעסערישען מינאָטאַור — די באַשעפעניש, וואָס איז געווען האַלב אָקס און האַלב מענש.

דאַן האָט מינאָס אויף דער שטאָט אַטהענס, וואו עגעאוס האָט געקעניגט, אַרויפגעלעגט אַ צינז: יעדען יאָהר (לויט אַן אַנדער נוסח, יעדע עטליכע יאָהר) האָט די באַפעלקערונג געמוזט דורך אַ גורל אויסקלייבען זיבען יונגע לייט און זיבען מיידלעך און זיי שיקען מינאָס'ען, וועלכער פלעגט זיי אַריינפיהרען אין דעם לאַבירינט. איינמאָל האָבען זיי זיך געפונען אינוויינינג, האָבען זיי שוין ניט געקענט זיך באַפרייען פון דאָרטען, און דער מינאָטאַור פלעגט זיי אַלעמען אויפפרעסען.

עגעאוס, דער קעניג פון אַטהענס (דער וואָס האָט ערמאָרדעט מינאָס'עס אינגעל) האָט געהאַט אַ זוהן מיט'ן נאָמען טהעזעאוס. האָט דיזער קרוין־פּרינץ זיך באַשלאָסען צו ערמאָרדען דעם מינאַטאַור. אַז ער איז אַ בריה און אַ גרויסער כוואַט, האָט ער שוין באַוויזען מיט עטליכע וואונדערבאַרע העלדישקייטען. ער האָט, צום ביישפּיל, ערמאָרדעט אַ מערדער, וועלכער איז געווען באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „אויסציהער”. דער דאָזיגער בלוטיגער באַנדיט האָט געהאַט אַן אייזערנע בעט, און ווען ער פלעגט כאַפּען אַ קרבן, פלעגט ער איהם אַוועקלעגען אין איהר און זעהן, אַז זיין לענג זאָל פּאַסען. איז דער אומגליקליכער געווען צו קורץ, פלעגט ער אויסציהען זיינע גלידער ביז ער האָט געהאַט די ריכטיגע לענג; איז ער געווען צו לאַנג, פלעגט ער פון זיינע פיס אָפּהאַקען אַזוי פיל וויפיל עס האָט זיך געפאָדערט פאַר דער בעט.

אויך אַנדערע באַנדיטען, ווילדע געננסטערס און בלוט־דורשטיגע פּאַרזעהענישען און רויבער האָט ער אָפּגעראַמט פון דער וועלט. איצט, אַלזאָ, האָט ער זיך גענומען צו דעם מינאָטאַור. ער מוז אַטהענס באַפרייען פון דעם אומגליק!

צו דיזען צוועק האָט ער זיך אָנגעשלאָסען אַלס איינער פון די נעקסטע זיבען יונגע לייט, וואָס זיינען אויסגעקליבען געוואָרען צו פאָהרען קיין קרעט צוזאַמען מיט זיבען מיידלעך, אויפגעפרעסען צו ווערען פון דער שוידערליכער פּאַרזעהעניש.

ווען מען האָט די פערצעהן נייע טויט־קאַנדידאַטען און קאַנדידאַטקעס אויסגעשטעלט פאַר דעם קעניג מינאָס, פעדראַ'ס פּאַ־

טער, איז מינאָס׳עס טאָכטער (פעדרא׳ס שוועסטער) אַריאַדנע גע־וועז דערביי. ווען זי האָט אַ קוק געטאָן אויף טהעזעאוס׳ען האָט זי זיך אין איהם גלייך פאַרליבט.

אריאַדנע האָט זיך גענומען העלפען טהעזעאוס׳ען דורכ־פיהרען זיין פּלאַן צו ערמאָרדען דעם מינאָטאַור.

אַלזאָ, איידער מען האָט די פערצעהן קרבנות אריינגעפיהרט אין דעם לאַבירינט, האָט די פאַרליבטע אריאַדנע טהעזעאוס׳ען באַזאָרגט מיט צוויי זאכען: מיט אַ שווערד און מיט אַ קנויל פאָדים. ווען ער וועט אריינקומען אין דער געפעהרליכער געביידע, זאָל ער גלייךביים אריינגאַנג צובינדען דעם ברעג פון דעם פאָדים. געהענדיג דורך דעם מיש־מאַש פון די קאָרידאָרען, זאָל ער די גאַנצע צייט האַלטען דעם קנויל אין האַנט. בשעת ער וועט געהן דורך די קאָרידאָרען וועט דער פאָדים זיך האַלטען אין אָפּוויקלען פון דעם קנויל; דערנאָך, ווען זיין ארבייט וועט שוין זיין אָפּ־געטאָן, וועט ער זיך אומקערען, האַלטענדיג זיך ביי דעם פאָדים, וועלכער וועט איהם דינען אַלס אַ וועגווייזער.

אַלץ האָט זיך איינגעגעבען לויט דעם פּלאַן. טהעזעאוס, דער קרוין־פּרינץ פון אַטהענס, האָט דעם מינאָטאַור געקוילעט און ער איז פון דעם קאָרידאָרען־פּלאָנטער ארויס אַ לעבעדיגער, אַ געזונ־טער, אַ זיגרייכער!

אריאַדנע, זיין כלה, און די אַנדערע זעקס יונגע לייט און זיבען מיידלעך פון אַטהענס האָט ער מיטגענומען מיט זיך. אויפ׳ן וועג האָט זיך זיין שיף אָפּגעשטעלט ביי אַן אינזעל, און דאָרטען איז אריאַדנע אַנטשלאָפען געוואָרען. האָט טהעזעאוס איהר דאָרטען איבערגעלאָזט אַ שלאָפענדיגע און מיט די איבעריגע פון דער קאָמ־פּאַניע האָט ער פאָרטגעזעצט זיין רייזע ביז די שיף איז אָנגעקומען אין אַטהענס. אי פאַרוואָס האָט ער די מיידעל, וועמען ער האָט געדאַרפט זיין אַזוי דאַנקבאַר, אָפּגעצאָהלט אויף אַזא ברוטאַלען אופן? האָט ער געזאָגט, אַז אויף דער רייזע איז אַ געטין איהם געקומען צו חלום און איהם געהייסען אַזוי טאָן.

ווען אריאַדנע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איהר שלאָף האָט זי זיך צעוויינט. איז געקומען באַקכוס, דער גאָט פון וויין און פריינדשאַפט, און זעהענדיג ווי זי וויינט, האָט ער אויף איהר רחמנות געהאַט און איהר גענומען פאַר אַ ווייב. אַלס מתנה צו

דער חתונה האָט ער איהר אָנגעטאָן א קרוין פול מיט דימענטען. ווען זי איז געשטאָרבען, האָט ער די קרוין א וואָרף געטאָן צום הימעל. זיינען די דימענטען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין ליכטיגע־שטערען און זיי פינקלען אין הימעל עד היום.

* * *

ווען עס פאַנגען זיך אָן די פאַסירונגען פון ראַסין׳ס טראַגעדיע „פעדרא", איז דער קעניג עגעאוס שוין טויט. און אויף דעם טראָן פון אַטהענס זיצט זיין זוהן, טהעזעאוס. פעדרא איז זיין פרוי. זי איז אָבער ניט די ערשטע ביי איהם. וואָס אַנבעטרעפט זיין ערשטען שרוך איז די מעשה געווען אַזוי:

עס איז געווען א פאָלק, וואָס איז באַשטאַנען פון לויטער פרויען, אַמאַזאָנען האָבען זיי געהייסען. זיי האָבען געוואוינט אין וועלדער און זיך באַשעפטיגט מיט געיעג און מלחמות. קיין מענער האָבען זיי אין זייער מלוכה ניט אריינגעלאָזען. מען האָט זיי בעטראַכט אַלס א געפאַהר פאַר דער וועלט. אַלזאָ האָט דער העלדישער טהעזעאוס, וועלכער האָט זיך געמאַכט פאַר זיין אויפגאַבע צו פאַרניכטען שעדליכע און געפעהרליכע באַשעפענישען, זיך אַוועקגעלאָזען האַלטען מלחמה מיט דעם פרויען־פאָלק. ער האָט זיי באַזיגט, און זייער קעניגין, אַנטיאָפע, האָט ער געמאַכט פאַר זיין פרוי.

אָט זי, די געוועזענע קעניגין פון די אַמאַזאָנען, איז דאָס געווען טהעזעאוס׳עס ערשטע ווייב. זי האָט איהם געבוירען א זוהן, וועלכען ער האָט א נאָמען געגעבען היפּאָליטוס.

היפּאָליטוס איז אַלזאָ פעדרא׳ס שטיף־זוהן.

* * *

מיר ווייסען שוין, אַז פעדרא׳ס פאָטער איז געווען מינאָס, און איהר זיידע — צעאוס, דער גאָט איבער אַלע געטער. מיר וועלען דאָ צולעגען, אַז איהר מוטער, וועמעס נאָמען איז געווען פאַסיפאַע, איז געווען די טאָכטער פון דער לבנה, ווי מיר האָבען שוין דערמאָנט. זי האָט זיך דאָס פאַרליבט אין דעם ווייסען אָקס און גע־

בוירען דאָס קינד, וואָס האָט געהאַט אַ קאָפּ פון אַן אָקס און אַ גוף פון אַ מענטשן — דעם שרעקליכען מינאָטאַור, וועלכען פעדרא'ס צוקונפטיגער מאַן האָט דערנאָך דער'הרג'עט.

אנדרעגעאוס, דער בחור'ל, וועמען דער קעניג עגעאוס, דער פאָטער פון טהעזעאוס'ען, איהר מאַן, האָט ערמאָרדעט, איז אַלזאָ געוועזען איהר ברודער. אַז אַריאַדנע איז געווען פעדרא'ס אַ שוועסטער, האָבען מיר שוין דערמאָנט.

* * *

וועגערא, די געטין פון ליבע, טראָגט אויף פעדרא'ן אַ כעס. דעריבער האָט זי איהר אָפּגעטאָן אַ שפּיצעל: זי האָט אין איהר אָנגעצונדען אַ טריפה'נע ליבע — אַ ליבע צו איהר שטיף־זוהן, צו היפּאָליטוסיען.

אָט אין דער דאָזיגער אונגעזעצליכער לײדענשאַפט צו איהר מאַן'ס זוהן פון זיין ערשטער פרוי, באַשטעהט דער צענטער־פונקט פון דער פּיעסע „פעדרא".

* * *

דער פריהער דערמאָנטער נעפּטון, דער ים־גאָט, איז באַפריינדעט מיט טהעזעאוס'ען, פעדרא'ס מאַן. ווען טהעזעאוס בעט איהם ער זאָל איהם טאָן אַ טובה און ברענגען אַן ערד־ציטערניש, אָדער אַ שטורם, אָדער עפּעס אַן אַנדער אומגליק אויף אימעצען וועמען ער, טהעזעאוס, האָט פיינט, ערפילט ער זיין וואונש. איבעריגענס איז דאָס ניט קיין שווערע זאַך פאַר איהם. ער דאַרף נאָר אַ טרייסעל טאָן מיט זיין לאַנגען גאָפּעל (אַ גאָפּעל וואָס האָט דריי לאַנגע צייהן), ווערט גלייך אַ שטורם אָדער אַן ערד־ציטערניש, אָדער עס באַווייזט זיך אַ טיפעלשע חיה פון ים, און עס ווערט אַ חורבן.

מיר דערמאָנען דאָס דאָ, ווייל עס האָט אַ שייכות צו אַ סענסאַציאָנעלער „פּאַסירונג", וועלכע קומט פאָר נאָהענט צום סוף פון דער פּיעסע.

* * *

לעזער וועלען זיך אפשר קלערען: אָט אַזעלכע ווילדע מעשיות רופט מען ליטעראַטור? אונזער ענטפער אויף דעם איז:

א פאנטאזיע איז א פאנטאזיע; און ווען מען וויל לערנען די ערשטע קאפיטלעך פון דער מענשליכער געשיכטע, מוז מען לערנען די דאזיגע מיטאלאגיע מעשיות וועגן משונה'דיגע ברואים האלב אקס, האלב מענש אדער האלב גאט האלב מענש. און מען דארף געדענקען, אז די פארצייטיגע גריכען האבען אין אזעלכע זאכען געגלויבט אפילו דאן, ווען זיי האבען שוין געהאט אמת'ע פילאזאפען, וויסענשאפטסלייט און פאעטען, און אזעלכע גרויסע מאטהעמאטיקער און קינסטלער, צו וועלכע היינט איז אפשר קיין גלייכען ניטא.

עס מאכט אבער ניט אוים. די פיעסע „פעדרא" איז טאקע אויסגעוועבט פון אלטע באבע-מעשיות. עס איז טאקע א שונד-פיעסע, ווי מיר רופען דאס היינט. דאס שטערט איהר אבער ניט צו זיין זעהר דראמאטיש. די פאסירונגען און די געשפרעכען אין איהר לעזען זיך (און זעהען זיך אויף דער ביהנע) מערקווירדיג גלאט און זיי זיינען שפאנענד.

ראקסאנא פון „באיאזעט", איז נאך מיין מיינונג א בעסערע ראלע צום שפילען. פון אונזער היינטיגען שטאנדפונקט, איז זי קאמפליצירטער, מיט דעליקאטערע שטריכען, ווי פעדרא; אבער פעדרא איז אויך אן אונגעוועהנליך שטארקע ראלע.

אלס אן אויסדרוק פון גוואלטיגע געפיהלען — פון פאר-ליבטקייט, הארץ-קלעמעניש, איפערזוכט, בענקעניש, געוויסענבי-סע, פארצווייפלונג, איז זי ווירקליך די שטארקסטע פיעסע פון דעם „קלאסישען" פראנצויזישען רעפערטואר. און געבויט איז זי אויך אויף א גערעטענעם שטייגער. אויף אנצינדען די הערצער פון אן עולם איז זי מסתמא געווען דער בעסטער מיטעל.

מען האט פון „פעדרא" געמאכט אזא וועזען הויפטזעכליך דערפאר, וואס זי איז גענומען געווארען דירעקט פון דער גריכישער מיטאלאגיע און פון דער אלט-גריכישער ליטעראטור.

די פראגע, צי עס איז נויטיג בילדונג אום צו זיין אימשטאנד פעדרא'ן פארצושטעלען אויף דער ביהנע, די דאזיגע פראגע ווערט פארענטפערט פון זיך אליין, ווען מען ווערט באקאנט מיט דער פיעסע.

צום שפילען אזא ראלע ווי פעדרא, איז נויטיג ניט א גרינד-ליכע בילדונג און א גרינדליכע באקאנטשאפט מיט גריכישער

מיטאָלאָגיע, נאָר אַ טאַלאַנט פאַרצושטעלען שטאַרקע אַלגעמיין־מענשליכע געפיהלען, וועלכע עקזיסטירען היינט ניט ווייניגער ווי זיי האָבען עקזיסטירט ביי די גריכען פון פאַר־צוויי־דריי טויזענד יאָהר.

ניין־און־צוואַנציגסטער קאַפּיטעל

די מעשה פון דער פּיעסע „פעדרא". — די שטאַרקע מאָמענטען אין איהר

ווען די פּיעסע פאַנגט זיך אָן, איז פעדרא'ס מאַן, דער קעניג טהעזעאוס, ניטאָ אין דער היים. ער רייזט אַרום איבער'ן ים.

היפּאָליטוס, דער זוהן, וואָס איהם האָט געבוירען עטיאָפּע, די קעניגין פון דער ווייבערשער מלוכה, איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער פּרינצעסין אַריסיאַ, פון אַ קעניגליכער פאַמיליע, וואָס האָט פּרעטענזיעס אויפ'ן טראָן פון אַטהענס. נו, איז זיין פאָטער טהעזעאוס אַ בלוט־שונא פון איהר משפחה. און זיין וואונש איז אויסצוראָטען יעדען מיטגליד איהרען. אַריסיאַ'ס ברידער האָט ער שוין געטויטעט, און אַריסיאַ איז אַ געפאַנגענע ביי איהם. אַלזאָ האָט היפּאָליטוס מורא פאַר זיין צאָרן. דאָס פאַרשאַפט איהם יסורים.

טעראַמענעס, זיין לעהרער און טרייער פריינד, טרייסט איהם און גיט איהם צו מוט. צו פאַרליבען זיך איז אַ נאַטירליכע זאַך, זאָגט ער איהם. אפילו די געטער פאַרליבען זיך. וואָס וואָלט זאָגען ווענערא, די געטין פון ליבע, ווען מאַנסבילען וואָלטען זיך ענטזאָגט חתונה צו האָבען? וואָלט זי דען געשוויגען? איז דען פאַראַן אַ האַרץ, וואָס זי האָט ניט באַזיגט? און וואו וואָלט ער, היפּאָליטוס, געווען, ווען זיין מוטער, די קעניגין פון די אַמאַזאָנען, וואָס לאָזען צו זיך ניט צו קיין מאַנסביל, וואו וואָלט ער געווען ווען זי בלייבט פאַר'עקשנ'ט און טרייבט אַלע מענער פון זיך?

ענאָן, פעדרא'ס טרייע אַם, וואָס האָט איהר אויסגעהאָדעוועט, זעהט זיך מיט היפּאָליטוס'ען און דערצעהלט איהם מיט טרויער, אַז איהר באַלעבאָסטע איז קראַנק אויף עפּעס אַן אומבאַקאַנטער קראַנק. זי איז אימער מיד, זי האַלט זיך קוים אויף די פיס און

איהר שכל און אַלע איהרע געפיהלען זיינען אזוי ווי פאַרווירט.

אז פעדרא איז פאַרליבט אין היפּאָליטוס'ען, ווייס ענאָן נאָך ניט.

היפּאָליטוס גלויבט, אַז פעדרא האַסט איהם, ווי דאָס רוב שטיף־מאַמעס האַסען זייערע שטיף־קינדער; אַז זי קען איהם ניט פאַרטראָגען. ער וועט איהר ניט שטערען — זאָגט ער — ער וועט איהר אויסמיידען.

שפּעטער אַ ווײַלע, ווען פעדרא קומט אַריין און זי בלייבט אַליין מיט איהר, באַקלאָגט זי זיך, אַז די קליידער און די צירונג וואָס ענאָן האָט איהר אָנגעטאָן, זיינען איהר צו־שווער.

פעדראַ: — אַלץ איז מיר צו לאַסט. אַלץ אין דער וועלט איז קעגען מיר. יעדע זאַך סטאַרעט זיך מיר פאַרשאַפען וואָס מעהר צרות.

ענאָן: — דאָס וואָס איהר פאַרלאַנגט אין אַ געוויסען מאָמענט, איז אייך דעם נעקסטען מאָמענט צו לאַסט. האָט איהר מיט איי־ניגע מינוטען צוריק דען ניט געבעטען, אַז איך זאָל אייך אויס־פּוצען? האָט איהר דען ניט געזאָגט, אַז איהר פיהלט זיך בעסער, אַז אייערע כחות האָבען זיך צו אייך אומגעקערט, אַז אייך איז נמאס געוואָרען גאָרניט צו טאָן און אַז אייך גלוסט זיך צו זעהן דעם ליכטיגען טאָג? איהר האָט געגאַרט צו זעהן די זון, און איצט, אַז איהר זעהט איהר דאָ, ווילט איהר זיך באַהאַלטען פון איהר שיין.

פעדרא (ווענדענדיג זיך צו דער זון): — אָה, פּרעכטיגער שעפּפער פון אַן אונגליקליכער משפחה! דיר איז אודאי אַ חרפה מיך צו זעהן אין אַזאַ צושטאַנד. זון, איך זעה דיך צום לעצטען מאָל!

(מיט די ווערטער „אונגליקליכע משפחה" מיינט זי: 1) דאָס וואָס איהר מוטער האָט זיך פאַרליבט אין אַן אָקס און האָט גע־בוירען דעם שרעקליכען מינאָטאַור; 2) די ערמאָרדונג פון איהר ברודער אַנדראָגעאָוס; 3) די אונגליקליכע ליבע פון איהר שוועסטער אַריאַדנע און 4) איהר אייגענעם אונגליק איצט — איהר פאַרליבען זיך אין איהר שטיף־זוהן.

ענאָן: — אַזוי! איהר זייט ווידער פאַרליבט אין טויט? וועט איהר קיינמאָל ניט מאַכען שלום מיט'ן לעבען? וועט איהר

ניט מאַכען אַ סוף צו אייערע פאַרצווייפלונגס ווערטער?

פעדרא: — אַך, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט איצט געזעסען אין אַ וואַלד און מיט תענוג אין מיינע אויגען וואָלט איך דורך דעם טייערען שטויב געקוקט ווי עס טראָגט זיך ווי אַ וויכער אַ קאַרעטע . . . (זי מיינט היפּאָליטוס'עס קאַרעטע מיט זיינע פייערדיגע פערד.—א. ק.).

ענאָן: — וואָס זאָגט איהר, מאַדאַם?

פעדרא: — וואָס טוט זיך מיט מיר? בין איך משוגע? וואָס האָב איך געזאָגט? וואו בין איך דאָ? אָה, און וואוהין פאַרבלאָנדזשעט מיין אומזיסטער באַגעהר? די געטער האָבען מיך משוגע געמאַכט! מיין פּנים ברענט פון שאַנד. איך מוז באַהאַלטען מיין פּנים. ווארים דו מוזט דאָך זעהן ווי מיין קומער און מיין בושה פילען מיינע אויגען אָן מיט טרערען.

ענאָן אַפּעלירט צו איהר אין דעם נאָמען פון איהרע קינדער. אויב זי וועט אַזוי אָנגעהן ווייטער — זאָגט זי — ניט עסען און ניט אָטעמען די פרישע לופט, און זיך אַלץ נעהמען דאָס לעבען, וועט זי לאַנג ניט אויסהאַלטען. איהרע קינדער וועלען בלייבען אָהן אַ מאַמען, און היפּאָליטוס, זייער שטיף-ברודער, וועט זיי באַזייטיגען פון טראָן, פאַרשקלאַפען זיי אפשר.

— וועגען וועמען רעדסטו? — פרעגט זי ענאָ'ן, מיט אויפרעגונג. — ענאָן גלויבט, אַז זי האָט היפּאָליטוס'ען פיינט, ווייל ער איז פון איהר מאַן'ס פריהערדיגער פרוי, און אַז אפילו זיין נאָמען קען זי ניט הערען.

פעדרא: — צו לאַנג פאַרטראָג איך די שולד און די שאַנד.

ענאָן: — וואָס פאַרא שולד, וואָס פאַרא שאַנד? וואָס פאַרא געוויסענביסע גריזשעט דיין הארץ? וואָס פאַרא פאַרברעכען ביסטו באַגאַנגען? דיינע הענט זיינען דאָך ריין פון בלוט.

פעדרא: — אַ דאַנק דעם הימעל, מיינע הענט זיינען ריין פון פאַרברעכען. הלואי וואָלטען די געטער באַוויליגט, אַז מיין הארץ זאָל זיין אַזוי אומשולדיג ווי מיינע הענט.

ענאָן: — וואָס זשע איז מיט דיר? וואָס פאַרא געדאַנקען האָסטו, אַז דיין געוויסען איז אַזוי צושראָקען?

פעדרא: — האָב איך דען ניט גענוג געזאָגט? האָב רחמנות, ענאָן! מעהר פאָדער פון מיר ניט. כדי איך זאָל ניט

מוזען זיך פולשטענדיג מודה זיין, שטאַרב איך.

די אַם פאַלט אויף די קניה און מיט געוויין בעט זי זיך ביי איהר איהר מעהר ניט צו מוטשען און בעסער אויסזאָגען דעם טרויעריגען סוד. זי פאַרזיכערט איהר, אַז איהרע ליפּען וועלען זיין פאַרשלאָסען. קען זי איהר ניט געטרויען ?

פעדראַ הייסט איהר אויפשטעהן. זי וועט איהר אַלץ אויס־זאָגען.

פעדראַ : — אַך ! ווענעראַ, די געטין פון ליבע, און איהר שרעקליכע פיינדשאַפט צו מיר ! דערמאָן זיך נאָר אָן די שרעקלי־כע משוגעת׳ן צו וועלכע זי האָט געטריבען מיין זעליגע מוטער (זי מיינט איהר מוטער׳ס פאַרליבען זיך אין דעם ווייסען אָקס).

ענאָן : — דאָס דאַרף אָפּגעמעקט ווערען פון דיין זכרון. דאָס מוז מען אויף אייביג באַגראָבען אין אַ טויטער שטילקייט. קיינ־מאָל טאָר מען דאָס ניט דערמאָנען.

פעדראַ : — אַך, אונזער פאַמיליע איז געווען אַזוי אומ־גליקליך. מיין ברודער האָט מען ערמאָרדעט. מיין שוועסטער אַריאַדנע האָט מען איבערגעלאָזען אויף אַן אינזעל אָן עלענדע, אַ פאַרגעסענע. יאָ, אומגליקליכע זיינען מיר אַלע ; איך בין אָבער די אומגליקליכסטע. עס איז ווענעראַ׳ס ווילען, אַז איך זאָל אומ־קומען, איך, דער לעצטער קרבן פון אַ פאַראורטיילטער משפחה.

ענאָן : — ביסטו פאַרליבט ?

פעדראַ : — יאָ, איך ברען פון פיבער און פון וואַהנזין.

ענאָן : — אין וועמען ?

פעדראַ : — אין דעם ליגט דאָס שרעקליכסטע. יאָ, איך ליב. מיינע ליפּען ציטערען דעם נאָמען אויסצוזאָגען.

ענאָן : — אין וועמען ?

פעדראַ : — דו קענסט איהם. ער איז דער זוהן פון דער אַמאַזאָן־פרוי, מיין שטיף־זוהן, וועמען איך האָב אַזוי אונטער־דריקט און פאַרפאָלגט.

ענאָן : — היפּאָליטוס ? גאָט מיינער !

פעדראַ : — יאָ, דו האָסט אָנגערופען דעם ריכטיגען נאָמען.

ענאָן : — די בלוט ווערט פאַרפראָרען אין מיינע אָדערען. אָה, פאַרצווייפלונג ! אָה, שלים־מזל׳דיגע רייזע ! צו וואָס זיינען

מיר געקומען אַהער וואו ער געפינט זיך? (דער פּלאַץ הייסט טרעצען, אַ שטעטעל אין גריכענלאַנד).

פעדרא: — מיין וואונד שטאַמט אָבער ניט פון נעכטען. נאָך זייענדיג אין אַטהענס, האָב איך דאָס דערפיהלט. איך בין קוים געוואָרען טהעזעאוס'עס פרוי, און פרידען און גליק האָבען געשיינט צו זיין פאַרזיכערט, ווי דאָס איז געשעהן. גלייך ווי איך האָב היפּאָליטוס'ען דערזעהן, האָבען זיך אין מיר גענומען בייטען די קאָלירען, און מיין נשמה איז צוטומעלט געוואָרען. אַ טומאַן האָט צוגעדעקט מיינע אויגען, מיין שטימע האָט זיך קוים געקענט ריהרען; און מיין בלוט איז געוואָרען דאָ ווי אייז, דאָ הייס ווי פיבער. אין מיין פיבערדיגען קערפּער האָב איך געפיהלט ווענערא'ן. איהר צאָרן האָט פאַרפאָלגט אַזוי פיל מענשען פון אונזער משפחה, און איצט האָט זי זיך גענומען צו מיר. איך האָב אויפגעשטעלט אַ טעמפּעל פאַר איהר. געבראַכט איהר קרבנות אָהן אַ שיעור; ווייראַך איהר געראויכערט. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. היפּאָליטוס איז אימער געשטאַנען פאַר מיינע אויגען. ווען איך האָב געבראַכט אַ קרבן אויף ווענערא'ס אַ מזבח, האָב איך אין אמת'ן דעם קרבן מקריב געווען ניט פאַר איהר, נאָר פאַר אַ גאָט — פאַר אַ מענשען — וואָס זיין נאָמען האָבען מיינע ליפּען ניט געטאָרט דערמאָנען. איך בין פון איהם געלאָפען. איך האָב געטאָן אַלץ וואָס איך האָב נאָר געקענט איהם אויסצומיידען. אָבער ווען ער איז אפילו ניט געווען פאַר מיינע אויגען, האָב איך איהם אַלץ געזעהן. אין זיין פאָטער'ס געשטאַלט האָב איך איהם געזעהן. דאַן האָב איך זיך געצוואונגען צו פאַרפאָלגען דעם שונא, וואָס איך ליב. איך האָב זיך געמאַכט אַז איך האָס איהם, ווי אַ שטיף־מוטער האַסט איהר שטיף־קינד. איך האָב געפאָדערט, אַז מען זאָל איהם פאַרטרייבען. מיט ווילדע געשרייען און אָהן אַן אויפהער האָב איך דאָס געפאָדערט, ביז איך האָב איהם אַרויסגעריסען פון זיין פאָטער'ס אָרעמס.

ענאָן: — און דאַן?

פעדרא: — דאַן איז מיר אַ ביסעל גרינגער געוואָרען. אין מיין אונטערטעניגקייט צו מיין מאַן, האָב איך זיך געצוואונגען צו פאַרבאָרגען מיין בענקעניש און זיך איבערגעבען צו מיין מאַן'ס הייראַטס־פאָדערונגען. דער האַרצלאָזער שיקזאַל האָט אָבער

אלץ צושטערט. מיין מאַן אליין, האָט מיך אַהער אין טרעצען, געבראַכט, וואוהין איך האָב היפּאָליטוס׳ען פאַרטריבען. און מיין אַלטע וואונד האָט זיך געעפענט מיט אַ פרישען שטראָם פון בלוט. וועגערא, די מעכטיגע וועגערא, האָט איהר קרבן ווידער אריינגע־נומען אין איהרע בארעמלאָזע הענט. איצט ערשט פיהל איך ווי גרויס מיין פאַרברעכען איז. אָן אימה נעמט מיך אָן. איך האָס מיין לעבען. מיין ליבע איז מיר העסליך. שטאַרבען וויל איך; שטאַרבען מיט אַ ריינעם נאָמען.

* * *

עס קומט אָן אַ נאַכריכט, אַז טהעזעאוס איז געשטאָרבען. דאָס פאָלק פון אַטהענס איז צוטיילט. אַ טייל וויל פעדרא׳ס יונגען זוהן פאַר אַ קעניג. אַנדערע זיינען פאַר היפּאָליטוס׳ען. ווידער אַנדערע ווילען די קרוין אָנטאָן אויף אריסיא׳ן, וואָרים זי איז דאָך אַ טאָכטער פון דער משפּחה, וואָס האָט פּרעטענזיעס אויף דעם טראָן פון אַטהענס, פון אַ פריהערדיגער צייט.

דאָס ענדערט די גאַנצע לאַגע. דאָס וויכטיגסטע פאַר פעד־רא׳ן באַשטעהט אין דעם, וואָס איהר זינד איז שוין מעהר קיין זינד ניט. וויבאַלד, אַז איהר מאַן איז טויט, הייסט דאָך דאָס שוין ניט, אַז זי ליבט איהר מאַן׳ס זוהן. זי מעג שוין ליבען היפּאָלי־טוס׳ען! זי איז שוין מעהר ניט קיין פאַרברעכערין. צוווייטענס, פאָדערען איהרע אינטערעסען און די אינטערעסען פון איהרע קינדער, אַז זי זאָל געהן האַנט־אין־האַנט מיט היפּאָליטוס׳ען קעגען אריסיא׳ן. (אַז ער ליבט אריסיא׳ן ווייס נאָך פעדרא ניט). מיט פאַראייניגטע קרעפטען, צוויי פּאַרטייען געגען איינער, וועלען זיי אריסיא׳ס צד לייכט באַזיגען. דאָס אַלץ ערקלערט פעדרא׳ן איהר אַם, ענאָן.

* * *

פון היפּאָליטוס׳עס שטאַנדפּונקט באַקומט אָבער די געשיכטע אַ גאַנץ אַנדער פּנים. זיין פאָטער איז טויט! האָט ער דאָך שוין ניט וואָס מורא צו האָבען צו ליבען אריסיא׳ן! דער ביטערער שונא פון איהר משפּחה עקזיסטירט שוין ניט מעהר. מעג ער,

היפּאָליטוס, איהר ליבען. נאָך מעהר: פאַראייניגט מיט איהר, וועט ער זיך שטעלען קעגען דעם צד, וואָס וויל פּעדראַ׳ס זוהן אַרויפזעצען אויפ׳ן טראָן.

היפּאָליטוס (צו אַריסיאַ׳ן): — איך באַפריי דיך פון דיין געפאַנגענשאַפט. דאָ אין טרעצען בין איך קעניג. איך גיב דיר דיין פרייהייט און איך בעט דיין האַנט.

אַריסיאַ איז איבעררּאַשט. עס גלויבט זיך איהר קוים, אַז טהעזעאוס׳עס זוהן זאָל אַזוי ריידען צו אַ קינד פון איהר משפּחה.

היפּאָליטוס: — וואָס בין איך, אַ ווילדער? און איז דען פאַראַן אַזאַ ווילדער מענש, וואָס וואָלט, קוקענדיג אויף דיין ליבען פּנים ניט געוואָרען מילד, צאַרט און איידעל? האָב איך דען כח צו באַקעמפען דיין צויבער?... איך האָב געשוויגען לאַנג גענוג. מיין ליבע צו דיר איז אַזוי גרויס, אַז איך וואָלט מעהר ניט גע־קענט שווייגען, ווען איך זאָל אפילו וועלען... וואו איך שטעה און וואו איך געה, זעה איך דיין טייערען געשטאַלט פאַר מיינע אויגען. שוין זעקס מאָנאַט ווי איך בין דיין שקלאַף. אַלע מיינע פריהערדיגע פאַרגעניגענס האָבען פאַרלאָרען זייער טעם. איך קען נאָר טראַכטען וועגען דיר. איך פלעג ליב האָבען אַרומצו־געהן אין וואַלד און שרייען מיט לוסטיגע קולות, כדי צו הערען זייער ווידער־קול. איצט הערט דער וואַלד פון מיר נאָר קרעכצען און זיפצען פון מיין פאַרליבטער נשמה.

מען זאָגט אָן היפּאָליטוס׳ען, אַז די קעניגין (פּעדראַ) וויל איהם זעהן.

*　*　*

פּעדראַ זיצט מיט איהר אַם, וואַרטענדיג אויף היפּאָליטוס׳ען.

— אַך, דאָס בלוט שטעלט זיך אָפּ אין מיינע אָדערען — זאָגט זי צו ענאָן׳ן — מיין צונג איז פאַרגליווערט. וואָס וועל איך איהם זאָגען?

ווען ער קומט אַריין, רעדט זי צו איהם וועגען איהר זוהן, איהר יתום. זי בעט איהם ער זאָל אויף איהם רחמנות האָבען. איצט האָט ער טויזענטער שונאים. זאָל ער, היפּאָליטוס, איהם באַשיצען. „איך ציטער ביי דעם געדאַנק, אַז דו וועסט אפשר פון איהם נעהמען ראַכע פאַר דעם האַס, וואָס איך האָב דיר אַרויס־

געוויזען" — ערקלערט זי. היפּאָליטוס פאַרזיכערט איהר אָבער, אַז אַזעלכע געדאַנקען קומען איהם אין קאָפּ ניט אַריין.

פעדרא: — ווען איהר וואָלט יאָ געהאַט אַזעלכע געדאַנקען, וואָלט איך אייך אויך ניט געקענט טאַדלען; וואָרים איך האָב אייך געגנוג שלעכטס געטאָן. דאָס ווייסט איהר, פּרינץ. הגם, וואָס ביי מיר אין האַרצען טוט זיך, קענט איהר ניט וויסען. אויף טריט און שריט האָב איך זיך אַרויסגעשטעלט אַלס אַ בלוט־שונא אייערער. איך האָב זיך ניט געקענט באַרוהיגען ביז דער ים האָט אייך פון מיר אָפּגעטיילט. איך האָב קיינעם ניט ערלויבט אייער נאָמען צו דערמאָנען אין מיין אָנוועזענהייט . . . און דאָך, אויב אייער האַס צו מיר שטאַמט פון מיין האַס צו אייך, איז ניטאָ אויף דער וועלט אַזאַ פרוי, וואָס פאַרדינט אַזוי אייער מיטלייד און פאַרדינט אַזוי ווייניג אייער שנאה.

היפּאָליטוס: — מאַדאַם, אייער טרייהייט צו אייערע קינדער און אייערע אומפריינדליכע געפיהלען צו מיר זיינען אַ נאַטירליכע זאַך. אַזעלכע באַציהונגען צו אַ זוהן פון איהר מאַן'ס אַ פריהער־דיגער פרוי טרעפען אין טויזענטער פאַמיליעס. אַן אַנדער פרוי אויף אייער פּלאַץ וואָלט ניט בעסער געווען צו מיר. אפשר נאָך אַ סך ערגער.

פעדרא: — אַך, פּרינץ, איך בין אָבער ניט ווי אַנדערע פרויען. די געטער האָבען מיר אַנדערש באַשאַפען. די אַנגסטען וואָס עסען אויף מיין האַרץ זיינען ניט פון דעם סאָרט, וואָס איהר מיינט.

היפּאָליטוס: — איצט איז אָבער ניט די צייט פאַר געוויסענס־ביסע, מאַדאַם. עס איז ניט אוממעגליך, אַז אייער מאַן איז גאָרניט טויט. אַלס ענטפער אויף אייערע תפלות וועט דער הימעל איהם אפשר אומקערען צו אייך. זיין פריינד און באַשיצער, נעפּטון, דער גאָט פון די ימים, האָט זיינעם אַ געבעט קיינמאָל ניט ענטזאָגט. און מיין פאָטער איז געפאָרען איבער ימים — נעפּטון'ס הערשאַפט.

פעדרא: — אַך, פּרינץ! — די, וואָס באַזוכען די פּאַלאַצען פון די טויטע, קערען זיך פון דאָרטען שוין ניט אום. טהעזעאוס איז געפאָהרען אין יענע קרייזען און מען קען שוין ניט האָפען, אַז דער הימעל וועט איהם ברענגען צוריק. און דאָך, און דאָך . . .

מיר דוכט זיך, פּרינץ, אַז ער לעבט און אָטעמט. איהר זייט אַזוי עהנליך צו איהם! ער לעבט אין אייך און אָטעמט מיט אייער אָטעם. מיר דאַכט זיך, אַז קוקענדיג אויף אייך, זעה איך איהם דאָ פאַר מיינע אויגען. צו איהם רייד איך דאָס, דאַכט מיר . . . אַך, מיין האַרץ! . . . וואָס רעד איך? בין איך פון זינען אַראָפּ?... מיינע אָנשטרענגונגען זיינען גאַנץ אומזיסט. איך קען מיין לײדענ־שאַפט ניט באַהאַלטען.

היפּאָליטוס: — יאָ, איך פאַרשטעה. דאָס איז די זאָנדער־באַרע ווירקונג פון ליבע און טרייהייט צו אייער מאַן. טהעזעאוס, הגם ער איז טויט, איז ער דאָך אָנוועזענד פאַר אייערע אויגען. עס דוכט זיך אייך, אַז איהר זעהט איהם, מאַדאַם, וואָרים אין אייער נשמה ברענט אַן אייביגער פלאַם פון טרייהייט צו איהם.

פעדראַ: — אַה, יאָ. איך בענק און איך לעכץ נאָך טהעזע־אוס'ען, אָבער איך זעה זיין לעבעדיגען געשטאַלט אין אייער גע־שטאַלט. ער האָט געהאַט אייער מינע, אייערע אויגען, אייער קול. אַזוי איז ער געוועזען, ווען ער איז געקומען אין קרעט, מיין געבורטס־פּלאַץ. פאַרוואָס זיינט איהר דאַן ניט געקומען צו אונז? אָה, פאַר־וואָס זייט איהר דאַן געוועזען צו יונג אונז צו באַזוכען? אייער פאָטער האָט דאַן דעם מינאָטאַור, דעם האַלב־אָקס־האַלב־מענש ערמאָרדעט. איהר וואָלט דאָך דאָס געקענט טאָן. אָנשטאָט אייער פאָטער צו העלפען דערביי, וואָלט אַריאַדנא, מיין שוועסטער, אייך געהאָלפען. אָבער, ניין! איך וואָלט אייך געהאָלפען! מיין ליבע וואָלט אין מיר דעם געדאַנק איינגעגעבען. אָה, מיט וואָס פאַר אַ פרייד און גליק איך וואָלט אייך באַגלייט דורך די קאָרידאָרען פון דעם לאַבירינט. מיט אייך, פּרינץ, וואָלט איך אַרויסגעקומען פון אַלע געפאַהרען. און אויב ניט, וואָלט איך גערען געשטאָרבען מיט אייך צוזאַמען.

היפּאָליטוס: — געטער! וואָס פאַר אַ ווערטער הער איך? האָט איהר פאַרגעסען, מאַדאַם, אַז טהעזעאוס איז מיין פאָטער און אייער מאַן?

פעדרא: — פאַר וואָס דוכט זיך אייך, אַז איך האָב פאַרלאָ־רען מיין זכרון און מיין עהרענגעפיהל?

היפּאָליטוס : — ענטשולדיגט מיר, מאַדאַם. מיט שאַנד מוז איך זיך מודה זיין, אַז איך האָב פאַלש פאַרשטאַנען אייערע ווערטער.

פעדראַ : — אַה, הארצלאָזער פרינץ! איהר האָט מיך פאַר־שטאַנען גאַנץ ריכטיג. איך האָב גערעדט קלאָר גענוג. איך ליב. ניט מיינט אָבער, אַז אין דעם מאָמענט, ווען איך ליב אייך אָמ־שטאַרקסטען, פיהל איך ניט מיין שולד. דער גיפט, וואָס ברענט אין מיין מאַרך, קומט ניט פון מיין ווילען. איך בין אַן אומגליק־ליכער קרבן פון אַ געטליכער ראַכע. איך האָב אָבער זיך אַליין מעהר פיינט ווי איהר האָט מיך פיינט. די געטער וואָס האָבען אָנגעצונדען דאָס פייער אין מיינע אָדערען, די געטער וואָס האָבען אַזאַ ווילדען תענוג ווען זיי פאַרפיהרען אַן אָרימע מענשליכע באַ־שעפעניש — זיי ווילען עדות זאָגען, אַז איך זאָג אייך דעם אמת. דערמאָנט זיך ווי אַזוי דאָס איז געווען. איך האָב זיך ניט באַ־נוגענט מיט דעם וואָס איך בין געלאָפען פון אייך. איך האָב אייך פאַרטריבען פון אַטהענס. איך האָב געוואָלט ווייזען דער וועלט, אַז איך בין אַ הארצלאָזע, אוממענשליכע שטיפמוטער. אום בע־סער זיך צו וועהרען קעגען אייך, האָב איך זיך באַמיהט צו מאַ־כען, אַז איהר זאָלט מיך האַסען. עס איז אָבער אַלץ געווען אומ־זיסט! וואָס מעהר איהר האָט מיר פיינט געהאַט, אַלץ מעהר האָב איך אייך געליבט. אייערע צרות האָבען פאַרגרעסערט אייער צויבער איבער מיר. איך פלעג זיך באָדען אין טרערען און זיך בראָטען אין פייער . . . מיינט איהר, אַז די שענדליכע ווערטער, וואָס איהר הערט דאָ פון מיר, האָב איך געהאַט אין זינען אייך צו זאָגען? . . . איך האָב זיך געקליבען אייך צו בעטען וועגען מיין זוהן. מיין שוואַכע הארץ איז אָבער צו פול מיט מיין ליבע צו אייך, אַז איך זאָל קענען רעדען וועגען עפּעס אַנדערש. נעהמט אייער נקמה! באַשטראָפט מיר פאַר מיין מיאוס׳ער ליידענשאַפט. פאָלגט דעם ביישפּיל פון אייער העלדישען פאָטער. ער האָט די וועלט באַפרייט פון דעם מינאָטאַור. באַפרייט איהר די וועלט פון אַן אַנדער עקעלהאַפטער באַשעפעניש — פון מיר! אָט איז מיין הארץ! שלאָגט! שטעכט מיך! באַפרייט מיך פון מיין לעבען! וואָס? איהר ווילט ניט באַשמוצען אייערע הענט? טאָ

גיט מיר אייער שווערד. שנעל! (ער געהט ארויס, איבערלאָזענדיג זיין שווערד).

* * *

ס'קומט אָן אַ נאַכריכט פון אַטהענס, אַז דער עולם האָט פעדראַ'ס זוהן אויסגעקליבען אַלס נאָכפאָלגער פון דעם טראָן; אַז באַלד וועלען קומען שלוחים מיט אָפיציעלע דאָקומענטען וועגען דעם.

היפּאָליטוס (צו טהעראַמענעס'ען, זיין לעהרער): — אָה, געטער! איהר ווייסט וואָס עס קומט פאָר אין איהר זינדיגער נשמה. איז דאָס דאָס געצאָהלט וואָס איהר גיט איהר פאַר איהרע זינד?

טהעראַמענעס: — עס איז פאַראַן אַ קלאַנג, הגם ניט קיין דייטליכער, אַז טהעזעאוס איז ניט טויט. מען האָט איהם געזעהן אין עפּירוס.

היפּאָליטוס: — דעם קלאַנג מוז מען גרינדליך אונטערזוכען. אויב עס איז ניט אמת, לאָמיר אַוועקפאָהרען פון דאַנען! זאָל אַ שיף זיין געגרייט.

פעדראַ (זי ווייס נאָך ניט פון דעם באַריכט, אַז טהעזעאוס לעבט. זי רעדט צו ווענעראַ'ן, דער געטין פון ליבע): — באַרמהאַרציגע ווענעראַ! דו זעהסט דאָך ווי פאַרשעהמט און צוטומעלט איך בין. צי דען בין איך נאָך ניט אויסגעשטאַנען גענוג באַלייידיגונגען? אַלע פּיילען, וואָס דו האָסט געצילט אין מיר, האָבען מיך געטראָפען. דיין זיג איבער מיר איז אַ פאָלשטענדיגער. וואָס נאָך ווילסטו? אויב דו גאַרסט נאָך אַ נייעם זיג, נעהם זיך פאַרפאָלגען אַ שונא, וואָס איז פאַרביסענער ווי איך. היפּאָליטוס פאַרנאַכלעסיגט דיך. דיין צאָרן אַרט איהם ניט. ליבע אינטערעסירט איהם ניט. פרויען ריהרען ניט זיין האַרץ. אויך ברענגט ער קיינמאָל ניט קיין קרבן אויף דיינע מזבחות. זיינע שטאָלצע אויערען קענען דיין נאָמען ניט פאַרטראָגען. מיינע אינטערעסען און דיינע זיינען די זעלבע. נעהם־זשע נקמה פון איהם! צווינג איהם צו ליבען . . .

עס קומט אריין ענאָן, פעדראַ'ס אַם.

ענאָן: — מאַדאַם! איהר מוזט אייער ליבע דערשטיקען. קעהרט זיך אום צו אייער פריהערדיגער ריינקייט! דער קעניג לעבט. ער איז שוין דאָ. באַלד וועט איהר איהם זעהן. דער עולם רייסט זיך איהם אַרויסצואווייזען טרייהייט. איך בין געגאַנגען ערפילען אייער באַפעהל, געפינען דעם פּרינץ און איהם רופען צו אייך. האָב איך דערהערט אַ טויזענטפאַכען יובעל־געשריי פון דער מאַסע, וואָס האָט זיך דערפרעהט מיט׳ן קעניג.

פעדרא: — אָה, געטער! איך וועל באַגריסען מיין מאַן און זיין זוהן וועט דאָס זעהן, זיין זוהן פאַר וועמען איך האָב אויסגעגאָסען מיין פאַרליבטע האַרץ. היפּאָליטוס וויים שוין פון מיין שווערער זינד, און ער וועט צוקוקען ווי איך פּרעה זיך בלומרשט מיט מיין מאַן׳ם קומען! . . . ווי דענקסטו? וועט ער דאָס פאַרבאָרגען פון זיין פאָטער? וועט ער דאָס טאָן, ווענינ־סטענס, כדי זיין פאָטער צו רעטען פון שאַנד און ערגערניש? . . . בלויז דער טויט קען מיך פון מיין אומגליק באַפרייען. אַ, וואָס פאַר אַ פלעק איך לאָז איבער פאַר מיינע קינדער! דאָס בלוט פון מיין זיידען צעאוס, דעם אַלמעכטיגען קעניג פון אַלע געטער — זיין בלוט פליסט אין די אָדערען פון מיינע קינדער. קען דען זיין אַ גרעסערער יחוס? קען דען זיין אַ שעהנערע ירושה? אָבער דער פאַרברעכען פון זייער מוטער וועט זיין אַ שרעקליכער אנ־דענק פאַר זיי. איך לאָז זיי איבער אַזאַ חרפּה, אַז זיי וועלען קיינמאָל ניט קענען אויפהויבען זייערע אויגען.

ענאָן: — צי דען ליבט איהר נאָך היפּאָליטוס׳ען? צי דען האָט זיין עקעלהאַפטער פּנים נאָך אַלץ חן אין אייערע אויגען?

פעדרא: — ניין, נאָך דעם ווי איך האָב איהם ענטפּלעקט מיין נשמה, נאָך דעם ווי איך האָב איהם געמאַכט פאַר אַן עדות פון מיין שאַנד, איז ער ווי אַ שרעקליכע באַשעפעניש אין מיינע **אויגען.**

ענאָן: — אויב אַזוי, טאָ צו וואָס זאָלט איהר איהם לאָזען האָבען אַ לייכטען זיג איבער אייך? צו וואָס זאָל ער זיין דער ערשטער דעם קעניג צו דערצעהלען, וואָס צווישען אייך איז פאָר־געקומען? איהר האָט מורא פאַר איהם. ניט אמת? נו, טאָ זייט די ערשטע. באַשולדיגט איהם פאַר זיין פאָטער איידער ער וועט איהם אויסזאָגען וואָס ער וויים וועגען אייך. זאָגט, אַז ער

איז דער שולדיגער, אז ער האָט אייך זיך אין ליבע ערקלערט. ווער קען באַווייזען, אַז וואָס איהר זאָגט איז ניט אמת? איהר האָט דאָך באַווייזע: זיין שווערד איז ביי אייך! דאָס איז איינס. אַ צווייטער באַווייז איז דאָס וואָס איהר האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל איהם פאַרטרייבען פון אַטהענס. איהר האָט דאָך זיין פאָטער געוואָרענט, אַז ער זאָל איהם אוועקנעמען פון אייך. איהר פאַר־שטעהט, מאַדאַם? אַלץ איז דאָך אַזוי קלאָר!...

פעדרא: — וואָס? דו ווילסט, אַז איך זאָל מאַכען אַ בלבול אויף אַן אומשולדיגען מענשען?

ענאָן: — ניט איהר וועט דאָס טאָן. אַלץ וואָס איך פאַר־לאַנג פון אייך, מאַדאַם, איז, אַז איהר זאָלט שווייגען. דאָס אי־בעריגע לאָזט איבער צו מיר. מיינט איהר, מאַדאַם, אַז מיר איז דאָס אַנגענעם? איך האָס דאָס ווי דעם טויט. איך וויל אָבער ראַטעווען אייער לעבען; וואָרים, ווען איך טו דאָס ניט, וועט איהר אויסגעהן ווי אַ ליכט. איך זעה דאָך ווי איהר פיהלט. און וואָס האָט איהר מורא? דאָס ערגסטע וואָס קען געשעהן איז, אַז דער קעניג וועט היפּאָליטוס'ען ווידער פאַרשיקען ערגעצוואו. אייער נאָמען וועט בלייבען ריין. דאָס איז דער עיקר. אַ ריינער נאָמען איז דער גרעסטער אוצר וואָס אַ מענש קען האָבען פאַר זיך און פאַר זיינע קינדער.

פעדרא: — טו ווי דו פאַרשטעהסט. איך לאָז מיין שיקזאַל איבער אין דיינע הענט. איך קען זיך ניט העלפען.

(עס באַווייזען זיך טהעזעאוס, היפּאָליטוס און טהעראַמענעס).

טהעזעאוס (צו פעדרא'ן): — דער שיקזאַל שטעלט זיך שוין מעהר ניט קעגען מיין וואונש, מאַדאַם. אָט האָט ער מיך צוריק־געבראַכט צו אייך (ער וויל איהר אַרומנעמען).

פעדרא: — וואַרט, טהעזעאוס! פאַרשוועך ניט דיין ליבע, וועלכע איז מיר אַמאָל געווען אַזוי זיס און וועלכע איך האָב מעהר ניט קיין רעכט צו געניסען. אַ גרויסע עולה איז געגען דיר באַגאַנ־גען געוואָרען. דער שיקזאַל האָט געהאַנדעלט ביידזוויליג. איך פאַרדין ניט געצערטעלט צו ווערען פון דיר. איך וויים איצט נאָר פון איין דאגה: ווי אַזוי צו פאַרטראָגען מיין שאַנד (זי געהט אַרוים).

טהעזעאוס (צו היפּאָליטוס'ען) : — אַ מאָדנעם קבלת פּנים באַקומט דיין פאָטער! וואָס הייסט עס? וואָס מיינט זי?

היפּאָליטוס : — דאָס איז אַ געהיימניס, וועלכע נאָר פעדרא קען לייזען. אויב מיינער אַ וואונש קען אויף דיר ווירקען, פאָטער, ערלויב מיר איהר מעהר ניט צו זעהן. ערלויב מיר אויף אימער צו פארשווינדען פון דער היים, וואו זי געפינט זיך.

טהעזעאוס : — דו, מיין זוהן! דו ווילסט מיך פארלאָזען?

היפּאָליטוס : — עס האָט מיר דערעסען ארומצוגעהן אָהן באַשעפטיגונג. אין מיינע יאָהרען האָסטו, פאָטער טייערער, שוין אויפגעטאָן העלדישע מעשים. דו האָסט אָפּגעראָמט די וועלט פון געפעהרליכע באַשעפענישען, פון מערדער און פון רויבער. לאָז מיר אויך עפּעס פּרואווען טאָן. לאָז מיר באַווייזען, אַז איך בין ווערט צו זיין אַ זוהן פון אַזאַ גלאָררייכען פאָטער.

טהעזעאוס : — וואָס טוט זיך דאָ? וואָס פאַר אַ' שרעק באַפאַלט דאָ מיין פאַמיליע, אַז יעדער גאַרט צו אנטלויפען פון מיר? איך האָב זיך גענוג אָנגעליטען אויף מיין רייזע. גענוג געפאַהרען בין איך אויסגעשטאַנען. אין אַ שרעקליכער געפאַנגענשאַפט בין איך געווען. אין פינסטערע קעלערען נאָהענט לעבען גיהנום בין איך געלעגען. און ווען דער הימעל האָט זיך ענדליך דערבאַרעמט און איך האָב מיט אומגעדולד זיך אומגעקערט צו מיינע טייערע, געפין איך אָנשטאָט אַ ווילקאָמען, שרעק און אַ באַגעהר צו אַנטלויפען פון מיר . . . פעדרא זאָגט, אַז מען איז באַגאַנגען געגען מיר אַ גרויסען אונרעכט . . . וואָס הייסט דאָס? ווער האָט מיך פאַראַטען? רעד, היפּאָליטוס! פאַרוואָס האָט מען דעם שולדיגען ניט באַשטראָפט? ביסטו, מיין זוהן, מיין אייגען טייער קינד, ביסטו איינער פון מיינע שונאים? איך מוז אַלץ וויסען! איך מוז וואָס שנעלער דערגעהן אין וואָס עס באַשטעהט דער פאַרברעכען געגען מיר און ווער עס זיינען די פאַרברעכער. און פעדרא מוז ערקלערען פאַר וואָס זי איז אַזוי צוטראָגען און נידערגעשלאָגען.

היפּאָליטוס (בלייבענדיג אַליין מיט טהעראַמענעס'ען) : — וואָס וועט איצט זיין? וועט פעדרא אין איהר וואַהנזין אויסזאָגען דעם גאַנצען אמת, באַשולדיגען זיך און ברענגען אויף זיך פאַרניכטונג? וואָס וועט דער קעניג דאַן זאָגען? אָ, געטער! וואָס

פאַר אַ פירכטערליכען גיפט די ליבע האָט דאָס פאַרשפּרייט איבער אונזער גאַנצען הויז! איך ברען דאָך אויך מיט אַ פייער, וועלכען מיין פאָטער וועט פאַרדאַמען. איך ציטער אפילו זיך פאָרצושטעלען וואָס עס וועט געשעהן, ווען ער וועט זיך דערוויסען וועגען מיין געפיהל צו אריסיאַ . . . אָבער אונשולד, ריינע ליבע האָט ניט וואָס מורא צו האָבען . . . קום, טהעראַמענעס, קום ערגעצוואו און לאָמיר באַטראַכטען ווי מיין פאָטער'ס הארץ צו ריהרען, מיין ליבע צו אריסיאַ'ן זאָל אין איהם ארויסרופען די צערטליכקייט פון אַ ליבענדען פאָטער.

דרייסיגסטער קאַפּיטעל

דער באַריהמטער פערטער אַקט. — דער פינפטער אַקט און שלום

דער פערטער אַקט פאַנגט זיך אָן מיט אַ געשפּרעך צווישען טהעזעאוס'ען און ענאָן'ען. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, האַלטען זיי אין ריידען. ענאָן האָט טהעזעאוס'ען שוין געזאָגט, אַז זיין זוהן היפּאָליטוס ליבט פעדראַ'ן; אַז זי האָט ביי איהם ארויסגעריסען דעם שווערד פון זיין האַנט.

טהעזעאוס: — אַך! וואָס מיינע אויערען הערען! אַזאַ פאַררעטער! הייסט עס, ער האָט געוואָלט באַשמוצען די עהרע פון זיין אייגענעם פאָטער! ווי מערדערליך דער שיקזאַל פאַרפאָלגט דאָס מיך! ס'הייסט, אַלזאָ, אַז דער לומפּ, מיין זוהן, האָט זיך זאָגאַר ניט אָפּגעשטעלט פאַר אַ גוואַלט-מיטעל. יאָ, איך קען זיין שווערד גאַנץ גוט. דאָס איז דער שווערד, וואָס איך האָב איהם געשאָנקען פאַר נאָבעלערע צוועקען. אפילו די הייליגע פעדים, וואָס פאַרבינדען אַ זוהן מיט אַ פאָטער, האָבען איהם ניט אָפּגעשטעלט. און פעדראַ? איז איהר ניט-אָנגענעם דער געדאַנק, אַז מען וועט איהם באַשטראָפען? זי שווייגט. הייסט עס, אַז זי וויל דעם פאַרברעכער ראַטעווען פון זיין שטראָף?

ענאָן: — ניין, עס הייסט, אַז זי וויל אָן אומגליקליכען פאָטער ראַטעווען פון וועהטאָג. פון דעם טריפה'נעם פלאַם וואָס זי האָט אין איהם אָנגעצונדען, פון דעם פייער וואָס האָט איהם גע-

טריבען צו אזא שרעקליכען פארברעכען — דערפון האט זי אזא בושה, אז זי וויל שטארבען. איך האב געזעהן ווי זי הויבט איהר האנט אויף זיך, און איך בין צוגעלאפען און איהר אפגעשטעלט. ווען ניט איך, וואלט זי שוין געווען טויט. און בלויז מיין מיט־לייד אויף אייךביידען — אויף אייך, מיין האר, און אויף איהר — בלויז מיין מיטלייד אויף אייך האט מיר געצוואונגען אייך צו דערצעהלען וואס דא האט פאסירט. איך טו דאס קעגען מיין ווילען.

טהעזעאוס: — אזא פאררעטער! איצט פארשטעה איך שוין פאר וואס ער איז געווען אזוי אונרוהיג און צושראקען ווען איך בין געקומען! די קאלטע אויפנאמע, וואס ער האט מיר געגעבען, האט אין מיר דערשטיקט מיין צערטליכקייט. זאג מיר, אם, האט ער זיין פארברעכערישען געפיהל איהר ערקלעהרט אין אטהענס איידער איך האב איהם פארשיקט פון דארטען?

ענאן: — איהר גערענקט דאך, מיין האר, ווי די קעניגין האט זיך ביי אייך געבעטען איהם צו פארשיקען. זיין פארברעכע־רישע ליבע האט דאס געשאפען איהר האס צו איהם.

טהעזעאוס: — און דא אין טרעצען האט דער פייער ווידער אין איהם אויסגעבראכען?

ענאן: — יא! איך האב אייך באריכטעט אלץ, מיין האר. איצט מוז איך לויפען צו דער מאדאם. אין איהר איצטיגען צו־שטאנד טאר מען איהר אויף לאנג ניט איבערלאזען אליין.

(זי געהט אוועק, עס קומט אריין היפאליטוס).

טהעזעאוס (צו זיך, דערזעהענדיג זיין זוהן פון ווייטען): — אהא! אט איז ער! געטער גרויסע! קוקענדיג אויף איהם וואלט מען געקענט מיינען, אז ער איז א צדיק. ווי קומט עס? פאר וואס זאל דער הייליגער געשטאלט פון אונשולד שיינען אויף דעם פנים פון אזא לומפ? פאר וואס זאל די שווארצע הארץ פון א פאר־ברעכער ניט זיין קענטיג אויף זיין שטערען?

היפאליטוס: — פאטער טייערער! מעג איך פרעגען פאר־וואס דיין מאיעסטעטישע געזיכט זעהט אויס אזוי צוטראגען? קענסטו דען דיין אייגענעם זוהן ניט פארטרויען דעם סוד?

טהעזעאוס: — פאררעטער! ווי וואגסטו זיך צו ווייזען פאר מיר? אומנאטירליכע באשעפעניש וואס דו ביזט! פון דער

רויבער־באַנדע, וועלכע כ׳האָב אויסגעראָטען, ביזטו דער איינציגער, וואָס איז לעבען געבליבען. דיין טהירישע תאוה איז אַזוי גרויס, אַז אפילו פאַר מיין הייראַט האָסטו קיין רעספּעקט ניט. דו וואַגסט נאָך צו קומען צו מיר? דו, מיין נידערטרעכטיגער שונא! און וואו? דאָ אין דיזען פּלאַץ, צווישען דיזע ווענט, וועלכע זיינען די עדות פון דיין שטוינענדען פאַרברעכען. אָנשטאָט צו אַנטלויפען מיט דיין שאַנד אין אַ וויטען אונבאַקאַנטען געגענד האָסטו די חוצפּה מיך צו באַזוכען? פאַרשווינד, פאַררעטער מיאוס׳ער! לויף וואו דיינע טריפה׳נע אויגען וועלען דיך טראָגען! מיין בושה איז גרויס גענוג פון דעם, וואָס איך בין דער פאָטער פון אַזאַ הולטאַיסקען זוהן. צווינג מיר ניט דעם צעטעל פון מיינע בראַווע זיגען מיט דעם טויט פון מיין אייגען קינד צו באַפלעקען. אַוועק פון דאַנען! זאָל דיין פוס מעהר קיינמאָל ניט אָנריהרען מיין ערד! זאָלען אַלע קרייזען, איבער וועלכע איך רעגיר, באַפרייט ווערען פון דיין שענדליכער אָנוועזענהייט! אַוועק! שנעל! און קעהר זיך קיינמאָל ניט אום! (ווענדענדיג זיך צו נעפּטונ׳ען, דעם גאָט פון די ימים, וועלכער איז באַפריינדעט מיט איהם) גרויסער נעפּטון! איך ווענד זיך צו דיר! אָקאָרשט האָב איך די ברעגעס פון דיינע ימים באַפרייט פון באַנדיטען און מערדער. פאַרווירקליך־זשע דעם צוזאָג וואָס דו האָסט מיר געגעבען מיך צו באַפרידיגען פאַר מיינע בראַווע טהאַטען! איך האָב זיך צו דיר ניט געווענדעט. איצט אָבער איז געקומען די צייט ווען איך נויטיג זיך אין דיין געטליכע הילף. נעהם נקמה פון אַ באַליידיגטען, אומגליקליכען פאָטער! דעם פאַררעטער לאָז איך איבער פאַר דיין מעכטיגען צאָרן. אין זיין בלוט דערטרינק דעם טריפה׳נעם פייער פון זיין שמוציגער תאוה!

היפּאָליטוס: — פעדרא באַשולדיגט מיך אין אַן אומאָנשטענדיגען געפיהל. דער סקאַנדאַל דערפון ערשטוינט מיך. מיין נשמה איז פאַרווירט. מיין מוח מישט זיך אין מיר. די ווערטער פּלאָנטערען זיך אין מיין מויל. מיין צונג איז פּאַראַליזירט.

טהעזעאוס: — פאַררעטער! דו האָסט גערעכענט, אַז אין איהר באַשיידענהייט און בושה וועט זי דיין פאַרברעכען אין איהר שטילשווייגען באַגראָבען. אָבער אַנטלויפענדיג פון איהר צאָרן האָסטו ביי איהר איבערגעלאָזען דיין שווערד. איבערגעלאָזען אַ

קלאָרען באווייז פון דיין לומפעריי. כדי צו פארענדיגען דיין פאר־ברעכען האָסטו געוואָלט איהר איבערלאָזען א טויטע.

היפּאָליטוס: — איך וואָלט זיך לייכט געקענט ריינוואשען, ווען איך וואָלט נאָר דערצעהלט דעם אמת. אום אָבער צו ראַ־טעווען דיין עהרע, וועל איך דאָס ניט טאָן. מיין רעספּעקט צו דיר פארשליסט מיינע ליפּען. איך וועל נאָר זאָגען, אז ווען דו וועסט בעטראַכטען מיין גאַנצען לעבען, וועסטו זיך איבער־צייגען, אז דאָס איז א לעבען פון ריינער, ניט־באַפלעקטער מאָראַל. דער סאָרט פארברעכען, אין וועלכען מען באשולדיגט מיך, איז מיר אימער דערווידער, אימער אבשטויסענד. דאָס ווייס גאַנץ גריכענלאַנד. תאוה האָב איך צו זיך ניט צוגעלאָזען. אזוי ווייט בין איך געגאַנגען אויף דעם דאָזיגען וועג, אז מען האָט מיך קריי־טיקירט פאַר וואָס איך בין צוריקגעהאַלטען פון דעם פרויען־גע־שלעכט. דאָס ליכט פון דער זון איז ניט ריינער ווי מיין הארץ. ווי אזוי־זשע איז דאָס מעגליך, אז איך זאָל זיך אָנצינדען ניט נאָר מיט תאוה, נאָר מיט א תאוה פון אזא שוידערליכען סאָרט?

טהעזעאוס: — אך, דו נידערטרעכטיגער! דיין קאַלטקייט צו אַנדערע פרויען איז פארשטענדליך. פעדרא, און נאָר פעדרא, האָט דיינע שאַנדלאָזע אויגען פאַר׳כישופ׳ט. דיין נשמה איז צו דעם צויבער פון געזעצליכער ליבע געבליבען גלייכגילטיג. כשר׳ער חן אינטערעסירט דיר ניט.

היפּאָליטוס: — ניין, פאָטער טייערער! האָסט א טעות. צו לאַנג האָב איך פארבאָרגען פון דיר דעם צושטאַנד פון מיין הארץ. ניין, פאָטער, די הייליגע פלאַמען פון כשר׳ע ליבע זיינען מיר ניט פרעמד. איצט וועל איך זיך פאר דיר מודה זיין. איך בין פאַרליבט. מיין צערטליכע געליבטע איז אָבער ליידער אויך ניט דיין וואונש. אריסיא, די טאָכטער פון פאַלאַס, ווענען דו האָסט אימער אזוי געהאסט, זי געוועלטיגט איבער מיין הארץ. זי אליין. זי איז די איינציגע אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס באַצויבערט מיר.

טהעזעאוס: — דו ליבסט איהר? אך, הימלען! אָבער ניין! איך קען זעהן דעם שווינדעל. כדי צו פארשטעלען דעם אמת׳ן פארברעכען, ביסטו זיך כלומרשט מודה אין א קלענערער נידערטרעכטיגקייט.

היפּאָליטוס: — האַר מיינער! זעקס מאָנאַט האָב איך פון אַריסיאַ׳ן געוויכט. איך ליב איהר אָבער אַלץ. דו ביסט דער ערשטער פאַר וועמען איך זאָג אויס מיין סוד. וועט קיין זאַך אויף דער וועלט דיין מוח ניט באַפרייען פון דיין טעות? מיט וואָס פאַר אַ שבועה וועל איך דיר קענען איבערצייגען, אַז וואָס איך זאָג איז דער ריינער אמת? איך שווער ביי דעם הימעל און ביי דער ערד. איך שווער ביי אַלע כחות פון דער וועלט.

טהעזעאוס: — פאַרברעכער שטעלען זיך פאַר אַ פאַלשער שבועה ניט אָפּ. גענוג זיך שווערען! עס וועט דיר גאָר ניט העלפען.

היפּאָליטוס: — דו גלויבסט, אַז מיינע ווערטער און שבועות זיינען פאַלש. פעדראַ אָבער וויים, אַז זיי זיינען אמת און אויפ־ריכטיג.

טהעזעאוס: — אָ, גענוג צו רייצען מיין צאָרן! גענוג צו שיטען זאַלץ אויף מיינע וואונדען! גענוג!

היפּאָליטוס: — וואוהין ווילסטו איך זאָל אַנטלויפען? דו באַשולדיגסט מיר אין אַ טריפה׳נער תאוה, אין אַ פאַרברעכערי־שער ליידענשאַפט. איך האַלט מויל. באַטראַכט נאָר איין זאַך. באַטראַכט נאָר פון וועמען פעדראַ שטאַמט. דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איהר מוטער איז געווען געניגט צו אוננאַטירליכע פאַרלאַנגען (אָן אָנצוהערעניש, אַז פעדראַ׳ס מוטער האָט זיך פאַרליבט אין אַן אָקס).

טהעזעאוס: — ווי וואַגסטו אַזעלכעס צו זאָגען? ביסטו אַזוי ווילד פון כעס, אַז דו פאַרגעסט מיט וועמען דו רעדסט? דאָס לעצטע מאָל זאָג איך דיר: אַוועק פון מיינע אויגען, פאַר־רעטער! מעהר וויל איך דיין פנים ניט אָנקוקען!

טהעזעאוס (בלייבענדיג אַליין און רעדענדיג צו זיך): — אַזאַ לומפּ! ער וועט שוין האָבען זיין שטראָף. דער גאָט נעפּטון האָט פאַר מיר געשוואָרען מיט דער הייליגסטער געטליכער שבועה, אַז זיין פאַרשפּרעכען וועט מקוים ווערען. היפּאָליטוס קען שוין נעפּטונ׳ס נקמה ניט אויסמיידען . . . אַך! איך האָב איהם אַזוי געליבט, מיין זוהן. און אפילו איצט, טראָץ זיין פאַרברעכען,

איז מיין הארץ ניט רוהיג. ער איז אָבער אַליין שולדיג. קען דען א פאָטער האָבען א בעסערע אורזאך צו ברענען מיט צאָרן?

(עס קומט אריין פעדרא).

פעדרא: — מיין האר! איך קום צו דיר א צושראָקענע. דיין בייזער קול האָט דערגרייכט מיינע אויערען און איך ציטער פאַר דעם געדאנק, אז דו וועסט טאָן עפּעס שרעקליכעס. אויב עס איז נאָך ניט צו־שפּעט, בעט איך דיך: ברענג ניט אום דיין אייגען קינד. באַפריי מיך פון דעם אייביגען וועהטאָג, וואָס איך וועל האָבען פון דעם באוואוסטזיין, אז איך בין די אורזאך פאַר וואָס דו האָסט פארגאָסען דיין זוהנ׳ס בלוט.

טהעזעאוס: — פון אזא פלעק איז מיין האנט פריי. זיין פארניכטונג וועט קומען ניט פון א מענשען, נאָר פון א גאָט. נעפּטון וועט דאָס טאָן, ניט איך. דער גאָט פון די ימים וועט ראכע נעמען פאַר דיר.

פעדרא: — נעפּטונ׳ען האָסטו געבעטען? אין א הייסער מינוט פון כעס האָסטו באשטעלט דיין זוהנ׳ס טויט?

טהעזעאוס: — בארוהיג זיך! ער וועט באקומען דאָס, וואָס ער פארדינט. דו ווייסט ניט ווי וויט ער געהט אין זיין לומפּעריי. ער איז אזוי ווילד פון כעס אויף דיר, אז ער ערלויבט זיך צו מאַכען בלבולים אויף דיר. דערצעהל מיר אַלץ, פעדרא טייערע! וואָרים ער האָט די חוצפּה דיך צו באריידען. ער זאָגט, אז דיין מויל איז פול מיט ליגען; און צו באווייזען זיין אונשולד דערצעהלט ער מיר, אז אריסיא האָט זיין הארץ און זיין נשמה; אז זי איז די איינציגע וואָס ער האָט ליב.

פעדרא: — אריסיא?

טהעזעאוס: — יאָ, אזוי זאָגט ער. מיט אזעלכע ליגענס און תירוצים וועט ער מיינע אויגען אָבער ניט פארבלענדען. לאָמיר האָפען, אז נעפּטון וועט שנעל דורכפיהרען די פאָדערונגען פון גערעכטיגקייט געגען איהם.

פעדרא (זי בלייבט אליין און זי רעדט צו זיך): — וואָס פאַר א שרעקליכע נייעס! היפּאָליטוס איז פארליבט, אָבער ניט אין מיר, נאָר אין אן אנדערער! א נייער קלאַפּ, א גרויזאַמער. א נייער וועהטאָג אין מיין הארצען . . . מיין געוויסען האָט מיך ניט געלאָזט רוהען; בין איך געלאָפען ראַטעווען היפּאָליטוס׳ען. איך

האָב דאָס געוואָלט טאָן מיט'ן גאַנצען הארצען; איך בין געלאָ־פען צו זיין פאָטער צו העלפען איהם, היפּאָליטוס'ען. און ווען מיין קול וואָלט ניט געווען געשטערט פון מיין שאַנד, וואָלט איך מיין מאַן אויסגעזאָגט דעם גאַנצען אמת. איך וואָלט זיך אין אַלץ מודה געווען . . . אָך, געטער! איך האָב געמיינט, אַז היפּאָ־ליטוס איז איבערהויפּט ניט אימשטאַנד צו ליבען. איך האָב זיך געטרייסט מיט דעם געדאַנק, אַז ער קען ניט האָבען קיין געפיהל צו קיין פרוי אויף דער וועלט; אַז איך בין ניט די איינציגע, וואָס רירט ניט זיין הארץ . . . צייגט זיך אָבער אַרויס, אַז ער קען יאָ ליבען, אָבער ניט מיך! אַריסיאַ האָט זיין הארץ. צו איהר איז ער פאַר'קנס'ט. אפשר איז זיין הארץ ווייך און צערטליך, און איך בין די איינציגע פרוי, וואָס ער קען ניט פאַרטראָגען? זאָל איך איהם פאַרטיידיגען?

* * *

פעדרא זאָגט ענאָן'ען, איהר אַם, וואָס זי האָט געהערט וועגען היפּאָליטוס'עס ליבע צו אַריסיאַ'ן.

פעדרא: — אַ נייער אַנגסט, נייע יסורים! אַ שמערץ, וועל־כען איך האָב נאָך קיינמאָל ניט פאַרזוכט. אַלץ וואָס איך האָב דורכגעלעבט — די באַגייסטערונג פון ליבע, דער באַגעהר, די דורשט פון מיין נשמה, די אַנגסטען, די שרעקען, די באַרמלאָזע וועהטאָגען פון געוויסענסביסע, די חרפּה פון היפּאָליטוס'עס גלייכ־גילטיגקייט צו מיר — דאָס אַלץ איז נאָר אַ שוואַכע הקדמה צו די יסורים און מאַטערנישען וואָס איך האָב איצטער. זיי ליבען זיך! מיט וואָס פאַר אַ כישוף האָבען זיי דאָס באַהאַלטען פון מיר? וואו, ווען און ווי אַזוי האָבען זיי זייערע באַגעגענישען געהאַט? פאַרוואָס האָט מען מיך גענאַרט? דו, אַם, האָסט מיר קיינמאָל ניט געזאָגט וועגען זייערע געהיימע שטונדען, ווען זיי האַלזען זיך און קושען זיך. האָט מען זיי אָפט געזעהן שמועסענ־דיג? האָבען זיי זיך באַגעגענט אין וואַלד? וועה איז מיר! וועה איז מיר! זיי זיינען געווען פריי זיך צו זעהן. זייער ליבע האָבען די געטער געבענשט. יעדען פריהמאָרגען, ווען די זון איז אויפ־געגאַנגען, האָט זי פאַר זייביידען געשיינט. זיי האָבען זיך גע־

ליבט ניט פיהלענדיג קיין שום פארברעכען אין זייער גליק; און איך האב געמוזט אויסמיידען די שיין פון דער זון. איך האב געוואלט מאכען א סוף צו מיין אומגליקליכען לעבען. דער טויט איז דער איינציגער גאט, ביי וועמען איך מעג בעטען הילף. מיינע אויגען זיינען געווען פול מיט טרערען. גאל איז געווען מיין איינ־ציגע שפייז. אפילו מיט מיינע טרערען האב איך זיך געמוזט באהאלטען. דערשטיקענדיג אין זיך מיין וועהטאג, האב איך זיך געמוזט מאכען צופרידען און פרעהליך. אנשטאט טרערען, האב איך געמוזט ווייזען א שמייכעל.

ענאן: — וואס וועט זיי ארויסקומען פון זייער ליבע? מעהר וועלען זיי זיך שוין קיינמאל ניט זעהן.

פעדרא: — ניין, ענאן. זייער ליבע וועט אנהאלטען אייביג. אט אין דעם מאמענט, בשעת איך רייד צו דיר, לאכען זיי זיך אויס פון מיין פארוואונדעטער הארץ. טראץ דעם, וואס ער ווערט פארשיקט, פארזיגלען זיי זייער געגענזייטיגע טרייהייט מיט טויזענט שבועות. ווי אזוי קען איך דאס אויסהאלטען, ענאן? ווי אזוי קען איך פארטראגען זייער נחת? איך דורשט נאך דיין סימפאטיע און מיטלייד. אריסיא מוז פארניכטעט ווערען! דער האס וואס מיין מאן פיהלט צו איהר משפחה, מוז אפגעפרישט ווערען. מען מוז איהר באשטראפען און די שטראף דארף ניט זיין קיין לייכטע. איהר שולד איז גרעסער ווי די שולד פון איהרע ברידער. אין דעם שטורעמדיגען צארן פון מיין אייפערזוכט וועל איך מיין מאן בעטען וועגען דעם... אבער וואס רעד איך? וואס פאר א נארישקייטען זאגען מיינע ליפען? בין איך משוגע? איך בין אייפערזיכטיג און וועל ביי מיין מאן בעטען הילף? מיין מאן איז דאך ניט טויט. ער לעבט, און איך ווער פארברענט פון ליבע צו אן אנדער מאן. ביי יעדען ווארט וואס איך זאג ארויס, שטעלען זיך מיינע האר קאפויר. מיין שולד געהט אריבער אלע גרעניצען. היפאקריטסטוווא און טריפה'נע ליבע — דאס פיהלט זיך דאך אין יעדען אטעם מיינעם. מיינע פארברעכערישע הענט זיינען געגרייט צו פארגיסען דאס אומשולדיגע בלוט פון מיין קאנ־קורענטקע. איך בין אזוי אומגליקליך און איך ליב! איך לעב און האב די פרעכקייט צו קוקען אויף דער ליכטיגער זון, פון וועלכער איך שטאם. מיין פאטער'ס פאטער איז דער קעניג פון

אַלע געטער. מיינע עלטערנ'ס עלטערן פילען אָן די הימלען מיט שטערן. וואו קען איך זיך באַהאַלטען מיט מיין שאַנד? סיידען אין די טיפענישען פון גיהנום. אָבער דאָרטען איז דאָך מיין פאָטער, מינאָס, דער ריכטער. ווען מיך, זיין טאָכטער, וועט מען ברענגען פאַר זיין ריכטער־שטוהל, וועט ער אַ ציטער טאָן פון שמערצליכער איבערראַשונג. וואָרים איך וועל זיך פאַר איהם מודה זיין אין אַזעלכע עבירות, פון וועלכע מען האָט נאָך אפילו אין גיהנום ניט געהערט. וואָס וועט ער דאָן זאָגען, מיין פאָטער? ער וועט דאַן אויסטראַכטען פאַר מיר די שרעקליכסטע שטראָף. אָה, האָב רחמנות אויף מיר! אַ באַרמלאָזע געטין האָט די משפחה פאַרניכטעט, און אין דעם וואַהנזין פון מיין זינדיגער תאוה קענסטו דערקענען די סימנים פון איהר צאָרן. וועה איז מיר! איך לייד אָהן אַ שיעור, הגם מיין זינד האָט מיר קיין פאַרגעניגען ניט פאַרשאַפט. מיין פאַרברעכען ברענגט מיר ניט קיין זאַך, אויסער ענדלאָזע שאַנד און יסורים. צו מיין קבר וועט דאָס מיך פיהרען. דאָס וועט זיין דער ענד פון אַ לעבען, וואָס ווייס ניט פון קיין זאַך אויסער העלישע וועהטאָגען.

ענאָן: — אַך, מאַדאַם! שלאָגט זיך דאָס אַלץ ארויס פון אייערע געדאַנקען. אייער ליבע איז גאָרניט אַזאַ שרעקליכע זאַך, ווי איהר מיינט. קעגען דער נאַטור און קעגען דעם שיקזאַל קענען מיר ניט געהן. איהר זייט באַצויבערט געוואָרען אונטער אומ־גליקליכע אומשטענדען. איז דאָס דען דאָס ערשטע מאָל, וואָס אַזעלכעס פאַסירט אויף דער וועלט? זייט איהר דען די איינציגע פרוי, מיט וועמען דאָס טרעפט? דער יאָך, וועלכער דריקט אייך, איז אַ יאָך, וועלכען טויזענטער אַנדערע האָבען געטראָגען. אפילו געטער. זיי, וועלכע באַשטראָפען מענשען פאַר אַזעלכע זינד; זיי, פיהרען די זעלבע ניט־כשר'ע ליבעס. זיי ברענען מיט דעם זעלבען סאָרט פייער, פון וועלכען איהר, מאַדאַם, ליידט.

פעדרא: — וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד? ווי וואַגסטו מיר צו געבען אַזעלכע עצות? ווילסטו ווייטער פאַרגיפטען מיינע אויערען? דו האָסט מיך ניט געלאָזען שטאַרבען, ווען דער טויט וואָלט געווען דער גרעסטער גליק פאַר מיר. דו האָסט מיך צוגע־רעדט צו זעהן זיך מיט היפּאָליטוס'ען, ווען איך האָב געוויכט פון איהם. פאַרוואָס האָט דיין בייזע מויל אַרויסגערעדט די שרעק־

ליכע בלבולים און ליגענס אויף אזא ריינעם אומשולדיגען מענ־שען? אפשר איז ער שוין טויט. אויב יאָ, האָבען דיינע ליגענס געבראַכט דערצו. צוליב דיינע ליגענס האָט זיין פאָטער געבעטען דעם גאָט פון די ימים איהם צו פארניכטען. געה, העסליכע באַשעפעניש! אוועק פון דאַנען! די געטער וועלען דיר באצאָלען וואָס דיר קומט! געה און זיי אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע אינטרי־גאַנטען און בלבול־מאַכער. אזעלכע שמייכלער און חניפה־זאָגער ווי דו זיינען די ערגסטע קללה, די טויטליכסטע מתנה וואָס אַ קעניג קען באַקומען פון אַ בייזען הימעל.

ענאָן: — אָה, געטער! וואָס האָב איך ניט געטאָן איהר צו דינען! איז דאָס מיין באַלוינונג?

* * *

דאָס איז דער שלום פון דעם פערטען אַקט. אין דעם פינפטען אַקט געפינען מיר דאָס פאָלגענדע:

טהעזעאוס האָט אַ געשפּרעך מיט אַריסיאָ׳ן. זי פאַרזיכערט איהם, אַז זיין זוהן איז אַבסאָלוט אומשולדיג, און זי גיט איהם אַנצוהערעניש, אַז פעדרא איז די שולדיגע. ער בלייבט ביי דאָס זייניגע. דאָך, אין זיין מוח שפּראָצט אַרויס אַ צווייפעל. דער צווייפעל וואַקסט אין איהם. ער מוז דערגעהן דעם אמת. ער וועט רופען ענאָן׳ען און איהר פרעגען, נעמען איהר אויף אַ גרינדליכען קרייץ־פאַרהער. ער שיקט נאָך איהר. אַנשטאָט דער אַם קומט אָבער אריין פעדרא׳ס דינסט, און זי מעלדעט איהם, אַז די אַם האָט זיך אריינגעוואָרפען אין ים און אַז זי געהערט ניט מעהר צו די לעבעדיגע. די דינסט דערצעהלט איהם אויך, אַז ענאָן׳ס זעלבסטמאָרד איז אַ שרעקליכער צוגאָב צו די אַנגסטען און יסורים פון דער קעניגין; אַז די קעניגין, פעדרא, פיהרט זיך אויף כמעט ווי אַ משוגענע: אָט דריקט זי איהרע קינדער צום הארצען און באַגיסט זיי מיט טרערען; אָט, פּלוצלונג, שטויסט זי זיי אָפּ פון זיך מיט אַ בליק פול מיט שרעק. זי וואַנדערט אַרום איבער איהרע צימערען, און איהרע טריט פּלאָנטערען זיך. זי געהט אַרום ווי אַ פאַרווירטע און דערקענט קיינעם ניט.

„האָב רחמנות אויף איהר, מיין גרויסער האר! העלף איהר!“ — בעט זיך די דינסט ביים קעניג.

טהעזעאוס איז צוטומעלט, צושראָקען. אפשר איז זיין זוהן ווירקליך אומשולדיג? טאָמער האָט ער, טהעזעאוס, זיך צופיל געאיילט צו גלויבען פעדראַ'ס אָם; צופיל זיך געאיילט צו בעטען נעפּטונ'ען ער זאָל היפּאָליטוס'ען פארניכטען?... ער רופט צו זיך טהעראַמענעס'ען, היפּאָליטוס'עס לעהרער. „וואו איז מיין זוהן?" — פרעגט ער איהם. דער לעהרער שווייגט. זיינע אויגען זיינען אָבער פול מיט טרערען.

— צו שפּעט, מיין האר! — זאָגט ער ענדליך — צו שפּעט קומט אייער באַשלוס צוריקצורופען אייער ביטע ביי נעפּטונ'ען; אייער זוהן איז שוין טויט. היפּאָליטוס איז געווען די בלום פון דער מענשהייט. דער בעסטער, עהרליכסטער, בראַווסטער און ריינ־סטער. אין דעם פארברעכען, אין וועלכען מען האָט איהם באַ־שולדיגט, איז קיינער ניט געווען אַזוי אומשולדיג ווי ער.

„הא, וואָס? — שרייט טהעזעאוס אין פארצווייפלונג — איז דאָס מעגליך, אַז איצט, ווען איך וואַרט מיט אומגעדולד אויס־צושטרעקען מיין האַנט צו איהם, איז ער שוין טויט פון דעם קלאַפּ, וואָס איך האָב נעפּטון'ען געבעטען איהם צו געבען? ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט?"

טהעראַמענעס דערצעהלט טהעזעאוס'ען אַן אַטעם־פארכאַפּענ־דע געשיכטע. ער שילדערט ווי אַזוי ער איז מיט זיין שילער, מיט היפּאָליטוס'ען, ארויסגעפאַהרען פון טרעזען אין היפּאָליטוס'עס קאַרעטע, געשפּאַנט מיט זיינע פייערדיגע פערד, וועלכע זיינען גע־ווען אַזוי צוגעוואוינט צו איהם און האָבען איהם אַזוי געליבט, אַז זיי האָבען פארשטאַנען יעדען וואָרט וואָס ער האָט צו זיי געזאָגט און דעם קלענסטען ריהר וואָס ער האָט געטאָן מיט די לייצעס.

אַזוי פאָהרענדיג האָבען זיי דערגרייכט דעם ברעג פון דער שטאָט, וואו עס געפינט זיך אַ טעמפּעל. פּלוצלונג האָט מען דער־הערט אַ שרעקליכען געשריי, וועלכער האָט זיך ארויסגעריסען פון ים און האָט צוריסען די לופט; און פון די טיפעניש׳ען פון דער ערד איז געקומען אַ קרעכץ, וועלכער האָט אָפּגעענטפערט אויף דעם שרעק־געשריי, וואָס דער ים האָט פון זיך ארויסגעלאָזען. ביי היפּאָליטוס'עס פערד האָבען זיך די האָר פון זייערע גריוועס אויפגעשטעלט. די פערד זיינען געבליבען שטעהן צושראָקענע.

צו דערזעלבער צייט האָט זיך אויף דעם ים באַוויזען אַ כוואַליע, גרויס ווי אַ באַרג, מיט אַ צודעק פון ווייסע שוים. פון דער כוואַליע איז אַרויסגעשפּרונגען אַ משונה׳דיגע באַשעפעניש מיט שרעקליכע הערנער און מיט געלע שופּען איבער׳ן קערפּער, אַזוי ווי ביי אַ פיש. פון פאָרענט האָט די באַשעפעניש אויסגעזעהן ווי אַ ווילדער אָקס און פון הינטען ווי אַ קראָקאָדיל מיט פליגלען. די סטראַשידלע האָט זיך גענומען דרעהען און קייקלען אהין און אהער, בילענדיג און רעווענדיג. דער גאַנצער ברעג האָט געציטערט און דער הימעל האָט אויסגעזעהן ווי אין טויט שרעק. עס איז געוואָרען אַן ערד־ציטערניש און די באַפליגעלטע חיה מיט די גרויסע הערנער האָט מיט איהר פאַרגיפטעטען אָטעם פאַרפעסטעט די לופט. אפילו די כוואַליע, וואָס האָט איהר געבראַכט, אפילו זי האָט זיך דערשראָקען. זי האָט אָנגעהויבען צו קייקלען זיך אויף צוריק.

אַלע מענשען, וואָס זיינען געווען דערביי, זיינען זיך צולאָפען פון דעם טעמפּעל — אַלע, אויסער היפּאָליטוס׳ען. ווי אַן „אמת׳ער העלד, דער זוהן פון אַ העלד", האָט ער איינגעהאַלטען זיינע „צו־פוזשעטע" פערד, געכאַפּט זיין פיילען־בויגען, אַרויסגעשפּרונגען פון זיין קאַרעטע, צוגעלאָפען נאָהענט צו דער פאַרזעהעניש און אַריינגעשאָסען אַ פּאָר פיילען אין איהר זייט. מיט אַ פירכטליכען געשריי האָט זי אַ שפּרונג געטאָן צו די פערד. אַזוי רעווענדיג, ווי אַ פאַרוואונדעטער טיגער, איז זי גלייך געפאַלען. צאַפּלענדיג זיך אין שטויב, האָט זי געהאַלטען אָפען איהר עקעלהאַפטען מויל, פון וועלכען עס איז אַרויסגעקומען פייער.

די פלאַמען האָבען זיך פאַרשפּרייט איבער די פערד, וועלכע זיינען באַדעקט געוואָרען מיט רויך און מיט בלוט. פון שרעק און פון וועהטאָג האָבען זיי גענומען לויפען. היפּאָליטוס האָט אָנגע־שטרענגט אַלע כחות זיי איינצוהאַלטען. אָבער אָהן ערפאָלג. היפּ־פּאָליטוס לויפט נאָך. די פערד שלאָגען זיך אָן אַ פעלז. די קאַרעטע ווערט צושמעטערט. דער העלדישער יונגערמאַן פאַלט אַ פאַרפּלאָנטערטער אין די לייצעס. די צווילדעוועטע פערד שלע־פּען איהם מיט. ער שרייט צו זיי. איצט אָבער פאַרשטעהען זיי שוין ניט זיין קול. נאָך אַ מינוט, און פון איהם בלייבט אַ באַרג צוקאַליעטשעטע, צובלוטיגטע פלייש און ביינער.

היפּאָליטוס'עס לעצטע ווערטער זיינען געווען: „די געטער האָבען ביי מיר אוועקגענומען אַ ריינעם אומשולדיגען לעבען! גיב אַכטונג אויף אַריסיאַ'ן, פריינד מיינער. זאָג מיין פאָטער, ער זאָל אַריסיאַ'ן, זיין געפאַנגענע, באַהאַנדלען צערטליך".

* * *

די שלום־סצענע פון דער פּיעסע איז די לעצטע סצענע פון דעם פינפטען אַקט. זי באַשטעהט פון דעם פאָלגענדען געשפּרעך צווישען טהעזעאוס'ען און פעדראַ'ן (איהר דינסט איז דערביי).

טהעזעאוס: — מאַדאַם, איהר האָט געזיגט, און מיין זוהן איז טויט. אַ חשד צוטרייסעלט מיין גאַנצען וועזען; אַ גערעכטער חשד, אַז מיין באַשולדיגונג געגען איהם איז געווען אַ שרעקליכער טעות. ער איז אָבער טויט. נעהמט אייער קרבן, מאַדאַם. איצט קען אייער האַרץ זיך פרייהען. מיינע אויגען וועלען זיין בלינד. צו וואָס לוינט זיך ווייטער צו פאַרשען? וואָס פאַר אַ נוץ קען איך האָבען, ווען איך זאָל דערגעהן דעם אמת? צוריק איהם לעבעדיג מאַכען וועל איך ניט קענען. עס איז מיר שלעכט. איך וועל דאָ מעהר ניט בלייבען. ווייט פון דאַנען און ווייט פון אייך, מאַדאַם, וועל איך לויפען. דאָ וואָלט איך פאַר מיינע אויגען אימער געהאַט דעם צוקאַליעטשעטען קערפּער פון מיין ליבען זוהן. איך וואָלט פון זינען אַראָפּ. ווען איך וואָלט געקענט, וואָלט איך פון דער גאַנצער וועלט אַנטלאָפען, וואָרים די גאַנצע וועלט פאַרדאַמט מיך. אין גריכענלאַנד איז מיין נאָמען גרויס. מיינע בראַווע טהאַטען זיינען גוט באַקאַנט. אָבער וואָס ווייטער פון דאַנען, וואָס ווייניגער מען קען מיך, אַלץ גרינגער וועט מיר זיין זיך צו באַהאַלטען פון מיין טרויער. איך וויל זיך באַהאַלטען פון זיך אַליין. די גרויסע טובות, וואָס די געטער האָבען מיר געטאָן, זיינען מיר צו־לאַסט.

דאָס, וואָס זיי קענען פאַר מיר טאָן, האָט מעהר קיין באַדייטונג ניט. וואָס זיי זאָלען מיר ניט געבען, וועט ניט האָבען קיין ווערט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס זיי האָבען ביי מיר אוועקגענומען.

פעדרא : — טהעזעאוס ! הערען וואָס דו זאָגסט און שווייגען קען איך ניט. איך מוז פאַררייכטען דעם אומרעכט, וואָס איך בין נעגען איהם באַגאַנגען. דיין זוהן איז געווען אומשולדיג.

טהעזעאוס : — וואָס פאַר אַן אומגליקליכער פאָטער איך בין דאָס ! איך האָב איהם פאַראורטיילט אויף דעם גרונד פון דעם וואָרט, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט דורך דיין אַם. גלויבסטו דען, אַז אַזאַ ברוטאַליטעט קען מען פאַרצייהען ?

פעדרא : — הער מיך אוים ! יעדער מאָמענט איז מיר טייער. הער מיר אוים, טהעזעאוס ! די שולד איז אין גאַנצען מיינע. אויף דעם ריינעם, אָרענטליכען און פליכט־טרייען היפּאָליטוס האָב איך אַן אויג פון זינדיגע, אומגעזעצליכע תאוה געוואָרפען. די געטין ווענעראַ האָט אין מיין ברוסט אָנגעצונדען אַ שענדליכען פלאַם. און די ביטרע ענאָן, מיין אַם, האָט געטאָן דאָס איבעריגע. זי האָט מורא געהאַט, אַז היפּאָליטוס, וועלכער האָט געוואוסט פון מיין געפיהל צו איהם, וועט דאָס דיר לאָזען וויסען. האָט זי זיך באַנוצט מיט מיין שוואַכקייט און האָט זיך צוגעאיילט אויף היפּאָליטוס'ען אַרויפצוואוואַרפען די שולד, איידער ער וועט אויף מיר אויסזאָגען. פאַר איהר פאַרברעכען איז זי שוין באַשטראָפט געוואָרען. מורא האָבענדיג פאַר מיין צאָרן, האָט זי זיך דערטרונקען. איך האָב זיך געקליבען צו מאַכען אַ סוף פון זיך מיט היפּאָליטוס'עס שווערד. איך האָב זיך אָבער באַשלאָסען דאָס צו טאָן אויף אַ לאַנגזאַמערען שטייגער. איך האָב איינגענומען סם. דער סם געפינט זיך איצט אין מיין בלוט. איך פיהל שוין זיין ווירקונג. איך הויב אָן צו פיהלען אַ קעלט אין מיינע אָדערען. מיינע אויגען זיינען שוין פאַרצויגען מיט אַ טומאַן. דורך דעם טומאַן זעה איך מיין מאַן, פאַר וועמען איך בין אַ שאַנד און אַ סקאַנדאַל. דער טומאַן ווערט געדיכטער. דער טויט, וואָס וועט מיר צוריקברענגען מיין ריינקייט, פאַרשטעלט שוין די ליכט פון מיינע אויגען.

פעדראַ'ס דינסט : — זי שטאַרבט, מיין האַר !

טהעזעאוס : — זאָל איהר שענדליכע טהאַט פאַרשווינדען מיט איהר צוזאַמען ! מיינע אויגען זיינען געעפענט. איך וויים שוין דעם אמת ; אָבער צו שפּעט. (צו טהעראַמענעס'ען) לאָמיר געהן ! זאָל דער קערפּער פון מיין טייערען זוהן באַקומען דעם

כבוד, וועלכען ער פאַרדינט! און צוליב זיין אנדענקען, זאָל די שולד פון אַריסיאַ׳ס משפחה פאַרגעסען ווערען. אַריסיאַ זאָל פון היינט אָן באַטראַכט ווערען אַלס מיין טאָכטער.

איין־און־דרייסיגסטער קאַפּיטעל

וואָס האָט ראַשעל באַוויזען מיט איהר שפּילען אַלס פּעדראַ? אַ מיינונג אַז זי קען פאָרשטעלען נאָר בייזע געפיהלען. — אַן ענדערונג צום גוטען. — דער ענגלישער קריטיקער דזשאָרדזש הענרי לועס. — איינדריקע פון אַ באַרימטער ענגלישער שוישפּילערין

מיט ראָקסאַנאַ האָט ראַשעל דערגרייכט דעם העכסטען גראַד פון דער שוישפּיל־קונסט, ווי מען האָט דאָס דאַן פאַרשטאַנען. עס איז אָבער אַלץ געבליבען אַ פראַגע־צייכען: ווי וועט זי שפּילען „פּעדראַ״? עס זיינען זאָגאַר געווען אַזעלכע, וואָס האָבען גע־צווייפעלט, אַז זי קען אַזאַ ראָלע גאָר שפּילען.

נו, האָט זי שוין געשפּילט „פּעדראַ״, שוין געהאַלטען דעם העכסטען עקזאַמען; און זי האָט איהם אויסגעהאַלטען אַזוי גלענצענד — אפשר נאָך גלענצענדער — ווי איהרע פריהערדיגע עקזאַמענס.

די באַוואונדערונג פון איהר טאַלאַנט איז נאָך געוואָרען גרע־סער ווי פריהער.

דאָס איז אָבער ניט געווען דאָס איינציגע, מיט וואָס איהר „פּעדראַ״ האָט צוגעגעבען צויבער צו איהר נאָמען.

עס איז אויך געווען אַ צווייטער געווינס דערביי.

איינינגע פון די, וואָס האָבען איהר באַוואונדערט, האָבען געזאָגט, אַז זי איז טאַקע אַ מערקווירדיגע קינסטלערין, די גרעסטע, וואָס פראַנקרייך האָט ווען־עס־איז געזעהן, אָבער דאָס איז בלויז דאַן, ווען זי שטעלט פאָר האַס, נקמה־דורשט, אָדער אַנדערע בייזע געפיהלען; אַז צערטליכקייט, האַרציגע סימפּאַטיע, רחמנות, אָדער

טיפען טרויער איז זי ניט פעהיג פארצושטעלען; קורץ, אז עס פעלט איהר פאטאס (די פעהיגקייט ארויסצורופען שטארקע צאר־טע געפיהלען, ווי רחמנות, סימפאטיע, טרויער, הארץ־וועהטאג, בענקעניש). נו, האט זי אנגעפאנגען צו שפילען אלס פעדרא — א ראלע פול מיט אנגסט, מיט גייסטיגע יסורים, און מיט איהר ריזיגען ערפאלג אין איהר האט זי באוויזען, אז זי פארמאגט יא פאטאס!

אז ראשעל האט געהאט טאלאנט אויסצודריקען שטארקען פאטאס, אויף דעם האט מען אייגענטליך געהאט א מערקווירדי־גען בעוויז אין איהר שפילען אלס „די וואנדעען". דאס איז אבער געווען איידער זי האט אנגעהויבען איהר אמת'ע קאריערע — אלס שוישפילערין אין דעם „טעאטער פראנסע". די גרויסע וועלט האט פון איהר דאן נאך ניט געוואוסט.

באמערקט: קאמיללא, ראקסאנא און פאולינא; און אויך אנדערע פון איהרע ערפאלגרייכע ראלען זיינען פול מיט קאמף. יעדע פון זיי קעמפט פאר איהר אינטערעס און אויף איהר שטייגער. קעמפערינס זיינען זיי אבער אלע. פעדרא, ווידער, איז אבסאלוט ניט קיין קעמפערין. זי איז א מילדער קרבן. יענע זיינען אזוי ווי לייבען אדער טיגערען. זי, פעדרא, איז ווי א טייבעלע. זי איז אין גאנצען פארליבטקייט, אונטערטעניגקייט, נעבעכדיגקייט, גע־וויסענסביסע, זעלבסט־באשולדיגונג. איהר פיהלט, אז דאס הארץ ווערט ביי איהר צוריסען. דער געדאנק, אז ראשעל קען נאר אויס־דריקען בייזע געפיהלען, און איז ניט פעהיג ארויסצורופען פאטאס, האט געשטאמט פון דעם, וואס מען האט איהר פריהער אלץ געזעהן אין אזעלכע ראלען, וואו פאר פאטאס איז ניטא קיין פלאץ. דערנאך, ווען מען האט איהר געזעהן אין „פעדרא" און אנדערע שטיק, וואו די הויפט־פיגור ערוועקט מיטלייד אין דעם טעאטער־באזוכער, האט מען די מיינונג פולשטענדיג געענדערט.

מיר וועלען דא ברענגען צוויי אינטערעסאנטע ביישפילען וועגען דעם פונקט. איינער איז פארבונדען מיט דעם באריהמטען ענגלישען דענקער און קריטיקער, דזשארדזש העגרי לועס; דער צווייטער מיט דער באריהמטער ענגלישער שוישפילערין פעני קעמבל. לועס האט וועגען ראשעל'ען צוערשט געשריבען, אז זי איז אומגעהויער טאלאנטפול, אבער „איהר פעהלט דאס מענש־

ליבע"; אַז איהר חן און צויבער ערינערען איהם אָן אַ ווילדער חיה, אָן אַ פּאַנטהער — מערקווירדיג שעהן און גראַציעז, אָבער ניט ווי אַ מענשליכע באַשעפעניש. „זי איז זעהר שעהן, אָבער אָהן פריינדליכקייט, אָהן ליבליכקייט,"—האָט ער זיך אויסגעדריקט וועגען איהר — „פאַראַכטונג, זיג, ווילדען צאָרן, תאוה, באַרמלאָזע בייז־ווילינקייט — אַזעלכע געפיהלען האָט זי געקענט פאָרשטעלען מיט אַ קראַפט, וואָס האָט אויף איך געהאַט אַ ווירקונג, געגען וועלכע איהר זענט געווען מאַכטלאָז. זי האָט אָבער געהאַט וועניג צערטליכקייט; קיין לאַסטשענדיגע ווייבליכע מילדקייט, קיין ליב־ליכע לוסטיגקייט, קיין הערצליכקייט. זי איז געווען פול מיט חן און אונבאַשרייבליך קרעפטיג אין איהר קונסט. קיינער האָט ניט געקענט פאָרשטעלען ווירדע, שטאָלץ אַזוי ווי זי. אָבער עפּעס האָט מען אין איהר אימער געפיהלט אַן אָנצוהערעניש אויף פאַרבאָר־גענע שלעכטסקייט. אַלס אַ קעניגין אויף דער ביהנע איז זי געווען ניט אַ קעניגליכע פרוי נאָר אַ פּרעכטיגער טייוועל. זי איז געווען מערקווירדיג איינדרוקספול, מיט אַ ריזיגע קראַפט, וועלכע האָט זיך איינגעשניטען אין אייער זכרון, אָבער מיט וועניג נשמה".

ווען ער האָט איהר אָבער געזעהן אין „פעדראַ", האָט ער גענומען רעדען מיט אַן אַנדער שפּראַך.

לייענט די פאָלגענדע שורות זיינע:

„דער אונבאַשרייבליכער וועהטאָג, וועלכער האָט זיך געפיהלט אין איהר בליק און אין איהר טאָן אַלס פעדראַ, בשעת זי האָט גערעדט וועגען איהר פאַרבאָטענער ליבע צו איהר שטיף־זוהן, פיהלענדיג, אַז באַפרייען זיך פון דעם איז איהר אונמעגליך, — דאָס זיינען זאַכען, וואָס מען קען קיינמאָל ניט פאַרגעסען. וואָס פאַראַ געשטאַלט, וואָס פאַר פיגור דאָס איז געווען, ווען זי האָט זיך באַוויזען אויף דער ביהנע! איהר האָט געפיהלט, אַז זי ווערט פאַרצערט, פאַרניכטעט פון אַ פייער וואָס ברענט אין איהר, אַז זי שטעהט ביי דעם ברעג פון איהר קבר. איהר געזיכט איז גע־ווען בלייך, איהרע אויגען היים; איהר קערפּער פאַר'חלש'ט — אַ שרעקליכער, אונערדישער גייסט, ניט אַ מענש פון דער וועלט".

ווייטער שרייבט לועס וועגען ראַשעל'ס שפּילען אַלס פעדראַ דאָס פאָלגענדע:

„די לאנגזאמע, טרויעריגע טענער, ווען זי ווענדעט זיך צו דער זון:

„זון! איך זעה דיך צום לעצטען מאָל" —

„די דאָזיגע טענער האָבען ארויסגערופען א ציטער, וועלכער וויברירט נאָך איצטער אין מיין זכרון . . . די גאַנצע סצענע איז ביי איהר אַרויסגעקומען אזוי, אז עס זיינען ניטאָ קיין ווערטער אויסצודריקען ווי ריהרענד און ווי אמת'דיג זי איז געווען. עס איז געווען אַן אידעאַלע פאָרשטעלונג פון עכטע טיפע געפיהלען, א פאָרשטעלונג וואָס געהערט צו דער העכסטער קונסט. היינט די ווערטער, וואָס זיינען פול מיט געוויסענסביסע:

„א דאַנק דעם הימעל, מיינע הענט זיינען ריין פון פאַרברעכען. זאָלען די געטער באַווילינען, אז מיין הארץ זאָל זיין אזוי אומשולדיג ווי מיינע הענט.

„די דאָזיגע ווערטער זיינען געווען אָנגעלאָדען מיט פּאַטאָס".

די לעצטע עטליכע ווערטער שטרייכען מיר דאָ אונטער, ווייל אזוי אונטערשטרייכען זיי מאַנכע ביאָגראַפיע שרייבער ראַשעל'ס צו ווייזען ווי לועס האָט געענדערט זיין מיינונג נאָך דעם, ווי ער האָט איהר געזעהן אין „פעדרא" — אַז פריהער האָט ער ערקלערט דאָס איהר פעלט פּאַטאָס, און דערנאָך האָט ער געזאָגט פונקט פאַרקערט.

ווייטער זאָגט לועס וועגען דער זעלבער פאָרשטעלונג פון „פעדרא":

„די אויסדרוקען אויף איהר פּנים זיינען געווען אזוי פאַרשידענאַרטיג, אַז ווען זי האָט פאַרלאָזען די ביהנע, זיינען מיר געבליבען אין א ציטערניש, וועלכע מען קען נאָר פאַרגלייכען צו דער אויפרעגונג וואָס קין (דער בארימטער שוישפּילער פון ענגלאַנד — א. ק.) פלעגט שאַפען אין דעם דריטען אַקט פון „אָטהעלאָ".

. . . „אזוי ווי קין האָט ראַשעל פאַרמאָגט די קראַפט אין א פראַזע אריינצוגעבען א גאַנצע וועלט פון די טיפסטע געפיהלען. אפילו קין אליין וואָלט ניט געקענט איבערשטייגען דעם איינדרוק, וואָס מען האָט באַקומען פון ראַשעל'ס אויסגעשריי:

„איך בין אזוי אומגליקליך, און איך לעב!"

לועס ענדיגט מיט די ווערטער:

„דער, וואָס האָט ראַשעל'ען געזעהן אין „פעדראַ", מוז צווייפ־לען, צי ער וועט אַזאַ שפּילען ווען עס איז ווידער זעהן".

* * *

וואָס מעהר לועס האָט ראַשעל'ען געזעהן, אַלץ מעהר ענט־ציקט איז ער פון איהר געווען. ער האָט פּשוט ניט געקענט גע־פינען קיין ווערטער איבערצוגעבען זיין באַוואונדערונג, ניט בלויז פון איהר טאַלאַנט, נאָר אויך פון איהר פּערזענליכקייט. רעדענדיג וועגען דעם איינדרוק וואָס זי האָט געמאַכט אויף דער ביהנע, זאָגט ער:

„זי איז אַ געבאָרענע קייזערין. איהר גרויסאַרטיגקייט, איהר איינפאַכע זעלבסטווירדע; די אונבאַשרייבליכע מאַיעסטעטישקייט פון איהרע פּאָזעס און אַוואַיעס — דאָס אַלץ איז געקרוינט מיט אַ קליינעם אָבער מערקווירדיג פעהיגען און קלוגען קאָפּ. זי איז די קעניגליכסטע פרוי וואָס מען קען היינט זעהן אויף דער וועלט. וואו האָט זי דאָס זיך אויסגעלערענט צו האַלטען זיך מיט אַזאַ איינדרוקספולען זעלבסט־רעספּעקט? גאָט אַליין האָט דאָס איהר געגעבען! דער פּנים פון דער דאָזיגער אידישער מיידעל, וואָס האָט געזונגען און געבעטעלט אין די גאַסען, וואָלט געהאַט אַ פּראָסטען אָנבליק, און זי וואָלט ניט געצויגען קיין אויפמערקזאַמ־קייט, ווען ער וואָלט ניט באַלויכטען געוואָרען מיט אַן אויסדרוק, וועלכער מאַכט איהר אונפאַרגעסליך. זי האָט מעהר קעניגליכען חן ווי יעדע קעניגין וואָס זיצט אויף אַ טראָן. אפשר איז דאָס איהר צויבערליכסטע אייגענשאַפט — איהר חן, איהר גראַציע".

איך וויל דערמאָנען דעם לעזער, אַז דאָס האָט געשריבען אַן ענגלישער שרייבער אין דער צייט, ווען אויפ'ן ענגלישען טראָן איז געזעסען אַ פרוי, די קעניגין וויקטאָריא, וועלכע איז דאַן נאָך געווען זעהר יונג.

* * *

און איצט וועגען די איינדרוקען, וואָס ראַשעל האָט געמאַכט אויף דער שוישפּילערין פעני קעמבל, וועלכע איז געווען באַריהמט אין ענגלאַנד און אין אַמעריקאַ אין ראַשעל'ס צייטען און שפּעטער.

זי איז געווען אַ שריפטשטעלערין אויך. זי האָט מיט דער פראַנ־צויזיש־אידישער אַקטריסע געהאַט פונקט די זעלבע ערפאַהרונג ווי איהר לאַנדסמאַן דזשאַרדזש הענרי לועס. זי האָט צוערשט אויך געהאַט אַ מיינונג, אַז זי איז טאַקע גרויס, זעהר גרויס, אָבער בלויז דאַן, ווען זי שטעלט פאַר בייזע געפיהלען.

זי שטעלט זיך אָפּ אויף ראַשעל'ס שפּילען אין דער ראָלע פון הערמאָין (אין ראַסין'ס קלאַסישער טראַגעדיע „אַנדראָמאַך").

זי רעדט מיט גרויס ענטציקונג וועגען דער קראַפט, מיט וועל־כער זי האָט אויסגעדריקט הערמאָינ'ס ראַכע־געפיהל און גיפטיגען האַס צו איהר געפאַלענער קאָנקורענטקע. זי זאָגט, אַז אַזאַ קראַפט אין פאַרשטעלען אַזעלכע פיינדליכע, ביטערע געפיהלען, פאַרמאָגט ניט קיין אַנדער שוישפּילערין אָדער שוישפּילער.

„עס איז זאָנדערבאַר — זאָגט זי ווייטער — אַז אַזאַ יונגע פרוי זאָל הויפּטזעכליך זיך אויסצייכענען אין שילדערונגען פון שלעכטע געפיהלען, וועהרענד אין צערטליכקייט, צי אין דער פאָרם פון רחמנות, צי אין דער פאָרם פון ליבע, אָדער טרויער, שיינט זי צו זיין ווענינער ערפאָלגרייך."

זי לעגט אָבער צו די פאָלגענדע באַמערקונג:

„אָבער אפשר בין איך וועגען דעם דאָזיגען פונקט ניט קאָמ־פּעטענט צו אורטיילען. וואָרים הערמאָין און עמיליע (די העלדין פון קאָרנעיל'ס פּיעסע „סיננא") זיינען ניט פון דעם סאָרט כאַ־ראַקטערס, וואָס האָבען אין זיך אַ סך צערטליכקייט. ליידי מ— האָט מיט עטליכע טעג צוריק ראַשעל'ען געזעהן אין דער פּיעסע „מערי סטיואַרט", און זי האָט זיך באַגאָסען מיט טרערען. מוז זי דאָך יאָ באַזיצען קראַפט אויסצודריקען פּאַטאָס. ליידי מ. איז געווען אַזוי באַצויבערט פון איהר אויף דער ביהנע און אויך אין פּריוואַט לעבען, אַז זי האָט מיך אַוועקגעפיהרט צו איהר, ווען ראַשעל איז געקומען קיין לאָנדאָן. מיט איהר שטילען, באַשיידע־נעם חן און מיט דעם אויסגעצייכענטען טאָן פון איהרע מאַניערען און האַלטונג, מאַכט ראַשעל אַ זעהר אַנגענעמענעם איינדרוק".

* * *

שפּעטער האָט פעני קעמבל געשריבען דאָס פאָלגענדע:

„נאָך דעם ווי איך האָב ראַשעל'ען געזעהן אין אַלע ראָלען, וואָס זי האָט געשפּילט, און אַזוי אָפט ווי איך האָב נאָר געהאַט

א מעגליכקייט איהר צו זעהן, האָט זי אויף מיר איבערגעלאָזען אַן איינדרוק, אַז זי איז דער גרעסטער דראַמאַטישער זשעני (גאון) מיט דער אויסנאַם פון אונזער קין, און קין איז ניט געווען גרעסער פון איהר. זי איז דער גרעסטער דראַמאַטישער טאַלאַנט וואָס איך האָב ווען עס איז געזעהן".

* * *

וואָס אַמבעטרעפט פעני קעמבל'ס מיינונג וועגען ראַשעל'ס שפּילען, וועלען מיר זיך צו דעם ענין אומקעהרען אין א ווייטערע שטעלע. דאָרטען וועט אויך דערמאָנט ווערען א פּאַרגלייך, וואָס זי האָט געמאַכט צווישען ראַשעל'ען און סאַראַ בערנהאַרד, וועל־כע האָט געהערט צו א שפּעטערען דור (צו דעם איצטיגען קען מען זאָגען). די באַריהמטע ענגלענדערין האָט דערלעבט א טיפען עלטער און זי האָט ביידע פראַנצויזישע שוישפּילערינס געזעהן שפּילען א סך מאָל.

פעני קעמבל'ס איינדרוקען און מיינונגען פאַרדינען א באַ־זונדערע אויפמערקזאַמקייט צוליב דער ליכטיגער, גייסטיג ענט־וויקעלטער און אויסערגעוועהנליך סימפּאַטישער פּערזענליכקייט, וואָס זי האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט. איהר טיף אויפריכטיגע און נאָבעלע נאַטור האָט זיך צווישען אַנדערעס אַרויסגעוויזען אין דער מוטיגער שטעלונג, וואָס זי האָט גענומען געגען דער נעגער־שקלאַ־פעריי אין אַמעריקע, ניט אַכטענדיג אויף די גרויסע טראַגעדיעס, צו וועלכע דאָס האָט געפיהרט אין איהר פאַמיליען־לעבען און אין איהר מאַטעריעלען צושטאַנד.

איהרע געדרוקטע ערינערונגען און אַנדערע שריפטען אָטעמען מיט דער זעלבער ערנסטקייט, אמת'דיגקייט און מענשען־ליבע ווי די געשיכטע פון איהר מערקווירדיגען פּערזענליכען לעבען.

* * *

ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דער פראַגע אויב ראַשעל איז פעהיג געווען אויסצודריקען צערטליכע געפיהלען טאָר מען ניט דורכלאָזען איהר וואונדערבאַרע איבערגעבענהייט צו איהר שוועס־טער רעבעקאַ, צו איהר ברודער רפאל, צו איהר משפחה אין אַל־געמיין. עהנליכע געפיהלען האָט זי אויך אַרויסגעוויזען צו איהרע גוטע פריינט. וואָס, וואָס — קיין צערטליכקייט האָט אין איהר

הארץ ניט געפעלט. און, ווען זי האָט אויף דער ביהנע געהאַט א געלעגענהייט דאָס אויסצודריקען, האָט איהר טאַלאַנט אין איהר איינענער נאַטור קיין שטערונג דערביי געווים ניט געפונען.

צוויי-און-דרייסיגסטער קאַפּיטעל

עטליכע פון ראַשעל׳ס שדוכים און ראָמאַנען. — איהר ראָמאַן מיט דעם אינגסטען זוהן פון דעם פראַנצויזישען קעניג

וואָס אַנבעטרעפט איהר צוקונפט, איז ראַשעל׳ס הויפּט-וואונש געווען צו טאָן אַ שדוך און חתונה האָבען.

אין דעם קרייז פון שוישפּילער, שריפטשטעלער, קינסטלער, צו וועלכען זי האָט געהערט, איז אָנגענאָנגען כמעט אונבאַשרענקטע פריי ליבע; און צו זיין אַן אויסנאַם אין דער הינזיכט איז זי ניט געווען גענייגט. פאַרקערט: לויט איהר טעמפּעראַמענט און איהר גאַנצער נאַטור, האָט אַזאַ סאָרט לעבען איהר געצויגען צו זיך. אָבער טיף אין האַרצען איז ביי איהר געזעסען אַ פאַרלאַנג צו זיין פאַרהייראַט אויף אַן אָנשטענדיגען און סאָלידען שטייגער.

מיר האָבען שוין דערמאָנט, אַז צו איהר טיטעל „גרויסע קינסטלערין" האָט מען צוגעלעגט די ווערטער „גרויסע ליבהאָ-בערין". אָבער דורך איהרע ראָמאַנטישע ערפאַהרונגען פון אַלערליי סאָרטען האָט זיך ווי אַ פאָדים געצויגען אַ באַגעהר צו זיין גע-זעצליך פאַרהייראַט, פיהרען אַ פאַמיליען לעבען און האָדעווען געזעצליך-געבאָרענע קינדער.

צוליב איהר גרויסען נאָמען און פערזענליכען חן איז זי געווען אַ מאַגנעט פאַר מאַנסבילשע אויגען. איינינע מענער האָבען געבעטען איהר האַנט. אַנדערע בלויז איהר ליבע, פּשוט׳ער גע-רעדט, דאָס רעכט אויף אינטימע פאַרהעלטניסען מיט איהר. איןביידע סאָרטען האָבען זיך געפונען מענשען פון דער „הויכער" געזעלשאַפט און מענשען מיט הויכע פּאָזיציעס אין דער ליטע-ראַטור.

וועגען דר. וועראָן און דעם פּאָעט אַלפרעד דע מיוססע, האָבען מיר שוין דערצעהלט. אין דעם זעלבען יאָהר, ווען דע

מיוססע האָט ביי איהר געגעסען וועטשערע, האָט איהר פאָרגע־
שלאָגען זיין האַנט מארקיז דע קיוסטין, אַ זוהן פון איינער פון
די העכסטע און עלטסטע אריסטאָקראַטישע פאַמיליעס אין פראַנק־
רייך. ער איז געווען מיט דרייסיג יאָהר עלטער פון איהר; און
זי האָט איהם ענטזאָגט. זיי זיינען אָבער פאַרבליבען גוטע פריינד.

אַרום דער זעלבער צייט האָט אַ צווייטער אַריסטאָקראַט גע־
בעטען איהר האַנט, און ער האָט באַקומען דעם זעלבען ענטפער
ווי דע קיוסטין.

אַ פוילישער גראַף מיט'ן נאָמען גאַרושי (אפשר גאַראָווסקי?)
איז נאָך איהר נאָכגעלאָפען קיין לאָנדאָן, ווען זי איז אַהין גע־
פאָהרען שפּילען. דאָרטען האָט ער זיך ביי איהר געבעטען זי זאָל
מיט איהם הייראַטען. זי האָט זיינע פאָרשלאָגען אָבער פעסט
צוריקגעוויזען.

איינער פון די, וואָס האָבען זיך צו איהר געשדכן'ט אין
פאַרלויף פון די ערשטע דריי יאָהר פון איהר ערפאָלג, איז געווען
אַ מילדער, שעמעוודיגער יונגער שריפטשטעלער. ער האָט אויף
איהר געמאַכט אַ גוטען איינדרוק און אַ געוויסע צייט האָט זי
איהם בעטראַכט אַלס איהר חתן. פּלוצלינג אָבער האָט זיין שע־
מעוודיגקייט איהר דערעסען און עס איז געוואָרען אויס שדוך.
אַ צווייטער חתן איז געווען אַ היבש ביסעל עלטער. ער איז איהר
געפעהלען געווען מיט זיין שטאַרקען כאַראַקטער, שטרענגע פּרינ־
ציפּען און פעסטע מיינונגען. איהר אינטערעס אין איהם האָט
אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. „איך דאַרף ניט קיין מאַן מיט
שטרענגע פּרינציפּען און מיט אַ ליבע, וואָס איז פעסט און האַרט
ווי אייזען," האָט זי ערקלערט.

אין איין יונגען מאַן האָט זי זיך אין 1840 פאַרליבט אויף
אַן ערנסטען שטייגער. אַזוי וועניגסטענס האָט דאָס אויסגעזעהן.
ווי זיין נאָמען איז געווען, ווייס מען אָבער ניט. און אין די ראַ־
שעל ביאָגראַפיעס איז ער באַצייכענט אַלס „דער אונבאַקאַנטער
יונגערמאַן". ער האָט זיך אינטערעסירט מיט איהר. אָבער די
בריף, וואָס זי האָט צו איהם געשריבען (ניט רופענדיג איהם מיט
אַ דייטליכען נאָמען), ענטהאַלטען טענות, פאַר וואָס ער ענטפערט
איהר ניט אויף איהרע פריהערדיגע בריף; פאַר וואָס ער לאָזט
איהר באַרמלאָז בענקען נאָך אַ וואָרט פון איהם. זי בעט זיך ביי

איהם. זי גיסט אויס איהר פארליבט הארץ פאר איהם.

„טראָץ דעם שלאַגס־רעגנען בין איך אַ גאַנצען טאָג געזעסען אויפ׳ן באַלקאָן אַלץ האָפענדיג דיך צו זעהן — שרייבט זי צו איהם אין איינעם פון איהרע בריף — „מיט וואָס האָב איך זיך פארזינדיגט? וואָס האָב איך געטאָן? . . .

„ווי הארצלאָז דו האָסט מיך באַגעגענט אין טעאַטער! דו פארשאַפסט מיר גרויסע יסורים. איך בין אָבער גליקליך, ווייל איך האָב געזעהן ווי דו אַפּלאָדירסט מיר. אויב איך האָב גוט געשפּילט, איז דאָס צוליב דיר. ענטפער מיר. אויב דו פיהלסט צו מיר מעהר ניט קיין פריינדשאַפט, לאָז מיר דאָס ווענינגסטענס וויסען. איך וואָג דיר ניט צו שיקען טויזענט קושען, ווייל איך האָב מורא, אַז דו וועסט זיי ניט אָננעמען. איך וואַרט אויף דיין ערלויבנים.

„דיין איבערגעבענע ראַשעל״.

אין אַ בריף, וואָס זי האָט אין די זעלבע טעג געשריבען צו אַ טרייען פריינד, מיט וועמען זי האָט קיין ראָמאַנטישע באַציהונגען ניט געהאַט, געפינען זיך אַזעלכע ווערטער ווי די פאָלגענדע:

„מיין אומעט עסט מיך אויף אַ לעבעדיגע . . . איך שלאָף ניט. דער טויט וואָלט געווען בעסער ווי אַזאַ לעבען. בעט גאָט פאר ראַשעל׳ען. מען דאַרף זי ניט באַשולדיגען, רחמנות דאַרף מען אויף איהר האָבען״.

מעהרסטע פון די דאָזיגע בריף מאַכען דעם איינדרוק, אַז דער יונגערמאַן האָט די „אויבערהאַנט״ איבער איהר. און אַז ער איז זעהר קאַרג אויף אַ גוט וואָרט צו איהר. אין דער זעלבער סעריע זיינען אָבער פאַראַן צוויי בריף, וואָס ווייזען, אַז אין דער צייט, ווען זיי זיינען געשריבען געוואָרען, זיינען זייערע באַציהונגען געווען נאָך מעהר ווי פריינדליכע. אין איינעם פון זיי געפינען זיך די ווערטער: „איך שיק דיר די צערטליכסטע קושען פון מיינע ליפּען און פון מיין הארצען״, און אין דעם צווייטען: „איך שיק דיר אַ גוטען קוש כדי דו זאָלסט האָבען גדולד צו וואַרטען אויף די קושען, וואָס דו וועסט באַקומען שפּעט ביי נאַכט.״

איהר נעקסטער ראָמאַן איז געווען מיט דעם אינגסטען זוהן פון דעם פראַנצויזישען קעניג לואי פיליפּ, פּרינץ דע זשואַנוויל.

ער האט געדינט אלס אפיציר אין דער פלאטע (נייווי) און ביים עולם פלעגט מען איהם געוועהנליך רופען דער מאטראזען־פרינץ. ער פלעגט אויך זיך באשעפטיגען מיט קונסט, און ער האט ארויס־געוויזען טאלאנט. ער איז געווען באקאנט אלס דער פעהיגסטער פון דעם קעניג׳ס זיהן.

אין 1840, מיט א יאהר פריהער איידער ער איז פערזענליך באקאנט געווארען מיט דער אידישער שוישפילערין, האט זיין פאטער, קעניג לואי פיליפ, איהם אנפארטרויט א אינטערעסאנטע היסטארישע מיסיע. ער האט איהם נעמליך באשטימט פאר דעם הויפט פון אן עקספעדיציע צו פיהרען א שיף צום אינזעל סעינט העלענא, וואו דער גרויסער נאפאלעאן האט פארבראכט די לעצטע 7 יאהר פון זיין לעבען אין געפאנגענשאפט. נאפאלעאן איז גע־שטארבען אין 1821, (דער יאהר ווען ראשעל איז געבארען גע־ווארען). פון דאן אן איז זיין קערפער געלעגען באגראבען אויף דעם אינזעל. אלזא, איז איצט, אין 1840, באשלאסען געווארען דעם קערפער צוריק צו ברענגען קיין פראנקרייך.

פרינץ זשואנוויל מיט א סוויטע און אן ארגאניזאציע פון מאטראזען, סאלדאטען און אפיצירען און ציווילע בעאמטע איז אוועק קיין סעינט העלענא און פון דארטען האט ער געבראכט נאפאלעאן׳ס טרונע מיט די ביינער.

קומענדיג צוריק האט דער יונגער מאטראזען־פרינץ ביי א גרויסען עולם אין א פאראדנער צערעמאניע איבערגעגעבען דעם בארימטען קערפער צו זיין פאטער דעם קעניג, וועלכער האט דאס עמפאנגען אין נאמען פון פראנקרייך. (א מערקווירדיגער היסטא־רישער מאמענט: א פארשטעהער פון דער אלטער קעניגליכער פאמיליע, וועמעס טראן נאפאלעאן האט פארנומען, גיט אפ כבוד זיין טויטען־קערפער, זיצענדיג אויף דעם אלטען פאמיליען־טראן).

מיר וועלען דעם עפיזאד שליסען מיט דער באמערקונג, אז דערנאך האט מען פאר דעם באריהמטען מת אין פאריז אויסגעבויט א גרויסען פאראדנעם קבר, וועלכען רייזענדער פון דער גאנצער וועלט האלטען אימער פאר איינעם פון די וויכטיגסטע באזוכונגס־פלעצער.

וועגען דעם ווי דער ראמאן צווישען פרינץ זשואנוויל און ראשעל׳ען האט זיך אנגעפאנגען ווערט דערצעהלט אזא מעשה:

אין אַ געוויסען אָווענט, אין 1841, בשעת ראשעל האָט געשפּילט און פּרינץ דע זשואַנוויל איז געזעסען אין זיין לאָזשע, האָט ער איהר הינטער די קוליסען צוגעשיקט זיין וויזיט־קאַרטעל, אויף וועלכער ער האָט אויפגעשריבען די פאָלגענדע דריי ווערטער:

„או? קאַן? קאַנביען?"

דאָס הייסט: „וואו? ווען? וויפיל?"

אַלס ענטפער אויף דעם, האָט זי אויף דער לינקער זייט פון דעם קאַרטעל אָנגעשריבען דריי פּאָר ווערטער:

„שע טוא. סע סואר. פּור ריען".

דאָס הייסט: „ביי דיר. היינט אָווענט. אומזיסט".

די מעשה קלינגט ווי אַ פּראָדוקט פון אַ צינישען מוח. אַז דער פּרינץ זאָל צו ראשעל'ען זיך ווענדען און אָנפרעגען איהר פּרייז, ווי ביי אַ גאַסען־פרוי, לעגט זיך ניט אויפ'ן שכל. צווייטענס, דאַרף מען נאָר לייענען די בריף, וואָס ער האָט צו איהר געשריבען, זיך צו איבערצייגען אין זיינע צערטליכע געפיהלען צו איהר.

צום ביישפּיל, איין מאָל, ווען זי איז געווען ניט געזונד, האָט ער צו איהר געשריבען: „דו ליידסט, און איך האָב יסורים דערפון. איך בין ווי אויף שפּילקעס. אַ גאַנצע נאַכט בין איך געווען ווי אין אַ פיבער. נאָך דעם ווי איך האָב איבערגעלייענט דיין בריף, קען איך וועגען קיין אַנדער זאַך ניט טראַכטען. איך ליב דיך אַזוי שטאַרק!"

צווישען די מתנות, וואָס פּרינץ דע זשואַנוויל האָט געגעבען ראשעל'ען, איז געווען אַ היסטאָרישע מוזיק־קעסטעלע. דאָס קעסטעלע האָט געהערט צו דער שיף אויף וועלכער ער האָט געבראַכט נאַפּאָלעאָן'ס קערפּער פון סעינט העלענא.

פון איין בריף זיינעם איז קענטיג, אַז אין אַ פריהערדיגען בריף האָט ער אויסגעדריקט אייפערזוכט, און אַז ער האָט זיך דערנאָך ערקונדיגט, אַז זיין חשד איז געווען אונבאַגרינדעט. ער ענטשולדיגט זיך פאַר איהר און רעדט ווידער וועגען זיין טיפער ליבע צו איהר.

איהרע בריף צו איהם זיינען אַזוי פול מיט ליבע ווי זיינע צו איהר.

דער שרייבער בערנאַרד פאַלק גלויבט, אַז די גאַנצע מעשה מיט דעם קאַרטעל האָט אויסגעטראַכט דער זשורנאַליסט אַרסען

פרינץ דע זשואַנוועלל, זוהן פון קעניג לואי פיליפּ

אוסאי (זיין בילד שטעהט צוזאמען מיט ראַשעל'ס און דאָקטאָר וועראָן'ס אויף דער קאַריקאַטור וואָס איז געדרוקט אויף זייט 160. עס איז זעהר מעגליך, אַז דער פּרינץ האָט ראַ־שעל'ען ווירקליך איינגעלאַדען דורך אַ קאַרטעל, אָבער אַז די איינלאַדונג איז געווען געשריבען העכסט אָנשטענדיג און העפ־ליך, און אַז די פּיקאַנטע צופּוצונגען האָבען דערנאָך „בייזע צינ־גער" צוגעלעגט. האָט אוסאי זיי אַליין צוגעקלערט? האָט ער די געשיכטעלע געהערט פון אַנדערע? דאָס קען מען ניט וויסען.

דריי־און־דרייסיגסטער קאַפּיטעל

ווייטערע ראָמאַנען. — נאַפּאָלעאָנ'ס זוהן אַלעק־סאַנדער וואַלעווסקי. — דער שריפטשטעלער אַלעקסאַנדער דיומאַ. — ראַשעל ווערט אַ מוטער. — אַ ביטערע נאַכריכט פון איטאַליען

ראַשעל'ס ראָמאַן מיט דעם קעניג'ס זוהן האָט אָנגעהאַלטען עטוואָס מעהר ווי אַ יאָהר. אין יאַנואַר 1843 האָט זי שוין געהאַט אַן אַנדער געליבטען. מיט דעם פּרינץ איז זי אָבער פאַרבליבען אין פריינדליכע באַציהונגען, און זיין פּאָרטרעט איז אויף אימער געבליבען הענגען אין איהר זאַל. אויך האָט זי טייער געהאַלטען אַ פּאָר אַנדערע מתנות, וואָס ער האָט איהר געגעבען.

איהר נייער געליבטער איז אויך געווען אַ זוהן פון אַ וויכטי־גען פּאָטער, נאָך אַ וויכטיגערען, אַ סך מעהר בארימטען ווי דער דאַמאָלסדיגער קעניג פון פראַנקרייך. מיר האָבען געזעהן ווי פּרינץ דע זשואַנוויל האָט דעם קערפּער פון דעם גרויסען נאַפּאָלעאָן געבראַכט פון סעינט העלענאַ קיין פּאַריז. איז ראַשעל'ס נייער געליבטער געווען נאַפּאָלעאָן'ס אַ זוהן. ער איז געווען אַן אונ־געזעצליכער זוהן. אָבער אין די אַריסטאָקראַטישע פּאַלאַצען פון פּאַריז איז ער אימער געווען אַ גוטער גאַסט.

זיין נאָמען איז געווען אַלעקסאַנדער וואַלעווסקי און ער האָט געטראָגען דעם טיטול גראַף, וואָרים זיין מוטער איז געווען די

שעהנע יונגע גרעפין מאַרי וואַלעווסקי, מיט וועמען נאַפּאָלעאָן האָט זיך באַגעגנט אין דער צייט פון זיין מיליטערישער עקספּע־דיציע אין פּוילען. נעקסט צו זיין ראָמאַן מיט זשאָזעפין וועמען ער האָט געהייראַט, איז זיין „אַפער" מיט דער פּוילישער גרעפין געוועזן זיין פּאָפּולערסטער ראָמאַן.

זי איז געווען אַ פאַרהייראַטע פרוי, אָבער נאָך זעהר יונג, צווישען אַכצעהן און ניינצעהן יאָהר. דעם טיטול גרעפין האָט זי באַקומען פון איהר מאַן, גראַף וואַלעווסקי, וועמען זי האָט גע־הייראַט צו זעכצעהן יאָהר, ווערענד ער איז געווען אַ זקן פון אַכט־און־זעכציג. איהר מוטער איז געווען זעהר אַן אָרעמע אַלמנה און איהר קליינער מאַיאָנטעק איז געווען איבערגעלאָדען מיט „מאָרט־געדזשעס" (פאַר'משכן'ט פאַר חובות). האָט זי איהר יונגע טאָכ־טער חתונה געמאַכט פאַר דעם רייכען אַלטען אַריסטאָקראַט, אַלס אַ מיטעל אויסגעלייזט צו ווערען פון איהר נויט און איהר קינד צו באַזאָרגען מיט אַ „גוטען שדוך". דאָס אַלץ איז גענוי באַקאַנט און האָט אַן עכט היסטאָרישען כאַראַקטער.

עס ווערט דערצעהלט, אַז ווען נאַפּאָלעאָן האָט די שעהנע יונגע פרוי דערזעהן, איז ער באַצויבערט געוואָרען און אַז אַ גרו־פּע פּוילישע אַריסטאָקראַטען האָבען זיך באַנוצט מיט דעם אין די אינטערעסען פון זייער פאָטערלאַנד, וועלכע האָט אין די יאָהרען 1772 ביז 1796 פאַרלוירען איהר זעלבסטשטענדיגקייט און איז צו־טיילט געוואָרען אויף דריי טיילען — צווישען רוסלאַנד, פּרייסען, און עסטרייך. נאָכדעם ווי נאַפּאָלעאָן האָט באַזיגט פּרייסען, אין די יאָהרען 1806־1807 האָט ער זיך געפונען אין פיינדליכע באַצי־הונגען מיט רוסלאַנד און מען האָט דאַן געגלויבט, אַז ער וועט איהר אויך באַזיגען. עסטרייך, ווידער, האָט ער שוין אייגענטליך געהאַט באַזיגט.

אַלזאָ, ווען נאַפּאָלעאָן האָט זיך געפונען אין וואַרשע, האָבען די דאָזיגע פּוילישע אַריסטאָקראַטען געהאָפט, אַז די שעהנע מאַרי וואַלעווסקאַ וועט אויף דעם מעכטיגען און זיגרייכען אימפּעראַ־טאָר (קייזער) פון פראַנקרייך האָבען אַזאַ ווירקונג, אַז ער וועט די דריי באַזונדערע טיילען באַפרייען; אַז עס וועט ווידער פאַרזי־כערט ווערען די זעלבסטשטענדיגקייט פון אַ פאַראייניגטען פּוי־

גרעפין מארי וואלעווסקא

לען און עס וועט ווידער אויפגעשטעלט ווערען דער פּוילישער טראָן. דער אָנפיהרער פון דער גרופּע איז געווען קניאז (פּרינץ) פּאָניאטאָווסקי, אַ פּלימעניק פון דעם לעצטען פּוילישען קעניג.

ווען נאַפּאָלעאָן האָט די גרעפין וואַלעווסקא איינגעלאַדען איהם צו באַזוכען, האָט פּאָניאטאָווסקי און זיינע פריינט איהר וויזיט ביי איהם באַטראַכט אַלס אַ פּאַטריאָטישען קרבן וואָס זי וועט ברענגען פאַר איהר לאַנד.

ווען זי האָט זיך אומגעקערט פון איהר באַזוך ביי דעם מאַן פאַר וועמען גאַנץ איירָאפּאַ האָט געציטערט, האָט זי אָבגעגעבען אַ באַריכט, פון וועלכען מען איז געווען איבעררַאשט. ער האָט איהר בעהאַנדעלט העכסט אָנשטענדיג און העפליך. ער האָט בלויז אַ קוש געטאָן איהר האַנט ווי אַ קאַוואַליר טוט, באַגריסענדיג אַ דאַמע.

אָבער, אויב מאַרי האָט באַצויבערט נאַפּאָלעאָן׳ען, איז זי פון איהם נאָך מעהר באַצויבערט געוואָרען. אין די עטליכע שטונ־דען, וואָס זי האָט פאַרבראַכט ביי איהם, האָט ער מיט איהר גע־שמועסט אויף אַזאַ סימפּאַטישען און נשמה׳דיגען שטייגער, און אַזוי אָפענהערציג און אינטים גערעדט וועגען זיין אייגענעם פּרי־וואַט לעבען, און וועגען זיין בענקעניש נאָך אַן אמת׳ער פריינדין, אַז זי איז פון איהם אוועק אַ טיף פאַרליבטע.

גאַראַנטירען, אַז פּונקט אַזוי איז דאָס געווען, וועלען מיר ניט. געננוי זאָגען וואָס עס איז ביי יענעם וויזיט מאַרי׳ס פאָרגעקומען צווישען נאַפּאָלעאָן׳ען און איהר, איז אונמעגליך. עס זיינען אָפּ־געדרוקט גאַנצע ביכער פול מיט איינצעלהייטען וועגען זייער ראָ־מאַן; אָבער קיין היסטאָרישען כאַראַקטער האָבען די ווערק ניט, פילעס פון דעם מאַטעריאַל לעזט זיך ווי אנעקדאָטען, אָדער ווי איינצעלהייטען אין ראָמאַנען; און טראָץ די דאַטומס, וואָס ווע־רען אין זיי אָנגעגעבען, קלינגען מייסטע פון די דאָזיגע פּאַסי־רונגען ווי געשעהענישען פון שונד־מעשיות. און איין „געשיכ־טע" אַזאַ איז גאַנץ אַנדערש ווי אַ צווייטע.

וועגען דער באַציהונג פון דעם אַלטען גראַף וואַלעווסקי צו זיין פרוי׳ס ליבע מיט דעם גרויסען נאַפּאָלעאָן און ווי אַזוי ער האָט איהר באַפרייט פון איהר הייראַט, ווייסט מען אַזוי גוט ווי גאָרניט. וועגען דער ראָלע וואָס קניאז פּאָניאטאָווסקי האָט גע־

שפּילט אין צוזאַמענבּרענגען דעם קייזער מיט דער שעהנער פּוי־לישער פרוי, ווייסט מען אויך זעהר ווייניג. דער איינדרוק איז אָבער צימליך שטאַרק, אַז ווען ניט ער מיט זיינע פּאָליטישע פּלענער און אַמביציעס, וואָלט נאַפּאָלעאָן איהר אפשר קיינמאָל ניט געזעהן און אַז יעדענפאַלס וואָלט נאַפּאָלעאָן מיט איהר קיין „ראָמאַן" עטליכע יאָהר ניט געפיהרט.

אין אלגעמיין אָבער איז נאַפּאָלעאָן'ס צוזאַמענלעבען מיט מארי וואַלעווסקא, זיין צוגעבונדענקייט צו איהר און איהר פאַר־ליבטקייט אין איהם אַ היסטאָרישער פאַקט. און אַ געוויסער סליאַד פון ווירקליכקייט ליגט מסתמא אין מאַנכע פון די דער־מאָנטע איינצעלהייטען אויך. צום ביישפּיל: נאַפּאָלעאָן'ס רייד צו מארי'ן אין די שטונדען פון איהר ערשטען באַזוך ביי איהם שטימט מיט זיין כאַראַקטער, ווי ער איז ווירקליך באַקאַנט. עט־וואָס מעהר אָדער ווייניגער עהנליכעס איז צווישען איהם און איהר אויף זייער ערשטער אינטימער באַגעגעניש וואַרשיינליך טאַקע פאָרגעקומען.

דערנאָך האָט זי איהם מעהרערע מאָל באַזוכט אין פּאַריז. ער האָט איהר אימער ארויסגעוויזען אַ ליבליכע צערטליכקייט; און ווען עס איז ביי איהר געבאָרען געוואָרען אַלעקסאַנדער, האָט ער איהם באַזאָרגט מיט אַ גרויסען איינקונפט אויף זיין גאַנצען לעבען.

שפּעטער, נאָכדעם ווי ער איז שוין געווען פאַרשיקט אויף דעם אינזעל סענט העלענאַ, האָט זי געהייראַט אַ פראַנצויזישען גראַף און פון זיי איז אַרויסגעקומען אַ דור.

די פּוילישע אַריסטאָקראַטיע האָט איהר ווייטער גערופען „נאַפּאָלעאָן'ס פּוילישע פרוי"; און דאָס איז זי ווירקליך געווען אפילו אַ געוויסע צייט נאָך זיין ענדליכער נידערלאַגע אין דעם שלאַכט פון וואַטערלאָ.

פון פּאָניאַטאָווסקי'ס (און אויך מארי וואַלעווסקא'ס) האָפ־נונגען אויף פּוילען'ס זעלבּסטשטענדיגקייט האָט זיך אויסגעלאָזען אַ פּוסטער חלום.

די געשיכטע פון מארי'ס ראָמאַן מיט נאַפּאָלעאָן'ען האָט מען אין פּאַריז איבּערדערצעהלט ווידער און ווידער (הגם אויף פאַר־שידענע אופנים), און דאָס איז געווען איינע פון די אורזאַכען פון איהר זוהן'ס ערפאָלג אין די הויכע קרייזען.

נאַפּאָלעאָן'ס אונגעזעצליבער זוהן אַלעקסאַנדער וואַלעווסקי

זיין מוטער האָט איהם געגעבען אַ גוטע בילדונג, און דערצו נאָך איז ער פון דער נאַטור געווען ניט־קיין־אונסימפּאַטישער מענש. מיט זיין פּנים איז ער געווען שטאַרק עהנליך צו זיין פאָטער און דאָס האָט אין פראַנקרייך געשפּילט אַ ראָלע, וואָרים מיט נאַפּאָלעאָן׳ס אָנדענק איז דער דאָרטיגער עולם אימער געווען שטאָלץ. אלזאָ איז דאָס געווען אַ וויכטיגער צוגאָב צו דעם צויבער פון זיין יחוס. אמת, אין זיין כאַראַקטער און אין זיין שכל איז ניט געווען קיין שפּור פון זיין באַריהמטען טאַטען. אָבער דאָס וואָלט שוין געווען צופיל צו ערוואַרטען.

ער, פון זיין זייט, האָט זיך מיט זיין נאַפּאָלעאָנישען פּנים און אָפּשטאַמונג געהאַלטען זעהר גרויס. אויף די ווענט פון זיין וואוינונג פלעגען הענגען צוויי אָדער דריי פּאָרטרעטען פון זיין פאָטער, און אַ קליינעם פּאָרטרעט פון איהם האָט ער אימער גע־האָט ביי זיך.

ראַשעל האָט שוין דאַן געוואוינט אין אַ פיינע, רייך און געשמאַקפול־מעבלירטע דירה — אין אַ קליינעם פּאַלאַץ; האָט וואַלעווסקי זיך דאָרטען באַזעצט. און אויף איהר וואוינונג האָט ער זיך געלאָזט קאָסטען מיט דער ברייטער האַנט.

מיר האָבען שוין דערמאָנט, אַז דער רעגעלמעסיגער גאַסט־אָווענט איז ביי ראַשעל׳ען געווען דאָנערשטאָג. דאַן פלעגען זיך ביי איהר פאַרזאַמלען אַזעלכע פּערזענליכקייטען ווי מעערבער, ליסט, דער פּאָעט דע מיוססע און אַנדערע באַריהמטע שריפט־שטעלער. אַז דער דייטשער פּאָעט, דער איד היינע, וועלכער האָט דאַן געוואוינט אין פּאַריז אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט, פלעגט אויך זיין איינער פון איהרע אָפטע באַזוכער, האָבען מיר שוין אייך דערמאָנט.

וואַלעווסקי פלעגט נאַטירליך אויך זיין אָנוועזענד.

אַמאָל, אויף איינעם פון איהרע דאָנערשטאָגדיגע אָוועגטען, האָט איינער פון איהרע געסט איהר געגעבען אַ קאָמפּלימענט פון וואַלעווסקי׳ס וועגען. „ער האַלט זיך מיט אַ פיינעם טאַקט, ווי אַ דזשענטעלמאַן, ניט ווי אַ געליבטער״ — האָט יענער באַמערקט.

„איך בין שוין אַזוי — האָט זי געענטפערט — „איך האָב ליב טענאַנטס, אָבער ניט קיין לענדלאָרדס אין מיין הויז״.

דעם גרעסטען און פאָפּולערסטען ערפאָלג אלס ראָמאַנען שריי־
בער האָט דאַן געהאַט אַלעקסאַנדער דיומאַ, דער פאַרפאַסער פון די
„דריי מוסקעטירען", „גראף מאנטע קריסטא", און אנדערע ווערק.
זיינע ראָמאַנען האָבען זיך פאַרקויפט מאַסענווייז ניט נאָר אין
פראַנקרייך, נאָר אויך אין אַלע אַנדערע אייראָפעאישע לענדער
(א חוץ דעם וואָס זיי האָבען אומעטום געהאַט א גרויסען ערפאָלג
אין איבערזעצונגען). ער פלעגט אויך שרייבען פאַר דער ביהנע.

דאָ דאַרף מען באַמערקען, אַז אַלעקסאַנדער דיומאַ, דער פאַר־
פאַסער פון דער בעריהמטער פּיעסע „די קאַמעליען דאַמע", פון
וועלכער עס איז גענומען געוואָרען דער סיוזשעט פון דער אָפּערא
„טראַוויאַטאַ", איז דעם דאָזיגען דיומאַ'ס א זוהן.

אין דער צייט, ווענען וועלכער מיר דערצעהלען איצט, איז
אַלעקסאַנדער דיומאַ, דער פאָטער, געווען זעהר ליידענשאַפטליך
און זעהר ראָמאַנטיש. אַלזאָ האָט ער ראַשעל'ען זיך ערקלערט
אין ליבע נאָך מיט צוויי יאָהר פריהער — אין 1841. מען האָט
דאַן אין דעם „טעאַטער פראַנסע" אויפגעפיהרט זיינע א פּיעסע.
און ביי דער הויפּט פּראָבע זיינען זיי צוזאַמען געזעסען אין א
לאָזשע. פּלוצלינג האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזען אויף די קני און
האָט גענומען זיך בעטען זי זאָל פאַרפיהרען א ראָמאַן מיט איהם.

„שטעהט גלייך אויף! פיהרט זיך ניט אויף ווי א נאַרישער
באָק" — האָט זי צו איהם געזאָגט, און מיט דעם האָט זיך דאָס
דעמאָלס געענדיגט.

זינט דאַן האָבען זיי זיך געזעהן זעהר זעלטען. אין 1843
האָבען זיי זיך דורך א צופאַל באַגעגענט אין מאַרסעיל, וואו זי
איז געקומען שפּילען. אַלעקסאַנדער וואַלעווסקי האָט איהר דאַן
באַגלייט אויף איהרע רייזעס אין עטליכע שטעט. אין מאַרסעיל
האָט זיך דאַן אויך געפונען א פּאָעט מיט'ן נאָמען מערי. האָבען
זיי אַלע פאַרבראַכט צוויי טעג צוזאַמען. די שטאָט האָט געקאָכט
מיט ראַשעל'ען, און מאַסען יונגעלייט און פרויען האָבען איהר
געמאַכט אָוואַציעס, וואו זי האָט זיך נאָר באַוויזען. איז דיומאַ
באַגייסטערט געוואָרען, און ער האָט זיך אָוועקגעלאָזען מיט אויס־
דרוקען פון פריינטשאַפט און גאַסטפריינדליכקייט צו איהר,
צו איהר גראַף און צו דעם פּאָעט. ער האָט זיי מכבד געווען מיט
א פיינעם מאָלצייט; און שפּעטער איז די קאָמפּאַניע אַרוים שפּאַצי־

דער בעלעטריסט אַלעקסאַנדער דיומאַ (דער פֿאָטער). דאָס בילד איז געצייכענט געווען אין 1840, ווען ער איז אַלט געווען 37 יאָהר.

רען ביים ברעג ים. געהענדיג, האָט ראַשעל דיומאַ'ן גענומען געאָרימט, און זיי זיינען אַוועק אַ ביסעל פּאַראַוים.

ער האָט איהר גענומען געבען קאָמפּלימענטען, און ער האָט ביי איהר געבעטען זי זאָל איהם עפּעס געבען צום אנדענקען. האָט זי אויפגעהויבען אַ שטיינדעל פון דעם ברעג ים און ער האָט דאָס כלומרשט אָנגענומען אַלס אַ טייערע מתנה.

נעקסטען מאָנאַט ווען, אין דער באַגלייטונג פון גראַף וואַלעווסקי, איז זי געקומען שפּילען אין ליאָן, האָט זי דאָרטען געפונען אַ בריף פון דיומאַ. ער האָט איהר דערמאָנט אָן דעם אָוונט אין 1841, ווען זיצענדיג מיט איהר אין לאָזשע ביי די פּראָבען, אין דעם „טעאַטער פראַנסע" האָט ער זיך געשטעלט אויף די קני פאַר איהר. „מיינע ליפּען זיינען דאַן געווען נאָהענט צו אייערע ליפּען, און יעדע פינטעלע פון מיין האַרץ האָט געציטערט ווי אַ סטרונע" — האָט ער געשריבען — „טראַכט איהר אַ ביסעל וועגען מיר? ווען וועלען מיר זיך ווידער זעהן?"

זי האָט איהם ניט געענטפערט און זיין בריף האָט זי געוויזען וואַלעווסקי'ן. זי האָט געפרעגט וואָס ער ראָט איהר צו טאָן.

„טו ווי דו פאַרשטעהסט" — האָט וואַלעווסקי געענטפערט. ער איז געווען אַ זעהר איפערזיכטיגער מאַנסביל, און עס איז געווען לייכט צו זעהן, אַז די געשיכטע געפעלט איהם ניט.

דיומאַ האָט ראַשעל'ען געשריבען אַ צווייטען בריף. דיזען מאָל שוין מיט אַן אָפענע ליבעס־ערקלערונג, מיט מעהר פייער ווי אין זיין ערשטען בריף. „איך ליב אייך! איך ליב אייך מיט מיין גאַנצען האַרצען" — האָט ער איצט געשריבען — „איהר זייט מיין קעניגין . . . איהר זייט אַ פרינצעסין פון טויזענט און איין נאַכט; וואָרים איהר האָט אַ פּראָסטען שטיינדעל פאַרוואַנדעלט אין דעם טייערסטען דימענט . . ."

אויף דעם האָט זי איהם געענטפערט קורץ און שאַרף און זעהר ניט־העפליך. דערביי האָט זי איהם געגעבען צו וויסען, אַז זי ליבט גראַף וואַלעווסקי'ן און איז איהם טריי.

דאָס האָט איהם אָבער ניט געשטערט איהר צו שרייבען דעם פאָלגענדען בריוועלע:

„מאַדאַם — לאָמיר זיך אָפּשטעלען דאָ וואו מיר האַלטען איצט. ווענינגסטענס איז דער אייז צווישען אונז געבראָכען פאַר

דער צוקונפט — אייער פאַרעהרער און הויפּטזעכליך אייער פריינד, אַלעקסאַנדער דיומאַ״.

דיזען בריוועלע האָט זי איהם אָפּגעשיקט צוריק. און אין דעם זעלבען קאָנווערט האָט זי אַריינגעלעגט אַ צעטעלע מיט קאַלטע, אונפריינדליכע ווערטער. דאַן האָט ער דערפיהלט, אַז ער האָט ביי איהר קיין אויסזיכטען ניט, און ער האָט גענומען מורא האָבען פאַר גראַף וואַלעווסקי׳ס נקמה. האָט ער צו דעם גראַף געשריבען דעם פאָלגענדען בריף:

„איך האָב, ליבער גראַף, געוואָלט באַלאַגערען אַ שטאָט אי־בער וועלכער איהר זייט דער גובערנאַטאָר, און איך בין צוריק־געשטויסען געוואָרען מיט גרויסע פאַרלוסטען. ערלויבט מיר אייך צו גראַטולירען.

„בעסער דערוויסט זיך וועגען אייער זיג פון מיר איידער פון אימיצען אַנדערש, וועט איהר אויף מיר קיין פאַריבעל ניט האָבען. ביטע, זאָגט מאַדמואַזעל ראַשעל, אַז איך בלייב איהר פאַרעהרער און ווינש פאַרטצוזעצען צו זיין איהר פריינט״.

וואַלעווסקי׳ס ענטפער אויף דעם איז ניט וועניגער אינטערע־סאַנט ווי דיומאַ׳ס עטליכע שורות צו איהם.

„מיין טייערער דיומאַ! — האָט ער אָנגעהויבען — דאָס, וואָס איהר זייט זיך אַליין מודה אין אייער נידערלאַגע, מאַכט צו מיינע ליפּען. איך האָף, אַז אויב אימיצער וועט דערמאָנען דעם עפּיזאָד, וועט איהר זיין אַזוי אָפּענהערציג מיט אַנדערע מענשען ווי איהר זייט מיט מיר. געברויכענדיג דיזעלבע מיליטערישע שפּראַך ווי איהר, וועל איך זאָגען: זייענדיג זיכער אין דער שטאַרקייט פון מיין פעסטונג, בין איך געשטאַנען אויף דער וואַך אַ באַ־וואָפענטער ביי אַ באַלאַגערונג, וועלכע איז אָנגעפיהרט געוואָרען לויט די כללים פון מלחמה. איך וואָלט אָבער געצוואונגען גע־וואָרען געגען מיין ווילען אַליין אַנטייל צו נעמען אין דער שלאַכט, אויב נאָכדעם ווי די באַלאַגערונג איז אויפגעגעבען געוואָרען, זאָל דער שונא ענדערען זיין טאַקטיק און פּרואווען אַריינדרינגען אונ־ערוואַרטעטערהייט, אָדער ווען ער וואָלט פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די פעסטונג האָט זיך אונטערגעגעבען. אָהן בייזע געפיהלען פאַר־בלייב איך אייער א. וואַלעווסקי.״

וואלעווסקי'ס אייפערזוכט אויף דיומא'ן איז מסתמא לייכט איבערגעגאנגען. ער האט איהר אבער חושד געווען וועגען אנדערע. ער האט איהר שטענדיג געהיט. טאמער האט ער איהר ניט געפונען אין דערהיים, ווען זי האט געזאלט דארטען זיין, פלעגט ער שוין ווערען אומרוהיג. ער פלעגט זאגאר אונטערקויפען א דינסט, זי זאל איהם דינען אין דער ראלע פון א שפיאן, אדער איהם אויסזאגען וואו זי איז געווען אין אזא אדער אזא שטונדע. פון זיינע פארדאכטען און נאכהיטענישען פלעגט זי ווערען אויפגעבראכט, רעדען מיט שטעך־ווערטער, אדער פשוט מיט כעס און ביטערניש, און ענדיגען מיט באווייזען, אז אין דער באטרעפענדער שטונדע איז זי געווען ביי איהרע עלטערען אדער ביי פראבע אין טעאטער.

ער פלעגט זיך ענטשולדיגען און א געוויסע צייט — ניט קיין לאנגע — פלעגען זיי לעבען ווי א פאר טייבעלעך.

* * *

זי האט ערווארטעט צו ווערען מוטער. און דער געדאנק דערפון האט זיך געפיהלט כמעט אין אלץ וואס זי האט געטאן. א מערקווירדיגע ענדערונג איז אין איהר פארגעקומען. דאס קינד האט אויף איהר געהאט אן אומגעהייערע ווירקונג נאך איידער עס איז געבארען געווארען.

צוליב דעם אליין האט זי מיט אלע קרעפטען איצט אויסגעמידען קריגערייען מיט איהר געליבטען, ווארים פאר איהר איז איצט אימער געשטאנען די פראגע צי וואלעווסקי וועט איהר קינד אנערקענען אפיציעל צו ניט.

דאס קינד איז געבארען געווארען דעם 3טען נאוועמבער, 1844. עס איז געווען א אינגעל, און וואלעווסקי האט איהם גלייך אנערקענט אלס זיין זוהן און איהם געגעבען זיין פאמיליען־נאמען וואלעווסקי. דעם אינגעל'ס ערשטער נאמען איז געווען אנטואן־זשאן אלעקסאנדער אדער איינפאך אלעקסאנדער.

זי האט דאס קינד בוכשטעבליך פארגעטערט. איין שרייבער באמערקט, אז זי איז מסתמא געווען זעהר שטאלץ מיט דעם, וואס איהר זוהן איז א דירעקטער איניקעל פון דעם גרויסען מעכטיגען

נאפּאָלעאָן. אַז דאָס איז איהר אָפּט אַרויפגעקומען אויפ'ן זינען, קען מען זיך פאָרשטעלען.

פון דעם קינד'ס־וועגען, און צוליב זיך אַליין אויך, איז איהר טייערסטע האָפענונג איצט געווען, אַז זיין פאָטער זאָל מיט איהר הייראַטען געזעצליך.

די האָפענונג איז אָבער ניט פאַרווירקליכט געוואָרען.

קעניג לואי פיליפ האָט וואַלעווסקי'ן באַשטימט אַלס פראַנק־רייך'ס באַפולמעכטיגטער אין איטאַליען. דאָרטען האָט ער גע־פונען אַ שעהנע איטאַליענישע גרעפין, מיט וועלכער ער איז גע־ווען גוט באַקאַנט פון פריהער, און דעם 4טען יאַנואַר, 1846, ווען ראַשעל'ס זוהן איז אַלט געווען אַ יאָהר מיט צוויי מאָנאַט, האָבען זיי חתונה געהאַט.

ראַשעל האָט די נאַכריכט ערהאַלטען, ווען זי האָט זיך גע־פונען אין האָלאַנד, וואו זי האָט געגעבען פאָרשטעלונגען. איהר ערפאָלג איז געווען גרויס, און די האָלענדישע קעניגין האָט איהר אָנגעטאָן אַ קאָסטבאַרען בראַסלעט, געמאַכט אַ גרויסען פאַראַד מיט איהר. אָבער די נייעס פון איטאַליען האָט איהר פאַרשטערט יעדע שמחה.

* * *

זי האָט מורא געהאַט, אַז וואַלעווסקי וועט ביי איהר צונעמען דאָס קינד. און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן. זי האָט דאַן געשריבען צו איהם אַ בריף פול מיט האַרץ־רייסענדע גע־בעט. דאַן האָט ער דאָס קינד איהר אומגעקערט. פון צייט צו צייט פלעגט ער איהם זעהן, נעמען איהם צו זיך אויף אַ טאָג, פיהרען איהם שפּאַצירען, ווייזען איהם פאַרשידענע זאַכען. ביס־לאַכווייז האָט זי זיך צוגעוואוינט צו דעם געדאַנק, אַז וואַלעווסקי איז אַ פרעמדער צו איהר. פון צייט צו צייט, — ניט אָפּט — פלעגען זיי זיך באַגעגענען, און דאַן פלעגען זיי רעדען וועגען זייער קינד.

פיר־און־דרייסיגסטער קאפיטעל

נייע ראמאנען. — מאדאם דע־זשיראַרדען. — ראשעל און דער זוהן פון נאפאלעאנ׳ס איבערגעבענסטען גענעראל. — ווירזשיני דעזשאזע

לואי בארטו גלויבט, אז וואלעווסקי האט פארלאזען ראַשעל׳ען צוליב זיין אייפערזוכט אויף עמיל דע־זשיראַרדען׳ען, דעם רעדאקטאר און אייגענטימער פון „לא פרעסס״, וועלכע איז געווען איינע פון די איינפלוסרייכסטע צייטונגען אין פאריז.

אז דע־זשיראַרדען איז געווען איינער פון ראשעל׳ס געליבטע, איז פאראן גענוג שריפטליכע באווייזע אין בריף, וואס זי האט צו איהם געשריבען. דאס איז איינער פון איהרע ראמאנען, וואס זיינען געווען א קנאפער כבוד פאר איהר; ווארים זיין פרוי איז געווען איהרע א טייערע פריינדין. האבענדיג מיט איהם געהיימע באציהונגען, האט זי איהר אפגענארט. די געשיכטע קען איבער־הויפט דינען אלס א ביישפיל פון דער „לייכטער מאראל״, וואס האט געהערשט אין די אנגעזעהענע קרייזען פון דעם פאריזער לעבען. ראשעל האט זיך אריינגעווארפען אין דעם רעכטען שטראם פון דער „לייכטער מאראל״.

דע־זשיראַרדען איז געווען א אינטערעסאנטער און זעהר מאנסבילדיגער מאנסביל; איז ער איהר געפעלען געווארען. און איהר „אפער״ מיט איהם קען מען כאראקטעריזירען נאר מיט אזעלכע ווערטער ווי פאררעט און הולטייסטווע. דער יצר־הרע האט איבער איהר געהאט א סך מעהר דעה ווי איהר געוויסען.

אין איין בריף צו דע־זשיראַרדען׳ען רעדט ראשעל וועגען זיך ווי זיין „כלה״, און וועגען דעם גרויסען תענוג וואס זי וועט האַ־בען קומענדיג צו איהם „ווי אן אומשולדיגע מיידעל״. דערנאך זאגט זי, אז נאך דעם ווי זי האט איבערגעלייענט זיין לעצטען בריף, פיהלט זי, אז „אום צו געניסען דעם פולען גליק מוז מען יעדען שפור פון עהרע, בושה אדער דעליקאטקייט צוטרעטען אונ־טער די פיס״.

עמיל דע-זשיראַרדען

„דו שרייבסט מיר, אז עס שוין ניט איבערגעבליבען לאנג צו ווארטען — זאגט זי צום סוף — איך אבער ליב דיר שוין אזוי שטארק, ווי איך קען ערווארטען דיר צו ליבען ווען מיר וועלען שוין זיין צוזאמען, ווארים איך בין שוין דיינע מיט'ן גאנצען הארצען". דאס הייסט, אז דאן איז דער „פולער גליק" ביי זיי נאך געווען בלויז אן ערווארטונג.

עס זיינען אבער אויך פאראן בריף פון איהר צו איהם, וואס ענטהאלטען דייטליכע באווייזע, אז זיי זיינען געשריבען געווארען נאך דעם ווי זי האט שוין געהאט „צוטראטען יעדען שפור פון עהרע, בושה און דעליקאטקייט" אין באצוג צו איהר טייערער פריינדין, און זיך געהאט פולשטענדיג איבערגעגעבען צו דער פריינדין'ס מאן; און אז דאס האט פאסירט איידער וואלעווסקי האט אבגעבראכען זיין ראמאן מיט איהר.

עס איז אויך פאראן ראשעל'ס א בריף צו איהם, וואו זי רעדט וועגען דעם געפאהר, אז וואלעווסקי זאל אריינקומען און איהם, עמיל דע־זשירארדען'ען, געפינען ביי איהר.

בארטו גלויבט דעריבער, אז וואלעווסקי'ס חשד, אז זי האט אינטימע באגעגענישען מיט דע־זשירארדען'ען איז געווען די אור־זאך, פאר וואס ער האט איהר אוועקגעווארפען.

*　*　*

עמיל'ס פרוי, דעלפין דע־זשירארדען, איז געווען א פאעטעסע און א שריפטשטעלערין אין פראזע. זי האט אין איהר מאן'ס צייטונג געשריבען פעליעטאנען, וועלכע זיינען געווען פאפולער, און זי האט אויך געשריבען פאר דער ביהנע. ביי איהר אין זאל פלעגען זיך צוזאמענקומען די פראמינענטסטע שרייבער פון יענער צייט. איהר מוטער, סאפי גאי, איז אין די יאהרען פון נאפא־לעאן'ס מאכט אויך געווען אן ערפאלגרייכע שרייבערין; הויפט־זעכליך איז זי געווען באקאנט מיט איהר הומאר; אלזא פלעגט מען דעלפין'ען רופען „די טאלאנטפולע טאכטער פון א טאלאנט־פולער מוטער".

טיילווייז צוליב איהר אייגענעם נאמען און יחוס, און טייל־ווייז צוליב איהר מאן'ס גרויסען איינפלוס, איז דעלפין דע־זשי־

ראַרדען׳ס זאָל געווען איינער פון די צענטערען פון דער ליטעראַ־רישער וועלט אין פּאַריז. אַזעלכע „אונשטערבליכע" ווי באַלזאַק און וויקטאָר הוגאָ זיינען ביי איהר געווען אָפטע געסט.

איינמאָל האָט דעלפין אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקעל, אין וועלכען זי האָט ראַשעל׳ען פאַרטיידיגט קעגען אַנטיסעמיטישע אַנגריפען, וואָס געוויסע פערזאָנען האָבען געמאַכט אויף איהר.

מען האָט, צום ביישפּיל, גע׳טענה׳ט, אַז אידען קויפען אָפּ מייסטע פון די בילעטען צו ראַשעל׳ס פאָרשטעלונגען. האָט מאַ־דאַם דע־זשיראַרדען אויף דעם געענטפערט, אַז ערשטענס, קומט די אידען אַ קאָמפּלימענט פאַר דעם שטאָלץ, וואָס זיי וויזען אַרויס מיט דעם טאַלאַנט פון אַ קינד פון זייער פאָלק, און צווייטענס, אַז די באַהויפּטונג איז אַ פאַלשע; אַז אַ מאַיאָריטעט פון די, וואָס זיינען ענטציקט פון ראַשעל׳ס שפּילען, באַשטעהט פון ניט־אידען און אַז צווישען זיי געפינען זיך אַזעלכע, וואָס פלעגען אַפּלאָדירען טאַלמאַ׳ן און די גרויסע פראַנצויזישע שוישפּילערינס פון זיין צייט.

ראַשעל האָט אויך געהערט, אַז אין דעם זעלבען זין און מיט אויסדרוקען פון באַגייסטערונג פאַר איהר רעדט מאַדאַם דע־זשי־ראַרדען אויך אין פּריוואַט געשפּרעכען. אַלזאָ האָט זי איהר אָפּ־געשטאַט אַ וויזיט און איהר אויסגעדריקט איהר דאַנקבאַרקייט. דאָס איז געווען אין 1843.

אויף דיזען אָרט איז צווישען דער שוישפּילערין און דער פּאָעטעסטע אויסגעוואַקסען אַ וואַרימע פריינדשאַפט. דעלפין האָט דער יונגער שוישפּילערין אימער אַרויסגעוויזען טרייהייט, און זי, ראַשעל, האָט ווירקליך געהאַט פאַר וואָס איהר דאַנקבאַר צו זיין. נו, האָט זי איהר „דאַנקבאַרקייט" אַרויסגעוויזען מיט דעם, וואָס זי האָט מיט איהר מאַן פאַרפיהרט אַ „לינקען ראָמאַן".

אָט דאָס האָט ראַשעל געווים געמיינט, ווען זי האָט צו איהם געשריבען, אַז „אום צו געניסען דעם פולען גליק מוז מען צו־טרעטען יעדען שפּור פון עהרע און בושה". זי האָט זיך אַ ביסעל נעשעהמט פאַר איהם גופא.

* * *

דעלפין איז געווען מערקווירדיג שעהן געוואַקסען. דער אויבען־דערמאָנטער שרייבער אַרסען אוסאַי האָט נאָך דעלפין׳ס טויט וועגען איהר געשריבען: „זי האָט געהאַט אַ שעהנעם קאָפּ האָר

מיט רייכע לאקען. זי האט געמאכט דעם איינדרוק פון א מוזע, א געטין פון קונסט, מעהר ווי פון א פּרויענצימער. און מיט איהר טאלאנט און שארפזין האט זי ארויסגערופען רעספּעקט און פריינדשאפט מעהר ווי ראמאנטישע ליבע".

אזוי פלעגט מען איהר טאקע רופען: „די מוזע".

אין איהר האט זיך אמאל פארליבט א צולאזענער פּראנט פון דער העכערער געזעלשאפט — שטערבליך פארליבט. ווען ער האט איהר ערקלערט זיין לידענשאפט, איז זי געווען גערירט. זיין פלאמענדען פארלאנג האט זי אבער צוריקגעוויזען — איידעל, אבער פעסט. ער האט דאן גענומען נאכלויפען נאך אנדערע פרויען און שלעפען זיך איבער אונאנשטענדיגע הייזער און קאר־טעוועניעס, ניט קענענדיג זיך געפינען קיין טרייסט. א קארטען־חוב, וועלכען ער האט ניט געהאט מיט וואס צו באצאהלען, האט זיין פארצווייפלונג נאך פיל פארגרעסערט, ביז ער האט זיך גע־פונען ביים ברעג פון וואהנזין. אלזא האט ער באזוכט מאדאם דע־זשיראַרדען'ס מוטער און איהר געזאגט, אז ער האט באשלאסען צו באגעהן זעלבסטמארד צוליב איהר טאכטער.

סאפיע גאי איז דאן שוין געווען א זקנה, אבער לויט בארטו'ס א באמערקונג האט דער ראמאנען־אינטערעס אין דער אלטער בעל־עבירה'ניצע זיך נאך ניט איינגעשטילט; און פון תשובה טאן האט זי אפילו ניט געטראכט. קורץ, אנשטאט דעם פאר־צווייפעלטען פארליבטען צוריקצוהאלטען פון דעם משוגענעם שריט, האט זי איהם אליין געשיקט צו איהר טאכטער, אז זי, דעלפין, זאל איהם „ראטעווען". איז ער אוועק צו דער יונגער שריפטשטעלערין און איהר פארגעשלאגען צו געהן וואוינען מיט איהם; און זי האט איהם ענטזאגט מיט איהר געוועהנליכער געלאסענקייט און איידעלער זעלבסטווירדע.

דער פארליבטער האט דאן ארויסגעכאפּט א פּיסטאלעט און זיך דערשאסען.

וואס ווייטער איז געווען, דערצעהלט ארסען אוסאי:

„אין דעם זעלבען מאמענט האט זיך געעפענט די טיר און עס האט זיך באוויזען איהר מאן. „דו ליבסט איהם!" האט ער אויסגעשריען צו איהר.

„איז זי אויפגעשטאַנען אַ שטאָלצע, אַ גרויסאַרטיגע, און גע־זאָגט: „יאָ, מיין הערר, איך האָב דעם מאַן ליב. איך ליב איהם, אָבער בלויז זינט ער איז געשטאָרבען".

„אַז זיין פרוי'ס פאַרליבטע זיינען קיינמאָל ניט געווען איהרע געליבטע — אין דעם איז עמיל דע־זשיראַרדען'ען געווען זעהר שווער צו איבערצייגען.

„זינט דאַן האָט ער זיך געפיהלט פריי. ער איז געווען זיין פרוי'ס אַ חבר, אַ פריינד, אַ ליטעראַרישער מיטאַרבייטער, ער האָט אָבער אויפגעהערט צו זיין איהר מאַן."

* * *

פלוצלינג האָט זיך באַוויזען אַן אונגעריכטע געפאַהר פון אַ גאַנץ אַנדער סאָרט.

אין פאַריז האָט דאַן געוואוינט אַ פרוי מיט'ן נאָמען עסטער גימאָן, וועלכע האָט געהאַט אַ נאָמען אַלס „הולטייקע אָלאַ מאָד" — עס הייסט, אַן אויסגעלאַסענע פרוי פון די הויכע פענסטער. ווענען איהר פלעגט מען דערצעהלען, אַז זי האַלט אַן אויג אויף איהרע געליבטע אויף אַ סיסטעמאַטישען שטייגער. זי האָט געהאַט שפּיאָנען, וואָס האָבען זיי נאָכגעקוקט און נאָכגעפאָרשט. טאָמער איז איהר נויטיג געווען איינעם פון איהרע „העכט" צו צווינגען אוועק־צו־וואַרפען אַן אַנדער געליבטע זיינע, האָט זי געהאַט מיט וואָס איהם צו סטראַשען — מאַכען איהם אַ סקאַנדאַל, אויסזאָגען אויף איהם זיין פרוי, אָדער אפשר מעלדען דער פּאָליציי, אַז ער באַגעהט פאַרברעכענס.

נו, האָט זיך ראַשעל דערוואוסט, אַז „איהר" עמיל איז עס־טער'ס אַ געליבטער, און אַז עסטער האָט שוין ענטדעקט, אַז ער איז איהר ניט טריי, און אַז זיין נייע קאָכאַנקע איז זי, די אידישע שוישפּילערין.

עסטער האָט געסטראַשעט צו לאָזען וויסען מאַדאַם דע־זשי־ראַרדען וועגען דעם, און ביידע — ראַשעל און עמיל — האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען.

עמיל דע־זשיראַרדען האָט געלייקענט, און ראַשעל אויך. עסטער האָט אָבער געהאַט דייטליכע באַווייזע, מיט איינצעלהייטען.

מאַדאַם דעלפין דע-זשיראַרדען

זי האָט דאָס אַלץ אויסגערעכענט אין אַ בריף צו ראַשעל׳ען, וועל־כען זי האָט געענדיגט מיט אַ וואָרנונג, אַז זי זאָל „מאַכען אַ סוף צו איהרע לומפּעריייען”. עסטער׳ס בריף צו ראַשעל׳ען טראָגט דעם דאַטום פון דעם 18טען מערץ, 1846.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז עמיל האָט די אַריסטאָקראַטישע הולטייקע פאַרזיכערט, אַז ער וועט שוין זיין גוט און פרום, און וועט מיט ראַשעל׳ען מעהר קיין געהיימע באַגעגענישען ניט האָבען.

ראַשעל האָט מיט עמיל׳ען זיך ווייטער קאָרעספּאָנדירט, און אָפט זאָגאַר; אָבער אַלע זייערע בריף נאָך דעם 18טען מערץ, 1846, האָבען אַן אונשולדיגען און ניט־אינטימען כאַראַקטער. אַז זיי האָבען זיך אַזוי אויפגעפיהרט אין דער ווירקליכקייט גלויבט זיך קוים. אפשר די ערשטע צייט, ווען עסטער׳ס שפּיאָנען האָבען איהר געהאַלטען אויפ׳ן אויג.

ווי אַזוי גראַף וואַלעווסקי האָט זיך דערוואוסט פון ראַשעל׳ס נאָהענטקייט מיט דע־זשיראַרדען׳ען ווייס מען ניט. באַרטו ווייזט אָבער אָן אויף די צוויי דאַטומס: 1) עסטער׳ס בריף צו ראַ־שעל׳ען איז געשריבען געוואָרען דעם 18טען מערץ, 1846; 2) וואַלעווסקי׳ס חתונה מיט דער איטאַליענישער גרעפין איז פאָרגעקומען דעם 4טען יוני פון דעם זעלבען יאָהר — מיט צוויי־און־אַ־האַלב מאָנאַט שפּעטער.

אַז וואַלעווסקי האָט וועגען ראַשעל׳ען גערעדט מיט אַ ביי־טערען צאָרן און זאָגאַר מיט שימפף־ווערטער, דאָס האָט זי זיך דערוואוסט פון אַ פרוי אין וועמעס געגענוואַרט ער האָט איהר געשימפּט. דאָס האָט איהר איבערצייגט, אַז ער ווייס פון איהר אונטרייהייט צו איהם.

* * *

ראַשעל׳ס נעקסטער „אָפיציעלער” ראָמאַן איז ווידער פאַר־בונדען מיט דער געשיכטע פון נאַפּאָלעאָן. דער נאָמען פון איהר נייעם געליבטען איז געווען אַרטור בערטראַן, אַ זוהן פון גענעראַל בערטראַן, וועלכער איז באַריהמט מיט זיין איבערגעבענהייט צו דעם געוועזענעם אימפּעראַטאָר.

ווען מען האָט נאַפּאָלעאָנ׳ען פאַרשיקט אויף דעם איינזאַמען אינזעלע סעינט העלענא, איז גענעראַל בערטראַן געווען זיין נאָ־

הענטסטער און טרייסטער קאמפאניאן. ער איז מיט איהם דאר־טען פארבליבען ביז דער עקס־אימפעראטאר איז געשטארבען.

אלץ וואס איז פארבונדען מיט דעם נאמען נאפאלעאן איז אין פראנקרייך געווען זעהר פאפולער. און גענעראל בערטראן׳ס צערטליכע צוגעבונדענקייט צו דעם אמאליגען זיגער און הערשער, האט זיין, בערטראן׳ס, נאמען אויך פאפולער געמאכט.

זיין זוהן ארטור איז טאקע געבארען געווארען אויף דעם אינזעל סעינט העלענא. אין 1817 איז דאס געווען — קנאפע צוויי יאהר נאך דעם ווי מען האט נאפאלעאן׳ען פארשיקט אהין.

און מיר קענען אויך צולעגען דעם פאלגענדען אינטערע־סאנטען פאקט: ווען פרינץ דע־זשואנוויללע, דער זוהן פון קעניג לואי פיליפ (וועלכער איז דערנאך געווארען ראשעל׳ס געליבטער) האט אין 1840 אראפגעבראכט נאפאלעאן׳ס קערפער פון סעינט העלענא קיין פאריז, איז ארטור בערטראן געווען א וויכטיגער מיטגליד פון דער עקספעדיציע.

ארטור׳ס ראמאן מיט ראשעל׳ען האט זיך געצויגען לענגער ווי איהר ליבע מיט דעם מאטראזען־פרינץ.

ארטור בערטראן איז געווען מיט פיר יאהר עלטער פון ראַ־שעל׳ען. אן אויסוואורף איז ער געווען גאר א גרויסער. ער איז געווען א שעהנער יונג, מיט א סך חן. ער האט זיך אימער ארומ־געדרעהט אין די טעאטערס און — ניט וויינינער — אין אונאנ־שטענדיגע הייזער; אבער, ווי עס שיינט, האט דאס איהם ניט געשטערט צו זיין א סימפאטישער יונגערמאן.

פון אלץ, וואס מען לייענט וועגען איהם און וועגען זיינע באציהונגען מיט ראשעל׳ען, באקומט זיך דער איינדרוק, אז זי האט זיך צו איהם צוגעקלעפט ניט נאר מיט תאוה, נאר אויך מיט׳ן הארצען.

איידער ער איז געווארען „איהרער״ איז ער געווען דער גע־ליבטער פון דער אויבען־דערמאנטער שוישפילערין ווירזשיני דע־זשאזע, וועלכע איז מיט עטליכע יאהר פריהער געווען זעהר פא־פולער אין קאמישע ראלען. זי האט פון איהם געהאט גרויסע צרות. און דאס געלט, וואס זי פלעגט פארדינען, פלעגט מייסטענס אוועקגעהן אויף איהם מיט די גרענעצלאזע חובות, וואס ער פלעגט מאכען. זי האט איהם אבער אמת געליבט. און זייענדיג

א מילדע, גוט־הארציגע און געדולדיגע פרוי, פלעגט זי איהם אימער אלץ מוחל זיין. זי איז צו איהם געווען אי א געליבטע, אי אזוי ווי א מוטער. צעהן יאהר האט זיך געשלעפט איהר ראמאן מיט איהם.

אנגעפאנגען האט זיך דאס ווען זי איז געווען זיין „ערשטע ליבע". דערנאך האט ער איהר פאררואטען מיט פארשידענע אנדערע פרויען, פאררואטען איהר ווידער און ווידער אהן א שיעור, און יעדעס מאל, ווען ער פלעגט זיין „געבראכען" און פארשולדיגט ביז איבער'ן האלז, פלעגט ער ווידער קומען צו זיין „ניני", ווי ער פלעגט איהר רופען, און זי פלעגט איהם ווידער מוחל זיין; ווידער זיך אליין באלעסטיגען מיט חובות, וואס זיינען געווען איבער איהרע כוחות, און איהם ווידער אריינעהמען צו זיך — שוין ניט אלס זיין „ערשטע ליבע", נאטירליך, נאר אלס א „געוועהנליכע מעטרעסע".

אהן שאנד, אהן יעדען שפור פון אנשטענדיגקייט, פלעגט ער איהר פארבייטען אויף א פרוי פון זומפ, און ווען ער פלעגט זיך אומקערען צו דער אקטריסע, פלעגט זי ווידער אלץ פארגעסען, און ווידער זיין אי א געליבטע, אי א מאמע צו איהם.

אין דער צייט פון די פאסירונגען, וועגען וועלכע מיר דערצעהלען דא, איז ווירזשיני דע־זשאזע שוין ניט געווען זעהר יונג (ווען ראשעל איז אלט געווען 26 יאהר, איז זי געווען 50). איהר פעהיגקייט צו ציהען אן עולם איז געווען באדייטענד קלענער ווי אמאל. זי פלעגט מוזען ארומפאהרען אויף „גאסט־ראלען" איבער שטעט און שטעטלאך און די פראגע פון פרנסה איז אפט געווען א גאנץ שווערע פראבלעם.

אויף גליק מיט ארטור'ן האט זי ענדליך אויפגעגעבען יעדע האפענונג. זי האט זיך צו דעם געדאנק צוגעוואוינט און זי האט זיך בארוהיגט.

אלזא, ווען זי האט זיך דערוואוסט, אז ראשעל האט איהם נעגעבען א שליסעל צו איהר רייכער קווארטיר, האט די נייעס אין איהר קיין בייזע געפיהלען ניט ארויסגערופען. ווי מיר ווייסען שוין פון דעם קאפיטעל וועגען אדאלף קרעמיע, איז ראשעל מיט איהר געווען באקאנט, און זי, ווירזשיני דע־זשאזע, איז איהר געווען סימפאטיש; האט זי איהר פריינדשאפט צו איהר ארויס־

געוויזען אויף פאַרשידענע אַרטען. און ווירזשיני, פון איהר זייט, האָט צו ראַשעל'ן געהאַט די בעסטע געפיהלען אפילו דאַן, ווען אַרטור איז געוואָרען איהר „טענאַנט".

*　　*　　*

דעם 13טען נאָוועמבער, 1847, האָט ראַשעל געשפּילט אין דער הויפּט־ראָלע פון אַ פּיעסע מיט'ן נאָמען „קלעאָפּאַטראַ", וועלכע עס האָט אויפגעשריבען פאַר איהר מאַדאַם דע־זשיראַרדען. פון צייט צו צייט האָט זי פון דער ביהנע געוואָרפען בליקען אין אַ לאָזשע, וואָס האָט זיך געפונען ביי דער סאַמע ביהנע. אין יענער לאָזשע איז דאַן געזעסען אַרטור בערטראַן. ראַשעל איז געווען אין זעקסטען מאָנאַט.

זי איז געווען צו שוואַך, דאָך האָט זי געשפּילט, און געשפּילט מיט איהר געוועהנליכער קראַפט און פייער. „אַרטור'ס אנוועזענהייט האָט איהר געגעבען כוח און אַ ווילען איהם צו געפעהלען", האָט מען דאַן געזאָגט. ווי ערקלערט זיך אָבער דאָס, וואָס זי האָט מיט עטליכע טעג פריהער געהייסען אַנאָנסירען אַז זי וועט שפּילען? האָט זי דאָס געטאָן ווייל זי האָט געוואוסט, אַז אַרטור וועט דאַן זעהן די פאָרשטעלונג? מעגליך. עס איז אָבער אויך מעגליך, אַז דאָס האָט זי געטאָן הויפּטזעכליך צוליב דער פאַרפאַסערין, מאַדאַם דע־זשיראַרדען. זי האָט זיך אימער געפיהלט ווי אַ שולדיגע קעגען איהר, און זי האָט געגאַרט אָנצוהאַלטען וואַרימע באַציהונגען מיט איהר, וואָרים די פריינדשאַפט פון אַזאַ איינפלוסרייכע צייטונגס־שרייבערין איז פאַר איהר געווען זעהר וויכטיג. ווען ניט דאָס, וואָלט זי איהרע פּיעסען אין האַנט ניט גענומען, וואָרים קיין טאַלאַנט אַלס פאַרפאַסערין פאַר דער ביהנע האָט דערלפין ניט געהאַט.

נאָך אין די ערשטע פאָר יאָהר פון זייער באַקאַנטשאַפט האָט ראַשעל איהר געבעטען אָנשרייבען אַ פּיעסע פאַר איהר. און זי האָט די פּיעסע טאַקע געשפּילט — געשפּילט נאָך לענגער ווי עס האָט זיך געלוינט, וואָרים דאָס שטיק איז אייגענטליך געווען אַ דורכפאַל; און טראָץ דעם דורכפאַל האָט זי איהר צוגעגעבען

קוראזש צו שרייבען א צווייטע פיעסע, און די צווייטע האָט זי אויך געשפּילט לענגער ווי עס האָט זיך געלוינט.

האָט זי שוין דאַן געהאַט געהיימע באַציהונגען מיט איהר עמיל׳ען? קיין דאַטומס וועגען ראַשעל׳ס ראָמאַן מיט עמיל׳ען זיינען ניטאָ.

* * *

ווייניגער ווי דריי מאָנאַט נאָך דעם 13טען נאָוועמבער, 1847, האָט זי געבוירען א צווייטען זוהן. אנצווערקענען איהם האָט אַר־טור בערטראַן זיך ענטזאָגט. עס איז אָבער פאַראַן א סברא, אַז ראַשעל האָט גאָר ניט געוואָלט, אַז דער אונפעראַנטוואָרטליכער כאַראַקטערלאָזער אויסוואורף זאָל זיין באַקאַנט אַלס איהר קינד׳ס פאָטער. צי אַזוי, צי אַזוי — זי האָט איהם געגעבען איהר אייגע־נעם פאַמיליען־נאָמען — פעליקס. זיין פולער נאָמען איז געווען גאַבריעל וויקטאָר פעליקס.

דאָס קינד איז קוים אַלט געווען עטליכע מאָנאַט ווען זיינע טאַטע־מאַמע זיינען זיך צוגאַנגען.

ביידע זיהן האָט זי געהאָדעוועט אין דער קאַטוילישער רע־ליגיע. „זייערע פאָטערס זיינען קאַטוילי־קען" — פלעגט זי ער־קלערען — „וויל איך זיי ניט פאַרשאַפען קיין שטערונגען אין זייער לעבען".

אין פאַריז האָב איך צווישען אידישע אימיגראַנטען געהערט מעשות, וואָס זיינען דאָרטען איבערגעבליבען פון ראַשעל׳ס צייט. די פרומע פוילישע און ליטווישע אידען פון איהר דור האָבען איהר קיין גליק ניט געוואונשען. מען דערצעהלט וועגען א אידען פון קאָוונע, וועלכער פלעגט אין פאַריז זאָגען מוסר אין אַן אָר־טהאָדאָקסישער קלייזעל. ער איז געווען א יואוועליר אָבער א למדן און פייערדיגער פרומאַק. פלעגט ער אין זיינע דרשות געבען אָנ־צוהערעניש אויף דער באַריהמטער שוישפּילערין, און „גיסען פעך און שוועבעל אויף איהר מיט איהרע ממזרים".

פינף־און־דרייסיגסטער קאַפּיטעל

די רעוואָלוציע פון 1848. — דער קעניג איז גע־צוואונגען אָפּצודאַנקען. — דער קעניג און זיין פאַמיליע אַנטלויפען. — אַדאָלף קרעמיע׳ס ראָלע אין די היסטאָרישע טעג

מיר האַלטען ביי די טעג פון דער רעוואָלוציע פון 1848. אונזער טעמע איז ראַשעל. אַז זי זאָל האָבען געשפּילט אַ ראָלע אין דעם פּאָליטישען שטורם פון יענע טעג, וואָלט געווען אונ־נאַטירליך צו ערוואַרטען. און דאָך אַ געוויסע ראָלע אין פאַר־בינדונג מיט יענע געשעהענישען האָט זי יאָ געשפּילט.

צוערשט איז אָבער נויטיג דעם לעזער באַקאַנט צו ווערען, כאָטש אויף אַ גאַנץ אַלגעמיינעם אופן, מיט די וויכטיגסטע דראַ־מאַטישע מאָמענטען פון דער רעוואָלוציע גופא. אָהן דעם וואָלט ראַשעל׳ס אנטייל אין די סצענעס פון יענע טעג ניט געווען דייט־ליך גענוג.

פריהער פון אַלץ דאַרף מען האָבען אין זינען, אַז דער יאָהר 1848 איז געווען אַ יאָהר פון רעוואָלוציאָנערע אויפרעגונגען און אויפשטאַנדען אין עטליכע אייראָפּעאישע לענדער. און פראַנק־רייך, דאָס לאַנד פון רעוואָלוציעס, איז ניט געווען די איינציגע מדינה, וואו דער עולם האָט זיך געשטעלט קעגען זיינע הערשער.

* * *

דער פראַנצויזישער קעניג לואי פיליפּ איז וואָס ווייטער אַלץ טיפער אריינגעזונקען אין דעם רעאַקציאָנערען גייסט. און זיין רעגירונג איז אַלץ מעהר דורכגעוואָרימט געוואָרען מיט קאָרופּציע. די אומצופרידענהייט איז געוואַקסען אין די מיטעלע קלאַסען אַזוי גוט ווי צווישען די ארבייטער. דער „בורזשואַ קעניג״ האָט פאַר־לאָרען די שטיצע פון דער בורזשואַזיע, פון דעם קלאַס, וועלכער האָט אין 1830 איהם ארויפגעזעצט אויפ׳ן טראָן.

קיין פעסטען כאראקטער האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט; און איצט, ווען ער איז שוין געווען עטליכע און זיבעציג יאָהר אַלט, איז ער געווען נאָך שוואַכער. ער האָט זיך אין גאַנצען פאַרלאָזען אויף זיינע רעאַקציאָנערע מיניסטאָרען; און ווען עס האָט זיך גענומען הערען אַ פאָדערונג, אַז ער זאָל אַנשטאַט זיי באַשטימען אַ ליבעראַלען קאַבינעט, האָט ער ניט געהאַט קיין מוט די מיניסטאָרען אָראָפּצוזעצען.

די עפענטליכע אַגיטאַציע האָט זיך אָנגעפאַנגען אין דער פאָרמע פון באַנקעטען, אויף וועלכע מען האָט געטרונקען אַ טאָוסט פאַר'ן קעניג. רעדעס האָט מען אָבער געהאַלטען וועגען רעפאָרמען. און די רעפאָרמען, וואָס מען האָט געפאָדערט, זיינען געווען אין אַ ליבעראַלער ריכטונג, און דאָס האָט פריהער פון אַלץ געמיינט אַ ליבעראַלער מיניסטעריום.

די באַנקעטען זיינען צוערשט פאָרגעקומען אין די גרויסע פראָווינץ־שטעט. ווען מען האָט געפּרואווט צוגרייטען אַן עהנליכען באַנקעט אין פאַריז, אויף דעם 22טען פעברואַר, 1848, האָט די רעגירונג, (דאָס הייסט, די מיניסטאָרען) דאָס פאַרבאָטען. דאָס האָט אַרויסגערופען אַ גרויסע אויפרעגונג, וועלכע האָט גלייך אָנ־גענומען דעם כאַראַקטער פון אַ רעוואָלוציאָנערער געשעהעניש.

„דער קעניג האָט זיך דערשראָקען, אָבער צו שפּעט. ער האָט נאָכגעגעבען און באַשטימט אַ נייעם מיניסטעריום. מיט צוויי טעג פריהער וואָלטען די מאַסען דאָס אָנגענומען — ווי וואָ־לענטין טהאָמסאָן דערצעהלט וועגען דעם — איצט אָבער האָבען זיי זיך מיט דעם ניט צופרידענגעשטעלט". אַ זיג איז דאָס פאַר דער אָפּאָזיציע יעדענפאַלס געווען, און דער זיג האָט געווירקט ווי אויל אויף פייער. נעקסטען אָוועגט, דעם 23טען פעברואַר, זיינען די פאַריזער גאַסען אַזוי ווי פון זיך אַליין באַלויכטען געוואָרען ווי צו אַ יום טוב. אַ ריזיגע מאַסע מענשען, אַ פרעהליכע און אַ פרידליכע, האָט זיך פאַרזאַמעלט ביי דער געביידע פון דעם הויפּט־מיניסטער, אויף איינעם פון די גראַנד בולוואַרען.

די קעניגליכע רעגירונג וואָלט ווי־עס־איז געקענט רעטען איהר לעבען, אַ כלומרשטדיגען לעבען, וועניגסטענס; האָט אָבער פּלוצ־לינג אויסגעבראָכען אַ שיסעריי.

עטליכע הונדערט סאָלדאַטען האָבען אויסגעשאָסען אויף פרידליכע מאַרשירענדע בירגער, און עטליכע און פופציג מענשען זיינען געפאַלען טויט.

נאָך דעם איז די אָראָפּזעצונג פון דעם רעאַקציאָנערען מי־ניסטעריום שוין ניט געווען געגוג. מען האָט געפאָדערט, אַז דער קעניג זאָל פאַרלאָזען דעם טראָן. דאָס האָט נאָך אָבער אַלץ ניט געמיינט, אַז די מאָנאַרכיע זאָל פאַרניכטעט ווערען. מען האָט נאָר געוואָלט, אַז ער זאָל די מלוכה איבערגעבען זיין יורש.

זיין עלטסטער זוהן איז געשטאָרבען מיט זעקס יאָהר פריהער. דער נעקסטער זוהן (נאַמיר האָט ער געהייסען) איז געווען באַ־קאַנט אַלס רעאַקציאָנער. האָט דער פּאַרלאַמענט אָנגענומען אַ געזעץ, אַז דער טראָן זאָל איבערגעהן ניט צו איהם, נאָר צו דעם קעניג׳ס אייניקעל, דאָס הייסט, צו דעם זוהן פון דעם געשטאָר־בענעם יורש. דער אייניקעל איז געווען אַ צעהן־יעהריגער אינגעל, אָבער זיין מוטער, די פירסטין פון אָרלעאַנס, איז געווען ליבעראַל געשטימט, און ווען איהר מינדער־יעהריגער זוהן זאָל ווערען קעניג, וואָלט זי זיין די רעגירערין ביז ער וועט אויסוואַקסען, און זי האָט צוגעזאָגט איהם צו ערציהען אין אַ ליבעראַלען גייסט.

די הייסע פראַנצויזישע בלוט האָט אין זיך געהאַט אַ ירושה־פייער פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אין וועלכער דער קוזין פון לואי פיליפּ׳ס פאָטער, קעניג לואי דער זעכצעהנ־טער, האָט פאַר לאָרען זיין טראָן און זיין לעבען (און אין וועל־כער לואי פיליפּ׳ס פאָטער איז אויך גיליאָטינירט געוואָרען). אַלזאָ האָט זיך דער קאַמף פאַנאַנדערגעברענט. אין דעם איצטיגען אויסברוך האָט דער מיטעלקלאַס צוערשט גענומען אַנטייל צוזאַ־מען מיט די אַרבייטער. עס זיינען אויך צוגעשטאַנען פאָרטגע־שריטענע מענשען פון אַלערליי עלעמענטען. אַ פיהרענדע ראָלע אין די אינטערעסען פון די אַרבייטער האָט געשפּילט דער היס־טאָריקער לואי בלאַן, אַ סאָציאַליסט לויט די באַגריפען וואָס האָ־בען עקזיסטירט איידער די אידעען פון קאַרל מאַרקס האָבען באַ־קומען זייער ריזיגען איינפלוס.

אויף די דערמאָנטע באַנקעטען, און אין דעם גאַנצען קאַמף, האָט זיך צווישען אַנדערע פּראָגרעסיווע מענשען באַטייליגט וואַ־לענטין טהאָמסאָנ׳ס זיידע, אַדאָלף קרעמיע, דער אידישער אַדוואָ־

קאַט און כלל־טוער, אין וועמעס הויז ראַשעל האָט זיך געפּיהלט ווי אַן אייגען קינד אין די ערשטע פּאָר יאָהר פון איהר גרויסער קאַריערע. אַז ער איז געווען אַ באַגאַבטער רעדנער, און אַ מענש פון פּאָרטגעשריטענע געדאַנקען און נאָבעלע געפּיהלען, האָבען מיר דערמאָנט אין די קאַפּיטלעך וועגען זיינע און זיין פרוי'ס באַ־ציהונגען צו דער אידישער אַקטריסע. קיין סאָציאַליסט איז ער ניט געווען. ער איז אָבער געווען גענייגט אויף לינקס, און אין דער רעוואָלוציע פון 1848 האָט ער פאַרנומען אַ פּראָמינענטען פּלאַץ.

* * *

וועגען קרעמיע'ס ראָלע אין דער סצענע, ווען לואי פיליפּ האָט אָפּגעדאַנקט (רעזיגנירט) אַלס קעניג, ווערט דערצעהלט אין דער „געשיכטע פון דער פראַנצויזישער נאַציאָן", פון האַנאָטאָ (פינפ־טער באַנד, זייט 416), אַז קרעמיע איז געווען איינער פון צוויי פאָרשטעהער פון דעם אויפשטאַנד, וועלכע זיינען געקומען פאָ־דערען, אַז ער זאָל אָפּדאַנקען. און דער צווייטער פאָרשטעהער, איז אויך אונזערער אַ באַקאַנטער, נעמליך עמיל דע־זשיראַרדען, דער רעדאַקטאָר פון דער איינפלוסרייכער צייטונג „לאַ פּרעסס".

לויט האַנאָטאָ'ס געשיכטע איז דאַן פאָרגעקומען דאָס פאָל־גענדע:

דע־זשיראַרדען האָט אין זיין האַנט געהאַלטען אַ פּאַפּיר, אויף וועלכען עס זיינען געווען אויפגעשריבען פיר פּונקטען: 1) דער קעניג זאָל אָפּדאַנקען; 2) די פירסטין פון אָרלעאַנס זאָל זיין רעגענטין (פּאָרלויפיגע הערשערין); 3) דער פּאַרלאַמענט זאָל אויפגעלעזט ווערען און עס זאָלען פאָרקומען נייע וואַהלען; 4) אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע זאָלען באַפרייט ווערען.

נאָך דעם, ווי די פיר פּונקטען זיינען פאָרגעלעזען געוואָרען, האָט דער קעניג זיך פאַרטראַכט אויף אַ פּאָר מינוט, און דאַן האָט ער געזאָגט:

„איך דאַנק אָפּ!"

דאַן האָט ער גענומען אַ בויגען פּאַפּיר און אויפגעשריבען:

„איך נעם אַרונטער פון זיך די קרוין, וועלכע דער ווילען פון דער נאַציאָן האָט אויף מיר אָנגעטאָן. איך דאַנק אָפּ צו

גונסטען פון מיין איניקעל, „קאונט דע פארי" (גראף פון פאריז). איך ווינש איהם צו האָבען ערפאָלג אין דער גרויסער אויפגאַבע, וועלכע ווערט היינט זיין אויפגאַבע".

„קרעמיע האָט דעם דאָקומענט צוגענומען און האַלטענדיג איהם אין האַנט, האָט ער, צוזאַמען מיט זשיראַרדען'ען, זיך אומגעקערט צו דעם רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט".

אַז קרעמיע האָט צוגענומען פון קעניג'ס האַנט דעם דאָקומענט, אין וועלכען ער דאַנקט אָפּ און גיט איבער זיין טראָן צו זיין איניקעל — דאָס זאָגען אַנדערע היסטאָריקער אויך. אָבער ניט אַלע. קיין ווידערשפּרוך וועגען דעם פונקט איז ניטאָ. עס קומט סתם אַרויס אַן אונדייטליכקייט וועגען איניגע פון די וויכטיגסטע מאָמענטען.

קרעמיע אַליין, אין זיינע „נאָטיצען" וועגען דעם יאָהר 1848, דערמאָנט דעם פונקט ניט. ער דערצעהלט דאָרטען ווי אַ פּאָר שטונדען פאַר דעם קעניג'ס אָפּדאַנקונג האָט ער, קרעמיע, איהם געראַטען אַראָפּצוזעצען דעם רעאַקציאָנערען קאָמאַנדאַנט פון דער פּאַריזער מיליטער, וועלכער איז געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר דער נעכטיגער שיסעריי און אויף זיין פּלאַץ צו באַשטימען דעם ליבעראַלען מאַרשאַל זשעראַר. און דער קעניג האָט גלייך אַזוי געטאָן. דערנאָך דערצעהלט ער ווי נאָך דער אָפּדאַנקונג, ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין דעם קעניגליכען פּאַלאַץ, האָט ער דעם קעניג געראַטען גלייך צו פאַרלאָזען פּאַריז, וואָרים אויף די גאַסען ליגען טויטע קערפּערס און די מאַסען זיינען שרעקליך אויפגערעגט. ער דערצעהלט ווי ער האָט דעם קעניג און זיין פאַמיליע געהאָלפען אַנטלויפען. די סצענע ווי ער, קרעמיע, האָט צוגענומען ביים קעניג דעם אונטערגעשריבענעם פּאַפּיר דערמאָנט ער אין זיינע ערינערונגען ניט.

* * *

קעניג לואי פיליפּ האָט קרעמיע'ן גוט געקענט פּערזענליך, וואָרים ער פלעגט אָפט קומען צו איהם וועגען אידישע אינטערעסען און אויך וועגען אַנדערע אַנגעלעגענהייטען. צוערשט פלעגט ער צו איהם זיך ווענדען וועגען דער אָפּשאַפונג פון דער ספּעציעלער

„אידישער שבועה״; דערנאָך, ווען די שבועה, אלס רעזולטאט פון זיינע (קרעמיע׳ס) ארגומענטען און ביטעס, איז שוין געווען אָפּגעשאַפט, פלעגט ער ווידער קומען צו איהם; ווארים פּראָ־ווינציעלע ריכטער פלעגען דעם נייעם געזעץ ניט היטען, זיי פלעגען זיך האלטען ביי דעם אלטען מנהג. דער קעניג פלעגט קרעמיע׳ס בקשות אימער באווילינגען.

אויך איז ער געווען פּערזענליך באקאנט מיט דעם קעניג׳ס ליבעראלע שנור, די פירסטין פון אָרלעאַנס. זי האָט פון איהם שטארק געהאלטען, און ער פלעגט אָפט פאר איהר שרייבען וויכ־טיגע דאָקומענטען. אפילו די דעקלאַראַציע, אז זי וועט איהר זוהן האָדעווען אין אַ ליבעראלען גייסט האָט אויך קרעמיע פאר איהר אויפגעשריבען.

ס. פּאזנער (אַ רוסישער איד) איז דער פּארפאסער פון קרע־מיע׳ס ביאָגראפיע אין צוויי בענדער. און דאָרטען, אויף זייט 47 פון צווייטען באַנד, געפינען מיר דאָס פאָלגענדע:

„דר. ל. ווערהן זאָגט עדות, אז דאָס פּאַפּיר מיט דעם קעניג׳ס אונטערשריפט, דאָס ער זאָגט זיך אָפּ פון דעם טראָן, איז איבער־געגעבען געוואָרען צו קרעמיע׳ן, וועלכער האָט דעם דאָקומענט איי־בערגעגעבען דעם נייעם קאָמענדאַנט פון דעם פּאריזער גארניזאָן, מאַרשאַל זשיראַר, אז ער זאָל דעם פּאַפּיר ווייזען פאר׳ן פאָלק (ווער דר. ווערהן איז, דארפען מיר אונזערע לעזער ניט דער־צעהלען).

פּאזנער ברענגט אויך די ווערטער פון אַ היסטאָריקער מיט׳ן נאָמען היפּאָליט קאסטיל, וועלכער דערצעהלט, אז קרעמיע האָט דעם פּאַפּיר מיט דעם קעניג׳ס אָפּדאַנקונג גענומען פון דעם קעניג׳ס האנט און איז מיט איהם „פארשוואונדען״.

די צוויי ציטאַטען שטימען, אין דעם וויכטיגסטען פּאַקט, מיט האנאָטאָ׳ס געשיכטע.

* * *

דעם קעניג׳ס אָפּדאַנקען האָט געזאָלט מיינען, אז די מאָנאַר־כיע בלייבט. בלויז אַנשטאָט לואי פיליפּ׳ן וועט דער קעניג זיין זיין צעהן־יאָהריגער אייניקעל מיט זיין ליבעראלער מוטער, די פירסטין פון אָרלעאַנס, אלס רעגירערין, ביז ער וועט אויפוואַקסען.

מען האָט אָבער גערעכענט אָהן דעם באַלעבאָס און דער באַלעבאָס איז געווען דאָס פאָלק. און איינמאָל איז דער קעניג אַראָפּ פון זיין טראָן, איז די גאַנצע מאָנארכיע געפאַלען. עס איז געגרינדעט געוואָרען אַ רעפּובליק, די אַזוי־גערופענע צווייטע רע־פּובליק פון פראַנקרייך מיט אַ פּראָוויזאָרישער (פּאָרלויפיגער) רעגירונג, וועלכע האָט געדאַרפט אָרגאַניזירען די וואַהלען און די רעפּובליקאַנישע מלוכה.

אין דער נייער רעגירונג איז קרעמיע געוואָרען יוסטיץ מי־ניסטער.

זעקס־און־דרייסיגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל דעקלאַמירט די מאַרסעליעזע. — זי מאַכט אַ פּוראָר און ראַטעוועט איהר טעאַטער

אויף די געשעפטען פון די טעאַטערס האָט די איבערקערעניש געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג. צו באַזוכען זיי איז דאַן קיינעם אין זינען ניט געלעגען; און דער „טעאַטער פראַנסע" איז ניט געווען קיין אויסנאַם. ער האָט געפּוסטעוועט און די שוישפּילער און אַלע אַנדערע, וואָס זיינען מיט איהם געווען פאַרבונדען, זיינען אומ־געגאַנגען ווי נידערגעשלאָגענע — ביז ראַשעל האָט זיך גענומען צו אַ נייעם סאָרט פּלאַן ווי אַזוי דעם עולם ווידער צו־צוציהען.

וואו מען איז געשטאַנען און וואו מען איז געגאַנגען, האָט מען געהערט ווי דער עולם זינגט די אַלטע קאַמפּס־ליד, די „מאַר־סעליעזע", וועלכע האָט אַזוי געווירקט אויף די הערצער אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. אין איין פּלאַץ, אויפ'ן גאַס האָט זי געזעהן ווי אַן אַקטיאָר, איהרער אַ באַקאַנטער, וועלכער איז געווען אַ סאָלדאַט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמעע, שטעהט אַרומגערינגעלט פון אַ מענגע מענשען און דעקלאַמירט די „מאַר־סעליעזע". ווען זי האָט דאָס דערנאָך דערצעהלט לאַקרואַ'ן, דעם דאַמאָלסטדיגען דירעקטאָר פון דעם „טעאַטער פראַנסע", האָט זי דערביי געזאָגט:

— די מאַרסעליעזע דאַרף מען זינגען, ניט דעקלאַמירען — עס איז אַ ליד.

— ווי וואָלט אָבער געווען ווען איהר וואָלט עס דעקלאַמירט?
— האָט לאַקרוא באַמערקט.

— איך? איך וועל דעקלאַמירען די מאַרסעליעזע? אויפ'ן לעבען ניט!

דאָך ווען זי איז געקומען אהיים, האָט זי זיך גענומען לייענען די באַריהמטע פרייהייט־ליד. זי האָט געלייענט, געלייענט אַ צוויי־טען מאָל, אַ דריטען מאָל, זיך אַריינגעטראַכט אין יעדען וואָרט, זיך פאַרגעשטעלט ווי זי וואָלט דעם וואָרט אַרויסגערעדט; און זי האָט דערפיהלט דעם דראַמאַטישען טעם, וואָס זי וואָלט גע־קענט אין די ווערטער אַריינגעבען. זי איז באַגייסטערט געוואָרען.

ווען זשאַנען, דער טעאַטער־קריטיקער, האָט דערהערט וועגען איהר פּלאַן, האָט ער איהר שטאַרק אָפּגעשלאָגען דערפון. ווען זי האָט איהם דערמאָנט, אַז דער טעאַטער איז פּוסט און אַז מען דאַרף עפּעס טאָן צו פאַראינטערעסירען דעם עולם, איז זיין ענט־פער געווען:

— צי די „מאַרסעליעזע" וועט עפּעס אויפטאָן פאַר'ן טע־אַטער, ווייס איך ניט; וואָס איך ווייס אָבער יאָ איז, אַז די „מאַר־סעליעזע" האָט אין זיך אָפּקלאַנגען פון די שטראָמען בלוט וואָס זיינען פאַרגאָסען געוואָרען אונטער איהרע טענער. זי וועט צו־רייצען געפיהלען; און אָפּשטעלען דאָס, וועט איהר שוין ניט קענען. האַלט זיך בעסער ביי אייערע פּיעסען. שפּילט די ווערק פון קאָרנעיל און ראַסין. דאָס וועט זיין געזינטער".

זיינע ווערטער האָבען ניט געווירקט; און אין אַ געוויסען אָוועגט, צום שלוס פון אַ פאָרשטעלונג, אין וועלכער ראַשעל האָט געשפּילט, האָט זי גענומען די רעוואָלוציאָנערע פאָהן, דעם דריי־קאָליריגען פלאַג פון פראַנקרייך, האָט איהם אויפגעהויבען אין דער הויך און אָנגעפאַנגען צו דעקלאַמירען די מאַרסעליעזע.

דאָס איז אָבער ניט געווען קיין דעקלאַמאַציע — ניט דע־קלאַמאַציע, ניט געזאַנג. עס האָט געקלונגען ווי אַ תפילה, און די תפילה האָט זי געזאָגט מיט דעם טראָפּ פון דעם אומשטערבליכען מאַרסעליעזע נגון. און די ווערטער האָבען געקלונגען מיט אַזעלכע טענער, באַגלייט מיט אַזעלכע בליקען אין איהרע אויגען, מיט אַזאַ אויסדרוק פון שטאָלץ, ענטריסטונג און רעוואָלוציאָנערען מוט אין

איהר געזיכט, אז די צוהערער זיינען בוכשטיבליך אנגעצונדען גע־וואָרען מיט'ן פייער פון פרייהייטס־קאַמף.

ווען זי איז געקומען צו דעם פערז, וועלכער ענדיגט זיך מיט די ווערטער: „די הייליגע ליבע צום פאַטערלאַנד", האָט זי זיי ארויסגערעדט שטעהענדיג אויף די קני, ארומגעוויקעלט מיט דער פאָהן, און מיט אזא רייץ און מיט אזא ערהאבענקייט אין איהר שטימע, אז מען האָט פארגעסען אָן דעם אונטערשיד פון פּארטייען, און מען האָט זיך געגעבען א שטעל אויף אין א פלאַקער פון א רעליגיעזען מין בעגייסטערונג, וועלכען דער גרויסער טעאַטער האָט פריהער אפשר קיין מאָל ניט בייגעוואוינט.

* * *

ווען זי האָט פארלאָזען די ביהנע און זיך באוויזען הינטער די קוליסען, האָבען די שוישפּילער און אנדערע מענשען, וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען, איהר ווארים באַגריסט מיט איהר ערפאָלג.

„מילא! אָפּגעפּאַטערט די קאָמעדיע!" — האָט זי געזאָגט מיט א מינע פון פאראכטונג.

די פאראכטונגס־מינע איז זיכער אויך געווען ניט מעהר ווי א קאָמעדיע. פּונקט ווי די רעוואָלוציע האָט אין איהר ניט ארויס־גערופען קיין סימפּאַטיע, אזוי האָט זי אין איהר אויך ניט ארויס־גערופען קיין פיינדליכען געפיהל. די „מאַרסעליעזע" איז ביי איהר געווען א טעאַטער־שפּיל, און בשעת זי האָט די רעוואָלוציאָנערע ווערטער דעקלאַמירט, האָט זי זיך — אויף דער מינוט — אין זיי אריינגעלעבט און אריינגעפיהלט, אזוי ווי זי פלעגט זיך אריינ־לעבען און אריינפיהלען אין די ווערטער פון „קאַמיללא" אָדער „פעדרא". אָבער בלויז אויף דער מינוט.

* * *

אויף מאָרגען האָט פאריז געקאָכט מיט באריכטען וועגען דער סצענע, ווי ראַשעל שטעהט אויף דער ביהנע מיט דער רעוואָ־לוציאָנערער פאָהן אין האנט און דעקלאַמירט די „מאַרסעליעזע",

און דער עולם שפּרינגט אויף ווי פאַר'כישופ'ט און שרייט מיט אַלע כחות אין אַ וואַהנזין פון באַגייסטערונג.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז עס איז געוואָרען אַ געלאַף נאָך בילעטען צו זעהן און הערען ווי ראַשעל זאָגט די „מאַרסע־ליעזע״; און דאָס האָט צוגעגעבען אַ נייעם גלאַנץ און אַ נייע קראַפט צו איהר נאָמען. אין די פריהערדיגע וואָכען זיינען אַזעל־כע זאַכען ווי „קאַמיללאַ״, „ראָקסאַנאַ״, „פּאָליעקט״ אָדער „פּעד־רא״ קיינעם אין זינען ניט געלעגען. מען האָט שוין כמעט פאַר־געסען, אַז עס איז פאַראַן אַ ראַשעל אויף דער וועלט. פּלוצים איז זי ווידער געוואָרען דער צענטער פון אויפמערקזאַמקייט. די שטאָט האָט ווידער געקאָכט מיט איהר.

דעם נאָמען פון דעם „טעאַטער פראַנסע״ האָט מען געענ־דערט אויף „טעאַטער דע לאַ רעפּובליק״.

ראַשעל האָט געראַטעוועט דעם טעאַטער. אַלע אַנדערע טע־אַטערס זיינען געבליבען פּוסט, בלויז דער „טעאַטער דע לאַ רע־פּובליק״ איז געווען געפּאַקט. ראַשעל האָט דאַן ערהאַלטען אַ בריף פון די „סאָסיעטערס״ פון דעם טעאַטער, וועלכע האָבען געוועהנ־ליך אינטריגירט געגען איהר, געהאַסט איהר ווי דעם טויט. דיזען מאָל האָבען זיי זיך צו איהר געווענדעט מיט אַ גאַנץ אַנדער שפּראַך. דאָס איז געווען אַ בריף פול מיט דער וואַרימסטער דאַנקבאַרקייט צו איהר.

זיבען־און־דרייסיגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל בעט זיך איבער מיט אַדאָלף קרעמיע'ן.— מאַדאַם קרעמיע בויגט זיך ניט. — ראַשעל שפּילט איהרע פּיעסען און דעקלאַמירט די מאַרסעליעזע אין 38 פראַנ־צויזישע שטעט

זינט 1841, ווען מאַדאַם קרעמיע האָט צו ראַשעל'ען גע־שריבען דעם בריף וועגען איהרע באַציהונגען מיט דר. וועראָן'ען, האָט די שוישפּילערין מיט די קרעמיעס זיך קיין מאָל ניט געזעהן. אין די גאַנצע זיבען יאָהר האָט זי ניט געטאָן דאָס מינדסטע מיט

זיי זיך איבערצובעטען. זי פלעגט זיי אָפט זעהן אין טעאַטער, ווען זי האָט געשפּילט. זי פלעגט זאָגאַר זעהן ווי זיי אַפּלאָדירען איהר. אָבער דאָס האָט אויך ניט געענדערט איהר אָפּגעפרעמדקייט פון זיי. נאָך דער רעוואָלוציע אָבער, ווען קרעמיע איז געוואָרען יוסטיץ־מיניסטער, האָבען איהרע געפיהלען צו דער פאַמיליע זיך פלוצלינג געענדערט. אַ יוסטיץ־מיניסטער! דאָס איז שוין אַ גאַנץ אַנדער געשיכטע . . .

ניט שרייבענדיג צוערשט, אַז זי וויל זיך מיט איהם זעהן, אָהן שום הכנות, איז זי געקומען צו איהם אין דעם מיניסטעריום. ער האָט איהר עמפּאַנגען זעהר פריינדליך.

„עס איז מיר זעהר אַנגענעהם זיך מיט אייך ווידער צו זעהן,— האָט ער געזאָגט, — אָבער וואָס אַמבעטרעפט מאַדאַם קרעמיע, קען איך ניט גאַראַנטירען, אַז זי וועט האַנדלען אַזוי ווי איך".

האָט ראַשעל גענומען און אויפגעשריבען אַ בריף צו מאַדאַם קרעמיע :

„דער יוסטיץ־מיניסטער האָט מיך אויפגענומען זעהר פריינד־ליך, און איהר, אַ פרוי און אַ צערטליכע מוטער, צי דען וועט איהר זיך ענטזאָגען אויסצושפּרייטען אייערע אַרעמס צו אַ קינד פון פּאַריז?"

דאָס וואָרט „יוסטיץ" (גערעכטיגקייט) האָט ראַשעל אין איהר בריף אונטערגעשטראָכען. דאָס הייסט, אַז ער האָט איהר אויפגענומען לויט די פאָדערונגען פון גערעכטיגקייט. אַלזאָ, דאַרף זיין פרוי אויך אַזוי טאָן.

מאַדאַם קרעמיע איז ווייכער ניט געוואָרען. זי האָט איהר געענטפערט מיט אַ שטייפען, קאַלטען, שטרענגען בריף, הגם מיט זעהר העפליכע אויסדריקען און מיט וואַרימע קאָמפּלימענטען פאַר איהר טאַלאַנט.

„לאָמיר ריידען אָפען, — האָט מאַדאַם קרעמיע אָנגעפאַנגען, — מיר קענען זיך דאָך שוין צו לאַנג, אַז מיר זאָלען זיך איינע די אַנדערע נאַרען. נו, וועל איך אייך זאָגען, אַז איך גלויב מעהר ניט אין אייער תשובה־טאָן. איך גלויב ניט, אַז עס איז פאַר אייך מעגליך צו ענדערען אייער אַרט לעבען, און אין אונזער הויז, וועלכע איהר קענט גאַנץ גוט, וועט איהר היינט געפינען גאַנץ ווייניג פאַרגעניגען פאַר זיך. נאָך דיזער מיינונג, וועלכע איך

דריק אייך אויס אָפּענהערציג, וועט איהר שוין פאַרשטעהן, אַז איך קען אייך ניט אַרויסוויזען די געפיהלען, וועלכע איך האָב אַמאָל געהאַט צו דער יונגער מיידעל, וואָס איך פלעג מיט פרייד אויפנעהמען ביי אונז אין הויז. אָבער וועהרענד דער דאָזיגער געפיהל איז אין מיר פאַרלאָשען, האָב איך אימער אַ לעבהאַפטע באוואונדערונג פאַר דער גרויסער קינסטלערין, וועמען איך האָב אַפּלאָדירט זאָגאַר נעכטען אָווענט — אַפּלאָדירט מיט'ן גאַנצען ענטהוזיאַזם, וועלכען אייער ענטציקענדער טאַלאַנט רופט אין מיר אַרויס. און אויב די גרויסע קינסטלערין וועט אַמאָל וועלען אונז באַזוכען, וועל איך איהר אימער גערן עמפּפאַנגען. און אויב ראַשעל וועט מיט דער צייט מיט איהר אויפפיהרונג באווייזען, אַז זי וויל און קען זיין דאָס, וואָס זי דאַרף זיין, וועט מיין אַמאָליגע פריינדשאַפט זיך אומקעהרען צו איהר; און דאָס וועט געשעהן אויף אַ נאַטירליכען שטייגער אָהן רעקלאַמעס.

„גאָט פאַרגיט די וואָס טוען תשובה, און איך, אַ גאַנץ באַ־שיידענער, שטערבליכער מענש, קען ניט זיין שטרענגער.

אמעליא קרעמיע".

אויף דעם האָט ראַשעל געענטפערט אונטער דעם דאַטום פון דעם 24טען אַפּריל, 1848:

„מאַדאַם! ווען מיין איינבילדונגס־קראַפט וואָלט מיר מעגליך געמאַכט זיך פאָרצושטעלען ווי וויט מען האָט אויף מיר אָנגע־רעדט און מיר באַפלעקט פאַר אייך, וואָלט איך זיך נאַטירליך ניט ערנידעריגט אויסצודריקען פאַר אייך די אויפריכטיגע געדאַנקען און וואונשען פון מיין האַרצען.

„אייער ענטפער אויף מיין בריף האָט מיך ערשטוינט און דורכגעדרונגען מיט קעלט; און דאָך קען איך ניט חרטה האָבען פאַרוואָס איך האָב געהאַט די האָפנונג און דעם גלויבען, אַז אויף דער וועלט זיינען פאַראַן הערצער, וועלכע קענען פאַרגעבען און נשמות, וואָס זיינען הויך.

„זאָל אייך גאָט באַשיצען, אייך און אַלע אייערע.

ראַשעל".

מעהר האָט ראַשעל ניט געשריבען, ניט צו מאַדאַם קרעמיע, ניט צו איהר מאַן. אויך האָבען זיי זיך אַ לאַנגע צייט ניט גע־זעהן. ערשט אין זעקס יאָהר אַרום איז צווישען זיי און איהר גע־

שלאָסען געוואָרען אַ פּאַלשטענדיגער שלום, און ראַשעל איז גע־וואָרען אַן אָפטער גאַסט ביי זיי אין הויז. פון דאַן אָן האָט קרעמיע איהר אויך געדינט אַלס אַדוואָקאַט.

*   *   *

מיט אַ ביסעל העכער ווי אַ יאָהר, נאָך דעם ווי ראַשעל האָט געמאַכט איהר ניט־געלונגענע פּראָבע גוט־פריינד צו ווערען מיט די קרעמיעס, — ענדע מאַי, 1849 — איז זי אַרויסגעפאָהרען אויף אַ גרויסען טור איבער דרום־פראַנקרייך; און דער רעגירונגס־קאָמיסאַר פון אַלע טעאַטערס האָט צו אַלע טעאַטער־פּאַרוואַלטערס פון לאַנד אַרויסגעשיקט אַן אָפיציעלען צירקולאַר, אין וועלכען ער האָט ראַשעל'ען רעקאָמענדירט אַלס אַ גרויסע פּאַטריאָטקע.

איהר יונגער ברודער, ראַפאַעל פעליקס, איז מיטגעפאָהרען אַלס געשעפטס־פּאַרוואַלטער. אין סך הכל האָט זי אויף דעם טור באַזוכט 38 שטעדט און געגעבען 85 פאָרשטעלונגען. דער טור האָט געדויערט פונקט דריי מאָנאַט.

אין זיין צירקולאַר האָט דער רעוואָלוציאָנערער טעאַטער קאָ־מיסאַר געשריבען, אַז „די טרייהייט וואָס ראַשעל האָט אַרויס־געוויזען צו דער רעפּובליק מיט איהר דעקלאַמירען די „מאַרסע־ליעזע”, וועט זי אַרויסווייזען איבער'ן גאַנצען לאַנד. די עלעק־טריציטעט פון באַגייסטערונג, וואָס זי האָט אַרויסגערופען אין פּאַריז, וועט איצט אָהן צווייפעל זיך לאָזען פיהלען אין די פּראָווינצען.

אומעטום האָט ראַשעל געשפּילט איהרע פּיעסען און דעקלאַ־מירט די „מאַרסעליעזע”, וועלכע מען האָט איבעראַל אויפגענומען מיט ווילדע סצענעס פון באַגייסטערונג.

אכט־און־דרייסיגסטער קאפיטעל

נאפאלעאנ׳ס פלימעניק לואי נאפאלעאן ווערט פרעזידענט פון דער נייער רעפובליק.—ראשעל׳ס באציהונגען מיט איהם.—זי שפילט אין א נייער פיעסע און גיט דעם יונגען פארפאסער א שליסעל צו איהר טיר.—לואי נאפאלעאן ווערט געקרוינט אלס קייזער

נאך דער רעוואלוציע פון דעם 24טען פעברואר, 1848, האט פראנקרייך אלזא געהאט א פראוויזארישע (פארלויפיגע) רעגירונג, וואס האט געזאלט ארגאניזירען די רעפובליק. האט זיך אבער אין פאריז באוויזען א פלימעניק פון דעם גרויסען נאפאלעאן מיט פרעטענזיעס אויפ׳ן טראן. זיין נאמען איז געוועזן לואי נאפאלעאן.

צוערשט איז ניט געוועזן קלאר וואוהין ער צילט, און מען האט איהם ניט גענומען ערנסט. עס האבען זיך אבער שנעל אנטוויקעלט אומשטענדען, אונטער וועלכע ער איז געווארען אן ערנסטע געפאהר פאר דער פרייהייט פון לאנד.

זיין פאטער איז געוועזן נאפאלעאנ׳ס ברודער, לואי באנאפארט, און זיין מוטער איז געוועזן נאפאלעאנ׳ס שטיף־טאכטער (האָרטענס, די טאכטער פון נאפאלעאנ׳ס פרוי זשאזעפין פון איהר ערשטען מאן). זיין פאטער האט דער גרויסער נאפאלעאן געמאכט פאר א קעניג פון האלאנד און ער איז אויף דעם האלענדישען טראן געזעסען פיר יאהר.

זיין פאטער האט קיין אמביציעס אויפ׳ן פראנצויזישען טראן ניט געהאט, און זיינע אנקעלס, וואס האבען נאך דאן געלעבט, אויך ניט. האט די משפחה אויף איהם, אויף לואי נאפאלעאן׳ען, פון זיינע גאנץ יונגע יאהרען אן געקוקט ווי אויף דעם יורש פון דעם גרויסען נאפאלעאנ׳ס קרוין. און צו איהם האבען זיך אימער געטוליעט אוואנטוריסטען, וואס האבען געהאפט, אז ניט היינט־מארגען וועט ער ווערען קעניג פון פראנקרייך און דאן וועלען זיי אויך דערהויבען ווערען.

ער פלעגט ארויסוויזען ליבעראלע, זאגאר ראדיקאלע, נייגונגען. אין איטאליען, איז ער אין 1830 צוגעשטאנען צו א געהיימער פראגרעסיווער געזעלשאפט; ער האט אנגעשריבען א האלב־סאציאליסטישע ווערק, וועלכע ער האט א נאמען געגעבען „די אפשאפונג פון ארימקייט”. זיין סאציאליזם איז אבער געווען צוזאמענגעקנאטען מיט נאפאלעאניזם.

אז איהם קומט צו זיצען אויף דעם טראן, אויף וועלכען זיין אנקעל איז געזעסען, — מיט דיזען געדאנק איז ער געווען דורכגעדרונגען. אין פראנקרייך אין אלגעמיין האט מען זיינע אמביציעס צוערשט ערנסט ניט גענומען. מען האט איהם ניט באטראכט פאר א געפאהר און מען האט איהם ענדליך זאגאר ערלויבט דארטען זיך צו באזעצען.

וואוינענדיג אין פראנקרייך, האט ער, מיט דער הילף פון א גרופע אוואנטוריסטען, געמאכט צוויי פראבעס צו ארגאניזירען אויפשטאנדען אין דער פראנצויזישער ארמיי. זיי האבען אבער ניט געהאט קיין שום ערפאלג, און אפילו זיינע אייגענע קרובים פון דער נאפאלעאן פאמיליע האבען פון איהם חוזק געמאכט. צוערשט האט דער פראנצויזישער קעניג לואי פיליפ איהם ניט געוואלט שטארק באשטראפען, כדי איהם ניט צו מאכען פאר א מארטירער און פארגרעסערען די פאפולאריטעט פון זיין נאפאלעאנישען נאמען. נאך זיין צווייטער נידערלאגע האט מען איהם שוין פאראורטיילט אויף לעבענסלענגליכע געפענגעניס אין א פעסטונג. דארטען איז ער אפגעזעסען זעקס יאהר און דאן, פארשטעלט פאר אן ארבייטער, איז ער אנטלאפען.

ער האט זיך באזעצט אין לאנדאן, וואו ער האט פארקערט מיט דעם אידישען שטאטסמאן דיזראעלי און מיט אייניגע משפחות פון דער ענגלישער אריסטאקראטיע, וועלכע האבען איהם געשטיצט מיט געלט, אין דער האפנונג אז ער וועט אמאל זיצען אויפ׳ן פראנצויזישען טראן, און אז זיי וועלען האבען גרויסע טובות פון איהם.

ווי ווייט מען האט איהם באטראכט פאר א ראדיקאל, קען מען זעהן פון דעם פאקט, אז לואי בלאן איז א געוויסע צייט פאר דער רעוואלוציע פון 1848 ספעציעל געקומען קיין לאנדאן מיט איהם זיך דורכצורעדען.

דאָרטען, אין לאָנדאָן, איז מיט איהם באַקאַנט געוואָרען ראַשעל. ער איז דאַן אַלט געוועזן 32 יאָהר און זי — ניינצעהן.

שפּעטער האָט זי געהאַט אַ שוואַכקייט צו אַלץ וואָס איז געוועזן פאַרבונדען מיט נאַפּאָלעאָנ'ס משפּחה, ווארים איהר על־טערער אינגעל איז דאָך געוועזן דעם גרויסען נאַפּאָלעאָנ'ס איי־ניקעל און אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט איהר קינד האָט אין איהר אַרויסגערופען ווארימע געפיהלען. דעם גרויסען נאַ־פּאָלעאָן אַליין האָט זי נאַטירליך קיין מאָל ניט געזעהן. ווארים ער איז דאָך געשטאָרבען אין דעם טאָג, ווען זי איז געבאָרען גע־וואָרען. אָבער ווען ער וואָלט געלעבט, וואָלט זי געוועזן זיין שנור. און צוליב איהר זוהן האָט זי דאָס געפיהלט מיט שטאָלץ.

צי אַ געזעצליך קינד צי ניט — די נאַטור האָט זיך איהרע געזעצען, און זיי זיינען טויזענד מאָל מעכטיגער ווי די, וואָס מענ־שען מאַכען.

לואי נאַפּאָלעאָן איז געוועזן אַ גרויסער ווייבערניק, האָט ער אָנגעפאַנגען איהר צו ווייזען מאַנסבילשע אויפמערקזאַמקייט און אויף קיין ווידערשטאַנד פון איהר זייט האָט ער זיך ניט אָנגע־שטויסען.

איבעריגענס האָט זייער „ראָמאַן" דאָרטען לאַנג נישט אָנגע־האַלטען. ווארים אין ענגלאַנד האָט זיך דאַן געפונען אַן אַנדער נאַפּאָלעאָן אויך, וועלכער איז געוועזן מיט 12 יאָהר אינגער פון איהם. דאָס איז געוועזן זיינער אַ קאָזין (אַ זוהן פון אַן אַנדער ברודער פון דעם גרויסען נאַפּאָלעאָן). און מען האָט איהם טאַ־קע גערופען פּרינץ נאַפּאָלעאָן, הגם געוועהנליך פלעגט מען איהם רופען „פּלאָן פּלאָן". אַלס „דאַמען־העלד" האָט יענער געהאַט מעהר טעמפּעראַמענט און מעהר שאַנסען ווי ער. קורץ, לואי נאַ־פּאָלעאָן האָט זיך ערקונדיגט, אַז „פּלאָן פּלאָן" איז אויך אַ נאָהענ־טער מחותן מיט דער שוישפּילערין, און ער האָט איהם אָפּגעטראָ־טען דעם וועג.

ווי ווייט עס איז דאַן געגאַנגען די אינטימע באַקאַנטשאַפט צווישען ראַשעל'ען און פּרינץ פּלאָן־פּלאָן קען מען ניט וויסען. קיין ערנסטער ראָמאַן איז אין לאָנדאָן דערפון ניט אַרויסגעקומען. אַזעלכע באַציהונגען האָבען זיך צווישען זיי ענטוויקעלט ערשט אַ סך שפּעטער, ווען דער פּרינץ האָט שוין געוואוינט אין פראַנקרייך;

און וועגען דעם וועלן מיר דערציילן, ווען מיר וועלן האלטן ביי יענער צייט.

* * *

באלד נאך דער פעברואר רעוואלוציע, אין 1848, האט זיך לואי נאפאלעאן אומגעקערט קיין פאריז, און דאן האבן זיינע באגעגענישען מיט ראשעל'ען געהאט א העכסט פריינדליכען כא־ראקטער. איינע שרייבער גיבען אן אלס א פאזיטיווען פאקט, אז אין פאריז איז ער געווארען איהר געליבטער.

אבער אין יענער צייט, אין 1848, האט זי אין פאריז געהאט אן אנדער געליבטען אויך. דאס איז געווען א גאנץ יונגער מענש, א צוואנציג־יאהריגער בחור, מיט'ן נאמען ארמאן בארטהע. ער האט אויפגעשריבען אן איין־אקטיגע פיעסע, „מואנא דע לעסבי" („לעסבי'ס פויגעלע"), מיט וועלכער זי האט געהאט איינעם פון איהרע גרעסטע ערפאלגען. אויף א געוויסע צייט איז זי געווען פונקט אזוי באגייסטערט פאר בארטהע'ן, ווי פאר זיין פיעסע, און, אזוי לאנג ווי דיזע באגייסטערונג האט אנגעהאלטען, האט ער געהאט א שליסעל צו איהר טיר.

פארבייגעהענדיג איז כדאי צו באמערקען, אז בארטהע'ס פיעסע איז געווען פול מיט צערטליכע געפיהלען פון דעם סימפא־טישסטען סארט, און אז אויף איהר שפילען אין זיין פיעסע צייגט מען אן ווי אויף איינעם פון די שטארקסטע באווייזע געגען דער מיינונג, אז איהר טאלאנט האט זיך ארויסגעוויזען בלויז אין שיל־דערען בייזע, „טיגערישע" געפיהלען.

נאך דעם ווי איהר „מארסעליעזע" האט ווידער אויפגעלעבט דעם טעאטער, אין וועלכען זי האט האט געשפילט, איז „מואנא דע לעסבי" געווען א ספעציעלע צוציהונגס־קראפט אין איהרע פאר־שטעלונגען.

* * *

צוערשט האט זיך אויסגעדוכט, אז לואי נאפאלעאן וועט זיך צו קיין פאליטישער אויפמערקזאמקייט ניט דערשלאגען. עס איז אבער געווען א טעות. עס האט זיך באלד גענומען ארויסצייגען, אז ער האט מעהר „מזל" ווי מען האט געמיינט. די אורזאך דער־

פון איז ניט געלעגען אין איהם גופא, נאָר אין דעם פאַקט, אַז צווי־שען די, וואָס האָבען געמאַכט די רעוואָלוציע האָט געפעלט איי־ניגקייט.

די בורזשואַזיע, די געשעפטס־לייט, די פאַבריקאַנטען, די באַנ־קירען האָבען באַלד אָנגעהויבען צו פאַרראַטען די ארבייטער־מאַ־סען, וועלכע זיינען געווען די הויפּט־קעמפער און די אמת'ע מאַכט אין דעם אויפשטאַנד. און די דאָרפס־באַפעלקערונג, ווידער, האָט געהאַט אַנדערע אינטערעסען ווי די שטאָדט־מענשען — סיי אַר־בייטער סיי געשעפטסלייט.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ווען לואי נאַפּאָלעאָן האָט זיך ערקלערט אַלס קאַנדידאַט צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, וואָס האָט באַדאַרפט איינאָרדענען די רעפּובליק, האָט מען געהאַט אַ גרויסע און זעהר אונאַנגענעהמע איבעררראַשונג: אַנשטאָט צו ציהען אַ לעבערליך קליינע צאָל שטימען, ווי מען האָט געגלויבט, האָט ער גאָר באַקומען אַ גרויסע מאַיאָריטעט. עס האָט זיך ארויס־געוויזען, אַז די בורזשואַזיע האָט זיין קאַמפּיין געשטיצט מיט דער פולער האַנט. די געשעפטס־לייט, באַנקירען, געלט־מענשען האָבען גוט געוואוסט, אַז זיין „ראַדיקאַליזם" איז ניט ווערט קיין שמעק טאַבאַק, און אַז ער וועט זיין אַ טרייער דינער זייערער.

ביי זיין ערוועהלונג אַלס מיטגליד פון דער נאַציאָנאַל פאַר־זאַמלונג האָט ער און זיינע שטיצער זיך ניט אָפּגעשטעלט. ער האָט ארויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור פאַר פּרעזידענט פון דער רע־פּובליק, און מיט דער פינאַנציעלער הילף פון די רעאַקציאָנערסטע גרופּען איז ער ערוועהלט געוואָרען.

זיין נאַפּאָלעאָנישער נאָמען האָט אַ סך מיטגעווירקט; די פּראָוויזאָרישע רעגירונג איז געווען זעהר שוואַך און די אונצו־פרידענהייט מיט איהר איז געווען גרויס. קורץ —

לואי נאַפּאָלעאָן האָט אויפגעדעקט זיינע קאָרטען. ער האָט אָפען ארויסגעוויזען, אַז צו זיין אַ פּרעזידענט פון אַ רעפּובליק איז ניט דאָס וואָס ער מיינט; אַז ער האָט אין זינען אַ טראָן.

עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה פון אינטריגעס, קאָנספּי־ראַציעס, ריזיגע פּראָפּאַגאַנדע, פול מיט ליגענס, קאָרופּציע און שווינדלען. זיין וויכטיגסטער ראַטה־געבער און מיטהעלפער איז געווען זיין „האַלבער ברודער" מאָרני, וועלכער איז געווען אַ

דורכגעטריבענער פּאָליטישען. מען רופט איהם „האַלבער ברודער פון לואי נאַפּאָלעאָן", ווייל ער איז געווען אַן אומגעזעצליך קינד פון לואי נאַפּאָלעאָנ'ס מוטער האָרטענס. ביטרע, ענערגיש און אַ געבאָרענער אינטריגאַנט, איז ער געווען דער קאָמאַנדיר פון לואי נאַפּאָלעאָנ'ס קאָנספּיראַציעס און אַגיטאַציעס.

* * *

צום ענדע פון 1851 האָט לואי נאַפּאָלעאָן געמאַכט אַ „קו־ד'עטא", אַן איבערקעהרעניש, וואָס האָט אייגענטליך פאַרניכטעט די רעפּובליק און איהם געגעבען די מאַכט פון אַ פולשטענדיגען דיקטאַטאָר. אין דיזער ראָלע האָט ער אָנגעהויבען אָפען צו פרע־דיגען אַ טראָן פאַר זיך און ניט קיין קעניגליכען, נאָר אַן אימ־פּעראַטאָרשען (אַ קייזערליכען), אַזוי ווי דער טראָן פון זיין אָנקעל, דער גרויסער נאַפּאָלעאָן; און יעדע אָפּאָזיציע האָט ער אונטער־דריקט אויף דעם ברוטאַלסטען שטייגער.

די פאָרטגעשריטענע פיהרער פון דער רעוואָלוציע פון 1848, וועלכע האָבען פריהער געגלויבט אין זיין ראַדיקאַליזם, ווי לואי בלאַן אָדער אדאָלף קרעמיע, האָבען זיך איבערצייגט אין דעם טעות, וואָס זיי האָבען אין איהם געהאַט. עס איז שוין אָבער גע־ווען צו שפּעט.

דער הויפּט „פּרינציפּ" פון זיין אַגיטאַציע איז דאַן באַשטאַ־נען אין אַן ערקלערונג, אַז בלויז אַן אימפּעריאַלע פראַנקרייך וועט דאָס לאַנד פאַרזיכערען געגען מלחמה; און אַ דאַנק די דעמאַגאָ־גישע מיטלען, וואָס ער האָט געברויכט, מיט מאָרני'ס הילף, האָט דער עולם דאָס אויפגעכאַפּט אַלס אַן איבערצייגענדען אַרגומענט.

אַלץ איז געוואָרען קלאָר: זיין פעטער איז געווען אַן אַל־מעכטיגער אימפּעראַטאָר פון פראַנקרייך, און ער איז זיין יורש.

די, וואָס האָבען פריהער עהרליך געגלויבט אין דער אויפ־ריכטיגקייט פון זיין „ליבעראַליזם" און האָבען איצט דערזעהן זיין אמת'ן קאָליר און זיך אָפּגעטריסעלט פון איהם, זיינען אַרעסטירט געוואָרען מאַסען־ווייז. קרעמיע איז געווען איינער פון זיי, הגם מעהר ווי דריי וואָכען האָט מען איהם אין טורמע ניט געהאַלטען.

עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען אַ פּלעביסציט (פאָלקס אָפּ־שטימונג). זאָל דער עולם ערקלערען צי ער וויל דעם דיקטאַטאָר מאַכען פאַר אַן אימפּעראַטאָר, צי ניט.

דער פּלעביסציט איז אָנגעפיהרט געוואָרען מיט די סקאַנ־דאַליעזע שווינדלערייען און טעראָר מעטאָדען, וועלכע זיינען די געצייג פון יעדער דיקטאַטור. דער פּלעביסציט איז פאָרגעקומען ביים ענד פון 1852, און — עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז לואי נאַפּאָלעאָן האָט געוואונען מיט אַן אומגעהייערער מאַיאָריטעט.

ער איז געקרוינט געוואָרען מיט דעם טיטעל „אימפּעראַטאָר נאַפּאָלעאָן דער דריטער" („נאַפּאָלעאָן דער צווייטער" איז כלומרשט געווען דער טיטול פון דעם ערשטען נאַפּאָלעאָנ'ס געזעצליכען זוהן, וועלכער האָט זיך געהאָדעוועט אין עסטרייך, ביי זיין מוטער'ס משפחה, און דאָרטען האָט ער געטראָגען אַ גאַנץ אַנדער נאָמען).

ניין-און-דרייסיגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל „קלייבט זיך חתונה צו האָבען". — איהרע ליבעס-בריף צו איהר חתן. — וואָס זיינען געווען איהרע אמת'ע געפיהלען צו איהם?

אין דער לאַנגער קייט פון ראַשעל'ס ראָמאַנען פון פאַרשידענע סאָרטען איז פאַראַן אַן עפּיזאָד מיט אַ יונגענמאַן, מיט וועמען זי האָט זיך אַ געוויסע צייט באַטראַכט אַלס חתן־כלה, (אַזוי זאָל דאָס הייסען לויט די פילע בריף, וואָס זי האָט צו איהם געשריבען). דער עפּיזאָד געהערט צו דער צייט, ווען זי האָט זיך געפונען אויף דער העכסטער שטופע פון איהר קאַריערע אַלס קינסטלערין און אין דער רעכטער געדיכטעניש פון איהרע פרייע ליבע אינטערעסען און תאוה אַוואַנטורעס. אין פאַרלויף פון דער צייט, ווען זי האָט געשריבען פייערדיגע ליבע־בריף צו איהר חתן, האָט זי געלעבט מיט איינעם אָדער מיט צוויי אַנדערע געליבטע.

זי איז דאַן אַלט געווען אַכט־און־צוואַנציג, ניין־און־צוואַנציג יאָהר. און אויף דער ביהנע, אַלס אַנערקענטע קעניגין פון דער טעאַטער וועלט, האָט זי זיך געפונען נאָהענט צו עלף יאָהר.

דערוואוסט האָט מען זיך פון דעם „שדוך" ערשט אין 1910 — 52 יאָהר נאָך איהר טויט. אין יענעם יאָהר האָט וואַלענטין טהאָמסאָן, די אייניקעל פון אַדאָלף קרעמיע, פאַרעפענטליכט אַ

נאַפּאָלעאָן דער דריטער, פּלימעניק פון דעם גרויסען נאַפּאָלעאָן

פעקעל בריף, וואָס ראַשעל האָט אין 1849 און 1850 געשריבען צו יענעם יונגענמאַן. זי האָט פאַרעפענטליכט אַ רייהע אַנדערע ראַשעל בריף אויך. וואהרשיינליך זיינען זיי געבליבען ביי מאַדאַם טהאָמסאָן׳ס זיידען, וועלכער איז, ווי אויבען איז דערמאָנט געוואָרען, אין 1854 געוואָרען ראַשעל׳ס אַדוואָקאַט.

דעם יונגענמאַנ׳ס פולער נאָמען איז אין די בריף ניטאָ, ראַשעל אַדרעסירט איהם דאָרטען מיט זיין ערשטען נאָמען און מיט דעם ערשטען בוכשטאַב פון זיין פאַמיליען נאָמען—„העקטאָר ב.״

אין סך הכל איז פאַראַן איין און צוואַנציג בריף. אַלע אויסער אַ פּאָר האָט ראַשעל געשריבען צום יונגענמאַן. די פּאָר זיינען צו זיין פאָטער; און אַ וואַרימען גרוס צו זיין פאָטער שרייבט זי צו כמעט אין יעדען בריף צו דעם זוהן. די איין-און-צוואַנציג בריף געהען פון דעם 2-טען יולי, 1849, ביז דעם 10טען נאָוועמ־בער פון דעם זעלבען יאָהר.

פון זייער אינהאַלט דערוויסט מען זיך, אַז וויקטאָר ב.׳ס פאָ־טער איז אַ גוטס-בעזיצער, אַז זיין מאַיאָנטעק ליגט ווייט פון פאַריז; אַז העקטאָר וואוינט מיט׳ן פאָטער; אַז ראַשעל האָט ביי זיי פאַר־בראַכט מעהרערע מאָל; אַז זי האַלט העקטאָר׳ען פאַר „זעהר אַ אינטעליגענטען מענשען מיט אַ דעליקאַטען שכל און גייסט״; אַז העקטאָר איז פאַרליבט אין איהר, און אַז דאָרטען אויף דעם מאַיאָנטעק איז צווישען זיי געשלאָסען געוואָרען דער שדוך.

מייסטע פון די בריף זיינען פול מיט אַזעלכע ווערטער ווי „מיין נשמה! מיין לעבען!״ אָדער אַזעלכע אויסרופען, ווי „איך ליב דיר! גלויב אין דיין ראַשעל! גלויב אין דיין פרוי! . . . איך שיק דיר אַלע צערטליכקייטען פון מיין הארצען!״

די ווערטער „דו״ און „איהר״ ווערען אין איהרע בריף צו איהם געמישט. אָפט באַנוגענט מען זיך ביידע אין דעם זעלבען בריף.

אָט זיינען נאָך עטליכע ביישפּילען פון איהרע ליבעס-זאַצען, ליבעס פראַזען, אינטימע אָנצוהערענישען אויף זייער צוקונפטיגען פאַרהייראַטען לעבען . . . .

„איך קען ניט פאַרטזעצען. ווען איך דערמאָן זיך אָן דעם גרויסען גליק וואָס דו פאַרשאַפסט מיר, כאַפּט מיר אַזש אָן אַ וועהטאָג ביים הארצען. אַדיע! שרייבט מיר אָהן אַן אויפהער, ווידערהאָלט מיר הונדערט מאָל, אַז איהר ליבט מיך, וואַרים אום

איך זאָל האָבען מוט צו זיין דערוויטערט פון דיר, איז פאַר מיר נויטיג צו באַקומען אַ סך ערמוטיגונג".

„איך פאַרגעס ניט וואָס מיין טייערער מאַנעלע הייסט מיר טאָן: ניט אַרבייטען צו שטאַרק, נאָר רוהען אויך . . . איך וועל פאָלגען . . . איך וועל זיין דיין חבר'טע, דיין ווייב . . .

„דיין בריף וואָס איך האָב ערהאַלטען אין טולוז, האָט מיך געמאַכט דרייפאַך גליקליך. זיי זשע דריי מאָל געבענשט. אַ פולשטענדיגען גליק וועל איך דיר געבען דאַן, ווען דיין ראַשעל וועט צו דיר קומען אויף אייביג — קומען צו דיר און צו דיין טייערער משפּחה. זיי וועלען מיך ליבען. איך בין זיכער אין דעם. זיי וועלען מיך ליב האָבען פאַר דער גרויסער ליבע, וואָס איך וועל געבען זייער קינד. דער אמת'ער נחת און פרייד איז ליידער נאָך ווייט פון מיר. איך האָב אָבער אין מיין הארצען גענוג ליבע צו דיר, מיין פיל געליבטער, צו פאַרווירקליכען מיין שעהנעם און זיסען טרוים. איך וועל זיין דיין חבר'טע, דיין ווייב".

אין איין בריף, נאָכדעם ווי זי רעדט מיט אייניגע איינצעלהייטען וועגען איהרע פאָרשטעלונגען, זעצט זי פאָר:

„ווי איהר זעהט, מיין פריינט, באַטראַכט איך זיך אַלס אייערע אַזוי פעסט, אַז איך שמועס מיט אייך וועגען מיינע געשעפטען אַזוי ווי מיר וואָלטען שוין געווען אויף אימער צוזאַמען און מיר וואָלטען ערוואַרט באַלד צו האָבען אַ גאַסט — אַ צערטליכע קליינינקע ראַשעל'כעלע, אָדער אַ סימפּאַטישען און שעהנינקען העקטאָר'ל.

„ערוואַרטענדיג דעם דאָזיגען מאָמענט, וועלכער איז נאָך ליידער ווייט פון אונז, וועל איך פאָרזעצען מיין לאַנגע קאַריערע, וועלכע דאַרף געדויערען נאָך צוויי יאָהר, און מיט וועלכער איך וויל איבערלאָזען אַ נאָמען אַלס אַ גרויסע קינסטלערין".

„איך באַקום שטורעמדיגע אַפּלאָדיסמענטען . . . אָבער דיינע בריף מאַכען מיר אַזוי גליקליך, אַז אַנשטאָט אויסצורופען: „אָה, מיין טייערער קוראַציוס!" ווען איך שפּיל אַלס קאַמיללאַ, וואָלט איך בעסער געוואָלט אויסרופען „אָה, מיין טייערער העקטאָר!"

פון דעם שדוך איז גאָר ניט געוואָרען.

לויט וואַלענטין טהאָמסאָנ'ס מיינונג האָט ראַשעל איהר „ענגעידזשמענט" (תנאים) מיט איהם קיינמאָל ערנסט ניט גענו־

מען. זי האָט זיך געפּרופט איינריידען, אַז זי וועט מיט איהם חתונה האָבען און זיך באַזעצען מיט איהם אין זיין מאַיאָנטעק, ווייט פון פּאַריז. זי האָט אָבער אין דעם אַליין ניט געגלויבט. עס האָט זיך איהר אָבער געוואָלט גלויבען, די ערשטע עטליכע מאָנאַטען וועניגסטענס.

לויט אַנדערע ביאָגראַפיע שרייבער האָט זי פון העקטאָר'ען פּראָסט חוזק געמאַכט, אַ קאָמעדיע מיט איהם געשפּילט. לואי באַרטו איז איבערצייגט, אַז דאָס איז שטאַרק איבערטריבען. ער איז איינפאַרשטאַנען מיט וואַלענטין טהאָמסאָן.

אַז זי האָט זיך „געפּרופט איינרעדען“, אַז זי וועט מיט העקטאָר'ען חתונה האָבען און זיך באַזעצען מיט איהם אין זיין מאַיאָנטעק ווייט פון פּאַריז, גלויב איך אָבער ניט. מיין איינדרוק איז, אַז דאָס איז ביי איהר געווען אַזוי ווי אַ אינטערעסאַנטע פאַנטאַזיע, און אַז זי האָט אימער געוואוסט, אַז עס איז ניט מעהר ווי אַ פאַנטאַזיע. פון העקטאָר'ען האָט זי קיין חוזק ניט געמאַכט און פון זיך אַליין אויך ניט. די פאַנטאַזיע איז איהר אָבער געווען אָנגענעהם, אַזוי ווי אַ פּיעסע וואָס זי האָט ליב געהאַט צו שפּילען. עס איז איהר געווען אָנגענעהם זיך פאָרצושטעלען ווי שפּעטער, אין אַן אונבאַשטימטער צוקונפט, ווען זי וועט ענדיגען איהר שוישפּילערשע קאַריערע, וועט זי טאָן אַ פיינעם באַלעבאַטישען שדוך; זי וועט פיהרען אַ רוהיגען, באַלעבאַטישען לעבען מיט דעם אָנשטענדיגען, אינטעליגענטען העקטאָר און מיט זיין סימפּאַטישער, בכבוד'יגער משפחה.

מיט איהר איינבילדונגס-קראַפט איז איהר ניט שווער געווען זיך אַריינצולעבען אין דער פּיעסע.

מיר שטרייכען דאָ אונטער די ווערטער שפּעטער, אין אַן אונבאַשטימטער צוקונפט. זי האָט די חתונה אָפּגעלעגט, אויף אַ פּאָר יאָהר וועניגסטענס. אין אַ פּאָר פּלעצער זאָגט זי זאָגאַר אויסדריקליך, אַז עס איז נאָך ווייט דערצו, אַז זי מוז צוערשט ענדיגען איהר „לאַנגע קאַריערע“.

אַלזאָ, מאַנכעס מאָל, ווען זי האָט איהר הייראַט מיט העקטאָר'ען זיך פאָרגעשטעלט בולט און לעבהאַפט, איז זי פאַר דעם בילד באַגייסטערט געוואָרען. שרייבענדיג צו איהם, האָט זי אָפט

אין איהר פאַנטאַזיע דורכגעלעבט מאָמענטען פון פאַמיליען־גליק און אַמאָל אויך מאָמענטען פון תאווה־איינבילדונג.

דערפאַר אָבער זיינען פאַראַן שטעלען, וואו איהר „ליבעס־פייער" ברענט שוין צו שטאַרק — אַזוי שטאַרק, אַז עס איז פּראָסט לעכערליך. צום ביישפּיל: אַלס אַ תירוץ פאַר וואָס איהר בריף האָט זיך פאַרשפּעטיגט, שרייבט זי:

„איך האָב געגאַרט דיר צו שרייבען אויף'ן שטעל. ווען איך האָב זיך אָבער דערמאָנט אָן די קורצע מינוטען, וואָס איך האָב פאַרבראַכט לעבען אייך, האָט מיין האַרץ גענומען שלאָגען אַזוי האַסטיג, אַז די פעדער איז אַלע ווײַלע אַרויסגעפאַלען פון מיין ציטערדיגער האַנט; מיין ברוסט ווערט צוריסען, איך קען מעהר ניט לעבען אָהן אייך...

„אַלץ וואָס איך ליב, איז שוין ווייט פון מיר!... פריינד מיינער, מיין אָרימע האַרץ רעדט אין דיזען מאָמענט אַזוי שנעל, אַז עס איז אונמעגליך פאַר מיין פעדער נאָכצופאָלגען. איך בין צובראָכען, אַזוי ווי פאַראַליזירט. איך האָב ניט קיין כח אויסצו־האַלטען דעם גרויסען גליק, וואָס דו פאַרשאַפסט מיר. איך בין פון דער נאַטור זעהר עמפּינדליך, געפיהלפול; יעדע זאַך מאַכט אויף מיר אַ שטאַרקען איינדרוק. אַזויפיל פרייד און תענוג איז דעריבער ניט פאַר מיינע קרעפטען. איך לאַך, איך וויין אין דיזען מאָמענט. איך פיהל, אַז איך געה פון זינען אַראָפּ... גאָט מייר־נער!"...

אין אָן אַנדער בריף זאָגט זי, אַז פון פאַרליבטקייט אין איהם און בענקעניש נאָך איהם קען זי ניט נעמען „קיין פּיצעל שפּייז". ווארים איהר אַפּעטיט איז „אין גאַנצען פאַרשוואונדען". מיט איהר איינבילדונגס־קראַפט קען זי זיך אָבער „פאָרשטעלען, אַז זי לעבט מיט זיין ליבע", זאָגט זי.

אַלזאָ קען זי אויסקומען אָהן עסען, הייסט עס...

*   *   *

זי איז געווען צו־טיף אַריינגעוואַקסען אין איהרע קינסטלע־רישע און געזעלשאַפטליכע אַמביציעס, אין איהר גרויסער מאַכט, און אין איהרע אומענדליכע הולטאַיסטוועס. ס'איז דעריבער גע־

ווען אונפארמיידליך, אז פריהער־שפעטער זאָל איהר „פאַנטאַזיע" — דער שדוך מיט דעם גוט־באַזיצער — זיך צוגעהן ווי א רויך.

פערציגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל אין דעם קייזער'ס פּאַלאַץ

נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט זיך גענומען פיהרען מיט א ברייטען קייזערליכען פארנעהם. די טיולערי, דער אַלטער פּאַלאַץ, האָט ביי איהם געגלאַנצט מיט לוקסוס, מיט א בליסטשענדע שטרע־בונג צו ווייזען, אז דער נייער הערשער איז א יורש פון זיין אָנ־קעל'ס מאַכט און רייכטום; צו דערמאָנען דער וועלט, אז ער איז א נאַפּאָלעאָן. עס איז נאַטירליך געווען לעכערליך, ווארים מעהר ווי זיין פעטער'ס נאָמען האָט ער אין זיין פּערזאָן ניט גע'ירש'ענט. אין פארגלייך מיט נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען איז ער געווען א מילב. אָבער די צעהנדליגע קאַריעריסטען, אינטריגאַנטען, אַוואַנטורים־טען, וואָס האָבען זיך געפּלאָנטערט אין זיין פּאַלאַץ, און די טוי־זענטער וואָס האָבען געהאַט א אינטערעס איהם צו לויבען אויסער־האַלב דעם פּאַלאַץ, האָבען געטאָן אַלץ מעגליכעס דעם מילב אַלס א לייב אַרויסצושטעלען.

* * *

ראַשעל'ס אינטימע באַציהונגען מיט דעם קייזער זיינען גע־ווען אַן אָפענער סעקרעט.

דאָס הייסט ניט, אז זי איז אין איהם געווען פארליבט, אָדער אז ער איז איהר געווען טרייער ווי זי איהם. א ראָלע אין דעם טיולערי פּאַלאַץ האָט זי אָבער געשפּילט. דאָס האָט נאַפּאָלעאָן דער דריטער אפילו ניט געפּרופט באַהאַלטען. צום ביישפּיל, ווען מען האָט באַשטימט א נייעם דירעקטאָר פאַר דעם „טעאַטער פראַנסע", האָט ער אָפען געזאָגט, אז דאָס דאַרף דער נייער בע־אַמטער דאַנקען ניט איהם, דעם קייזער, נאָר איהר, ראַשעל'ען, ווארים אַזוי איז געווען איהר וואונש. (אז דער נאָמען טעאַטער דע לאַ רעפּובליק איז אָפּגעשאַפט געוואָרען, איז איבעריג צו דער־מאָנען. מען האָט דעם פּלאַץ אומגעקערט זיין אַלטען נאָמען).

דער נייער דירעקטאָר איז געווען דער אויבען דערמאָנטער שרייבער אַרסען אוסאַי.

„די סאָסיעטערס" האָבען זיך באַקלאָגט, אַז ראַשעל הערשט איבער דעם טעאַטער נאָך א סך מעהר ווי פריהער; ווארים פריהער איז איהר מאַכט באַשטאַנען בלויז אין איהר גרויסען ערפאָלג אַלס שוישפּילערין, וועהרענד איצט איז צו דעם צוגעקומען איהר איינפלוס אין דעם קייזערליכען פּאַלאַץ, וואו „איהר וואָרט איז געזעץ", ווי זיי פלעגען זיך אויסדריקען.

מען פלעגט זאָגען, אַז ווען מען קומט אריין אין דעם פּאַלאַץ, זעהט מען אַז זי איז דאָרטען ווי ביי זיך אין דערהיים; און נאָך מעהר ווי ביי זיך אין דערהיים. דערביי פלעגט מען געברויכען א וואָרט־שפּיל, וועלכער האָט געהאַט א שייכות צו די געליבטע פון די אַמאָליגע קעניגע פון פראַנקרייך, הויפּטזעכליך צו די געליבטע פון לואי דעם 15טען. דער פראַנצויזישער וואָרט „מעטרעס" הייסט „באַלעבאָסטע", „איינענטימערין". עס הייסט אָבער אויך „ליר־באָוניצע", א זייטיגע געליבטע. קעניג לואי דער 15טער האָט צו־ערשט געהאַט א געליבטע מיט'ן נאָמען פּאָמפּאַדור, וועלכע איז צו דער זעלבער צייט געווען א פולשטענדיגע באַלעבאָסטע איבער'ן פּאַלאַץ און זאָגאר איבער רעגירונגס־זאַכען. דערנאָך האָט איהר פּלאַץ פאַרנומען א פרוי מיט'ן נאָמען דיו־באַרי, וועלכע האָט אויך געשפּילטביידע ראָלען אינאיינעם.

אלזאָ פלעגען בייזע צינגער זאָגען, אַז ראַשעל איז נאָפּאָלעאָן דעם דריטען'ס „פּאָמפּאַדור". איהר איינפלוס אויף איהם איז געווען שטאַרק איבערטריבען. אָבער גאָר אָהן א גרונד זיינען די אָנצוהערענישען אויך ניט געווען.

* * *

דעם 29טען יאַנואַר, 1853, האָט נאַפּאָלעאָן דער דריטער חתונה געהאַט. די כלה איז געווען גרעפין עיזשעני (עווגעניע) דע מאָנטיזשאָ, וועלכע איז דאַן אַלט געווען 26 יאָהר. זי איז געווען א בילד־שעהנע, לעבענס־פולע מיידעל. דאָס איז די באַריהמטע שעהנע קייזערינע עווגעניע, וועגען וועלכער עס זיינען דערנאָך געשריבען געוואָרען ראָמאַנען. מען פלעגט זאָגען, אַז זי איז די

די קייזערינע יעווגעניע

שעהנסטע פרוי אין איירָאפּא, און בשעת זי האָט געהייראַט מיט׳ן פראַנצויזישען קייזער, איז זי געווען אויף דעם העכסטען שטאַפּעל פון איהר שעהנהייט. (זי איז אָבער געווען שעהן אין איהרע על־טערע יאָהרען אויך; און געלעבט האָט זי אַזש ביז טיף אין אונ־זערע צייטען אריין. זי איז געשטאָרבען אין יאָהר 1920, ווען זי איז אַלט געווען 94 יאָהר).

ראַשעל איז מיט איהר געווען באַפריינדעט נאָך פון פריהער. יעדעס מאָל ווען איהר מוטער פלעגט מיט איהר קומען קיין פּאַריז, פלעגען זיי די שוישפּילערין זעהן אויף דער ביהנע; און מיט איהר פערזענליך פלעגען זיי זיך אויך זעהן. די דאָזיגע באַקאַנטשאַפט זייערע האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט צעהן־צוועלף יאָהר איידער עווגעניע איז געוואָרען קייזערינע. זיי זיינען אַלזאָ געווען אַלטע נאָהענטע פריינד.

אַז ראַשעל האָט געהאַט אַ רייכע ראָמאַנטישע פאַרגאַנגענהייט, ווי מען דריקט זיך אויס אויף אַן איידעלען אופן, האָט די יונגע קייזערינע, אָהן צווייפעל געוואוסט; אָבער, ווי עס שיינט, האָט זי ניט געהאַט קיין צו־איפּערזיכטיגע נאַטור, ווארים זי האָט איהר פריינדשאַפט מיט דער אידישער אַקטריסע אָנגעהאַלטען נאָך דער חתונה אויך. ראַשעל איז געווען איינע פון איהרע בעסטע חבר׳־טעס, און זיי פלעגען אָפט פאַרברייגגען צוזאַמען אין דעם פּאַלאַץ.

ראַשעל האָט איהר געלערענט ווי זיך צו האַלטען אין געזעל־שאַפט — אַ „וויסענשאַפט", אין וועלכער מען האָט די שוישפּילע־רין געהאַלטען פאַר אַן אויטאָריטעט. אָדער זי האָט איהר געלע־רענט, צום ביישפּיל, ווי אַלס קייזערינע, זיך צו נויגען פאַר אַן עולם — ווי צו באַוועגען די אויגען אויף אַזאַ אַרט, אַז יעדער זאָל פיהלען, אַז זי קוקט אויף איהם אָדער איהר.

אַזוי ווי ביידע פרויען זיינען געווען פול מיט לעבען און מיט שפּאַס, פלעגען זיי, פאַרברייגגענדיג צוזאַמען אין פּאַלאַץ, אָפט שטיפען און לאַכען אויף׳ן קול. אין די ראַשעל־ביאָגראַפיעס ווערט דערצעהלט, אַז די דאָזיגע צייט־פאַרטרייבונג זייערע איז געווען אַזוי ליאַרעמדיג, דאַס דער קייזער האָט געגלויבט, אַז עס מאַכט אַן אונאַנגענעהמען איינדרוק און ער האָט געבעטען ראַ־שעל׳ען מעהר דעם פּאַלאַץ ניט צו באַזוכען.

די ערקלעהרונג, פאר וואס ער האט דאס געטאן, איז ניט איבערצייגענד. יעדענפאלס האט די קייזערינע מיט איהר זיך וויטער געזעהן — ביי ראשעל'ען אין הויז.

עס וואלט זיך מעהר געלעגט אויפ'ן שכל, ווען מען וואלט געזאגט, אז איהר געקרוינטער מאן האט געוואלט מאכען א סוף צו די פליאטקעס, אז ראשעל איז זיין מאדאם פאמפאדור. דאס שטימט מיט דעם פאקט, אז ער איז פארבליבען אין די בעסטע באַציהונגען מיט איהר.

*　　*　　*

ארום יענער צייט האט ראשעל געהאט אן „אפיציעלען" געליבטען, און דאס איז געווען ניט קיין אנדערער ווי דעם קייזער'ס באליבטער קאזין, דער אויבען דערמאנטער פרינץ נאפאלעאן (פלאן פלאן) מיט וועמען זי איז באקאנט געווארען אין לאנדאן.

קייזער נאפאלעאן דער דריטער האט דיזען קאזין אזוי געליבט, אז ער האט איהם באצייכענט אלס זיין יורש צום טראן, סיידען עוועגניע וועט איהם געבוירען א קינד; און דער דאזיגער ראמאן ראשעל'ס האט אפשר אויך געהאט א שייכות צו דעם באַשלוס, אז ראשעל זאל מעהר ניט באזוכען דעם פאלאץ.

*　　*　　*

אנשטאט דער פריוויטים-ליד די „מארסעליעזע" האט ראשעל איצט מיט דער זעלבער „באגייסטערונג" דעקלאמירט א געדיכט לכבוד דעם קייזערליכען רעזשים פון נאפאלעאן דעם דריטען. דאס ערשטע מאל האט זי די געדיכט דעקלאמירט עלף טעג איידער ער האט אנגעטאן די קרוין. זיין ראלע אלס קייזער איז שוין דאן אבער געווען באשטימט. נאפאלעאן איז יענעם אווענט געווען אין טעאטער, און די גאנצע פארשטעלונג איז געווען צו זיין עהרע. ווען זי האט געענדיגט דעקלאמירען, און דער טעאטער האט געדונערט פון אפלאדיסמענטען, האט ער געשיקט רופען אוסאי'ען, און ווען יענער איז אריינגעקומען אין זיין לאזשע, האט ער איהם ארומגענומען און א קוש געטאן.

— געהט, גיט דאס איבער ראשעל'ען — האט ער איהם באפוילען.

אוסאי האָט די שליחות ערפילט. „ער קליינט זיך דאָס איי־גענטליך אליין אויך צו טאָן", האָט ער צו איהר געזאָגט.

איין־און־פערציגטער קאַפּיטעל

ראַשעל שפּילט פאַר פאַרשיידענע קעניגע. — דער רוסישער צאַר, ניקאָלאַי דער ערשטער, לאַדט איהר אין פּעטערבורג. — דער צושטאַנד פון איהר געזונט

אין 1852 האָט ראַשעל ערהאַלטען אַן איינלאַדונג פון דעם פּרייסישען קעניג. איהר געזונט איז געווען ווייט פון אַ גוטען צושטאַנד. צייכענס פון שווינדזוכט האָבען זיך גענומען באַווייזען גאַנץ דייטליך. פאַר איהר איז נויטיג געווען אַ לאַנגער אָפּרוה. אָבער אַנשטאָט זיך צו שאַנעווען האָט זי ניט אויפגעהערט צו אַר־ביימען שווער און ארומצופאָהרען. אויף דער ביהנע איז זי אי־מער געווען פול מיט פייער, אָבער נאָך יעדער פאָרשטעלונג פלעגט זי פאַלען ווי אַ האַלב טויטע.

די איינלאַדונג האָט זי אָנגענומען.

קיין בערלין איז זי געפאָהרען דורך בריסעל, בעלגיען. דאָר־טען האָט זי זיך אָפּגעשטעלט צו געבען אַ פּאָר פאָרשטעלונגען. זי איז אהין אָנגעקומען אַ קראַנקע. זי האָט שיער ניט צוזאַמענ־געבראָכען; ניט געקענט שלאָפען, און באַקומען אַ הויכע טעמ־פּעראַטור. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַנטאַסטישע בילדער און גערעדט פון ווענ. עס איז איהר געווען ניט צו דערקענען. דאָך, אין אַזאַ צושטאַנד, איז זי געגאַנגען שפּילען.

אויף דער ביהנע האָט זי געפלאַמט מיט ליידענשאַפט און מיט איבער־נאַטירליכער ענערגיע. גלייך נאָך דער פאָרשטעלונג איז זי שיער ניט געפאַלען אין אָהנמאַכט. איהר שוועסטער און דינסט האָבען איהר געמוזט אראָפּטראָגען פון דער ביהנע און צו־טראָגען צו איהר קאַרעטע. מען האָט איהר אויסגעטאָן און אריינ־געלייגט אין בעט. זי האָט אָבער אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט

שלאָפען און אויף מאָרגען איז זי פילע שטונדען אָפּגעלעגען אויף דער סאָפע.

דאָך איז זי בייגעקומען איהר שוואכקייט און האָט פאָרט־געזעצט איהר רייזע. זי איז געקומען אין בערלין און דאָרטען האָבען זיך ווידער ביי איהר געפונען קרעפטען צו געבען א פאָר־שטעלונג. דיזע פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען אין דעם נייעם פאַלאַץ פון פאטסדאם, דער קעניגליכער רעזידענץ לעבען בערלין.

דעם 8טען יולי האָט זי אין דעם פאַלאַץ געשפּילט די ראָלע פון קאמיללא אין די „האָראַציוסעס". די פאָרשטעלונג איז געווען אַן אומגעהויערער ערפאָלג. זי האָט באקומען הייסע קאָמפּלימענ־טען ניט נאָר פון דעם פּרייסישען קעניג, נאָר אויך פון דער רוסי־שער צארינא, וועלכע איז מיט איהר מאַן דאַן דאָרטען געווען צו־גאסט.

אין דעם פאטסדאמער פאַלאַץ האָט זי פאַר דער צארישער פאמיליע פון רוסלאנד און פאַר דער קעניגליכער פאמיליע פון פּרייסען פאָרגעלעזען מאָנאָלאָגען פון איהרע ערפאָלגרייכסטע פּיע־סען. דאָס איז פאָרגעקומען אויף אַ לאַנקע לעבען אַ וואלד. איהרע צוהערער האָבען איהר אַפּלאָדירט מיט גרויס באגייסטערונג.

צאַר ניקאָלאַי דער ערשטער איז צו איהר צוגעגאנגען און גע־זאָגט: „מאדמואזעל, איהר זייט נאָך גרעסער ווי אייער נאָמען". זי האָט זיך געוואָלט אויפהויבען איהם צו באדאנקען, האָט ער איהר געבעטען זי זאָל דאָס ניט טאָן. זי האָט אָבער פאָרט גע־פּרופט זיך אויפשטעלען פאַר איהם.

„איך בעט אייך, שטעהט ניט אויף, מאדמואזעל", — האָט ער געזאָגט, „אויב ניט, וועל איך זיך צוריקציהען".

דאַן האָט ער איהר איינגעלאַדען צו קומען אין פּעטערבורג. אלס אַ מתנה האָט ער איהר געגעבען אַ זעלטען־שעהנע און קאָסט־באַרע בראָש פון צוויי אָפּאַלען געזעצט מיט דימענטען. דער פּרייסישער קעניג האָט איהר דורך זיין מיניסטער געגעבען צוואַנ־ציג טויזענט פראַנק, און ער האָט באַשטימט די בערלינער אָפּערא הויז פאַר איהר צו שפּילען זעקס אָוועַנטען.

צו איהר מוטער און איהר אינגערער שוועסטער האָט זי פון בערלין געשריבען:

„מען דאַרף האָבען אַ גאַנץ שטאַרקען קאָפּ ניט שכור צו ווערען פון די אַלע קאָמפּלימענטען, ליוב־געזאַנגען און בוקעטען. די גרויסע טיטולען פון די פּרינצען, פירסטען און אַנדערע גרויסע פּערזענליכקייטען, וועלכע האָבען געבעטען די ערלויבניס מיך צו באַגריסען, וואָלט געגוג געווען פאַר אַ קינסטלער צו האָבען וועגען וואָס צו דערצעהלען דעם גאַנצען לעבען. טאַלמאַ און מאַדמואַזעל מאַרס, מיינע גלאָררייכע פאָרגענגער, פון דעם „טעאַטער פראַנסע" האָבען קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ ערפאַהרונג".

* * *

זי האָט אויך באַזוכט זאַקסען, בייערן (וועלכע זיינען דאַן געווען זעלבסטשטענדיגע קעניגרייכען) און עסטרייך — איבעראַל מיט שטורמישע ערפאָלגען.

עס איז פאַראַן אַ בריף פון איהר צו דער מוטער, וואָס זי האָט געשריבען פון וויען: „אומבאַשרייבליכע באַגייסטערונג, אומבאַשרייבליכע אָוואַציעס און ריזיגע איננאַמען" — זאָגט זי דאָרטען.

צוויי־און־פערציגסטער קאַפּיטעל

ראַשעל'ס באַזוך אין רוסלאַנד. — די אויפנאַהמע וואָס זי האָט באַקומען אין דעם צאַרישען פּאַלאַץ. — איהרע פאָרשטעלונגען אין פּעטערבורג. — דער פראַנצויזישער טעאַטער דאָרט

די איינלאַדונג פון צאַר ניקאָלאַי איז ווידערהאָלט געוואָרען און זי איז קיין פּעטערבורג געפאָהרען דעם נעקסטען יאָהר (1853).

ווי אַזוי מען האָט איהר דאָרטען אויפגענומען וועט דער לעזער זעהן פון אַ לאַנגען בריף, וועלכען זי האָט געשריבען צו איהר שוועסטער סאַראַ, פון פּעטערבורג. צוערשט מוזען מיר דערמאָנען דעם לעזער דאָס פאָלגענדע:

דער זעלבער צאַר ניקאָלאַי האָט אין זיינע באַציהונגען צו אידען אַרויסגעוויזען אַזיאַטישע ברוטאַליטעט. עס וועט זיין גע־נוג צו האָבען אין זינען די „קאַנטאָניסטען”, די קליינע אידישע אינגעלעך, וואָס מען האָט אַוועקגעריסען פון זייערע עלטערען, אַוועקגעשיקט אין טיף־רוסלאַנד און איבערגעגעבען צו אונוויסענ־דע קריסטען זיי צו האָדעווען אַלס צוקונפטיגע סאָלדאַטען. דער צוועק איז געווען זיי אָפּצושמד'ן. מייסטע פון זיי האָבען זייערע עלטערען מעהר קיינמאָל אין די אויגען ניט אָנגעזעהן. פינף־און־צוואַנציג יאָהר האָט מען יעדען פון זיי געהאַלטען, מוטשענדיג איהם פיזיש און גייסטיג.

דאָס איז אַ געשיכטע פון צעהנדליגע טויזענדער פאַמיליען־טראַגעדיעס, וואָס געהערען צו די האַרצרייסענדע יסורים פון אונ־זער אונגליקליכען פאָלק.

נאָך אַ זאַך: אידען האָבען אין פּעטערבורג, מאָסקווע און אַלע אַנדערע פלעצער, אַ חוץ דעם אידישען תחום, ניט געהאַט קיין וואוין־רעכט.

אַז ראַשעל איז אַ אידיש קינד, האָט ניקאָלאַי גאַנץ גוט גע־וואוסט, פונקט ווי ער האָט געוואוסט וועגען איהר גרויסען טאַ־לאַנט און דעם סענסאַציאָנעלען ערפאָלג וואָס זי האָט אין פראַנק־רייך. ווארים וועגען איהר אידישער פאַמיליע האָט מען אומעטום דערמאָנט יעדעס מאָל ווען מען האָט דערמאָנט איהר נאָמען.

ראַשעל'ס באַזוך אין פּעטערבורג און איהר שפּילען דאָרטען, און הויפּטזעכליך דער כבוד, וואָס מען האָט איהר אָפּגעגעבען אין דעם צאַרישען פּאַלאַץ, קען דעריבער אויסקומען אונפאַר־שטענדליך. וויניגסטענס זאָנדערבאַר.

מען דאַרף אָבער האָבען אין זינען די ראָלע, וואָס פּאַריז האָט דאַן געשפּילט אין רוסלאַנד. די רוסישע אַריסטאָקראַטיע האָט צווישען זיך גערעדט פראַנצויזיש מעהר ווי רוסיש, און צו אַלץ, וואָס איז געקומען פון פראַנקרייך, האָט דער רוסישער פּריץ און יעדער געבילדעטער מענש אין אַלגעמיין, געהאַט דעם העכסטען רעספּעקט. די העכערע קלאַסען פון רוסלאַנד האָבען אין יענע צייטען פראַנצויזישע ראָמאַנען געלייענט אַ סך מעהר ווי רוסישע. און דער פראַנצויזישער טעאַטער פון פּעטערבורג האָט געמאַכט

ראַשעל, ווען זי איז אַלט געווען 30 יאָהר (אין 1851)

בעסערע געשעפטען ווי דער איינציגער רוסישער טעאטער וואס די שטאט האט דאן פארמאגט.

אין באצוג צו אלץ וואס איז שייך צו קולטור, פונקט ווי צו אלץ וואס איז שייך צו דאמען־מאדעס אדער צו מנהגים אין גע־זעלשאפטליכען לעבען, האט דער רייכער רוס, וואס איז געווען אינטעליגענט, זיך געבוקט פאר פראנקרייך.

נו, אין פאריז קאכט זיך מיט אן אקטריסע מיט'ן נאמען ראַ־שעל; פאריז צורייסט זיך לויבענדיג איהר טאלאנט; אין די העכסטע אריסטאקראטישע פאמיליען פון פאריז שעצט מען זיך גליקליך ווען זי נעהמט אן אן איינלאדונג און קומט אויף מיטאג אדער אויף א באל. דאס איז גענוג! אונטער אזעלכע אומשטענ־דען וועמען קען ליגען אין זינען דאס, וואס ראשעל איז א אי־דישע מיידעל?

ווייטער: נעקסט צו פראנקרייך זיינען אין קולטור און ביל־דונג, לויט אריסטאקראטיש־רוסישע באגריפען, געשטאנען ענג־לאנד און דייטשלאנד. נו, דער קעניגליכער הויף פון לאנדאן גיט ראשעל'ען אפ אהן א שיעור כבוד; דאס זעלבע טוט דער קע־ניגליכער הויף פון פרייסען. ווען די צארישע פאמיליע וואלט ניט געטאן דאס זעלבע, וואלט מען אין פראנקרייך, אין ענגלאנד און אין דייטשלאנד געזאגט: ניט אומזיסט רופט מען די רוסען אזיאטען.

קורץ, ניקאלאי און זיין גאנצע משפחה האבען „פארגעסען" אז ראשעל איז א אידיש קינד, און זיך געגרייט איהר צו ווייזען — און דורך איהר פאריז — אז זיי שטעהען ניט אפ פון לייטען אין קולטור, אין בילדונג און אין דער פעהיגקייט אפצושאצען א גרויסען טאלאנט.

* * *

ראשעל און איהר קאמפאניע האבען אין דעם מיכאאילאווסקי טעאטער (דער פראנצויזישער טעאטער פון פעטערבורג) געשפילט גאנצע פערצעהן וואכען. איהר ערפאלג איז געווען אזוי גרויס, אז מעהרערע מאל האבען סטודענטען פון דעם אוניווערזיטעט אויסגעשפאנט די פערד פון איהר קארעטע און איהר געפיהרט מיט פאראד און הורא־געשרייען פון טעאטער צו איהר האטעל.

די קייזערליכע פאמיליע האט די באריהמטסטע פון איהרע פארשטעלונגען בייגעוואוינט אין דעם מיכאילאָווסקי טעאטער. די רוסישע צארינע האט ראשעל'ן געשאָנקען א קאסטבארען פוטער און ניקאָלאי אליין האט איהר געגעבען א צירונג, וועלכער איז באַ־שטאַנען פון א גרויסען דימענט געזעצט מיט רובינען, וואס האט באטראפען א גאַנץ הויכע סומע. איהר ברודער רפאל, וועלכער איז געוועזן איהר דירעקטאר, האט אויך באקומען א קייזערליכע מתנה — א פרעכטיגען רינג.

ניקאלאי האט פאר איהר געגעבען א ספעציעלען באנקעט ביי זיך אין פאלאץ.

ראשעל באשרייבט איהר באזוך אין פעטערבורג און דעם באנקעט וואס צאר ניקאלאי דער ערשטער האט פאר איהר געמאכט אין זיין פאלאץ

אט איז א בריף, וואס ראשעל האט געשריבען צו איהר שוועסטער סארא פון פעטערבורג:

„נעכטען ביינאכט האט מען מיר מכבד געווען און אפגעגעבען כבוד, ווי א קעניגין — ניט ווי א פאלשע קעניגין פון דער קלא־סישער טראגעדיע — א קעניגין וואס טראגט א באגילדטע פאפי־רענע קרוין — נאר ווי אן אמת'ער קעניגין.

„פריהער פון אלץ מוז איך דיר זאגען, אז אלע הויכע פריצים, גראפען, פירשטען, — אלע לויפען זיי מיר נאך און הערען ניט אויף צו קוקען אויף מיר, אזוי ווי איך וואלט געווען עפעס א זעלטענע חיה. איך קען ניט טאן קיין טריט, וואו עס זאל נאך מיר ניט נאכגעהן א געזעמעל. אין גאס, אין די קראמען, וואו איך געה נאר, קוקט מען אויף מיר, מען טייטעלט אויף מיר מיט די פינגער און מען שושקעט זיך וועגען מיר. איך געהער גאר ניט צו זיך אליין.

„מיט א פאר טעג צוריק האט מען מיר איינגעלאדען צו א גרויסארטיגען באנקעט, וואס מען האט געגעבען ספעציעל פאר מיין כבוד אין דעם קייזערליכען פאלאץ. עס איז אן אמת, ניט קיין אויסגעטראכטע מעשה, אה, טאכטער פון פאפא און מאמא

פעליקס! דער באַנקעט איז פֿאָרגעקומען נעכטען. וואָס פֿאַר אַ גלאַנץ, וואָס פֿאַר אַ לוקסוס! באַטראַכט נאָר: ווען איך בין אָנגעקומען אין דעם פּאַלאַץ האָבען גרויסאַרטיגע לאַקייען, וועלכע זיינען געווען באַשאָטען מיט פּודרע און באַדעקט מיט גאָלדענע טאַשמעס, געוואַרט אויף מיר און זיי האָבען מיך באַגלייט איבער די טרעפּ. איינער פון זיי האָט צוגענומען מיין מאַנטעל און אַ צווייטער איז געגאַנגען פאָראויס און האָט אָנאָנסירט מיין נאָמען.

„איך בין אַריינגעקומען אין אַ גרויסען זאַל, וועלכער איז געווען באַגילדעט פון דער פּאָדלאָגע ביז דעם סופיט. די מענשען וואָס האָבען זיך דאָרטען געפונען האָבען זיך אַ לאָז געטאָן מיך צו באַגריסען. איינער פון די גרויס־פירשטען, דעם קייזער׳ס אַ ברודער, האָט מיך אַריינגעפיהרט אין דעם עס־זאַל צום טיש. אַ גרויסער, גרויסער טיש, וועלכער שטעהט אויף אַ פּלאַטפאָרמע, איז געווען געגרייט ניט פאַר קיין סך געסט, בלויז פאַר דרייסיג, אָבער וואָס פאַר אַ קאָמפּאַניע דאָס איז געווען! דער צאַר און זיין פאַ־מיליע, די גרויסע פירשטען, די קליינע פירשטען און נאָך פירשטען; פירשטען פון אַלערליי מינים. אַ גאַנצער טאַראַראַם פון פּרינצען, פּרינצעסינס, אַלע פול מיט נייגעריגקייט און מיט אויפמערקזאַמ־קייט צו מיר! זיי האָבען זייערע אויגען ניט אַראָפּגענומען פון מיר אויף איין מינוט. זיי האָבען נאָכגעפאָלגט יעדע באַוועגונג מיינע, מיין יעדען שמייכעל; און זיך צוגעהערט צו יעדען וואָרט וואָס איך האָב אַרויסגערעדט.

„מיינסט דאָך אודאי, אַז איך בין געווען צושראָקען, צוטור־מעלט, פאַרשעמט. אַ האָר אויך ניט! מיין זעלבסט־קאָנטראָל און געלאַסענקייט האָט מיר ניט פאַרלאָזען אויף איין מינוט ביז׳ן מיטען פון דעם מאָלצייט; און דאָס עסען איז געווען אויסגע־צייכענט, דאַרפסטו וויסען. אָבער יעדער איז געווען מעהר פאַר־נומען מיט קוקען אויף מיר איידער מיט׳ן עסען. אין אַ געוויסען מאָמענט, אין מיטען מאָלצייט, האָבען זיך אָנגעפאַנגען די טאָסטען לכבוד מיר. דאַן איז פאָרגעקומען אַ גאַנץ אויסערגעוועהנליכע סצענע. אום צו קענען מיך בעסער באַקוקען, האָבען די יונגע פירשטען זיך געשטעלט אויף זייערע שטולען און זאָגאַר אויפ׳ן טיש (איך האָב שיער ניט געזאָגט אין די טעלער), און אַלע האָבען

דאָס אָנגענומען פאַר אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך. ווי עס שיינט, איז נאָך פאַראַן אַ סך ווילדקייט אין די פּרינצען פון רוסלאַנד.

„זיי האָבן געשריען „בראַוואָ!" און אַלע האָבן זיי גענר־מען בעטען, אַז איך זאָל עפּעס דעקלאַמירען. איך האָב זיך ניט פאַרלאָרען. איך האָב געטאָן דאָס, וואָס עס האָט זיך געפאָדערט און געפּאַסט. איך האָב זיך אַנידערגעשטעלט, אָפּגעשטופּט מיין שטול, אָנגענומען די טראַגישסטע פּאָזע פון מיין רעפּערטואַר און גליך זיך אריינגעלאָזען אין דער גרויסער סצענע פון „פעדראַ".

„אַן אומבאַשרייבליכע שטילקייט האָט זיך איבער'ן זאַל פאַר־שפּרייט. מען וואָלט געקענט הערען ווי אַ פליג פליהט דורך, אויב דאָרטען וואָלטען געווען פליגען. אַלע האָבען זיך צוגעהערט אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען באַהערשט פון אַ רעליגיעזען געפיהל. זיי האָבען זיך צוגעבויגען צו מיר מיט אויסדרוקען פון דער טיפ־סטער באַוואונדערונג. דאַן, ווען איך האָב געענדיגט, האָט אויס־געבראָכען אַ נייער שטורם פון בראַוואָ. עס האָט גענומען הילכען דער קלונג פון ווײן גלעזער. נייע טאָסטען, ווידער טאָסטען!

„אויף אַ מינוט בין איך געבליבען ווי נעפּלעפּט. איך האָב דערפיהלט די אויפרעגונג פון דעם מאָמענט, די ווירקונג פון דעם ווײן, דעם ריח פון די בלומען און די גאַנצע באַגייסטערונג פאַר מיר, — דאָס אַלץ האָט מיך פאַר'שיכור'ט. איך האָב זיך ווידער געשטעלט און אָנגעפאַנגען צו זינגען, ריכטיגער געזאָגט, צו דעקלאַ־מירען דעם רוסישען נאַציאָנאַלען הימן („באָזשע צאַריאַ כראַני", אויף פראַנצויזיש). דאַן האָט אויסגעבראָכען עטוואָס אַזעלכעס, וואָס מ'קען מיט דעם וואָרט באַגייסטערונג ניט אָנרופען. ס'איז געווען אַ וואַהנזין פון ענטהוזיאַזם. אַלע האָבען זיך אַרומגעקלי־בען אַרום מיר. זיי האָבען מיר געדריקט מיינע הענט און געדאַנקט. איך בין געווען די גרעסטע שוישפּילערין פון אַלע דורות פון דער פאַרגאַנגענהייט און פון דער צוקונפט; און דאָס אַלץ האָט אָנגע־האַלטען ווייניגסטענס אַ פערטעל שטונדע."

* * *

ווען מ'לייענט ווי ראַשעל דעקלאַמירט מיט אַ פייער פון באַ־גייסטערונג דעם רוסישען הימן „גאָט באַשיץ דעם צאַר" פאַר ניקאָלאַי'ען מיט זיין משפּחה, דערמאָנט מען זיך ניט ווילענדיג אָן דער „מאַרסעליעזע", מיט וועלכער זי האָט אָנגעצונדען פראַנ־

צוויזישע הערצער אין 1848. אויף דעם פונקט ווייזט אַז בארטו און אַ פּאָר אַנדערע שרייבער. בארטו מאַכט אויך די באַמערקונג, אַז אַזאַ כבוד ווי מען האָט אָפּגעגעבן ראַשעל׳ען, אַזאַ אויפנאַמע מיט אַ באַנקעט אין ניקאָלאַי׳ס פּאַלאַץ און אין אַנדערע קעניגליכע פּאַלאַצען — אַז אַזעלכעס האָט קיין שוישפּילערין אָדער שוישפּי־לער קיין מאָל ניט באַקומען, ניט פאַר איהר און ניט נאָך איהר. ער האָט געקאָנט צולייגען: „און דעם דאָזיגען כבוד האָט דער דעספּאָטישער, אידען־האַסענדער צאַר אָפּגעגעבן אַ „זשידאָווקע"!

* * *

פון פּעטערבורג האָט ראַשעל אויך געשריבען צו איהר מור־טער: „מען האָט מיך אין טעאַטער אַרויסגערופען זיבען הונדערט טויזענט מאָל, — שרייבט זי צו איהר, — די צאָל בוקעטען, וואָס איך האָב באַקומען, איז אַזוי גרויס, אַז מען קען זיי ניט איבער־צעהלען".

ווייטער שרייבט זי, אַז די צאַרינע האָט איהר „געשאָנקען אַ וואונדערבאַרע פּאָר אוירינגלאַך", אַז עטליכע פאַמיליעס, וואָס האָבען לאָזשען אין דעם טעאַטער, האָבען געזאַמעלט צווישען זיך אַ סומע געלט און איהר געקויפט אַ זעהר קאָסטבאַרען בראַסלעט פון דימענטען און רובינען. די גרויספירסטין העלענאַ האָט איהר געשיקט אַ גרויסאַרטיגע אינדיאַנישע פאַטשיילע. „אָה, מאַמע, טייערע מאַמע מיינע", האָט זי געשריבען, „אַך, ווי גוט דאָס וועט זיך פּאַסען אויף דיינע פּלייצעס!"

דער רעזולטאַט פון אַ בענעפיט וואָס דער מיכאַילאָווסקי טעאַטער האָט פאַר איהר געמאַכט, איז געוועזן העכער פון צוואַנציג טויזענט פראַנק (אַן אונגעהייערע סומע אין יענע צייטען). פון דיזער סומע האָט זי פופצעהן טויזענט פראַנק איבערגעגעבען אַלס אַ מתנה פאַר אָרימע אַקטיאָרען און אַנדערע אָרימעלייט. זי האָט אויך געגעבען אַ פּאָר פאָרשטעלונגען ספּעציעל פאַר פילאַנטראָפּי־שע צוועקען.

זי האָט באַקומען אַהן אַ שיער איינלאַדונגען פון די אַריס־טאָקראַטישסטע פאַמיליען אין פּעטערבורג, און דער האָטעל, וואו זי איז איינגעשטאַנען, איז פּשוט באַלאַגערט געווען מיט באַזוכער.

ס'איז אויך פאראן א בריף, וואס ראשעל האט געשריבען פון רוסלאנד צו א בעקאנטען דראמאטורג מיט'ן נאמען פראנסוא פאנסאר. ער איז דאן געווען איהר געליבטער און וועגען זייער ראמאן וועלען מיר ריידען באזונדער. דא אינטערעסירען אונז נאר א פאר איינצעלהייטען וועגען איהר באזוך אין רוסלאנד, וועלכע דער דאזיגער בריף ענטהאלט. זי האט צו פאנסאר'ן געשריבען פון פעטערבורג דעם 20טען יאנואר, 1854, ווענינער ווי צוויי וואכען פאר איהר אפפאהרען קיין מאסקווע.

„איך זעץ פאר מיין טריאומף־מארש". — שרייבט זי צו איהם — „מיינע ערפאלגען אין פעטערבורג זיינען פאבעלהאפט. אין ניכען (דאס הייסט, איך דארף דא געבען בלויז נאך דריי פארשטעלונגען), וועל איך פארענדיגען מיין וויזיט אין דער רוסישער הויפט־שטאט. אין מאסקווע ערווארט איך ווענינער צופרידענהייט. מען מוטשעט מיך דא מיט פארשלאגען, אז איך זאל אונטערשרייבען א קאנטראקט פאר דעם נעקסטען ווינטער. איך האב אבער צוריקגעוויזען צוויי הונדערט טויזענט פראנק פאר זעקס מאנאטען. איך גלויב, אז איך דארף איצט זיך ניט פארבינדען אין פעטערבורג. מען קען ניט וויסען וואס די צוקונפט וועט ברענגען . . . דעם 4טען פעברואר ערווארט איך צו זיין אין מאסקווע.

„מיין געזונט איז אין א גוטען צושטאנד. דער ווינטער איז דא גאר ניט אזוי שרעקליך ווי מען זאגט ביי אונז. א חוץ דעם, די הייזער זיינען דא געבויט סאליד און קיין האלץ אויף צו הייצען זשאלעוועט מען ניט.

„איך האב דא געהאט א בענעפיט פארשטעלונג און דער ערפאלג איז געווען א העכסט גלענצענדער. די איינגאהמע איז געווען א גרויסע און מתנות האב איך באקומען גרויסארטיגע. מענער, וואס ערקלערען זיך מיר אין ליבע, זיינען דא פאראן א סך. איך וויין זיי אבער די טהיר. מען שלאגט מיר אויך פאר געגוג ניט קיין שלעכטע שדוכים. עס אינטערעסירט מיך אבער ווי דער פאר־א־יאהריגער שניי. מיינע אויגען בענקען נאך פראנקרייך".

* * *

עס האט דאן געהאלטען נאהענט צו דעם קרימער (סעוואסטאפאלער) קריג צווישען רוסלאנד פון איין זייט און טערקיי, פראנק־

רייך און ענגלאַנד פון דער אַנדער זייט. פאַראַן אַ מעשה וועגן אַ שפּאַסיגען געשפּרעך, וואָס אַ גרופּע עלעגאַנטע רוסישע אָפיצירען האָבען געהאַט מיט ראַשעל'ען אויף אַ גרויסען באַנקעט, וואָס מען האָט פאַר איהר געמאַכט אין פּעטערבורג, אויסערהאַלב דעם צאַרישען פּאַלאַץ.

„איבער־אַ־יאָהר אין דער צייט וועלען מיר פראַנצויזישען וויין טרינקען אין דעם לאַנד, וואו ער ווערט געמאַכט", האָט געזאָגט איינער פון די אָפיצירען. (דאָס הייסט, אַז די רוסישע אַרמעע וועט איינגעהמען פראַנקרייך).

„איך האָב גאָר ניט געוואוסט, — האָט ראַשעל אָפּגעענטפערט, — אַז אין פראַנקרייך גיט מען קריגס־געפאַנגענע וויין צום טרינקען". (און דאָס הייסט, אַז רוסען וועלען אַריינקומען אין פראַנקרייך נאָר אַלס קריגס־געפאַנגענע).

וועגען דעם וויץ האָט מען דערנאָך דערצעהלט איבער גאַנץ פראַנקרייך. אייניגע האָבען געצווייפעלט, צי עס איז אמת. אָבער, אַז אַ צובאַלעוועטער רוסישער אָפיציר, אַ לעבע־יונג און אַ „ספּאָרט" פון די העכערע קלאַסען זאָל מאַכען אַזאַ באַמערקונג צו אַ פראַנצויזין אונטער אַזעלכע אומשטענדען אין אַ וויכטיגען מאָמענט — דאָס איז ניט אונמעגליך. וואָס אַנבעטרעפט ראַשעל'ס ענטפער, האָט ער יעדענפאַלס דעם ספּעציעלען ראַשעל כאַראַקטער פון איהר „שלאָג־פאַרטיגע" ענטפערס און פון איהר הומאָר בכלל.

*　　*　　*

די מלחמה האָט אויסגעבראָכען אין ווייניגער ווי אַ יאָהר נאָך דעם ווי ראַשעל האָט פאַרלאָזען רוסלאַנד. פרידען איז געשלאָסען געוואָרען אין פעברואַר, 1856, און פאָרגעקומען איז דאָס טאַקע אין פּאַריז.

אויב צוזאַמען מיט די רוסישע דיפּלאָמאַטען זיינען דאַן אַהין געקומען אַ פּאָר רוסישע אָפיצירען, זיינען זיי דאָרטען געווען ניט אַלס זיגער, נאָר אַלס באַזיגטע; ווארים די צאַרישע מאַכט האָט אין יענעם קריג געהאַט אַ מפּלה — אַזאַ גרויסע, אַז ניקאָלאַי איז פון האַרץ־קלעמעניש (און אפשר פון זעלבסט־מאָרד) אַוועק פון דער וועלט עטליכע מאָנאַטען פאַר דעם פּאַריזער פרידענס־קאָנפערענץ.

דריי־און־פערציגסטער קאפיטעל

צוויי ביטערע איבעראשונגען. — אן אנגענעמע ערפאהרונג אויך. — ענדליך לאדט מאדאם קרעמיע איהר איין. — דער טויט פון ראשעל'ס ליבסטער שוועסטער

ווען ראשעל האט זיך אומגעקערט קיין פאריז פון רוסלאנד, וואו זי האט געהאט אזוי פיל כבוד, אזעלכע רייכע מתנות און אזא מאסע פראנקען, האט זי געפונען צוויי ניט־פרעהליכע נייעסען. איין איבעראשונג איז געווען א זעהר טרויעריגע פאר איהר: איהר שוועסטער רעבעקא, וועמען זי האט אזוי ליב געהאט, איז געווען ערנסט קראנק. רעבעקא איז געווען מיט 9 יאהר אינגער פון איהר און זי, ראשעל, האט איהר אויסגעהאדעוועט. זי האט איהר געליבט ניט ווי א שוועסטער, נאר ווי א מוטער ליבט איהר קינד.

רעבעקא האט זיך דאן געפונען אין שפאניען, אין א קור־ארט. אלזא איז ראשעל'ס ערשטער געדאנק געווען גלייך צו פאה־רען צו איהר. און זי האט דאס געטאן אזוי שנעל ווי עס איז איהר מעגליך געווען. ווארים די צווייטע אונאנגענעמע נייעס האט איהר אויף אייניגע טעג פארהאלטען אין פאריז.

די דאזיגע נאכריכט האט איהר פארשאפט מעהר פארדרוס ווי קומער. עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז איהר פריהערדיגער פריינט לעגוואווע האט אנגעפאנגען א פראצעס געגען איהר פאר שאדענערזאץ.

לעגוואווע איז געווען א שרייבער, א דראמאטורג. דער בא־ריהמטער דראמאטורג סקריב האט מיט זיין מיטארבייטערשאפט מיט א פאר יאהר פריהער פאר ראשעל'ען אויפגעשריבען „אדריען לעקוואוורער", א מאדערנע מעלאדראמא; און זי האט איהר גע־שפילט מיט ריזיגע ערפאלגען אין פראנקרייך און אין רוסלאנד. דערנאך האט לעגוואווע אליין פאר איהר אויפגעשריבען א פיעסע, „מעדעא" און זי האט איהר אויך אנגענומען. זי האט אבער שפע־טער דערפיהלט, אז דאס שטיק איז איהר ניט צום הארצען.

ווען זי וואָלט עס איהם ערקלערט פריינדליך אָבער פעסט, וואָלטען קיין אונאנגענעמליכקייטען מסתמא ניט ארויסגעקומען, ווארים צוקריגען זיך מיט איהר האָט איהם ניט געלוינט. זי האָט אָבער אזוי ניט געטאָן; זי האָט דאָס אויפפיהרען פון זיין פּיעסע אָפּגעלייגט און ווידער אָפּגעלייגט, מיט פארשידענע תירוצים. זי האָט זיך ווידערשפּראָכען, ניט געהאַלטען וואָרט, געביטרעוועט, ארויסגעוויזען כאַראַקטערלאָזיגקייט פון אַן אונסימפּאַטישען מין; און פּלוצלינג, ווען לעגוּאווע האָט ערוואַרט, אַז אַט באַלד וועט מען ענדליך שטעלען זיין פּיעסע, איז זי גאָר אַוועקגעפאָהרען קיין רוסלאַנד אויף עטליכע מאָנאַטען.

פול מיט צאָרן און ראַכע־דורשט, האָט לעגוּאווע דאַן אָנגע־געבען אין געריכט, און געמאָנט אַ גרויסע סומע ביי איהר.

איידער זי איז געפאָהרען קיין שפּאַניען האָט ראַשעל זיך גע־שטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַדאָלף קרעמיע מיט׳ן צוועק איהם איבערצוגעבען דעם פּראָצעס, ווארים ער איז שוין לאַנג געווען אוים יוסטיץ מיניסטער און האָט זיך הויפּטזעכליך באַשעפטיגט מיט זיין פּראַקטיק אַלס אַדוואָקאַט. מיט איהם האָט זי דאָך שוין זיך געהאַט איבערגעבעטען מיט זעקס יאָהר צוריק, אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע. דאָך האָט זי צוערשט צו איהם געשיקט איהר מוטער.

ווען ראַשעל׳ס מוטער איז צו איהם געקומען, האָט ער צו איהר געזאָגט: „זאָל זי קומען, ראַשעל. איך וועל זיך פיהלען מיט זעכצעהן יאָהר יינגער״.

ראַשעל האָט צו איהם געשריבען אַ ווארים־האַרציגען בריף, אין וועלכען זי האָט ערקלערט, אַז זי קומט.

„ווענען דער צייט, וואָס איז פאַריבער און מיר האָבען זיך ניט געזעהן, איז טרויעריג צו דענקען, — האָט זי צו איהם גע־שריבען, — איך האָב געהאַט דעם פאַרגעניגען מיט אייך באַקאַנט צו ווערען אין 1838. ווייסט איהר, פריינט, אַז איך האָב אימער געהאַט אַ באַגעהר צו באַנייען יענע גוטע צייט, ווען איהר האָט מיך געליבט מיט׳ן גאַנצען האַרצען און ווען איך האָב אייך גע־ליבט מיט דער גאַנצער קראַפט פון מיין האַרצען, אייך און אייער פרוי? ווען איך וועל קומען אייך ווידער זעהן, וועל איך פיהלען, אַז מיין יוגענט פון פאַר זעכצעהן יאָהרען קערט זיך אום צו מיר״.

עס האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז פון דער אונאָנגענעמער גע־שיכטע מיט לעגואוועע'ן איז געבאָרען געוואָרען אַ העכסט אַנגע־נעמער סורפּריז: מאַדאַם קרעמיע האָט איהר איינגעלאַדען צו זיך, און טאַקע אויף אַ האַרציגען שטייגער.

* * *

ראַשעל איז געקומען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגע קלייד פון שוואַר־צען סאַמעט, פאַרשפּילעט ביים האַלז מיט אַ גאָלדענעם קנעפּעל פון אַ לענגלעך־רונדער פאָרמע — אַ קלייד, וואָס האָט איהר אי מערקווירדיג געפּאַסט, אי צוגעדעקט איהר שרעקליכע מאָגערקייט.

די קרעמיעס האָבען געוואוינט אויפ'ן דריטען עטאַזש, און דאָרטען האָבען זיי ביידע געוואַרט אויף איהר ביים שוועל פון זייער דירה. געהענדיג איבער די דריי עטאַזש איז זי פאַרמאַטערט געוואָרען. זי האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין מאַדאַם קרעמיע'ס אויסגעשפּרייטע אָרעמס מיט די לעצטע כחות.

ווען זי האָט זיך אַ ביסעל אָפּגערוהט, האָט זי מאַדאַם קרעמיע דערצעהלט, אַז זי האָט געוואָלט קומען אין דער קלייד, וואָס זי האָט געטראָגען אין 1838, ווען זי האָט זיי באַזוכט צום ערשטען מאָל; אָבער אַז ראַז, איהר טרייע דינסט, וועלכע זי, מאַדאַם קרעמיע, האָט איהר רעקאָמענדירט אין יענער צייט און וועלכע איז נאָך ביי איהר עד היום, האָט די קלייד ניט געקענט געפינען. „איך האָב געוואָלט אויפלעבען די יונגיינקע ראַשעל פון יענע טעג", האָט זי געזאָגט.

די אַלע איינצעלהייטען ברענגט וואַלענטין טהאָמסאָן אין איהר בוך. זי האָט דאָס אַלץ אָהן צווייפעל געהערט פון איהר באָבע'ן.

דאָס איז אַלזאָ געווען ראַשעל'ס ערשטער וויזיט ביי די קרעמיעס זינט זיי האָבען זיך געשיידט אין 1841. איצט איז זי ווידער געוואָרען ווי אַן אייגענע ביי זיי. אָפט פלעגט ראַשעל קומען צו די קרעמיעס אויף וועטשערע, נאָך דער פאָרשטעלונג. זייער נייע פריינדשאַפט איז שוין קיין מאָל ניט צושטערט געוואָרען. בלויז דער טויט האָט זיי פאַרנאַנדערגעשיידט.

ראַשעל'ס שוועסטער רעבעקאַ איז געשטאָרבען דעם 21טען יוני, 1854. אין פאַרבינדונג מיט איהר טויט וואָרט וועגען ראַ־שעל'ען דערצעהלט דאָס פאָלגענדע: אין דעם שפּאַנישען קור־

אָרט, וואו די יונגע מיידעל איז געלעגען, האָט זיך דאַן געפונען די גאַנצע פעליקס פאַמיליע — די עלטערען און אַלע קינדער. אין אַ געוויסען טאָג האָט די קראַנקע זיך געפיהלט אַ סך בעסער ווי געווענליך. עס איז געוואָרען פרעהליכער אויפ'ן האַרצען. האָבען די מיידלאַך — אויסער רעבעקאַ'ן — זיך פאַרזאַמעלט אין סאַראַ'ס צימער און גענומען שמועסען, מאַכען שפּאַס. ווי גע־ווענליך אין אַזאַ פאַל, איז ראַשעל געווען די פיהרערין פון די לוסטיגע רייד. פּלוצלינג האָט מען אָנגעזאָגט, אַז די קראַנקע האָט ווידער אָנגעהויבען שטאַרק צו הוסטען און אַז דער דאָקטאָר בעט, אַז ראַשעל זאָל גלייך אריינקומען.

ראַשעל האָט אַ שפּרונג געטאָן ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה און זיך געלאָזט לויפען. לויפענדיג האָט זי אויף איהר האַנט דערזעהן דעם שנירעל פּאַטשערקעס, וואָס זי האָט געטראָגען ווי אַ בראַסלעט. דאָס זיינען געווען רעליגיעזע פּאַטשערקעס, וועלכע קאַטאָליקען צעהלען בשעת זיי זאָגען זייער געבעט. די פּאַטשערקעס וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגען זיינען געווען געבענשט פון דעם פּאַפּסט אַליין. איהר פריינט מאַרקיז דע־קוסטין, וועלכער האָט זיך אַמאָל גע'שדכנ'ט צו איהר, האָט דאָס באַקומען פון דעם פּאַפּסט, ווען ער און ראַשעל זיינען געווען אין רוים צוזאַמען. און ראַשעל האָט די פּאַטשערקעס געטראָגען אַלס אַ מין קמיעה (מיט אַ וואונש צו שמד'ן זיך האָט זי דאָס אָבער קיין מאָל ניט פאַרבונדען, פלעגט זי ערקלערען). איצט, ווען איהרע אויגען זיינען געפאַלען אויף זיי, האָט זי דעם שנירעל אַ ריס געטאָן פון איהר האַנט און אַ שליי־דער געטאָן אָן דר'ערד.

„אָט די פּאַטשערקעס ברענגען מיר דאָס אַלע מיינע אומגליי־קען!" האָט זי אויסגעשריען, און זי איז ווייטער געלאָפען צו איהר ליידענדער שוועסטער.

זי איז אריינגעקומען אין רעבעקאַ'ס קראַנקען־צימער ווען יענע האָט געצויגען איהרע לעצטע אָטעמס. נאָך אַ מינוט און זי וואָלט איהר שוין געפונען טויט.

נינא קעננארד, די פאַרפאַסערין פון איינער פון די עלטערע ראַשעל־ביאָגראַפיעס, שילדערט אַ צערעמאָניע, וואָס איז פאָרגע־קומען ווען רעבעקא איז שוין געווען טויט.

„ביי אידען איז פאראן א מנהג — שרייבט זי — אז ווען איינער שטארבט, קומען צו די מיטגלידער פון דער פאמיליע איינציגווייז צו דעם מת און שרייען אויס דעם ווארט „ענטשולדיג" דריי מאל — (פארדאן! פארדאן! פארדאן!)"

אזוי באשרייבט זי די מחילה סצענע ביי רעבעקא'ס טויטענבעט, ווי דער פאטער, די מוטער און די קינדער, — יעדער נאך זייער עלטער נאך — זיינען צוגעגאנגען און וויינענדיג אויפ'ן קול האבען זיי אויסגעשריען דעם הארצרייסענדען ווארט. זי שטעלט זיך ספעציעל אפ ביי דעם מאמענט, ווען דער פאטער האט צו דער געשטארבענער צוגעפיהרט ראשעל'ען און ווי אלע האבען מורא געהאט, אז מיט איהר זאל ניט פארקומען עטוואס שרעקליכעס. קיין וויטערע איינצעלהייטען גיט זי אבער ניט.

פיר־און־פערציגטער קאפיטעל

ראשעל'ס שונאים, ניט־געפעהרליכע און געפעהרליכע. — איהר איינפלוס. — וויקטאר הוגא, דיומא, לעגואווע. — מארגארעט זשארזש און ראשעל

ראשעל האט געהאט א היבש ביסעל שונאים. דאס רוב פון זיי זיינען פאר איהר ניט געווען געפעהרליך. עס זיינען אבער אויך געווען אזעלכע, וואס זיינען געווען אימשטאנד איהר צו שעדיגען אדער צו פארשאפען גרויסע יסורים וועניגסטענס. און איינינע פון זיי האבען דאס טאקע געטאן. עס האט זיך געמאכט א סיטואציע, וועלכע האט איהרע פיינד געגעבען א געלעגענהייט אנצופיהרען א גאנצען קאמפיין געגען איהר.

וועגען די שונאים וואס זי האט געהאט צווישען איהרע אייגענע קאלעגינס, שוישפילערינס פון דעם „טעאטער פראנסע" האבען מיר דערמאנט פון צייט צו צייט. זייער בייזוויליגקייט האט קיין באדייטונג ניט געהאט, ווארים זיי זיינען געווען אבסאלוט הילפלאז געגען איהר; און מאטעריעל זיינען זיי געווען אפהענגיג אן איהר טאלאנט.

ניט־פאַרגינערישע קאָלעגינס זיינען אָבער ניט געווען די איינ־ציגע פערזאָנען, וואָס האָבען איהר געוואונשען דעם טויט. זי האָט געהאַט געגוג שונאים צווישען פיעסען־שרייבער אויך, און צווישען זיי האָבען זיך געפונען מענשען מיט גרויסע נעמען און איינפלוס.

יעדער דראַמאַטורג, פון דעם קלענסטען ביז דעם העכסטען פון די העכסטע, האָט געגאַרט צו האָבען זיינע פיעסען אין איהר רע־פערטואַר. פיעסען־שרייבער האָבען אָפּגעשלאָגען איהר טיר, און מיט ווענינ אויסנאַמען האָבען זיי געמוזט אוועקגעהן מיט ליידיגען. אפילו זעהן זיך מיט איהר פערזענליך, אריינקומען צו איהר אויף אַ פּאָר מינוט — אפילו דאָס איז געווען אַ פּריווילעגיע פאַר געצעהל־טע מענשען.

באַרעכענט: צו איהר פלעגט אריינקומען די קייזערינע; און דער קייזער אַליין, וועלכער איז פריהער געווען איהר געליבטער, איז איצט אויך געווען אין די פריינדליכסטע באַציהונגען צו איהר. דעם קייזער׳ס „האַלבער ברודער״, פירסט מאָרני, וועלכער האָט איהם געהאָלפען קומען צום טראָן און וועלכער האָט איצט אויף איהם געהאַט דעם גרעסטען איינפלוס, פלעגט אנטהייל נעהמען אין איהרע וועכענטליכע דינערס און פלעגט ליבען צו פאַרברייננגען אָן אָוונט אין איהר געזעלשאַפט. דעם קייזער׳ס באַליבטסטער קאָזין, פּרינץ נאַפּאָלעאָן (פּלאָן פּלאָן), ווען דער קייזער האָט באַצייכענט אַלס זיין טראָן־יורש, איז געווען איינער פון איהרע בעסטע פריינד און, ווי מיר וועלען זעהן ווייטער, אַ סך מעהר ווי אַ פריינד. זי האָט געוואוינט ווי עס האָבען דאַן געוואוינט די רייכסטע פון די אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס און ביי איהר אין זאַל פלעגען זיך פאַרזאַמלען, אַ חוץ אַזעלכע געסט ווי מאָרני, מיניסטאָרען, באַנקירען און אבסאָלוט די גרעסטע שריפטשטעלער.

מיט אַ וואָרט האָט זי געקענט טאָן אַ וויכטיגע טובה. האָט מען איהר פאַרוואָרפען מיט ביטעס וועגען אַזעלכע טובות, און די ענטוישטע זיינען געבליבען מיט גיפט אין האַרצען.

איינע פון די פערזאָנען, אַרום וועלכע עס האָבען זיך גרופּירט געוויסע טיפּען פון ראַשעל׳ס שונאים, איז געווען אַן אַלטע אַקטרי־סע מיט׳ן נאָמען מאַרגאַרעט זשאָרזש. אין נאַפּאָלעאָן׳ס צייט, דאָס הייסט מיט פערציג, עטליכע־און־פערציג יאָהר פריהער, איז זי

געוועזן יונג און שעהן און געהאט ערפאלג; און דערצו האט זי נאך געהאט דעם „כבוד" צו זיין איינע פון דעם גרויסען נאפא־לעאן'ס מעטרעסעס. איצט איז זי געוועזן אלט. אויף איהרען א בענעפיס וואלט ראשעל זיך באטיילינגט. האט מאדמואזעל זשארזש איהר אבער בארעדט, און די אידישע שוישפילערין האט זיך דער־וואוסט דערפון. אלזא האט זי איהר אפילו ניט אויפגענומען. מאדמואזעל זשארזש האט וועגען דער אנגעלעגענהייט דערצעהלט דעם באריהמטען פאעט, ראמאנען־שרייבער און דראמאטורג וויק־טאר הוגא. וואס זי האט אין זייער געשפרעך געזאגט, איז אזוי כאראקטעריסטיש און אינטערעסאנט, אז עס איז פארשריבען גע־ווארען. עס איז כאראקטעריסטיש און ווארפט א העלע ליכט אויף א שטיק פון דעם לעבען אין דער דאמאלסדיגער טעאטער־וועלט אין פאריז. דעריבער וועל איך די דאזיגע ווערטער איהרע, זשארזש'ס, דא ברענגען. אגב וויל איך באמערקען, אז וויקטאר הוגא האט ביי זיך אין הארצען אויך געטראגען א שנאה אויף ראשעל'ען.

„איך בין שרעקליך ארים — האט מאדמואזעל זשארזש גע־זאגט צו וויקטאר הוגא — האב איך זיך געמאכט מוט און בין געגאנגען צו ראשעל'ען איהר בעטען זי זאל אנטייל נעהמען אין מיין בענעפיס. זי האט זיך אבער ענטזאגט מיך צו זעהן; גע־הייסען מיר זאגען איך זאל צו איהר שרייבען. אה, ניין! דאנקע בעסטענס! אפשר בין איך שוין טיף אראפגעזונקען, אבער ניט אזוי טיף. איך בין געוועזן אזא גרויסע אקטריסע ווי ראשעל און אויך אזא גרויסע פראסטיטוטקע ווי זי. און איך וועל צו ראַ־שעל'ען ניט שרייבען. איך וועל ארום דער צוויג ניט ארומטאנצען. האט זי זיך פארגעסען, אז זי פלעגט בעטלען? פאלט איהר קיינ־מאל ניט איין, אז עס וועט אמאל קומען א צייט, ווען זי וועט ווידער בעטלען? אין די קאפעס פלעגט זי בעטלען, מסיע הוגא, און מען פלעגט איהר צוווארפען א פאר סענט. באטראכט נאר! און היינט שפילט זי אין קארטען ביי דאקטאר וועראן'ען אין הויז און געווינט אדער פארלירט צעהן טויזענד פראנק אין איין אוונט! איך פארזיכער אייך, אז אין דרייסיג יאהר ארום וועט זי ניט האבען קיין גראשען ביי דער נשמה און איהרע זאקען וועלען זיין פול מיט לעכער.

„אָה, ניין! איך וועל זיך פאַר איהר ניט בוקען, און וועל צו איהר ניט שרייבען. אמת, איך שטאַרב פון הונגער. דעם לאַקיי פון מיין וואוינונג בין איך שולדיג צעהן פראַנק, און די דימענטען, וואָס דער אימפעראַטאָר (דער גרויסער נאַפּאָלעאָן) האָט מיר געשאָנקען, האָב איך פאַרקויפט. עס איז אמת, אַז איך שפּיל אין די קליינע טעאַטערלאך, אין די אָרימע קוואַרטאַלען, הינטער'ן שטאָט, און איך האָב ניט קיין פאָר פראַנק אויף צו באַצאָהלען פאַר אַ דראָזשקע. אָבער שרייבען צו ראַשעל'ען וועל איך ניט. איך וואָלט בעסער זיך דערטרינקען איידער זיך ערנידעריגען פאַר איהר".

דער ביאָגראַפיע־שרייבער בערנאַרד פאַלק, וועלכער האָט אויסגעפאָרשט דעם זשאָרזש ענין, האָט אַ גאַנצע רייהע באַווייזע, אַז איהר באַקלאָגען זיך, דאָס זי שטאַרבט פון הונגער, האָט ניט געשטימט מיט'ן אמת; אַז זי האָט פון דער רעגירונג באַקומען אַן אנשטענדיגע פּענסיע און געהאַט געלט; אַז זי האָט געלעבט אויף אַ ברייטען אופן און ספּעקולירט אויף דער בערזע.

דער סוף איז געווען, אַז מאַדמואַזעל זשאָרזש האָט זיך געווענדעט צו ראַשעל'ען — ניט דורך אַ בריף, נאָר דורך סאַנסאָן'ען; און אויף זיין ביטע האָט זי איינגעשטימט צו שפּילען אויף דעם בענעפיט פון דער אַלטער אַקטריסע.

אויף יענעם בענעפיט זיינען צווישען עולם פאָרגעקומען סצענעס, וועלכע זיינען געווען העכסט אונאַנגענעם פאַר ראַשעל'ען. מאַדמואַזעל זשאָרזש'ס פריינט האָבען זיך אָרגאַניזירט צו פאַרוואַנדלען די פאָרשטעלונג אין אַ מין „דעבאַטע" צווישען דער אַלטער אַקטריסע און דער יונגער; ריכטיגער געזאָגט, צווישען צוויי צדדים. די זשאָרזשיסטען האָבען מיט אַלע כחות זיך אָנגעשטרענגט איבערצואַפּלאָדירען און איבערצושרייען ראַשעל'ס אָנהענגער. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ראַשעל איז געוואָרען אויפגעבראַכט און נערוועז, און, נאָכדעם ווי זי האָט אָפּגעשפּילט אין דער הויפּט־פּיעסע פון דעם אָוועגט, האָט זי אויף זיך אַרויפגעכאַפּט איהר מאַנטעל און איז אַוועקגעפאָהרען, ניט וואַרטענדיג אויף דער קליינער צוגאָב־פּיעסע, אין וועלכער זי האָט אויך געזאָלט אנטייל נעמען.

נאָך דעם ווי גראַף וואָלעווסקי האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער, און עס איז פאַרבייגעגאַנגען אַ געוויסע צייט, האָט ראַשעל דערפיהלט, אַז מיט אַזאַ וויכטיגען מאַן ווי דיומאַ לוינט זיך ניט אָנצוהאַלטען אַ ברוגז. זי האָט איהם גענומען איינלאַדען צו איהרע דינערס און ער האָט די איינלאַדונגען אָנגענומען.

דיומאַ האָט געגעסען דינערס ביי ראַשעל׳ען, אַנטייל גענומען אין די פרעהליכע געשפּרעכען, געגעבען איהר קאָמפּלימענטען. אַלץ איז פאַרגלעט און פאַרגעסען געוואָרען. אַזוי האָט עס אויסגעזעהן. אָבער בלויז פון דרויסען. אינוויייניג, אין זיין האַרצען האָט ער ניט געקענט פאַרגעסען, אַז זי האָט וואָלעווסקי׳ן אויסגעזאָגט, אַז ער זוכט איהר ליבע, און אַז ער, דיומאַ, איז געצוואונגען געווען צו שרייבען וואָלעווסקי׳ן וועגען דער פּעסטונג פון וועלכער ער איז צוריקגעשטויסען געוואָרען מיט פאַרלוסטען. יענע וואונד איז אין זיין האַרצען ניט פאַרהיילט געוואָרען.

זי האָט זאָגאַר אָנגענומען צום שפּילען זיינע אַ פּיעסע און ער איז געווען אויפ׳ן זיבעטען הימעל; איז די פּיעסע אָבער ניט געגאַנגען לאַנג גענוג און זי האָט אָנגענומען אַ פּיעסע ביי סקריב׳ען. דיומאַ איז געווען זיכער, אַז ווען זי וואָלט געוואָלט, וואָלט זיין פּיעסע געגאַנגען אַ סך לענגער; און די אַלטע וואונד האָט זיך ווידער צוברענט.

סקריב׳ס פּיעסע איז אויך ניט געגאַנגען לאַנג. און ער האָט אין דעם אויך בעשולדיגט ראַשעל׳ען. קורץ, ער איז אויך געוואָרען אַן אומפריינד איהרער. וועגען לעגואווע׳ס בייזע געפיהלען צו איהר, ווייסען מיר שוין.

וואָס אנבעטרעפט וויקטאָר הוגאָ איז דער וואָרצעל פון זיין שנאה צו איהר געלעגען טיפער ווי ביי די אַנדערע דראַמאַטורגען.

מיר האָבען געזעהן, אַז איידער ראַשעל האָט זיך באַוויזען אין דעם „טעאַטער פראַנסע" זיינען די קלאַסישע טראַגעדיעס פון קאָרנעיל און ראַסין געווען טויט אין פראַנקרייך. דאַן האָט זיך גענומען ענטוויקלען די מאָדערנע „ראָמאַנטישע דראַמאַ"; און האָט געהאַט ערפאָלג. אַלס דראַמאַטורג פון דער נייער ריכטונג איז וויקטאָר הוגאָ געווען די גרעסטע קראַפט. נו, איז געקומען ראַשעל און האָט פּלוצלינג אויפגעלעבט די קלאַסישע טראַגעדיע. און דאָס

איז פאר דער „ראמאנטישער דראמא" בכלל און פאר וויקטאר הוגא'ן בפרט געווען א גרויסער קלאפ.

ראשעל האט אנגענומען הוגא'ס א פיעסע, און די ערשטע צייט האט ער איהר געלויבט ביז'ן הימעל. אבער די דאזיגע פיעסע איז אויך ניט געגאנגען לאנג גענוג. אלזא, האט זיין וואונד אויך אויפגעלעבט.

מילא, וויקטאר הוגא איז אין 1855 ניט געווען אין פראנקרייך. צוליב פאליטישע אורזאכען איז ער געצוואונגען געווען צו אנטלויפען אין ענגלאנד, און זיינע ווערק זיינען אין פראנקרייך פארבאטען געווארען. דיומא איז אבער געווען אין פאריז, און זיין כעס אויף ראשעל'ען האט נאר געווארט אויף א געלעגענהייט זיך צו לאזען פיהלען.

אזא געלעגענהייט האט זיך געמאכט א קורצע צייט נאך דעם, ווי ראשעל האט זיך אומגעקערט פון רוסלאנד.

פינף-און-פערציגסטער קאפיטעל

ראשעל'ס שונאים שטעלען ארויס א קאנקורענטקע געגען איהר. — די איטאליענישע שוישפילערין אדעלאאידע ריסטארי. — אן ארגאניזירטע באוועגונג צו רעקלאמירען איהר און ראשעל'ען ארונטערצורייסען

אין איטאליען האט זיך פאר דער טאלאנטפולסטער שוישפילערין אין יענע יאהרען גערעכענט א יונגע פרוי מיט'ן נאמען אדעלאאידע ריסטארי. זי איז געווען מיט א יאהר אינגער פון ראשעל'ען. זי האט גערעדט בלויז איטאליעניש. איז 1855 איז זי געקומען שפילען אין פאריז, אויף איטאליעניש, נאטירליך, און געשפילט האט זי אין דעם איטאליענישען טעאטער פון דער פראנצויזישער הויפט-שטאט.

אט דיזע שוישפילערין האבען ראשעל'ס שונאים געמאכט פאר דעם צענטער פון זייער אגיטאציע געגען דער גרויסער טראגי-

קערין, ווי מען האָט ראַשעל'ען געדופען אין דער טעאַטער־וועלט. געקומען איז ריסטאָרי גאַנץ זעלבסטשטענדיג. ראַשעל'ס פיינד האָבען איהר אין פּאַריז ניט געבראַכט. אָבער איינמאָל איז זי שוין דאָרטען געווען, האָבען זיי זיך גענומען צו דער אַרבייט איהר צו „בומען" און ראַשעל'ען אַרונטערצורייסען. און דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער מלחמה איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי אַלעקסאַנדער דיומאַ.

ער האָט אַרויסגעגעבען אַ צייטונג מיט'ן נאָמען „לע מוס־קאַטער", האָט זי יעדען טאָג געהאַט אַרטיקלען, אין וועלכע דיומאַ אָדער זיינען מיטאַרבייטער האָבען אַרויסגעשטעלט ריסטאָרי'ס גרויסקייט: „אָט דאָס איז אַ טאַלאַנט! זי איז די גרעסטע וואָס מיר האָבען היינט! ניטאָ קיין גלייכען צו איהר! ווי קומט ראַ־שעל צו ריסטאָרי?" אָט אויף אַזאַ אַרט האָט ער געטרומייטערט און געפּויקט יעדען טאָג.

אין פּאַריז איז דאַן אָנגעגאַנגען אַ וועלט־אויסשטעלונג, האָט מען אַראַנזשירט, אַז ריסטאָרי זאָל דאָרטען אַלע טאָג געבען אַ פאָרשטעלונג. די דאָזיגע פאָרשטעלונגען האָט מען רעקלאַמירט, אַדווערטייזט און דאָס איז פאַר דיומאַ'ן זיינע מיטקעמפּפער געווען אַ גאָט־געבענשטע געלעגענהייט. דיומאַ אַליין פלעגט יעדען אָוונט קומען צו ריסטאָרי'ס פאָרשטעלונג, באַגריסען איהר מיט אַ גרויסען בוקעט און קושען איהר האַנט אַז אַלע זאָלען זעהן.

דיומאַ האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג: זאָל די פּאַריזער אָפּערא הויז איין אָוונט אָפּגעגעבען ווערען צו אַ דאָפּעלטע פאָרשטעלונג; זאָל ראַשעל שפּילען „פעדראַ" און ריסטאָרי „מיראַ", אַ פּיעסע, מיט וועלכער זי האָט זיך באַריהמט געמאַכט אין איטאַליע; און זאָל דער עולם פּסק'ענען ווער עס איז גרעסער.

ראַשעל האָט אויף דעם פאָרשלאַג אַפילו ניט געענטפערט.

„וואָס? זי וויל ניט אַנטייל נעמען? — האָט דיומאַ געזאָגט — זאָל זי בלייבען פון דרויסען. זי האָט פאַר זיך אַ זאַל, דאָס איז דער זאַל פון די טויטע. דאָרטען איז איהר פּלאַץ. זאָל זי דאָרטען ליגען!"

וואָס אַמבעטרעפט ריסטאָרי, האָט זי זיך געהאַלטען מיט טאַקט אין דער גאַנצער אַנגעלעגענהייט. זי איז געגאַנגען זעהן ראַשעל'ען און גערעדט מיט גרויס באַגייסטערונג וועגען איהר

די איטאַליענישע שוישפּילערין אדעלאאידע ריסטאָרי

שפּילען. אַזוי האָט זי אויך גערעדט אין פּריוואַט געשפּרעכען, הגם דאַן פּלעגט זי איהר שוין קריטיקירען אויך, אָבער אַלץ אויף אַן איידעלען שטייגער.

מען דאַרף אויך באַמערקען, אַז די פּיעסע „מעדעא", איבער וועלכער לעגואַווע האָט אָנגעפאַנגען דעם פּראָצעס געגען ראַשעל'ען, האָט דערנאָך אָנגענומען ריסטאָרי, און אין דעם נעקסטען יאָהר האָט זי דאָס שטיק געשפּילט מיט גרויס ערפאָלג.

ווי האָט זיך געהאַלטען דער פּאַריזער טעאַטער־עולם? אין אַלגעמיין ניט אויף אַ סימפּאַטישען שטייגער. עס האָבען זיך ענטוויקעלט דעבאַטען, דיסקוסיעס וועגען די צוויי שוישפּילערינס. אין געזעלשאַפטליכע קרייזען האָט מען געהאַט וועגען וואָס צו ריידען. עס האָבען זיך צוזאַמענגעשטעלט פּאַרטייען. ווי געוועהנליך אין אַזאַ פאַל, געפינען זיך געגוג מענשען, וואָס פּאַרלירען ניט קיין מינוט און כאַפּען זיך ארויף אויפ'ן „וואָגען" פון דעם צד, מיט וועלכען עס קאָכט זיך אָם מעהרסטען; און מיט דער איטאַליענערין האָט זיך מעהר געקאָכט איינפאַך דערפאַר, ווייל זי איז געווען אַ נייע סענסאַציע.

עס איז געקומען אַזוי וויט, אַז ווען ראַשעל האָט געשפּילט איהרע בעסטע פּיעסען, „פעדרא", צום ביישפּיל, האָט אַ גרויסע צאָל פון איהרע געוועהנליכע באַוואונדערער ניט אַפּלאָדירט. די פּיעסע איז אָפּגעגאַנגען אין אַ טויטער שטילקייט. מען קען זיך פאָרשטעלען ווי ראַשעל'ען איז געווען אויפ'ן האַרצען. אמת, עס זיינען אויך געווען אַזעלכע פאַלען ווי דער פאָלגענדער:

ראַשעל שפּילט איינע פון איהרע באַריהמטע ראָלען. עס געהט אָפּ דער ערשטער אַקט און אין טעאַטער איז טויט. זי זעצט אָבער פאָר און ביים צווייטען אַקט ווערט דער עולם ניט־ווילענדיג מיטגעריסען און ווען דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַרונטער, ברעכט אויס אַ שטורמישער אַפּלאָדיסמענט, ווי געוועהנליך. עס פאַנגט זיך אָן דער נעקסטער אַקט און דער עולם האָט שוין אינגאַנצען פאַרגעסען, אַז זיי זיינען „זעלנער אין אַ מלחמה", און ראַשעל געהט אהיים מיט איינעם פון איהרע גרעסטע טריאומפען.

אין סך הכל אָבער איז איהר לאַגע אין יענע מאָנאַטען געווען אַ ביטערע.

דער גאַנצער קאָך מיט ריסטאָרי׳ן האָט אייגענטליך אָנגע־האַלטען בלויז אַ קורצע צייט. דיומאַ׳ס „שלאַכטען” זיינען דעם עולם ביסלעכווייז מיאוס געוואָרען; און אַ יאָהר שפּעטער איז אין פראַנקרייך שוין ניט געווען קיין שפּור פון ריסטאָרי׳ס גרויסקייט.

* * *

די פראַגע וועגען ראַשעל׳ס און ריסטאָרי׳ס טאַלאַנט האָט מיך פאַראינטערעסירט. איך האָב זיך גענומען ספּעציעלע מיה דעם ענין דורכצופאָרשען. איך האָב צוזאַמענגעשטעלט אַ גאַנצען צעטעל פון מיינונגען, מייסטענס פון באַקאַנטע פּערזאָנען, וועלכע האָבען געזעהן ביידען; און איך גלויב, אַז איך האָב אַ באַגריף וועגען דעם אונטערשייד צווישען די צוויי שוישפּילערינס.

ריסטאָרי איז אָהן צווייפעל געווען אַן איינדרוקספולע און ערפאָלגרייכע אַקטריסע, אָבער ניט פון דעם בעסערען סאָרט. זי האָט געהאַט אַ פלאַמענדען טעמפּעראַמענט, אַ מאַסע ענערגיע, אָבער ווייניג חוש פאַר די דעליקאַטערע שטריכען פוןווירקליכען לעבען. זי איז געווען אַ סענסאַציאָנעלע אַקטריסע און איהר הויפּט ערפאָלג איז געלעגען אין איהרע געוואַלדיגע געשרייען און געוואַל־דיגע האַוואיעס. די דאָזיגע געשרייען און האַוואיעס זיינען ניט געווען אָהן חן, און פּערזענליך איז זי אויף דער ביהנע געווען שעהן און עפעקטנע. אָבער אַלס קונסט פון בעסערען סאָרט גלויב איך ניט, אַז מען וואָלט היינט אַזאַ שפּילען באַטראַכט.

* * *

צווישען די שרייבערינס וואָס זיינען ביי אונז דערמאָנט גע־וואָרען, זיינען פאַראַן צוויי, וועלכע האָבען געזעהן ביידען: אַי ראַשעל׳ען אַי ריסטאָרי׳ן. די ערשטע איז פעני קעמבל, די באַרימטע אַקטריסע און שריפטשטעלערין פון ראַשעל׳ס צייט, וועלכע האָט געלעבט אַ סך יאָהרען שפּעטער אויך. אין איהרע ערינערונגען וועלכע זי האָט געשריבען אין 1882, אין אַ שטעלע וואו זי רעדט וועגען ראַשעל׳ס שפּילען אין „מערי סטיואַרט”, זאָגט זי, אַז זי „שטייגט איבער ריסטאָרי׳ן אין צערטליכקייט פּונקט ווי זי שטייגט

איהר איבער אין קראַפּט". און די דאָזיגע באַמערקונג שליסט זי מיט די ווערטער:

„וואָס אָנבעטרעפט אַ פאַרגלייך צווישען ראַשעל'ען און ריסטאָרי אָדער צווישען ראַשעל'ען און איהר איצטיגער נאָכפאָל־גערין אויף דער פראַנצויזישער ביהנע, מאַדמואַזעל סאַראַ בערנאַרד, קען איך אַזאַ פאַרגלייך ניט צולאָזען אויף איין מינוט".

די צווייטע איז ניגאָ קעננאַרד, די פאַרפאַסערין פון איינער פון די בעסטע ראַשעל־ביאָגראַפיעס. רעדענדיג וועגען דעם איינדרוק וואָס ראַשעל האָט געמאַכט, זאָגט זי:

„מען האָט געהערט אַ מוזיקאַלישע אומעטיגע שטימע; מען האָט געזעהן אַ מילד, בלאַס געזיכט; מען איז געווען גערירט, דורכגעדרונגען פון אַנגסט, רחמנות און שרעק — געריהרט געווען פון דער הערליכקייט און גרויסקייט פון דער זשעני, וועלכע מען האָט זיך ערלויבט צו פאַרגלייכען מיט די אומנאַטירליכע, מאַשינאַווע ביהנע־אַרבייט פון איהר איטאַליענישער קאָנקורענטקע. ווירקליך — מיט דער אויסנאַמע פון דער צויבערליכקייט און שעהנקייט פון ריסטאָרי'ס אויסערליכען אויסזעהן און מאַניערען, איז שווער צו פאַרשטעהן ווי אַזוי מען האָט איהר געקענט פאַרגלייכען צו ראַשעל'ען אויף איין מאָמענט".

זעקס־און־פערציגסטער קאַפּיטעל

ווייטערע געליבטע. — דעם קייזער'ס קאָזין, פּרינץ נאַפּאָלעאָן, און דער דראַמאַטורג פראַנסואַ פּאָנסאַר

מיר האָבען געזעהן, אַז זייענדיג אין פּעטערבורג האָט ראַשעל געשריבען ליבעס בריף צו אַ פראַנצויזישען דראַמאַטורג פראַנסואַ פּאָנסאַר, וועלכער איז אין זיין צייט געווען אנערקענט אַלס איינער פון די וויכטיגע שרייבער פאַר דער ביהנע. אויך איז ער געווען באַקאַנט אַלס פּאָעט. אַז ער האָט געפיהרט אַ ראָמאַן מיט ראַשעל'ען האָט מען זיך דערוואוסט ערשט מיט זעקס־און־פערציג יאָהר שפּעטער — אויך פון אַ פּעקעל בריף, וואָס וואַלענטין טהאָמסאָן האָט פאַרעפענטליכט אין איהר בוך „דאָס סענטימענטאַלע לעבען פון ראַ־

שעל״. דאָס פּעקעל ענטהאַלט בריף פון איהם צו איהר און פון איהר צו איהם.

דאָס איז איינער פון איהרע סימפּאַטישערע ראָמאַנען. ער פּלאָנטערט זיך אָבער צונויף מיט דער צייט, ווען זי האָט געפיהרט אַן אַנדער ליבע אויך. נעמליך, מיט דעם קייזער׳ס קוזין, פּרינץ נאַפּאָלעאָן („פּלאָן פּלאָן״), וועלכער איז ביי אונז שוין דערמאָנט געוואָרען מעהר ווי איין מאָל. דאָ האַנדעלט זיך אָבער וועגען אַ צוויי־דריי יאָהר, ווען ער, פּרינץ נאַפּאָלעאָן, איז געווען באַקאַנט אַלס איהר „אָפיציעלער״ געליבטער. אַלס אַזעלכער פּלעגט ער זיין אָן אָפטער גאַסט ביי איהר, ארומפאָהרען מיט איהר אין זיין קאַרעטע, זיצען מיט איהר אין אַ לאָזשע אין דעם „טעאַטער פראַנ־סע״, ווען זי האָט ניט געשפּילט, און אַנטייל נעהמען אין צוזאַ־מענקונפטען ביי איהר אין זאַל.

איהרע באַציהונגען מיט פּרינץ נאַפּאָלעאָן האָבען זיך „צוזאַ־מענגעטראָפען״ ניט נאָר מיט דעם פאָנסאַר עפּיזאָד, נאָר אויך מיט אַן אַנדער ראָמאַנטישען קאַפּיטעל פון איהר לעבען. נאָר לאָמיר דעם לעזער צוערשט באַקאַנט מאַכען מיט די דערמאָנטע צוויי ראַ־שעל־געליבטע — מיט פּרינץ נאַפּאָלעאָן׳ען און מיט דעם דראַמאַ־טורג פאָנסאַר.

צווישען די צוויי פּאַסירונגען איז פאַראַן אַ גרויסער אונטערשיד: פאָנסאַר איז אין איהר געווען פאַרליבט אין דעם פולען זין פון דעם וואָרט און זי האָט צו איהם אויך געהאַט אַ דייטליכען ראָמאַנטישען געפיהל. וועגען די אינטימע פאַרהעלטניסען צווישען איהר און דעם קייזער׳ס קאָזין קען מען דאָס קוים זאָגען. זייערע הערצער זיינען געווען צוזאַמענגעבונדען מיט די פעדים פון אמת׳ע פריינדשאַפט און אַ היבשע צייט האָבען זיי געלעבט ווי אַ פאַרהייראַטע פּאָר פאָלק; דאָס איז אָבער געווען אַ צוזאַ־מענלעבען פון „פרייע ליבע״ מעהר ווי פון ליבעס־בעגייסטערונג.

זי האָט געוואוסט, אַז ער איז פונקט אַזוי צולאָזען ווי זי, און אפשר נאָך מעהר; און ער האָט געוואוסט, אַז זי איז ניט בע־סער און ניט ערגער פון איהם; און קיין אייפערזוכט האָבען ביידע ניט געפיהלט.

ווען עס איז געקומען צו פראַגען פון געשלעכט, האָט ער ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסען פון קיין מאָראַל. ער האָט

פרינץ נאַפּאָלעאָן (פּלאָן פּלאָן)

געהאט א נאמען פאר איינעם פון די אויסגעלאסענסטע מענער אין פראנקרייך. און איהם האט דאס ניט אנגעהויבען צו ארען. אלס מענש האט דער הולטאיסקער פרינץ אבער געהאט ניט וועניג מעלות. ער איז געווען א סימפאטישער יונג, אן אויפריכטיגער, אן אפענהערציגער. דאס האט איהם פערשאפט פאפולאריטעט ביי דעם עולם, טראץ זיין אונבאשרענקטער זעלבסט־נאכגעביגקייט. און דאס, וואס ער האט מיט זיין געזיכט און פיגור שטארק דער־מאנט זיין אנקעל, דעם גרויסען נאפאלעאן, האט זיין פאפולא־ריטעט נאך פארגרעסערט.

אויף טרייהייט אין ליבע איז ער געווען אבסאלוט אונפעהיג. דערפאר איז ער געווען טריי אלס פריינד. און אזא פריינדשאפט האט ער ארויסגעוויזען ראשעל׳ען ביז דער לעצטער מינוט פון איהר לעבען און נאך איהר טויט אויך.

פרינץ נאפאלעאן פלעגט איהר שטענדיג לויבען, זאגען אז צו פארברענגען אן אווענט אין איהר געזעלשאפט איז דער גרעסטער פארגעניגען. ער פלעגט אימער איבערזאגען איהרע וויצען און רעדען מיט ענטציקונג פון איהר כאראקטער, פון איהר פלינקען שכל, פון איהר הארציגער לוסטיגקייט. ווען ער פלעגט הערען אן אנטיסעמיטישע באמערקונג, אז זי איז „געלדגייציג, ווי אלע אי־דען", פלעגט ער זיך צולאכען און ברייגען ביישפילען, פאקטען, צו ווייזען ווי לעכערליך דאס איז צו הערען פאר א מענשען, וואס קען איהר גוט. און אזוי פלעגט ער וועגען איהר רעדען ניט נאר דאן, ווען ער האט געהאט א שליסעל צו איהר טיר, נאר שפע־טער אויך.

זיין ראלע אלס איהר „אפיציעלער" געליבטער שפיגעלט זיך אפ אין א וויץ, וואס זי האט געזאגט אויף איינעם פון די מאל־צייטען, וואס זי פלעגט געבען אין איהר רייכער וואוינונג.

דאס איז געווען דעם 10טען פעברואר, 1853. מען האט אויפגעפיהרט א פיעסע פון מאדאם דע זשיראַרדען מיט דעם נא־מען „ליידי טארטיוף", וועלכע זי האט געשריבען פאר ראשעל׳ען און אין וועלכער ראשעל האט געשפילט די הויפט־ראלע. לכבוד דער פארפאסערין האט די שוישפילערין צוגעגרייט א וועטשערע אויף נאך דער פארשטעלונג יענעם אווענט. די איינגעלאדענע זיינען געווען מאדאם דע זשיראַרדען און איהר מאן, דער דירעק־

טאָר פון דעם „טעאַטער פראַנסע", אַרסען אוסאַי; זשאַנען; דער שריפטשטעלער און קריטיקער, טעאָפיל גאַטיע, פרינץ נאַפּאָלעאָן, אַ געלערנטער מיט׳ן נאָמען סען־וויקטאָר, וועלכער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט ראַשעל׳ס דריטער שוועסטער, די 23 יאָהריגע לאה, און נאָך אַ פּאָר געסט.

וויין פלעגט ראַשעל טרינקען זעלטען. דאָס מאָל האָט זי אָבער געטרונקען אַ פּאָר גלעזער שאַמפּאַניער און זי איז געוואָרען לוסטיג. אין פאַרלויף פון דעם אָוענט האָט אימיצער אויף שפּאַס באַמערקט, אַז אפשר איז ראַשעל גאָר ניט אַזוי מילד און ווייך ווי מען מיינט, אַז אפשר איז זי אין אמת׳ן אַזוי האַרט ווי די בלומרשט׳דיגע וויינטרויבען, וואָס מען געברויכט אויף דער סצע־נע און וועלכע זיינען געמאַכט פון מירמעל־שטיין.

אויף דעם האָט ראַשעל געענטפערט מיט אַ שמייכעל:

„איהר זעהט דאָך: פרינץ נאַפּאָלעאָן האָט נאָך קיין צייהנער ניט צובראָכען".

זעהענדיג, אַז דער געשפּרעך פאַרלירט זיין אָנשטענדיגען כאַ־ראַקטער, האָט מאַדאַם דע זשיראַרדען, די „צנועה", ווי מען פלעגט איהר רופען צווישען זיך, אין איילעניש זיך געזעגענט און אוועקגעפאָהרען אַהיים. עמיל, איהר מאַן, האָט איהר באַגלייט צו דער קאַרעטע און זיך אומגעקערט צו דער לוסטיגער קאָמפּאַניע. זיין אייגענער ראָמאַן מיט ראַשעל׳ען איז דאַן שוין געווען אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. זיי זיינען אָבער געווען וואַרימע גוטע פריינד און צייטענווייז עטוואָס מעהר ווי פריינד אויך.

דעם עפּיזאָד האָט דערנאָך פאַרשריבען אוסאַי און ער געפינט זיך אין זיינע ווערק. אַז עס איז אמת, צווייפעלט קיינער ניט. דער וויץ טראָגט אויף זיך דעם זיגעל פון ראַשעל׳ס אייגענאַרטיגען הומאָר.

וואָס ביי אַ ניכטערען אויפ׳ן לונג, איז ביי אַ שכור׳ען אויפ׳ן צונג.

ווען ראַשעל וואָלט יענעם אָוענט ניט געטרונקען קיין וויין, וואָלט זי אויף דער פראַגע וועגען די וויינטרויבען אַזאַ ענטפער מסתמא ניט געגעבען. אָבער יעדענפאַלס ווייזט איהר וויץ, אַז די ראָלע, וואָס דער פרינץ האָט דאַן געשפּילט ביי איהר, איז געווען אַן אָפענער סעקרעט.

ביי דיזען פונקט ווילט זיך באמערקען: גאנץ פאריז האט געוואוסט, אז פלאן פלאן איז ראשעל׳ס געליבטער. אבער איצט האט מאדאם קרעמיע איהר שטוב פאר איהר שוין ניט פארשלאסען. איז דאס געווען דערפאר, וואס אין די דרייצעהן יאהר האט זי זיך אויסגעלערענט צו קוקען אויפ׳ן לעבען פילאזאפישער? אדער די אורזאך איז געווען דאס, וואס ראשעל׳ס געליבטער איז דיזען מאל געווען דער יורש פונ׳ם טראן?

פלאן־פלאנ׳ס נעקסטע געליבטע איז געווען ראשעל׳ס קוזינע, די אויסערגעוועהנליך שעהנע אקטריסע יהודית, און זי האט איהם געבוירען א קינד. אויף איהר איז ראשעל מסתמא יא געווען אייפערזיכטיג, ווארים די צוויי שוועסטערקינדער האבען זיך איינע די אנדערע פיינט געהאט.

פון צייט צו צייט פלעגט זיך דער פרינץ זעהן מיט ראשעל׳ען און אימער אלס א ווארימער פריינד איהרער.

* * *

די וועטשערע אויף וועלכער ראשעל האט געזאגט איהר שארפען ווערטעל וועגען מארמאר־שטיינענע ווינטערוויבען און פרינץ נאפאלעאנ׳ס ציהען, איז אלזא פארגעקומען דעם צעהנטען פעברואר, 1853, און אין דעם פעקעל ליבעס בריף פון ראשעל׳ען צו פאנסאר׳ען און פון פאנסאר׳ען צו ראשעל׳ען געפינט זיך א בריף פון יוני, 1853. דאס הייסט בלויז פיער מאנאט שפעטער, און פלאן פלאנ׳ס בעציהונגען צו ראשעל׳ען אלס איהר „אפיציע־לער געליבטער" זיינען אנגעגאנגען א בעדייטענדע צייט נאך דעם ווי איהר בריף־וועקסעל מיט דעם דראמאטורג האט זיך שוין גע־האט געענדיגט. הייסט עס, אז זי האט די צוויי ראמאנען גע־פיהרט צו דער זעלבער צייט? איהר ליבע מיט פאנסאר׳ען האט געדויערט ניט מעהר ווי עטליכע מאנאט און ארום פיער פון זיי האט זי פארבראכט אין רוסלאנד און אין פוילען. פון דארטען האט זי זיך מיט פאנסאר׳ען איבערגעשריבען, — געשיקט איהם איהרע הייסע ליבעס־בריף. זייער קארעספאנדענץ איז פארטגעזעצט גע־ווארען א געוויסע צייט נאך דעם ווי זי האט זיך אומגעקערט קיין פראנקרייך. אויב דאן האט דער פרינץ איהר באזוכט, קען מען

ניט באשטימען. עס איז אָבער ניט אונמעגליך אַז יאָ. דאָס וואָלט איהר ניט געשטערט צו זיין פאַרליבט אין דעם דראַמאַטורג.

דער פּרינץ האָט פון פּאָנסאַר׳ען, ווי עס שיינט, ניט גע־וואוסט. קיינער אויסער זייביידען האָבען וועגען זייער ראָמאַן ניט געוואוסט. עס איז געווען אַ סוד און איז געבליבען אַ סוד אפילו עטליכע און פופציג יאָהר נאָך איהר טויט. האָט פּאָנסאַר געוואוסט וועגען איהרע באַציהונגען מיט דעם קייזער׳ס קאָזין? מעגליך אַז ער האָט געגלויבט דאָס זיי האָבען זיך שוין געהאַט גע־ענדיגט.

* * *

וועגען ראַשעל׳ס בריף צו פּאָנסאַר׳ען זאָגט וואַלענטין טהאָמ־סאָן, אַז זיי זיינען „אפשר די סימפּאַטישסטע, וואָס זי האָט ווען עס איז געשריבען; אַז יעדענפאַלס פיהלט מען, אַז זיי זיינען דיק־טירט געוואָרען פון אַן אויפריכטיגען געפיהל".

די געשיכטע פון די ראָמאַנטישע בעציהונגען צווישען ראַ־שעל׳ען און פּאָנסאַר׳ען פאַנגט זיך אָן מיט אַ דראַמאַ וואָס דער דראַמאַטורג האָט אָנגעשריבען, און וואָס איז געווען געבויט אויף אַ גוט־בעקאַנטע פּאַסירונג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע. ער האָט נעמליך דראַמאַטיזירט די געשיכטע ווי שאַרלאָט קאָרדעי האָט ערמאָרדעט דעם פייערדיגען רעוואָלוציאָנער מאַראַט. און אַזוי האָט ער זיין פּיעסע טאַקע אַ נאָמען געגעבען — „שאַר־לאָט קאָרדעי". ווען ראַשעל האָט זיך דערוואוסט דערפון, האָט זיך איהר פאַרגלוסט די פּיעסע איבערצולייענען. פּאָנסאַר האָט דעם מאַנוסקריפּט שוין געהאַט אוועקגעגעבען דעם דירעקטאָר פון אַ קלענערען טעאַטער. האָט ראַשעל זיך אָבער איינגעשפּאַרט, אַז זי מוז מיט דער דראַמאַ באַקאַנט ווערען; און אַז זי האָט זיך איינ־געשפּאַרט, האָט זי געמוזט אויספירען. קורץ, ארסען אוסאַי, דער דאַמאָלסדיגער דירעקטאָר פון דעם „טעאַטער פראַנסע" האָט דעם מאַנוסקריפּט באַקומען.

אויף דאָס רעכט צו שפּילען אַ פּיעסע אויף אַ טעמאַ פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט זיך געפאָדערט אַ ספּעציעלע ער־לויבניש פון דער קייזערליכער רעגירונג. אין אַ געוועהנליכען פאַל וואָלט די פּיעסע איבערגעלייענט אַ ספּעציעלער צענזאָר. דאָ

האָט זיך אָבער געהאַנדעלט װעגן אַ פּיעסע פאַר ראַשעל'ען, האָט מען דאָס שױן אַלס אַ געװױנליכען ענין ניט בעטראַכט. קורץ, דער אינערן־מיניסטער האָט געמאַכט אַן אָפיציעלען באַנקעט לכבוד דער גרויסער שוישפּילערין און נאָך דער סעודה האָט דער דראַ־מאַטורג פאַרגעלייענט זיין היסטאָרישע דראַמאַ.

װען דער פאַרפאַסער האָט געענדיגט לעזען, האָבען אַלע איהם גראַטולירט, אויסגעדריקט באַגייסטערונג. ראַשעל אויך. זי האָט זיך אָבער צוגעבויגען צו אוסאַי'ן און איהם איינגערוימט אַ סוד: „איין זאַך איז זיכער: איך װעל די פּיעסע קײן מאָל ניט שפּילען."

די פּיעסע „שאַרלאָט קאָרדעי" איז אויפגעפיהרט געװאָרען אין דעם קלענערען טעאַטער, און די הויפּט ראָלע האָט אין איהר געשפּילט ראַשעל'ס קוזינע, די מערקווירדיג שעהנע יהודית. נאָך דער דריטער פאָרשטעלונג האָט ראַשעל חרטה געהאַט און געזאָגט פאָנסאַר'ען, אַז זי װיל די פּיעסע. זי װעט שפּילען די ראָלע פון דער מיידעל, װאָס ערמאָרדעט מאַראַט'ען.

װי געזאָגט, האָט ראַשעל איהר קוזינע ניט ליב געהאַט. איהר שעהנקייט האָט זי איהר ניט פאַרגונען. און דאָס האָט מסתמא געהאַט אַ שייכות צו איהר נייעם קאַפּריז. אָבער נאָכגעבען איהר נייעם קאַפּריז איז פאָנסאַר'ען אונמעגליך געװען. די פּיעסע „שאַר־לאָט קאָרדעי" איז שױן ניט געװען ביי איהם אין די הענט. האָט ראַשעל איהם געבעטען אויפשרייבען אַ פּיעסע ספּעציעל פאַר איהר, און דיזען פאַרלאַנג איהרען האָט ער ערפילט מיט פאַרגעניגען. עפּעס אַ קלייניגקייט, ראַשעל װעט שפּילען אַ װערק, װאָס זי האָט ביי איהם ספּעציעל באַשטעלט!

די פּיעסע, װאָס ער האָט פאַר איהר געשריבען, הייסט „האָ־ראַס און לידיע". ראַשעל האָט די פּיעסע געשפּילט, און פאָנסאַר איז ענטציקט געװאָרען, „אי פון דער שוישפּילערין, אי פון דער פרוי"; איינפאַכער גערעדט, ער איז אין איהר פאַרליבט געװאָ־רען. איבעריגענס איז מען חושד, אַז דאָס האָט מיט איהם פּאַסירט נאָך ביי דעם באַנקעט, אויף װעלכען ער האָט פאַרגעלייענט זיין „שאַרלאָט קאָרדעי". דער פאַקט, אַז לכבוד איהר מאַכט מען די פאָרלעזונג פון אַ פּיעסע אויף אַ ספּעציעלען מיניסטערשען באַנ־קעט, האָט אויף איהם געמאַכט אַזאַ שטאַרקען איינדרוק, אַז ער האָט אויף איהר גענומען קוקען מיט גאָר אַנדערע אויגען. דאָס

איבעריגע האָט זי אויפגעטאָן מיט איהרע מאַניערען, מיט איהר באַריהמטען פערזענליכען חן. יעדענפאַלס, אויב יענעם אָווענט איז ער פאַרליבט געוואָרען אין איהר, איז ער איצט, ווען זי האָט אַזוי וואונדערבאַר געשפּילט זיין „הערָאָס און לידיע", געווען פאַר־ליבט „ביז איבער די אויערען".

דער איינדרוק איז אָבער, אַז זי איז צו איהם אויך שטאַרק צוגעצויגען געוואָרען, און אויך אין די ערשטע מינוטען פון זייער בעקאַנטשאַפט.

פון די בריף ערקונדיגט מען זיך, אַז דער הויפּט טייל פון'ם ראָמאַן צווישען פאַנסאַר און ראַשעל האָט געדויערט צוואַנציג טעג, וועלכע זיי האָבען פאַרבראַכט צוזאַמען. געוועהנליך האָט פאַנסאַר געוואוינט אויפ'ן לאַנד, אין אַ פּראָווינץ שטעטעל, וואָס הייסט וויאַן. אין פּאַריז פלעגט ער קומען פון צייט צו צייט; און דאָרטען האָט ער דאָס מאָל פאַרבראַכט די צוואַנציג טעג. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקעהרט אין זיין פּראָווינץ. פון דאָרטען האָט ער צו איהר געשריבען.

זיינע בריף זיינען פול מיט בענקעניש נאָך איהר. פול מיט אַ געפיהל פון איינזאַמקייט. עס איז אויסגעדריקט אין אַ שפּראַך פון לייכטער פּאָעזיע געמישט מיט אַ לייכטען הומאָר. אַלץ איז אָבער אַנגענעם און ליבליך און פול מיט דעם חן פון עכטען געפיהל.

די ערשטע פּאָר טעג נאָך זיין קומען אַהיים האָבען פריינד איהם פאַרשאַפט פאַרגעניגען מיט ווילקאָמען־לידער, ווילקאָמען לוסטיגקייט. „עס איז געווען אַ תענוג" — שרייבט ער — „איך האָב אָבער געוואָלט, אַז דו זאָלסט דאָ זיין און דעם צויבער פאָל־שטענדיג מאַכען. אויפ'ן דריטען טאָג בין איך שוין געווען גאַנץ אַליין. און איצט וואָלט מיר געווען זעהר אומעטיג, ווען איך וואָלט זיך ניט געקוויקט מיט ערינערונגען אָן אייך. אָרימע בוי־מער מיינע! איהר האָט ביי זיי אָוועקגענומען זייער צויבער. און דאָס זעלבע האָט איהר געטאָן מיט מיינע אַלטע בערגלאַך. זיי זיינען איצט לאַנגווייליגע חברים, וואָרים איך טראַכט נאָר וועגען מיין טייערער חבר'טע. שרייבט מיר אַ פּאָר ווערטער, וועל איך מיט זיי געהן שפּאַצירען אונטער די בוימער, און מיר וועט זיין גוט אויפ'ן הארצען".

דער דראַמאַטורג און פּאָעט פראַנסואַ פּאָנסאַר

זיין צווייטער בריף ענטהאַלט צווישען אַנדערע שורות די פאָלגענדע:

„מיין פיל און צערטליך־געליבטע ראַשעל! דיין בריף איז פול מיט צויבער און ער האָט מיר דערפרעהט מיין האַרץ . . . דאַ האַלט עס אין איין רעגענען. עס איז מיר אומעטיג! ס'איז מיר אומעטיג! עס רעגענט אַרום מיר און אין מיר. די ערינערונגען אַן די פּרעכטיגע טעג וואָס איך האָב פאַרבראַכט מיט דיר, פילען דאָס מיך אָן מיט אומעט. אין די צוואַנציג טעג וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין פּאַריז, בין איך געווען זעהר גליקליך, און דער אָפּקלאַנג פון יענע געפיהלען מאַכט מיין איצטיגע איינזאַמקייט ספּעציעל שאַרף . . . איהר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך טראַכט אַ סך וועגען אייך, אַז איך בענק נאָך אייך, אַז איך האָף אויף אייך . . . איך גלויב אין אייער וואַרימער פריינדליכקייט . . . ווען מען ליבט האָט מען מורא, וואָרים דאָס וואָס איך ליב אייך איז דאָך גאַנץ נאַטירליך. איהר זייט דאָך ליבעסווירדיג אָהן אַ שיעור. וועהרענד פאַר מיר צו זיין געליבט פון אַזאַ צויבערליכער באַשעפעניש ווי איהר, איז ניט נאַטירליך. ווען מען איז ניט אויפגעלעגט און געלאַנגווייליגט, ווי איך בין דאָס אָפּט, קען מען אַזעלכעס ניט ערוואַרטען".

איין בריוועלע האָט זי צו איהם געשריבען אויף איטאַליעניש (זי האָט זיך דאַן געפונען אין מילאַן), און זי האָט זיך אונטערגעשריבען ניט „ראַשעל", נאָר „ראַשעלינאַ", אויף אַ איטאַליענישען שטייגער. האָט דאָס וואָרט איהם געקלונגען אַזוי שעהן, אַז ער האָט איהם דערנאָך אָפּט געברויכט.

„אַך, ראַשעלינאַ, טייערע ראַשעלינאַ!" האָט ער צו איהר געשריבען אין איינעם פון זיינע קירצערע בריף — „דו באַשולדיגסט מיר אָהן שום גרונד. אָבער עס איז מיר בעסער צו זיין באַשולדיגט אָהן אַן אורזאַך איידער צו זיין פאַרגעסען פון דיר".

זיי האָבען געפּלאַנעוועט צו מאַכען לאַנגע רייזעס צוזאַמען. דאָס איז אָבער אַלץ געווען שווער צו פאַרווירקליכען. רעדט ער וועגען דעם אין איינעם פון זיינע בריף מיט באַדויערען:

„עס איז לײדער אַ טרוים, אַ מעשה פון טויזענד און איין נאַכט — שרייבט ער — אַזוי איז אַלעס פּאָעטישעס אין לעבען. דו ביסט מיין פּאָעזיע!..."

אין יוני, 1853, איז זי ווידער געפאָהרען שפּילען אין לאָנדאָן. פון דאָרטען האָט זי פאַנסאַר׳ען געשריבען און ער האָט איהר געענטפערט פון פאַריז:

„טייערע פיל געליבטע, וועמען איך ליב אַזוי שטאַרק! די קושען, וואָס דו האָסט מיר געשיקט קיין וויאַן, האָט מען מיר איבערגעשיקט אַהער. איך האַלט זיי אין מיין הארצען, אויף מיינע ליפּען און אין מיין געדאַנק. איך היט זיי ווי אַן אוצר . . . איך ליב דיך. ניט איך וועל אויפהערען צו ליבען, נאָר איהר, מאַדאַם; איהר וועט זיך אַמאָל אַרומזעהן, אַז אין אייער אומגליקליכען פריינד איז ניטאָ וואָס צו ליבען, כאָטש פאַרליבט איז ער שטאַרק. ווען עס וועט קומען אַזאַ טאָג, וועל איך אַוועק ווייט ערגעץ וואו און איך וועל זיך באַגראָבען אין איינזאַמקייט. איצט אָבער בין איך גליקליך; און וואָס ווייטער וועט זיין, לאָז איך איבער צו דעם ווילען פון גאָט און פון ראַשעל״.

נאָך דעם ווי ער רעדט וועגען טעאַטער, וועגען פּיעסען און וועגען דער „צויבערליכער, וואונדערליכער, ענטציקענדער״ רייזע, וואָס זיי ווילען מאַכען צוזאַמען, שרייבט ער:

„דאָס שפּריכוואָרט זאָגט: „זעה נעאַפּאָל און שטאַרב״. איך וואָלט זיך ניט געפיהלט אומגליקליך, ווען איך וואָלט דעם גאַנצען לעבען פאַרבראַכט אויף אַזאַ רייזע, און דערנאָך געשטאָרבען. וואַרטענדיג אויף דעם בין איך טויט. אָבער איין קוש דיינער וועט מיר לעבעדיג מאַכען.

„איך ליב דיך און איך ליב די ענגלענדער, דערפאַר וואָס זיי אַפּלאָדירען דיר אַזוי שטאַרק, אויפ׳ן פראַנצויזישען אופן״.

זייער ווייטערדיגע קאָרעספּאָנדענץ איז פאָרטגעזעצט געוואָרען, ווען זי האָט זיך געפונען אין פּעטערבורג און ער אין פאַריז. אונטער דעם דאַטום פון 18טען נאָוועמבער, 1853, צום ביישפּיל, האָט זי פון דער רוסישער הויפּט־שטאָט צו איהם געשריבען:

„אננאַ האָט מיך אויפגעוועקט און דערלאַנגט דיינע בריף, אויף וועלכע איך האָב געוואַרט אַזוי לאַנג און מיט אַזאַ פּיבערשען באַגעהר. וואָס פאַר אַ טייערער גוט־מאָרגען דאָס איז געוועזען פאַר מיר! איך האָב זיי איינגעשלונגען מיט די אויגען, מיט׳ן הארצען, מיט מיינע צוויי קליינע ליפּען. איך האָב שוין מעהר קיין כח ניט צו וואַרטען און צו באַקלאָגען זיך און צו בענקען נאָך

דיר. מיר איז אָבער גוט. דיינע בריף באַפרידיגען מיך פאַר טויזענד קומערען און אַנגסטען. וואָרים דו האָסט מיר ניט פאַרגעסען. דו ליבסט מיר נאָך. וואָס אַמבעטרעפט מיר, ליב איך דיך אַזוי שטאַרק! מיט צוויי טעג צוריק האָב איך געשריבען מיין מוטער און איהר געבעטען דיר אויפצוזוכען און מיר לאָזען וויסען וואָס דו מאַכסט. איך האָב איהר געשריבען ווי אומרוהיג איך בין ניט האָבענדיג דעם קלענסטען צייכען פון דיר.

„אַלץ אין דער וועלט מעג פאַרגעסען ווערען, אויסער מיין פאָטער, וועמען איך האָב אין מיין האַרץ, אין מיינע געדאַנקען, אין מיין לעבען. אויף אַזאַ אַרט וועל איך לעבען טויזענדער יאָהרען... ווען איך וועל זיך אומקעהרען וועל איך מיט דיר פאָהרען וואו דו וועסט ווע‏לען, אַבי נאָר מיט דיר, אויב דו ווילסט בעסער אין וויאַן, איז אין וויאַן. איך וועל זיך פיהלען גליקליך אומעטום, וואו דו וועסט נאָר זיין מיט מיר".

אין זיין בריף פון דעם 15טען דעצעמבער שרייבט פאָנסאָר צו ראַשעל'ען קיין פעטערבורג:

„טייערע ראַשעל פון מיין האַרצען! קיין צוויבערליכערען בריף ווי דיינער וואָלט קיינער ניט געקענט שרייבען. איך בין גערירט. איך בין שטאָלץ. איך בין גליקליך. איך בין באַגייסטערט . . . געבענשט זאָל זיין דער טאָג, ווען איך האָב אין דיר געפונען דיזען אוצר פון דעליקאַטער צערטליכקייט און וואונדערליכער גוטסקייט. איהר זייט די ליבליכסטע פון אַלע פרויען, די גרעסטע פון אַלע קינסטלער. אָ, גרויסאַרטיגע מאַדאַם: איהר זייט אָבער אויך דער בעסטער פון אַלע פריינד און די נאָבעלסטע האַרץ. אָ, פיל געליבטע ראַשעל! איך וועל קומען זיך זעהן מיט דיר, איך מוז קומען, איך נויטיג זיך אין דעם. איך שטאַרב פון מיין באַגעהר דיך אַרומצונעהמען — אויפ'ן שטעל — איך וואָלט געוואָלט צו דיר קומען אין רוסלאַנד.

אימעצער האָט געשריבען אין אַ צייטונג אָדער זשורנאַל, אַז ראַשעל'ס פליכט איז איהר טאַלאַנט צו געברויכען אין פראַנקרייך, כדי פראַנצויזען זאָלען איהם געניסען; אַז זי האָט ניט באַדאַרפט אוועקגעבען איהר צייט און קונסט אויף רייזעס איבער אַנדערע לענדער. אויף דערדאָזיגער מיינונג ענטפערט פאָנסאָר אין דעם בריף, ביי וועלכען מיר האַלטען איצט.

„איך אָבער גלויב, אַז עס איז געווען גוט וואָס דו ביזט גע־פאָהרען קיין רוסלאַנד — שרייבט ער — זיך צוריקהאַלטען פון דער באַוואונדערונג פון אַ פרעמדען פאָלק דאַרף מען ניט. די קונסט איז ניט קיין אוצר, וואָס ליגט ביי אַ קאַרגען. מיר זיינען שטאָלץ צו זעהן, אַז די שטראַלען פון אונזער לאַנד לייכטען איבער דער גאַנצער וועלט. דעריבער קען איך דיך ניט בלאַמירען פאַר־וואָס דו פאַרשפרייטסט אונזער ליטעראַרישען איינפלוס. עס איז זעהר גוט וואָס אונזער קאָרנעיל און ראַסין ווערען באַקאַנט אין רוסלאַנד. עס איז גוט פאַר רוסלאַנד, וואָס דו לערנסט איהר די ערהאַבענע זאַכען פון קונסט און עס איז שעהן פאַר אונזער לאַנד. ווען אימיצער דריקט אויס אַ פאַרקערטע מיינונג איז דאָס אידי־אָטסטוואָ און עס לוינט זיך ניט דאָס צו שענקען אויפמערקזאַמ־קייט".

* * *

איהר לעצטער בריף צו איהם פון רוסלאַנד איז געשריבען געוואָרען דעם 20טען יאַנואַר, 1854. פון פעטערבורג איז זי געפאָהרען קיין מאָסקווע און צוריק אַהיים איז זי געפאָהרען דורך פוילען, וואו זי האָט זיך אויך פאַרהאַלטען אַ לענגערע צייט.

זייער בריף־וועקסעל איז פאַרטגעזעצט געוואָרען ווען זי איז שוין געווען צוריק אין פראַנקרייך. אין איהרע לעצטע פאַר בריף זיינען פאַראַן האַרצרייסענדע שורות וועגען רעבעקאַ'ס טויט, און אין זיינע — אויסדרוקען פון רחמנות און סימפּאַטיע.

זיבען־און־פערציגסטער קאַפּיטעל

נאָך צוויי פון אַ טויט. — אַ יונגער מאַן מיט'ן נאָמען הענרי מיור. — דער זוהן פון אַלעקסאַנדער דיומאַ (פאַרפאַסער פון „די קאַמעליען דאַמע")

עס וואָלט זיין אינטערעסאַנט צו וויסען, ווי אַזוי די קאַרעס־פּאָנדענץ צווישען ראַשעל'ען און פאָנסאַר'ען און זייער נאָהענטע פריינדשאַפט איבערהויפּט איז געקומען צו אַן ענד. אָבער די

בריף, וואָס וואַלענטין טהאָמסאָן האָט אָפּגעדרוקט, ענטהאַלטען די איינציגע אינפאָרמאַציע, וואָס מען האָט וועגען זייער ראָמאַן; און אין זיי געפינט זיך ניט קיין איינציג וואָרט וועגען דעם.

וואָס מען ווייס יאָ, און גאַנץ קלאָר, איז דאָס פאָלגענדע:

דער לעצטער בריף אין דעם ראַשעל־פאַנסאָר פּעקל טראָגט דעם דאַטום פון יאַנואר 20, 1854; און סעפּטעמבער דעם 21טען פון דעם זעלבען יאָהר האָט זי אויף אַ פּאַריזער וואקזאל זיך געזעגענט מיט אַ שעהנעם יונגען מאַן מיט געקרייזעלטע האָר און מיט דעם נאָמען העברי מיור. זי האָט ערוואַרט איהם צו זעהן ביי אַ פענס־טערל פון דעם וואַגאָן, ווען דער צוג וועט זיך נעהמען רירען. אָבער דער צוג האָט גענומען געהן און „זיין קליינע קעפּעלע מיט די געקרייזעלטע האָר" האָט זיך ביים וואַגאָן פענסטער ניט באַווי־זען; איז זי געבליבען שטעהן מיט אַ „שאַרפען אומעט" אויפ'ן האַרצען. זיי זיינען דאַן געווען באַקאַנט נאָר אַ קורצע צייט און דאָך האָט זי שטאַרק געבענקט נאָך איהם.

„פאַר וואָס פאַרליבט מען זיך אין דיר אַזוי שנעל און אַזוי שטאַרק?" — פרעגט זי אין איינעם פון איהרע בריף צו איהם.

דאָס בריף־פּעקל וואָס איז איבערגעבליבען פון זייער ראָמאַן, ענטהאַלט נאָר איהרע בריף צו איהם. זיי זיינען פול מיט ליבע, מיט ראָמאַנטישע באַגערען, בענקענישען, קושען, בלומען. מען האָט אין זיי אַזעלכע אויסגוסען, ווי —

„דו ביסט די ליבסטע באַשעפעניש. איך ליב דיך מיט מיין גאַנצען האַרצען. איך שווער אַז איך גאָר מיט אַ פייערדיגען באַ־געהר דאָס דיר צו באַווייזען".

איין בריף שליסט זי מיט ווערטער: „די, וועמען דו רופסט „מיין פרוי"".

מען געפינט אין איהרע בריף שורות, אָדער גאַנצע זייטלאַך, וואָס באַציהען זיך אויף דער סעוואַסטאָפּאָלער (קרימער) מלחמה צווישען רוסלאַנד פון איין זייט און פראַנקרייך, ענגלאַנד און טערקיי פון דער אַנדערער זייט. די מלחמה וואָס האָט געפלאַקערט אין די יאָהרען 1854 און 1855. ראַשעל דערמאָנט, צום ביישפּיל, אַז דער פינאַנץ־מיניסטער פולד (אַ איד) האָט איהר בעזוכט מיט אַ שליחות פון דעם קייזער זיך דורכצורייד׳ען וועגען טעאַטער־פראַגען און וועגען דעם קריג. דערביי דערצעהלט זי, אַז פולד

האָט איהר געזאָגט, דאָס די פראַנצויזישע און ענגלישע אַרמעען קליבען זיך צו אַטאַקירען סעוואַסטאָפּאָל. אין אַן אַנדער בריף זאָגט זי, אַז סעוואַסטאָפּאָל האָט מען נאָך ניט גענומען און אַז אין דער געשעפטס־וועלט פיהלט זיך אַן אומרוהיגקייט איבער דעם.

* * *

אין אַ געוויסען אָוונט, ווען העגרי איז מיט ראַשעל'ען גע־זעסען אין איהר לאָזשע, לעבען דער ביהנע, איז אַהין אַריינגעקו־מען פּרינץ נאַפּאָלעאָן (פּלאָן־פּלאָן), וועלכער האָט זיך אָקאָרשט אומגעהערט פון קרים, וואו עס איז אַנגעגאַנגען די מלחמה. ראַ־שעל האָט איהם באַגריסט אויף אַזא וואַרימען שטייגער, אַז העגרי האָט זיך אויפגעהויבען אַוועקצוגעהן. דער פּרינץ איז אָבער צו איהם צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל בלייבען, און ער האָט זיך געלאָזט איינרעדען. דאַן האָט ראַשעל מיט דעם פּרינץ זיך אַוועקגעזעצט אויף די הינטערשטע שטולען פון דער לאָזשע און זיי זיינען פאַר־טיפט געוואָרען, אַזוי ווי קיין העגרי מיור וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען.

אַ בריוועלע, וואָס העגרי האָט פון איהר דערנאָך ערהאַלטען, האָט שוין אַ גאַנץ אַנדער טאָן ווי אַלע פריהערדיגע בריף פון איהר צו איהם. אָט איז עס אין אַ ווערטליכער איבערזעצונג פון דעם אָריגינאַל:

„מיין טייערער העגרי. דאָס, וואָס דו ביזט נעכטען אָוונט ניט געקומען איז אַ גרויסער אומרעכט פון דיין זייט. עס איז מיר אַבסאָלוט נויטיג ערנסט צו טראַכטען וועגען מיין געזונט און וועגען מיין לעבען, וועלכער געהערט צו מיינע קינדער. ערנסט טראַכטען וועגען אַנדערע זאַכען קען איך ניט. זייט מיין פריינד און טראָגט אויף מיר ניט קיין כעס. איך בין ניט געזונט. פיזישע יסורים עסען אויף מיין האַרץ. איך האָב קוים כוחות צו זאָרגען וועגען זיך. קומט אַריין אין עטליכע טעג אַרום.

אייער פריינד,

ראַשעל".

* * *

איהר שיר השירים מיט העגרי מיור'ען איז עהנליך צו דעם „העקטאָר ב." קאַפּיטעל מיט דעם, וואָס איהם האָט זי אויך באַ־

טראַכט אַלס אַ שדוך. צווישען די צוויי שדוכים זיינען אָבער גע־ווען וויכטיגע אונטערשיידען. ערשטענס, איז העקטאָר ביי איהר געווען בלויז אַ חתן, וועהרענד הענרי איז געווען אַ חתן אי אַ געליבטער. זי האָט מיט איהם געלעבט; און געפינענדיג זיך אין אַזעלכע באַציהונגען, האָבען זיי געפּלאַנעוועט (און, ווי עס שיינט, ערנסט) צו הייראַטען. צווייטענס, באַקומט זיך אַ באַשטימטער איינדרוק, אַז פון הענרי'ן האָט זי דערפיהלט אַ „טיאַכקע" אין האַרצען, וואָס העקטאָר איז ניט אימשטאַנד געווען אין איהר אַרויסצורופען.

איהם איז זי ווירקליך געווען בערייט צו הייראַטען. עס זיינען אָבער געווען שטערונגען; און פון זייער ליבע און שדוך האָט זיך אויסגעלאָזען דאָס זעלבע, וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזען פון איהר חתן־כלה פאַרהעלטעניסען מיט העקטאָר'ן — אַ פּעקעל בריף.

דער אינטערעסאַנטסטער טייל פון דעם ראַשעל־מיור עפּיזאָד באַשטעהט היינט אין די אומשטענדען, אונטער וועלכע איהרע בריף צו איהם זיינען פאַרעפענטליכט געוואָרען און אין דער צייט ווען דאָס האָט פּאַסירט.

הענרי מיור האָט וויים איבערגעלעבט די העלדען פון אַלע אַנ־דערע ראָמאַנען ראַשעל'ס; און איהר אַליין האָט ער איבערגע־לעבט מיט 68 יאָהר. איהרע בריף צו איהם זיינען געשריבען געוואָ־רען אין 1854, און געשטאָרבען איז ער אין 1926, ווען ער איז אַלט געווען פינף־און־ניינציג יאָהר — דאָס הייסט צוויי־און־זי־בעציג יאָהר נאָך זיין ראָמאַן מיט דער באַריהמטער שוישפּילערין. ביז דעם סאַמע ענד פון זיין לאַנגען לעבען איז ער געווען ביי זיין פולען שכל און ביי אַ פולען באַזיץ פון זיין זכרון.

ראַשעל'ען און זיין ראָמאַן מיט איהר האָט ער געדענקט אַזוי ווי נעכטען וואָלט דאָס געווען.

די בריף האָבען זיך באַוויזען ערשט פינף יאָהר פאַר זיין טויט. מיור אַליין האָט פריהער קיין באַגריף ניט געהאַט וואו זיי געפינען זיך, אָדער אַז זיי עקזיסטירען נאָך, ביז דער פראַנצויזישער מאָנאַט זשורנאַל „רעווי דע לאַ פראַנס" האָט זיי ענטדעקט ערגעץ וואו און זיי אָפּגעדרוקט.

מיור איז געווען א פארהייראטעטער מאן און זיין פרוי האָט דאָן אויך געלעבט. איז איהר איינגעפאלען א פלאן: בעטען ביי דער רעדאקציע די אָריגינעלע בריף און מאכען איהר מאן א סורפּריז. די רעדאקציע האָט איהר ביטע גלייך נאָכגעגעבען און אין א געוויסען פריהמאָרגען האָט דער זקן ביי זיך אויפ'ן שרייב־טיש דערזעהן א שעהנע קעסטעלע, אין וועלכער ער האָט געפונען אַלע בריף, וואָס ער האָט העכער ווי זיבעציג יאָהר פריהער ערהאלטען פון זיין דאַמאָלסדיגער געליבטער ראשעל. ער האָט זיי דערקענט און די בריף זיינען ביי איהם געווען א זעהר אנגענעהמע מתנה.

דאָן האָט איהם באזוכט א צייטונגס־שרייבערין און מיט איהם געהאט א אינטערוויו, וועלכער איז געווען אָפּגעדרוקט אין דעם „זשורנאַל דע דעבא", די צייטונג, אין וועלכער עס איז געווען געדרוקט זשאנענ'ס באגייסטערטע קריטיק וועגען ראשעל'ס דעביו אין 1838, און וועלכע געהט נאָך היינט אויך ארויס. דיזע אינטערעסאַנטע איינצעלהייט געפינט זיך אין בערנאַרד פאלק'ס ביאָגראַפיע פון ראשעל'ען.

לואי בארטו האָט וועגען דעם זקן געוואוסט, און ער האָט געוואוסט, וואו ער וואוינט. זיין ווערק וועגען ראשעל האָט ער געשריבען ווען מיור האָט נאָך געלעבט (ער איז געשטאָרבען דעמזעלבען מאָנאַט, ווען דאָס ווערק איז ארויס פון דרוק); האָט ער, בארטו, געגלויבט, אז דעם העלד פון ראשעל'ס בריף וואָלט געווען אונאנגענעם, ווען מען וואָלט אויסזאָגען פאר דער וועלט ווער ער איז; אַלזאָ האָט ער אין זיין ביאָגראַפיע פון דער שוישפּילערין איהם אָנגערופען בלויז מיט זיין ערשטען נאָמען „הענרי". פאלק'ס אָבהאנדלונג איז אָבער ערשינען מיט צעהן יאָהר שפּעטער. האָט ער ניט געהאט קיין אורזאך צוריקצוהאלטען העגרי'ס פאמיליען־נאָמען.

אין דעם „רעווי דע לא פראנס" זיינען די בריף ערשינען אונטער דעם טיטעל „בריף צו א געליבטען". אין זיי אדרעסירט ראשעל מיור'ען אַלס „טייערער הענרי", אָהן זיין פאמיליען־נאָמען.

*   *   *

מיר זיינען באקאנט מיט די באציהונגען צווישען ראשעל'ען און אַלעקסאנדער דיומאַ, דעם פאָטער. איצט א פּאָר ווערטער ווע־

גען איהר און אַלעקסאַנדער דיומאַ, דעם זוהן — דער פאַרפאַסער פון „די קאַמעליען דאַמע", אויף וועלכער עס איז געבויט ווער־די'ס אָפּערא „טראַוויאַטאַ".

דער יונגער דיומאַ איז געווען מיט דריי יאָהר אינגער פון ראַשעל'ען. ער איז געווען אַן אָפטער איינגעהער ביי איהר. איז ער געווען איינער פון איהרע געליבטע? וואהרשיינליך ניט. ער אָבער האָט זיך באַריהמט — נאָך איהר טויט — אַז זי האָט זיך איהם אָנגעבאָטען מעהר ווי איין מאָל, און אַז ער האָט איהר יע־דעם מאָל אָבגעזאָגט.

פאַר די מיטגלידער פון אַ קלוב, צו וועלכען ער האָט געהערט, האָט ער אַמאָל דערצעהלט דאָס פאָלגענדע:

נאָך דעם ווי מען האָט אויפגעפיהרט זיינע אַ פּיעסע, איז ראַשעל געקומען צו איהם און האָט זיך איהם פאָרגעשלאָגען.

— איך וועל דאָס ניט טאָן — האָט ער געענטפערט — איך וויל דאָס ניט טאָן פרינץ נאַפּאָלעאָנ'ען.

— וועל איך איהם פאַרלאָזען, — האָט זי געזאָגט.

— וואָס איז דער אונטערשיד? נעמט זיך אַן אַנדער גע־ליבטען, אַזאַ וואָס איך קען ניט, וועל איך ניט האָבען קיין געוויס־סענס־ביסע.

דערנאָך האָבען זיי גענומען אַ קאַרעטע און זיי זיינען אוועק־געפאָהרען. ווען זיי זיינען צוגעקומען צו אַ געוויסען פּונקט, איז ער אַרויס. ווען ער האָט געהאַלטען ביים אַרויסשטייגען האָט זי צו איהם געזאָגט:

— הייראַט מיט מיר!

— וואָס? איך הייראַט ניט מיינע אייגענע מעטרעסעס, ווילט איהר אַז איך זאָל חתונה האָבען מיט אַן אַנדערענ'ס מעטרעסע?

אַזעלכע מעשיות שטימען אָבער ניט מיט דעם פאַקט, אַז ער פלעגט אָפט קומען צו ראַשעל'ען, און ווען ער פלעגט איהר ניט געפינען אין דער היים, פלעגט ער וואַרטען אויף איהר און וואַר־טענדיג פלעגט ער שרייבען לידער צו איהר. ער פלעגט זיי שריי־בען אויף דעם טיש פון איהר קיך, און ווען ראָזאַ, ראַשעל'ס דינסט, האָט דאָס ענדליך פאַרבאָטען, האָט ער זיינע פערזען געשריבען אויף שטיקלאַך פּאַפּיר. איין ליד אַזאַ ברענגט בערנאַרד פאַלק אין זיין בוך. דיומאַ רופט איהר דאָרטען אַן „געטין פון דער

דראמא", און פון די עטליכע שורות איז דייטליך, אז ער איז גע־קומען אהן אן איינלאדונג. אז זי האט איהם אפט איינגעלאדען אויך, איז אויך א פאקט, אבער זיין פרעטענזיע, אז זי איז נאך איהם נאכגעלאפען, ווידערשפרעכט ער אליין.

און טאמער וויל דער לעזער האבען א באוויז, אז אלעקסאנ־דער דיומא, דער זוהן, איז געווען פעהיג צו זאגען א הונדערט פראצענטיגען ליגען, וועלען מיר פאר איהם ברענגען די פאלגענדע מעשה, וואס ער פלעגט דערצעהלען וועגען דער שוישפילערין, ווען זי איז שוין געווען אין איהר קבר:

ווען זי איז געלעגען קראנק, אין דער ריוויערא, האט ער איהר באזוכט. זיצענדיג ביי איהר בעט און שמועסענדיג מיט איהר, האט ער געהערט עפעס א מעטאלענעם קלאנג אונטער איהר קאלדרע. ער האט איהר געפרעגט וואס עס קלינגט דארטען, און זי האט געענטפערט:

„גאלדענע מטבעות. איך האב ליב צו הערען זייער קלאנג, האלט איך ביי זיך הונדערט פראנק־שטיקער און שאר זיי ארום".

דאס איז געווען דער אנטיסעמיטיש־קריסטליכער באגריף וועגען אידישער געלט־גייציגקייט. קיין לעבערליכערען, קיין אידי־אטישערען ליגען וואלט מען ניט געקענט אויסקלערען. דער טא־לאנט פון א וועלט־באריהמטען דראמאטורג איז דערצו געווים ניט נויטיג.

ראשעל האט געהאט „ערפאהרונגען" מיט נאך און נאך מענער. ניט פון אלע ווייס מען; און פון די, פון וועלכע מען ווייס, איז ניט אויף יעדען כדאי זיך אבצושטעלען.

אכט־און־פערציגסטער קאפיטעל

ראשעל אין אמעריקע. — דער קינסטלערישער און פינאנציעלער רעזולטאט. — שפילענדיג אין פילאדעלפיע פארקיהלט זי זיך. — טשארלסטאן.

ראשעל האט באשלאסען צו באזוכען אמעריקע און דארטען צו געבען א רייהע פארשטעלונגען. די ביטערע איבערלעבונג וואס

ראַשעל, ווען זי איז אַלט געווען 33 יאָהר (פון אַ פּאָרטרעט געמאָלען פון
דעם קינסטלער מיוללער אין 1854)

זי האָט געהאַט מיט דער ריסטאָרי־אינטריגע האָט וואהרשיינליך געהאַט צו טאָן מיט דעם פּלאַן. זי האָט געוואָלט ווייזען פראנק־רייך, אַז זי וועט האָבען אַ שטורמישען ערפאָלג אין דער „נייער וועלט", פּונקט ווי זי האָט געהאַט אין ענגלאַנד, האָלאַנד, בעלגיע, דייטשלאַנד, עסטרייך און רוסלאַנד, און — דער עיקר — זי וועט זיך אומקעהרען צוריק מיט אַן אוצר פון אַמעריקאַנער דאָלארס. איהר געזונט, ווי מיר ווייסען, איז ניט געווען אין קיין גוטען צו־שטאַנד. פריהער־שפּעטער, זי וועט סיי־ווי־סיי מוזען אויפגעבען די ביהנע; אַלזאָ וועט זי זיך באַזאָרגען מיט אַן אייגענעם און מיט אַ רוהיגען לעבען. אַזוי האָט זי געטראַכט.

מיט דריי יאָהר פריהער האָט אַמעריקע באַזוכט דזשעני לינד, אַ באַריהמטע שוועדישע סאָפּראַנאָ (די „שוועדישע נאַכטיגאַל", ווי מען פלעגט איהר רופען), און זי האָט אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען ווירקליך אָנגעשעפּט אוצרות, פון וועלכע אייראָפּע האָט זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען. האָט ראַשעל געגלויבט, אַז איהר טור אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען וועט געקרוינט ווערען מיט עהנ־ליכע רעזולטאַטען.

פאָהרען אויף יענער זייט ים, אויף אַ היבשער צייט זיין אָפּגעריסען פון פּאַריז, האָט זי קיין חשק ניט געהאַט; און די רייזע קיין אַמעריקע איז דאַן ניט געווען אַזאַ לייכטע זאַך ווי היינט. האָט זי עטליכע מאָל חרטה געהאַט אויף איהר פּלאַן. אָבער ראַפאַעל, איהר ברודער, וועלכער האָט געזאָלט זיין דער פאַרוואַלטער פון דער אונטערנעמונג, האָט איהר ניט אָפּגעלאָזען, און ער האָט ענדליך אויסגעפיהרט.

אַ וויכטיגער טייל פון דער טרופּע (קאָמפּאַניע) וואָס זי האָט צוזאַמענגעשטעלט איז באַשטאַנען פון איהרע שוועסטער; און איהר פאָטער איז אויך מיטגעפאָהרען. זיי זיינען געפאָהרען דורך ענגלאַנד, און דאָרטען האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּאָר וואָכען. וואָרים ראַשעל'ס פּראָגראַם האָט איינגעשלאָסען זעקס פאָרשטעלונגען אין לאָנדאָן.

זיי זיינען אוועקגעפאָהרען קיין לאָנדאָן דעם 27טען יולי, 1855, און איהר ערשטע פאָרשטעלונג דאָרטען איז פאָרגעקומען מיט דריי טעג שפּעטער.

איהר שפּילען איז דיזען מאָל דאָרטען געווען אַזאַ ריזיגער ערפאָלג ווי איהרע אַרויסטרעטונגען אויף איהרע פריהערדיגע באַזוכען אין ענגלאַנד — אַ געפּאַקטער טעאַטער, הארציגע אַפּלאָ־דיסמענטען, באַגייסטערטע לויב־ווערטער אין די טעאַטער־קרי־טיקען.

אונאַנגענעהם איז געווען גאָר אַן אַנדער זאַך: איהרע לאָנ־דאָנער פריינט האָבען צו איהר רייזע קיין אַמעריקע זיך באַצויגען סקעפּטיש. זיי האָבען דעם אַמעריקאַנער עולם געקענט בעסער ווי מען האָט איהם געקענט אין פּאַריז. אָבער ראַפאַעל האָט זיך פון זייער פּעסימיזם אויסגעלאַכט. ראַשעל האָט איינגענומען די „אַלטע וועלט" און זי וועט איינגעהמען די נייע אויך, האָט ער געהאַלטען אין איין טענה'ן. און אַזאַ מיינונג איז איהר געווען אַנגענעהמער צו הערען ווי די אונגינסטיגע פאָראויסזאָגונגען פון די ענגלענדער.

* * *

פון וועג האָט זי געשריבען צו איהר מוטער וועגען דער רייזע. אין באַצוג צו איהר געזונט האָט זי אין איהר בריף געזאָגט: „איך פיהל זיך גוט, טראָץ די שמערצען אין מיין ברוסט... די יסורים אין זייט זיינען פאַראיבער. איך פיהל אַנדערע וועהטאָגען, אין רוקען און אין ברוסט. מען דאַרף אָבער ניט פאַרגעסען, אַז די ברוסט איז ביי מיר אימער אַ שוואַכע".

* * *

די שיף איז אָנגעקומען אין ניו יאָרק דעם 22טען אויגוסט. עס איז געווען הייס, אַ סך הייסער ווי אין פראַנקרייך איז אין אוי־גוסט, און מאָסקיטאָס (קאָמאַרעס) זיינען אין ניו יאָרק דאַן גע־ווען אָהן אַ שיעור; זיינען די געסט אַזוי צוביסען געוואָרען, אַז זיי האָבען געצווייפעלט צי זיי וועלען קענען שפּילען. זיי האָבען אָבער יאָ געשפּילט, און אין דעם באַשטימטען אָוונט, דעם 3טען סעפּטעמבער.

דער טעאַטער איז געווען געפּאַקט, אָבער בלויז אַ דריטעל פון דעם עולם איז באַשטאַנען פון אַמעריקאַנער; און זיי זיינען

געווען כמעט דורכאוים אינטעליגענטע לייט, — זשורנאליסטען, ליטעראַטען, טעאַטער־מענשען, קריטיקער און מיטגלידער פון דער העכערער געזעלשאַפט. די אַמעריקאַנער מאַסען, קליינע געשעפטס־לייט אריינגערעכענט, האָבען וועגען ראַשעל׳ען ווייניג געהערט, און די פון זיי וואָס האָבען וועגען איהר געהערט, האָבען זיך מיט איהרע קלאַסישע פיעסען ניט אינטערעסירט. אַ חוץ דעם: געהן אין טעאַטער, וואו מען שפּילט ניט אויף זייער שפּראַך, האָבען זיי קיין חשק ניט געהאַט.

די איבעריגע צוויי־דריטעל פון׳ם טעאַטער־עולם זיינען באַשטאַנען פון פראַנצויזישע און אַנדערע אייראָפּעאישע אימיגראַנטען, וואָס האָבען וועגען ראַשעל׳ען געוואוסט פון זייערע אַלטע היימען. די פראַנצויזישע קאָלאָניע פון ניו יאָרק האָט דאַן שוין געהאַט אַ טעגליכע צייטונג, „קוריער דעז עטאַ יוני", וועלכע עקזיסטירט נאָך היינט אויך, און זי איז נאַטירליך געווען פול מיט דעם גאַסט, מיט איהרע פּיעסען, מיט איהר קאַריערע, מיט איהר לעבענס־געשיכטע.

צו איהר ערשטען ארויסטריט האָט זי געשפּילט אַלס „קאַמילאַ" אין קארנעיל׳ס פּיעסע „די האָראַציוסעס".

מען האָט איהר אויפגענומען זעהר וואַרעם, און די פראַנצויזען זיינען נאַטירליך געווען איהרע באַגייסטערטסטע באַגריסער.

די ניו יאָרקער פּרעסע האָט אויף מאָרגען איהר שפּילען געלויבט מיט די העכסטע אויסדרוקען. די אַמעריקאַנער טעאַטער־קריטיקער האָבען געהאַט אַ סך געלייענט וועגען איהר. זיי האָבען געוואוסט וואָס פאַר אַ שטורמישען ערפאָלג זי האָט ניט נאָר אין פּאַריז, נאָר אויך אין לאָנדאָן; (און לאָנדאָנער מיינונגען האָבען ביי אַמעריקאַנער נאַטירליך געהאַט אַ ספּעציעלע בעדייטונג). זיי האָבען געוואוסט פון דער באַוואונדערונג וואָס זי רופט אַרוים ביי דער לאָנדאָנער אינטעליגענץ און אַריסטאָקראַטיע. אַ באַזונדערס שטאַרקען איינדרוק האָט אויף זיי געמאַכט דער פאַקט, אַז די ענגלישע קעניגין, וויקטאָריאַ, האָט אויף ראַשעל׳ס ערשטען באַזוך אין לאָנדאָן איהר אָפּגעגעבען כבוד ביי זיך אין פּאַלאַץ. ביי די געבילדעטערע צייטונגס־לייט האָבען אָבער אַ גרעסערע באַדייטונג געהאַט די הויכע מיינונגען, וואָס זיינען וועגען ראַשעל׳ס טאַלאַנט אויסגעדריקט געוואָרען אין די בעסטע ענגלישע צייטונגען.

די איינגאַהמע ביי איהר ערשטער פאָרשטעלונג איז געווען 5.016 דאָלאַר (העכער 26,000 פראַנק). דאָס איז געווען אַ גאַנץ היבשע סומע. אָבער דזשעני לינד'ס איינגאַהמע דעם ערשטען אָוועגט, וואָס זי האָט געזונגען אין אַמעריקע, איז געווען נאָהענט צו 19 טויזענד דאָלאַר (94 טויזענד פראַנק), און ראַשעל האָט דאָך געהאָפט צו האָבען ווענינסטענס אַזאַ פינאַנציעלען ערפאָלג ווי די שוועדישע זינגערין. זי האָט געטרוימט צו מאַכען נאָך מעהר געלט ווי זי, ווארים אין אייראָפּאַ איז איהר (ראַשעל'ס) נאָמען געווען אַ סך גרעסער ווי דזשעני לינד'ס.

דאָס איז נאַטירליך געווען אַ גאַנץ נאַאיווער חשבון. געזאַנג און מוזיק אין אַלגעמיין איז די געמיינשאַפטליכע שפּראַך פון אַלע פעלקער. די נאַכטיגאַל־טענער פון אַ סאָפּראַנאָ זיינען „פאַרשטענדליך" אין אַמעריקע אַזוי גוט ווי אין שוועדען אָדער טערקיי. נאָך אַ זאַך: צו באַוואונדערען אַ קאָלאָראַטור זינגערין, ווי דזשעני לינד, פאָדערט זיך ניט קיין מוזיקאַלישע קענטנים; אַ גאַנץ איינפאַכער עולם לויפט הערען ווי אַ פרוי זינגט און טרילערט ווי אַ פויגעלע.

דזשעני לינד'ס קאָלאָסאַלער ערפאָלג אין אַמעריקע איז דעריבער געווען אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך. צו גלויבען, אַז אַ פראַנצויזישע שוישפּילערין קען אין ניו יאָרק, פילאַדעלפיע אָדער באַלטימאָר ציהען אַזאַ גרויסען עולם, איז געווען קינדעריש. אין דעם איז אָבער ראַפאַעל געווען אַ סך מעהר שולדיג ווי ראַשעל. צו באַטראַכטען אַזעלכע פראַגען איז געווען זיין פליכט אַלס דירעקטאָר. ער איז געווען דער „פינאַנץ־מיניסטער" פון דער קאָמפּאַניע, ניט זי.

דעם צווייטען אָוועגט, ווען זי האָט געשפּילט „פעדרא", איהר שטאַרקסטע פּיעסע, איז שוין די איינגאַמע געווען מיט פערצעהן הונדערט דאָלאַר ווייניגער. און וואָס ווייטער איז געוואָרען ערגער.

אַ פראַנצויזישער אַקטיאָר מיט'ן נאָמען באָוואַלע, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון ראַשעל'ס קאָמפּאַניע, האָט דערנאָך באַשריבען דעם גאַנצען טור. זיין באַשרייבונג איז ערשינען אַלס אַ בוך, און אין אַן ענגלישער איבערזעצונג איז עס געווען געדרוקט אין ניו יאָרק אין 1856, עטליכע מאָנאַטען נאָך ראַשעל'ס באַזוך. אין באָוואַלע'ס באַשרייבונג געפינען זיך פאַרשידענע איינצעל־

הייטען, וועלכע מען קען אנדערש ווי טראגי־קאָמיש ניט רופען. צום ביישפּיל: פּילע פון די, וואָס זיינען געקומען זעהן ראשעל׳ען, זיינען פארבליבען בלויז צו די ערשטע צוויי אקטען. זיי זיינען גע־קומען נאָר אַ קוק טאָן אויף איהר. ווייטער האָבען זיי קיין געדולד ניט געהאַט צו זיצען ביי אַ פאָרשטעלונג, וועלכע איז זיי געווען אזוי ווי טערקיש אָדער כינעזיש. צו דער צווייטער העלפט פון דער פאָרשטעלונג פלעגט שוין בלייבען אַ העלפט פון דעם עולם, און דאָס האָט ראשעל׳ען שטאַרק געערגערט און קאַליע געמאַכט איהר שטימונג.

באָוואלע דערצעהלט אויך וועגען אַנדערע אומשטענדען, וואָס האָבען ראשעל׳ען און די אַנדערע שוישפּילער געשטערט ביים שפּילען און שלעכט געווירקט אויף זייערע נערוועץ. ער מאַכט חוזק פון די אַמעריקאַנער און שטעלט זיי פּאָר כמעט פּאַר אַ האַלב־ווילדען פאָלק. צום ביישפּיל: זיצענדיג ביי דער פאָרשטעלונג, האָבען פילע פון די באַזוכער אין די הענט געהאַלטען אַן ענגלישע איבערזעצונג פון דער פּיעסע און האָבען אַזוי געמישט די בלעטער, אַז עס האָט זיך געהערט איבער׳ן גאַנצען טעאַטער. מישענדיג די בלעטער האָבען די אַמעריקאַנער געהאַט שוועריגקייטען אין אויפזוכען דעם ריכטיגען פּלאַץ אין דער איבערזעצונג. און עס פלעגט טרעפען, אַז מ׳שפּילט אַ געוויסע פּיעסע און אייניגע פון דעם עולם האָבען גאָר מיטגעבראַכט אַן איבערזעצונג פון אַן אַנ־דער פּיעסע; אַלזאָ האַלטען זיי אַלץ אין איין איבערקערען די בלעטער און אין זוכען דעם פּלאַץ, וואו מען האַלט.

אָדער נעהמט די פאָלגענדע שטעלע אין באָוואלע׳ס בוך — אַ שטעלע, וועלכע ער נעהמט ארויס פון דעם ווערק פון אַן אַנדער שרייבער, וואָס האָט באַזוכט אַמעריקע:

„ווייסט איהר, צום ביישפּיל, אויף וועלכען אָרט די אַמערי־קאַנער אַפּלאָדירען די שעהנסטע זאַכען און די גרעסטע קינסט־לער? זיי פּייפען, זיי שרייען מיט ווילדע קולות. דאָס הייסט ביי זיי אויסדריקען באַגייסטערונג״.

אין אייראָפּעאישע לענדער איז פּייפען אַן אויסדרוק פון פאַרדאַמונג, און ביי די אַמעריקאַנער איז פאַרקערט, הייסט עס...

עהנליכעס האָט ווירקליך פּאַסירט אויף ראשעל׳ס ערשטער פאָרשטעלונג אין ניו יאָרק: עטליכע פון דעם עולם האָבען גע־

נומען קוויטשען און פייפען. די אינטעליגענטערע מענשען האָ־בען זיי אָפּגעשטעלט. אויף די נעקסטע פאָרשטעלונגען האָט זיך דאָס אָבער ווידערהאָלט. איבעריגענס איז דער דורכשניטלי־כער אמעריקאַנער, וואָס איז געקומען איהר זעהן, ניט געווען באַ־גייסטערט פאַר איהר. אלזאָ אין דער חשק איהר „אויסצופייפען" (דאָס הייסט אויסצודריקען באַגייסטערונג „אויפ'ן אַמעריקאַנער שטייגער") ניט געווען גרויס.

* * *

באַלד פון אָנהויב פון איהרע פאָרשטעלונגען אין ניו יאָרק האָט אַ קאָמיטע פון דער פראַנצויזישער קאָלאָניע איהר געבעטען דעקלאַמירען די „מאַרסעליעזע". ווען זי וואָלט זייער ביטע ערפילט, וואָלט דאָס געמאַכט אַ שלעכטען איינדרוק אויף דער קייזערליכער רעגירונג פון פראַנקרייך; האָט זי זיך אנטשולדיגט מיט אַ תירוץ, אַז זי איז שוואַך אין געזונט און אַז נאָך יעדער פאָרשטעלונג פיהלט זי זיך שרעקליך אויסגעמאַטערט. די פראַנצויזישע אימי־גראַנטען, פילע פון וועלכע האָבען זייער געבורטס־לאַנד פאַרלאָזען צוליב פאָליטישע אורזאַכען, זיינען אָבער צו ראַשעל'ען צוגע־שטאַנען, און זי האָט ענדליך זיי נאָכגעגעבען, טראָץ די געפאַהרען, וואָס דאָס האָט געמיינט פאַר איהר.

איהר „מאַרסעליעזע" האָט אין אַמעריקע אויך געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג, און וואַהרשיינליך צוליב איהר פּערזענליכער פריינדשאַפט מיט דעם פראַנצויזישען קייזער און זיין פרוי, האָט זי געפיהלט, אַז קיין אומגליק וועט איהר דערפוּר ניט געשעהן.

* * *

ערפאָלג האָט זי אין ניו יאָרק געהאַט מיט סקריב'ס „אַדריען לעקואַוורער" און מיט וויקטאָר הוגאָ'ס „אַנזשעלאָ", וועלכע זיי־נען ניט קיין קלאַסישע טראַגעדיעס, נאָר מאָדערנע, ראָמאַנטישע דראַמאַס אין פּראָזע. און די הויפּט־אורזאַך פאַרוואָס דיזע דראַ־מאַס האָבען געצויגען אַן עולם איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין זיי האָט ראַשעל געטראָגען מערקווירדיג שעהנע און פאַרבענ־רייכע קאָסטיומען.

די ציימונגען האָבען איהר געלויבט אָהן אַ שיעור, אָבער דער ברייטער עולם איז געקומען בלויז אַ קוק טאָן אויף איהר. מען

האָט געקויפט אַ בילעט, כדי צו קענען דערנאָך זאָגען, אַז מען האָט געזעהן די וועלט־באַריהמטע ראַשעל.

ווען די צייטונגען, איבערהויפט די בעסערע, וואָלטען ניט גערעדט וועגען איהר גרויסען טאַלאַנט און איהר גרויסען נאָמען אין אייראָפּע, וואָלט איהר אַמעריקאַנער טור געווען אַ פאַלשטענדיגע טראַגעדיע. אַזוי זיינען איהרע איינגאַהמען טאַקע געווען ניט אין ערך קלענער ווי זי האָט ערוואַרט, אָבער צוגעלייגט צו זיי האָט זי ניט.

* * *

אַלס רעזולטאַט פון די גינסטיגע אַרטיקלען אין די צייטונגען האָט דער באַלעבאָס פון אַ בראָדווייער רעסטאָראַן אַדוועטייזט, אַז ער האָט „ערפונדען" אַ נייעם זאָרט פודינג, וועלכען ער רופט „פודינג אַ לאַ ראַשעל"; אַ שוך־געשעפט איז אַרויסגעקומען מיט שיך „אַ לאַ ראַשעל" און אַ צעהנדליג הער־דרעסערס (פּאַריקמאַכערס) האָבען אַרויסגעהאַנגען אַנאָנסען, אַז זיי פּאַרפּוצען ביי דאַמען די האָר „אַ לאַ ראַשעל". און צו טראָגען די האָר אויף ראַשעל'ס שטייגער איז טאַקע געוואָרען אַ מאָדע אין ניו יאָרק.

דאָס און אַנדערע אַזעלכע נייעסען האָבען געהאָלפען אָנהאַלטען די ראַשעל־סענסאַציע און צו ראַטעווען איהר פון אַן אמת'ן קראַך.

דאָך וואָלט זי איהר פּראָגראַם מסתמא ניט געקענט דורכפיהרען ווארים עס איז שנעל געוואַקסען אַ געפיהל, אַז איהר שפּילען קען מען ניט פּאַרשטעהן און אַז עס איז שרעקליך לאַנגווייליג. און די איינגאַהמען זיינען געפאַלען און געפאַלען.

ווען זי וואָלט געצוואונגען געווען צו מאַכען אַ סוף פון איהר אַמעריקאַנער אונטערנעהמונג אין רעכטען מיטען פון איהר אָנגעפירטען טור, וואָלט איהר מאָראַלער דורכפאַל געווען ווירקליך גרויס. דאָס האָט אָבער ניט פּאַסירט. אויפהערען צו שפּילען אין מיטען פון איהר פּראָגראַם איז זי טאַקע געווען געצוואונגען, אָבער די אורזאַך דערפון האָט צו איהרע פינאַנציעלע אָדער קינסטלערישע אַמביציעס קיין שייכות ניט געהאַט.

נאָך איידער זי איז אוועקגעפאָהרען פון ניו יאָרק האָט זי אָנגעהויבען צו הוסטען. אַזוי הוסטענדיג האָט זי געשפּילט אין

באָסטאָן, וואו עס איז דאָן געווען דער צענטער פון אַמעריקאַנער אינטעליגענץ און קולטור און וואו מען האָט איהר געגעבען אַ ספּעציעל־וואַרימע אויפנאַהמע. זי האָט זיך געגויטיגט אין רוה. זי האָט זיך אָבער קיין רוה ניט גענומען. זי האָט געשפּילט פיר מאָל אַ וואָך טראָץ איהר הוסט.

אין פילאַדעלפיע איז דער טעאַטער, וואו זי האָט געגעבען איהר פאָרשטעלונג (וואָלנאַט סטריט טעאַטער) ניט געווען געהייצט. עס איז געווען אַ ווינטער־אָווענט און אין דער געבײדע איז געווען קאַלט ווי אין דרויסען; האָט זי זיך אַזוי צוהוסט, אַז נאָך דער פאָרשטעלונג איז זי געווען גאַנץ ערנסט קראַנק.

וועגען געבען ווייטערע פאָרשטעלונגען אין פילאַדעלפיע האָט שוין קיין רייד ניט געקענט זיין. דאָקטוירים האָבען ערקלערט, אַז זי מוז גלייך פאָהרען אין אַ וואַרימען קלימאַט, און מען האָט אויסגעקליבען טשאַרלסטאָן, סאַוטה קאַראָליינאַ, וועלכע איז סיי־ווי־סיי געווען אויף איהר פּראָגראַם. אָבער דאָרטען האָט זי מעהר ווי איין מאָל ניט געקענט שפּילען.

אַן אַקטיאָר מיט'ן נאָמען שערי, פון איהר קאָמפּאַניע, האָט יענעם אָווענט, אין אַ געשפּרעך מיט זיינע קאָלעגען, באַמערקט: „מיינע אַ פּלימעניצע איז געשטאָרבען פון שווינדזוכט. ראַשעל זעהט אויס פונקט ווי זי האָט אויסגעזעהן. איך בין איבערצייגט, אַז דאָס איז איהר לעצטע פאָרשטעלונג".

פון טשאַרלסטאָן האָבען דאָקטוירים איהר געשיקט קיין האַוואַנאַ. דאָרטען שפּילען איז זי ניט געווען אימשטאַנד.

פון טשאַרלסטאָן האָט זי צו איהר מוטער געשריבען דעם 23טען דעצעמבער. און דעם 7טען יאַנואַר, 1856, האָט זי צו איהר געשריבען פון האַוואַנאַ. אין ביידע בריף רעדט זי וועגען איהרע קינדער. די צוויי אינגלעך געהען איהר קיינמאָל ניט אַרויס פון זינען. „איך ווייס נאָר איין זאַך: מיין ליבע צו זיי ווערט וואָס אַ טאָג גרעסער", לעזען מיר אין איהר ערשטען בריף; און אין דעם צווייטען: „איך וועל קומען אַהיים. איך וועל זעהן מיינע צוויי מלאכים'לאַך — מיינע טייערע זיהן. איך הער זייערע שטימען. זיי רופען מיך. צו לאַנג בין איך אָהן זייערע קושען, אָהן זייער ליבע".

דער זעלבער בריף (פון האוואנא) הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„איך בין קראַנק, זעהר קראַנק. פון מיין גוף און מיין מוח איז שוין גאָרנישט איבערגעבליבען . . . אין האוואנא וועל איך אויך ניט קענען שפּילען. דער היגער טעאטער דירעקטאָר האָט געמאַנט שאַדענערזאַץ און איך האָב איהם באַצאָהלט 7 טויזענד פּיאַסטער. די אַקטיאָרען פון מיין טרופּע האָב איך אויך באַצאָהלט ביז היינט. איך וועל זיך אומקערען אַהיים מיט אַ צוקלאַפּטע אַרמיי, אַזוי ווי נאַפּאָלעאָן".

נייךאון-פערציגסטער קאַפּיטעל

צוריק אין פּאַריז. — טרויעריגע געדאַנקען און לוסטיגע ווערטער. — אין עגיפּטען. — צוריק אין פראַנקרייך

ראשעל איז געקומען צוריק אין פּאַריז. שפּילען איז געווען אויסגעשלאָסען. זי האָט זיך געפונען אין אַ הויכען גראַד פון אויסצערונג, די קראַנקהייט, פון וועלכער עס איז געשטאָרבען איהר ליבע שוועסטער רעבעקאַ. און זי האָט דאָס געהאַט אין זינען. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז אויף יענער וועלט וועט זי אימער זיין לעבען איהר. זי פלעגט אָפּט זאָגען, אַז ווען זי וועט שטאַרבען, זאָל מען זי מקבר זיין לעבען רעבעקאַ'ן.

זי האָט זיך געהאַלטען מונטער. אָפּט האָט זי געמאַכט שפּאַס. אָבער געדאַנקען וועגען טויט האָבען כמעט שטענדיג פאַרנומען איהר מוח און באַהערשט איהרע געפיהלען. די דאָזיגע געדאַנקען פלעגען זי אויסדריקען אויף פאַרשיידענע אַרטען: אַמאָל ערנסט הגם אָהן טרויער, אַזוי ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ וויכ־טיגען אָבער געוועהנליכען ענין; אָפּט, ווידער, אין דער פאָרמע פון אַ שפּאַס, אָדער פון אַ בייזען וויץ. אַמאָל פלעגט דאָס ביי איהר אַרויסקומען אַלס אַ פאַנטאַזיע מיט אַ שעהנעם, זאַגאַר אַ פּאָעטישען אינהאַלט.

זי פלעגט אָפּט געבען אָנצוהערען, אַז נאָך איהר טויט וועט מען וועגען איהר שרייבען גיפטיגע אַרטיקלען אָדער ביאָגראַפיעס.

צום ביישפּיל: אַ פֿריינד בעט ביי איהר אַטאָגראַף; שרייבט זי אויף איהר נאָמען, און שרייבענדיג זאָגט זי:

„דאָס איז פֿיליכט דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך שרייב מיין נאָמען. אין אַ וואָך אַרום וועל איך שוין זיין אפשר זיין שפּייז פֿאַר די ווערים און פֿאַר די ביאָגראַפֿיע־שרייבער".

אָדער:

זי זיצט מיט אַ פּאָר פֿריינד אין דעם שעהנעם דאָרף מעאולאָן, ביי אָנדער־האַלב שעה רייזע פֿון פּאַריז. מען שמועסט. זי דער־מאָהנט זיך אָן איהרע קינדער־יאָהרען, ווען זי און סאַראַ פֿלעגען זינגען אין די גאַסען; ווען זי, ראַשעל, די דאַמאָלסדיגע עליזאַ, פֿלעגט זינגען אָדער דעקלאַמירען, באַגלייטענדיג זיך אויף איהר גיטאַרע.

— וואַרט, — זאָגט זי, — איך וועל אייך ווייזען, ווי איך פֿלעג אַמוזירען אַן עולם.

זי הויבט־אָן צו זינגען און מאַכט כלומרשט מיט די פֿינגער אַזוי ווי זי וואָלט געהאַלטען אַ גיטאַרע אין איהרע הענט. פּלוצלינג שטעלט זי זיך אָפּ.

— אָה! אַ שמעטערלינג (אַ זומער־פֿויגעלע)! שרייט זי אויס. זי גיט אַ שפּרונג, הויבט זיך אויף אויף די שפּיץ־פֿינגער, שטרעקט אויס די האַנט הויך אין דער לופֿטען, דעם שמעטערלינג צו כאַפּען. זי דרעהט זיך אַהין און אַהער, יאָגענדיג זיך נאָך איהם.

— אָט איז ער! — וואָס פֿאַר אַ פּרעכטיגע קאָלירען! וואָס פֿאַר אַ שעהנע קלייד דאָס וואָלט געווען!

— וואו איז ער, דער שמעטערלינג? פֿרעגט איינער פֿון די געסט.

ראַשעל צולאַכט זיך:

— אַוועקגעפֿלויגען", — ענטפֿערט זי; און זי גיט זיך אַ וואָרף אין אַ שטול, אַ מידע. — „אַזוי געהט אַוועק דאָס לעבען", — זאָגט זי. — „מען יאָגט זיך נאָך שמעטערלינגען, נאָך ליבע, נאָך כבוד, נאָך גליק. ווער כאַפּט זיי אָבער?"

איהרע פֿריינד פֿאַרשטעהען, וואָס עס טוט זיך ביי איהר אויפ'ן האַרצען אין דעם מאָמענט. זיי זיינען פֿול מיט מיטגעפֿיהל צו איהר, מיט רחמנות, מיט אומעט. זיי מאַכען זיך אָבער פֿרעהליך.

איינמאָל האָט זי געזאָגט צו אַרסען אוסאַי׳ען: איך בין ניט געגאַרט אין זיך. איך זעה ווי איך ליג שוין אין מיין טויטען־קאַסטען. איהר האָט געהאַלטען אַ רעדע אויף רעבעקאַ׳ס לויה. איהר וועט אויך ריידען אויף מיין לויה. אָבער ניין! רעדט ניט! זאָגט גאָרניט און זעהט, אַז אַנדערע זאָלען אויך ניט מאַכען קיין הספדים נאָך מיר. זאָל מען פאַרגעסען אָן מיר! אַך, ווי געשמאַק עס איז פאַרגעסען צו ווערען נאָך דעם, ווי מען האָט אַזוי פיל יאָהרען פאַרבראַכט פאַר׳ן עולם.

אין אַ בריף פון איהר צו אוסאַי׳ען געפינען זיך די פאָלגענדע שורות: „ווען איך וואָלט ניט געהאַט מיינע צוויי זיהן, וואָלט איך מיט פרייד געשטאָרבען. יעדענפאַלס, ווען איך וועל שטאַר־בען, וועט דער גאָט פון ישראל מיר ערלויבען צווישען די אַקטען פון יענער וועלט, אַראָפּצוקומען קושען מיינע קינדער און זיך זעהן מיט מיינע פריינד אין דעם „טעאַטער פראַנסע”, וועלכען איך האָב אַזוי געליבט”.

עמיל דע זשיראַרדען איז אַלץ געווען איינער פון איהרע נאָ־הענטסטע פריינד, און אין די מאָנאַטען, ווענען וועלכע מיר דער־צעהלען דאָ, פלעגט זי זיך מיט איהם זעהן אָפט. דעלפין, זיין פרוי, איז שוין דאַן געווען טויט. אָבער זייער פריינדשאַפט האָט איצט געהאַט אַן אונשולדיגען כאַראַקטער.

* * *

צוערשט איז זי געפאָהרען קיין עמס, דייטשלאַנד, וואו זי האָט געטרונקען די דאָרטיגע מינעראַל־וואַסער. דערנאָך האָט זי ווידער פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט אין מעאולאַן.

* * *

ביים ענדע זומער 1856 איז איהר געוואָרען אַ סך ערגער. דאַן האָבען די דאָקטוירים איהר געראַטען צו פאָהרען קיין עגיפּ־טען. אין אַ בריף, וואָס זי האָט געשריבען פון דאָרטען, האָט זי איינגעשלאָסען אַ פראַנצויזישע איבערזעצונג, וואָס זי האָט גע־מאַכט פון אַן אַלטע אַראַבישע מעשה׳לע. אָט איז זי אויף אידיש:

די יונגע פרוי: וואוהין פליהסטו, ווייסע טויב? דיינע פליגלען שלאָגען די לופט מיט אַזא קראַפט. זיי טראָגען דיך ווייטער, ווייטער, ווייטער.

די ווייסע טויב: איך פליה אַהין, וואו ער וואַרט אויף מיר. אויף יענער זייט וואָלקען, ווייטער, ווייטער, ווייטער.

די יונגע פרוי: פון וואַנען קומסטו, ווייסע טויב? דיינע פליגלען זיינען צובראָכען. זיי האָבען מיר פאַרשפּריצט מיט טראָפּענס בלוט.

די ווייסע טויב: איך קום פון דאָרטען וואו ער האָט מיר געליבט, וואָרים ער ליבט מיך ניט מעהר.

א ווייסע טויב מיט צובראָכענע פליגלען וועט קומען צוריק קיין פראַנקרייך שטאַרבען, — קיין פראַנקרייך, וואו זי האָט באַצויבערט מיליאָנען מענשען, אָבער וואו זי וועט זיי שוין מעהר ניט באַצויבערען . . . די ווייסע טויב, דאָס איז זי, ראַשעל.

אין איינעם פון די בריף, וואָס זי האָט געשריבען צו אוסאַי'ען פון עגיפּטען האָט זי אויסגעדריקט א וואונש צו פאַרברענגען דעם ווינטער אין פּאַלעסטינא.

„אויב איך וועל שטאַרבען אויף מיין רייזע, — האָט זי געשריבען, — וועט מען מיר דאָרטען באַגראָבען לעבען רחל'ס קבר, לעבען דעם פּלאַץ, וואו עס ליגט די אמת'ע, די גרויסע רחל. איך בין שטאָלץ צו טראָגען דעם נאָמען פון דער פרוי, וואָס האָט געבראַכט אַזעלכע קינדער אויף דער וועלט".

פופציגסטער קאַפּיטעל

א אידישע לויה

ראַשעל האָט פון עגיפּטען זיך אומגעקערט קיין פּאַריז דעם 1טען יולי, 1857. פון איהר רייכער וואוינונג האָט זי זיך אריבערגעקליבען אין אַן איינפאַכערע דירה.

„דאָס איז אויפ'ן וועג קיין פּער־לאַשעז (דער באַריהמטער בית־עולם פון פּאַריז), — האָט זי געזאָגט, — פאַר מיינע פריינד, וואָס וועלען זיך פאַרזאַמלען צו מיין לויה, וועט דאָ זיין גענוג פּלאַץ".

איינמאָל האָט זי געזאָגט צו אוסאַי׳ען:

„אויב שרייבער פון סקאַנדאַליעזע מעמואַרען וועלען פאַר־דרעהען מיין אמת׳ן לעבען, פאַרלאַנג איך פון אייך איהר זאָלט דערצעהלען דעם ריינעם אמת וועגען מיר. איהר ווייסט דאָך: קיין היילינגע בין איך ניט. אין קיין רעליגיעזען אַנשטאַלט האָט מען מיר ניט געהאָדעוועט. אָבער די דאַמען, וואָס זיינען ערצויגען געוואָרען אין דער קירכע פון דער „היילינגער האַרץ״, זיינען ניט בעסער פון מיר. איך האָב געזינדיגט נאָר געגען זיך אַליין, וועה־רענד פילע פון יענע פרום־ערצויגענע פריילינס האָבען חתונה מיט אַ רעליגיעזע צערעמאָניע בלויז דאָס היילינגטום פון זייער הייראַט צו פאַרשוועכען״.

* * *

זי האָט זיך געקליבען צו פאָהרען אין זיד־פראַנקרייך, אויף דער ריוויערא, ביים ברעג פון דעם מיטעל־לענדישען ים, וואו עס איז זעהר וואַרים און דער קלימאַט איז דער געזינדסטער, וואָס איירָאָפּא פאַרמאָגט. דאָרטען ליגט דער באַריהמטער פאַרגעניגענס־פּלאַץ קאַנן, און ניט ווייט דערביי געפינט זיך קאַנועט. א. ל. סאַרדו, דער פאָטער פון דעם באַריהמטען דראַמאַטורג, האָט אין קאַננעט געהאַט אַ ווילא; האָט ער איהר איינגעלאַדען צו זיך, און זי האָט די איינלאַדונג אָנגענומען.

איידער זי איז אַוועקגעפאָהרען פון פּאַריז האָבען איהר באַ־זוכט עטליכע פון איהרע בעסטע פריינד. דער אָנגעזעהענסטער פון זיי איז געוועזען פּרינץ נאַפּאָלעאָן. ער האָט מיט איהר אָפּגע־מאַכט, אַז פון דער האַפען־שטאָט מאַרסעיל, וואוהין זי וועט קומען מיט׳ן באַהן, וועט איהר קיין קאַננעט נעהמען אין זיין יאַכט. און אַזוי האָט זי די רייזע געמאַכט.

פון איהר נייער קוואַרטיר צום באַהן איז זי צוגעפאָהרען אויף אַ קאַרעטע. דאָרטען האָט זי געפּרואווט צוגעהן צום צוג. זי האָט אָבער קיין כח ניט געהאַט. מען האָט איהר געמוזט צוטראָגען אויף אַ שטוהל.

דער היילזאַמער קלימאַט פון קאַננעט האָט איהר גוטס געטאָן. זי האָט זיך געפיהלט שטאַרקער. איהר בעט פאַרלאָזען האָט זי אָבער ניט געקענט.

ביים ענדע דעצעמבער האָט זי אָנגעהויבען זיך צו גרייטען צו זעגענען זיך מיט דער וועלט. אָנשטרענגענדיג איהרע כחות, האָט זי אין איין טאָג אָנגעשריבען זיבעצעהן בריף. זי האָט זיך געהאַט באַזאָרגט מיט זיבעצעהן פיינע קעסטעלעך. אין יעדען פון זיי האָט זי אַריינגעלעגט אַפּעלסין־בלומען, און איבער זיי האָט זי אַוועקגעלעגט אַ פּעקעל בריף. יעדען געליבטען אָדער אַזוי אַ פריינד האָט זי אָפּגעשיקט די בריף, וואָס זי האָט פון איהם ערהאַלטען. איבער דעם פּעקעל בריף האָט זי אַוועקגעלעגט איהר געזעגענונגס־בריף צו איהם, און דאַן פאַרמאַכט די קעסטעלע, און אויפגעשריבען דעם אַדרעס.

דאָ, ביי איהר קראַנקען בעט, האָט איהר פּרינץ נאַפּאָלעאָן ווידער באַזוכט. אויך איז געקומען דע־זשיראַרדען.

*   *   *

ווען סאַראַ האָט געזעהן, אַז איהר שוועסטער'ס ענד איז נאָהענט, האָט זי געשיקט אַ שליח קיין ניצאַ, די גרעסטע שטאָט פון דעם ריוויערא־געגענד; און פון דאָרטען איז קיין קאַננעט געקומען אַ מנין אידען. זיי האָבען געזאָגט תהלים און מתפּלל געווען אין איהר צימער.

די העברעאישע ווערטער „שמע ישראל" האָט ראַשעל געוואוסט (אפשר האָט איינער פון די צעהן אידען איהר ערקלערט, אַז דאָס זיינען די וויכטיגסטע ווערטער, וואָס אַ אידיש קינד דאַרף זאָגען פאַר'ן טויט). און ווען זיי האָבען אויסגערופען: „שמע ישראל!", האָט זי נאָכגעזאָגט.

עס האָבען איהר באַזוכט איינִיגע באַריהמטע שריפטשטעלער, ווי פּראָספּער מערימע, (פערפאַסער פון דעם ראָמאַן, פון וועלכען ביזע האָט געמאַכט זיין אָפּערא „קאַרמען"). לעגואווע איז געסורמען בעטען ענטשולדיגונג ביי איהר.

דער הויפּט־ראַבינער פון פּאַריז איז געווען אַ מאָדערנער פראַנצויזישער רב מיט'ן נאָמען איזידאָר. ראַשעל איז מיט איהם געווען באַקאַנט און פון צייט צו צייט פלעגט זי איהם געבען געלט פאַר זיין שוהל. האָט סאַראַ איצט צו איהם געשריבען אַ האַרצרייסענדען בריף וועגען איהר שטאַרבענדער שוועסטער און

ראַשעל אַ פּאָר שטונדען נאָך איהר טויט
(געצייכענט פון מאַדאַם אָ'קאננעל)

איהם געבעטען גלייך קומען קיין קאננעט און מתפלל זיין פאר איהר.

ער איז גלייך געקומען.

* * *

ראשעל איז געשטארבען דעם 3טען יאנואר ביינאכט, 1858. לוקא דיוברטאן, דער פארפאסער פון דער ביאגראפיע פון ראשעל'ען, וועלכע מיר האבען שוין א פאר מאל דערמאהנט, האט צום שלום פון זיין ווערק די פאלגענדע שורות:

„נאכדעם ווי מען האט ארויסגעטראגען דעם קערפער, האבען גענומען קומען פריינד און פארעהרער ראשעל'ס. זיי זיינען געקומען פון פארשיידענע פלעצער אין דעם ריוויערא-געגענד, וואו עס געפינט זיך קאננעט, און אויך אזש פון פאריז, וואו די צייטונגען האבען געמאלדען, אז די גרויסע קינסטלערין איז געשטארבען. דער עולם האט זיך געשטופט ארום סארא'ן. יעדער האט געבעטען א סואווניר, אן אנדענק פון דער געשטארבענער, א זאך, וואס האט עפעס א שייכות צו איהר.

סארא האט פאר זיי ארויסגעבראכט דאס קלייד, וואס ראשעל האט געטראגען אין איהר ראלע אלס „פעדרא". יעדער האט געוואלט דאס באקוקען פון נאהענט, אנטאפען מיט די פינגער דעם געוועב פון דער קלייד, וואס האט אזוי אפט געציטערט אונטער די קלאנגען פון די אפלאדיסמענטען פון דעם באגייסטערטען עולם. דאס איז געווען א קלייד פון פורפורנעם קאליר באפוצט מיט גילדערנע טאשמעס. סארא האט אראפגענומען דעם אונטערשלאג, וועלכער איז געווען פון רויטען זייד, און זי האט עס צושניטען אויף שטיקלעך און זיי צוטיילט צווישען די אנוועזענדע".

* * *

דעם קערפער האט מען אריבערגעפיהרט קיין פאריז, וואו די לויה איז פארגעקומען דעם 11טען יאנואר.

עס איז געווען א גרויסער עולם. צווישען די אנוועזענדע זיינען געווען כמעט אלע וויכטיגע שוישפילער און שוישפילערינס,

די גרעסטע שריפטשטעלער, דראמאטורגען, קינסטלער. עס זיינען אויך געווען א סך ארבייטער און געשעפטס־לייט.

איינער פון די פיר באקאנטע פערזענליכקייטען, וואס האבען געטראגען די מיטה, איז געווען אלעקסאנדער דיומא (דער פאטער), וועלכער האט אנגעפיהרט דעם ריסטארי קאמפעין געגען ראשעל'ען.

ראבינער איזידאר האט געמאכט א הספד אויף פראנצויזיש. צווישען אנדערעס האט ער מיט טאקטפולע ווערטער אפגעלייקענט אלע קלאנגען, אז ראשעל האט זיך געקליבען צו שמד'ן. „זי איז געווען צו־נאבעל, — האט ער געזאגט, — זי האט געהאט צו־פיל עהרען־געפיהל און א צו־איידעלע הארץ צו פארלאזען די אמונה פון איהר פאלק".

אין דעם נאמען פון דער גאנצער טעאטער־פראפעסיע, ווי אויך אין זיין אייגענעם נאמען אלס ראשעל'ס פיל־יעהריגער פאר־עהרער און פריינד, האט א ווארים־הארציגע רעדע געהאלטען דער קריטיקער זשאנען.

* * *

„געשטארבען א אידיש קינד! די מעשיות וועגען איהר שמד'ן זיך זיינען ניט אמת", האבען אידען געזאגט מיט א טאן פון טרייסט.